This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-525

סאָוועטיש

2

1988

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע

פעברואַל

2

1988

אינהאַלט

וויאזוי באַנײַט זיך די געזעלשאַפט (מיכאיל גאָרבאטשאָוו אין א דיאלאָג מיט די לייענער פון „מאָסקאָווסקיע נאָוואָסטי״) 4
טעוויע גען. געווינן זיך צו... 13
ארן ווערגעליס. לידער און מיניאטיורן . . . 42
הערשל פּאָליאנקער. געווען אמאָל א שטעטל (דריטער טייל) 48
באָריס מאָגילנער. מײַן טאטנס שטוב . . . 88
באָטע לוריע. טעג און יאָרן (אווטאָביאָגראפישע נאָטיצן) 91
נײַע איבערזעצונגען. יורי גריבאָוו. דערציילונגען 103
יעלענא מאקאראָווא. דרינגענדיקער רעמאָנט 108
מערקווירדיקע ביאָגראפיעס. אלעקסאנדער גערצבערג. „ווי מענדל וועט זאָגן...״ . . 115
מארק ווארשאווסקיס זינגלידער 120
פון שאָלעם־אליילעמס פּאָרעדע צו דער צווייטער אופלאגע פון דער זאמלונג „ייִדישע פּאָלקסלידער״ 122
וולאדימיר טיכווינסקי. וועקט ניט די געליבטע 125
לעוו בערינסקי. נאָך איין וואריאציע אף דער אייביקער טעמע 137
ליטערארישע געדענק־דאטעס. שימען דימאנשטיין (1888—1937). לעבן און די קאָמוניסטישע ארבעט אין דער ייִדישער סוויווע . . . 140
בענציען רובשטיין. די אנטשטייונג און אנטוויקלונג פון דער ייִדישער שפּראך 145
געלייענט אין דער סאָוועטישער פּרעסע. מאטעריאלן וועגן מארק שאגאלן 150
אלא גראטשאָווא. אינעם בלויען הימל פונעם גוירל 157
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע. איליא לוּר־קאָמסקי 160
יעהודי מענוכינס גאסטראָלן אין סאָוועטנפארבאנד . 162
מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור 167
זעלבסטלערער פון ייִדיש 169
כראָניק 139, 114
רעזומע (רוסיש, ענגליש, שפּאניש) I

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (סטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר),

ש. גאָרדאָן, ט. גען,

א. טווערסקאָי,

ב. מאָגילנער,

ב. מילער, כ. מעלאמוד,

ה. פּאָליאנקער,

י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר), י. שרייבמאן

ווי.אַזוי באַנייט זיך די געזעלשאַפט

מיכאַיל גאָרבאַטשאָוו

אין אַ דיאַלאָג מיט די לייענער

פון „מאָסקאָווסקיע נאָוואָסטי"

איבער די זײַטלעך פֿונעם בוך
„די איבערבויונג און דאָס נײַע דענקען
פֿאַר אונדזער לאַנד און
פֿאַר דער גאַנצער וועלט"



מיכאַיִל גאָרבאַטשאָווס בוך „די איבערבויונג און דאָס נײַע דענקען פֿאַר אונדזער לאַנד און פֿאַר דער גאַנצער וועלט", וואָס איז דערשינען גלײַכצײַטיק אין פֿסר און פּשא, איז, ווי דער אַווטאָר גופֿא ווײַזט אָן, ניט קיין וויסנשאַפֿטלעכער טראַקטאַט און ניט קיין פּראָפּאַגאַנדיסטישע פּובליציסטיק. דאָס זײַנען מאַכשאָווס וועגן דער איבערבויונג, וועגן פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען אויפֿגעקומען פֿאַר דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט, וועגן דעם מאַסשטאַב פֿון די ענדערונגען, וועגן דער קאָמפּליצירטקייט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אונדזער צײַט.

מיכאַיִל גאָרבאַטשאָווס בוך באַשטייט פֿון צוויי טיילן: דער ערשטער איז געווידמעט די פּראָבלעמען פֿון דער איבערבויונג, דער צווייטער — דעם באַדײַט פֿונעם נײַעם דענקען אין דער זאַך פֿון פֿאַרפֿעסטיקן דעם שאָלעם אויף אונדזער פּלאַנעט. דער אַווטאָר אַנאַליזירט די אויסקוואַלן און דעם כאַראַקטער פֿון יענע איבערגעשטאַלטיקונגען, וועלכע קומען פֿאָר אין פֿסר די לעצטע צײַט — אין דער ספֿערע פֿון עקאָנאָמיק, סאָציאַלער פּאָליטיק, געזעצגעבונג, פֿון פֿאַרפֿעסטיקן די דעמאָקראַטישע לעבנס־נאָרמעס. ריידנדיק וועגן צווישנפֿעלקערלעכע פּראָבלעמען, גיט דער אַווטאָר אַ מעגלעכקייט די לייענער צו דערזען די רעאַליטעטן פֿון דער איצטיקער וועלט, דערזען איר שוואַכקייט, איר אָפּהענגיקייט פֿון אונדזער פֿאַרנונפֿט און ווילן, פֿון אונדזער פֿעיִקייט ריכטיק צו זען דעם פּריאָריטעט פֿון ווערטן, די צווישנפֿאַרהעלטעניש פֿון די נאַציאָנאַלע און אַלגעמיין־מענטשלעכע אינטערעסן.

לויטן כאַראַקטער, טאָנאַלקייט, אויפֿריכטיקייט איז דער בוך אַן אײַנלאַדונג צו אַ געשפּרעך. און ווי אָננעמענדיק די דאָזיקע אײַנלאַדונג, פֿאַרעפֿנטלעכט די רעדאַקציע פֿון דער וואָכנשריפֿט „מאָסקאָווסקיִע נאָוואָסטי" אויסצוגן פֿון מיכאַיִל גאָרבאַטשאָווס ווערק, ברענגענדיק פֿאַר זיי פֿראַגעס־ראַיוינעס, וועלכע באַזירן זיך קודעמקאָל אויף די בריוו פֿון די אויסלענדישע לייענער.

מיר דרוקן דאָ איבער די פּובליקאַציע פֿון „מאָסקאָווסקיִע נאָוואָסטי".

■

„מ אָ ס ק אָ ו ו ס ק י ִ ע נ אָ ו ו אָ ס ט י": אויב אורטיילן לויט די פּובליקאַציעס פֿון דער פּרעסע, כאַפּן אַרום די איבערגעשטאַלטיקונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, אַלע לעבנס־ספֿערן. אָבער וואָס איז פֿונדעסטוועגן דער איקער, וואָס דאַרף איבערגעבויט ווערן פֿריִער פֿון אַלץ?

מ י כ אַ י ִ ל ג אָ ר ב אַ ט ש אָ ו: די עקאָנאָמיק איז אַוודע געווען און פֿאַרבלײַבט אונדזער הויפּט־זאָרג. נאָר אײַנצײַטיק האָבן מיר זיך גענומען ענדערן די מאָראַליש־פּסיכאָלאָגישע אַטמאָספֿער אין דער געזעלשאַפֿט. נאָך אין די 70־ער יאָרן האָבן אַ סאַך מענטשן פֿאַרשטאַנען, אַז מע וועט ניט

קאָנען אויסקומען אַן ראַדיקאַלע ענדערונגען אינעם דענקען און אין דער פּסיכאָלאָגיע, אין דער אָרגאַניזאַציע, אינעם סטיל און אין די מעטאָדן פון אַרבעט, אומעטום — סײַ אין דער פּאַרטיי, סײַ אינעם מעלוכע־אַפּאַראַט, סײַ אין די אָנפירנדיקע עשעלאָנען...

מיר זײַנען געקומען צום אויספיר, אַז ניט אַקטיוויזירנדיק דעם מענטשלעכן פאַקטאָר, דאָס הייסט, ניט נעמענדיק אין אַכט די פאַרשיידנאַרטיקע אינטערעסן פון די מענטשן, פון די אַרבעטס־קאָלעקטיוון, פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, פון פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּעס, ניט אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זיי, ניט צוציִענדיק זיי צו אַקטיווער שאַפונג, איז ניט מעגלעך צו לייזן קיין איין אויפגאַבע, צו ענדערן די לאַגע אינעם לאַנד.

מײַן אויפמערקזאַמקייט האָט פון לאַנג שוין צוגעצויגן די מערקווירדיקע לענינישע פאָרמולע: סאָציאַליזם — דאָס איז לעבעדיקע שאַפונג פון די מאַסן. סאָציאַליזם — דאָס איז ניט קיין אַפּריאָרישע טעאָרעטישע סכעמע, אין העסקעם מיט וועלכער די געזעלשאַפט טיילט זיך אויף אַזעלכע, וועלכע געבן אָנווײַזונגען, און אַזעלכע, וועלכע פילן זיי אויס. מיר איז דערווידער אַזאַ פאַרײנפאַכטער, מעכאַנישער אופן פון פאַרשטיין דעם סאָציאַליזם.

אײַנשליסן דעם מענטשן אין אַלע פּראָצעסן פון אונדזער לעבן — דאָס איז דער טאָך פון דעם אַלעמען, וואָס מיר טוען. אינעם „קעסל" פון דער איבערבויונג וועט זיך איבערשמעלצן די געזעלשאַפט און קוידעמקאָל — אַליין דער מענטש. דאָס וועט זײַן אַ באַנײַטע געזעלשאַפט...

„מ. נ.": וועגן דער איבערבויונג שרײַבט מען אַ סאַך און מיט כיישעק אין דער גאָרער וועלט. אויפמערקנדיק די דרייסטקייט און דעם פאַרנעם, זײַנען פונדעסטוועגן ווײַט ניט אַלע גענייגט אָנצורופן זי — רעוואָליוציע. אין וואָס זעט איר דעם רעוואָליוציאָנערן טאָך פון דער איבערבויונג?

מיכאיל גאָרבאַטשאָוו: איך מיין, אַז מיר האָבן געהאַט אַ פולן גרונט צו דערקלערן אויפן יאַנוואַר־פּלענום פון 1987: לויטן טיפן טאָך, לויט דער באַלשעוויסטישער געוואַגטקייט, לויט דער הומאַניסטישער סאָציאַלער צילגעווענדטקייט איז דער איצטיקער קורס אַ דירעקטע פאָרזעצונג פון די גרויסע אויפטוען, וועלכע די לענינישע פאַרטיי האָט אָנגעהויבן אין די אָקטיאַבער־טעג פון 1917. און ניט פּאַשעט אַ פאָרזעצונג, נאָר אויך אַן אַנטוויקלונג, אַ פאַרטיפערונג פון די גרונט־אידייען פון דער רעוואָליוציע.

„אַזעלכע רעוואָליוציעס, — האָט געשריבן לענין, — וועלכע מע קאָן, דערוואַרטנדיק זיי, אַרײַנלייגן אין קעשענע און טון רוען אויף די לאָרבערקרענץ, זײַנען אין דער געשיכטע ניט געווען". פאַרוואָס זשע זאָל דער סאָציאַליזם, וועלכער איז באַרופן צו פאַרווירקלעכן נאָך מער טיפע, איידער דער קאַפּיטאַליזם, עקאָנאָמישע, סאָציאַל־פּאָליטישע און גײַסטיקע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפט, ניט דאַרפן דורכמאַכן עטלעכע רעוואָליוציאָנערע איבערגאַנגען, קעדיי צו אַנטפּלעקן אַלע זײַנע פּאָטענצן און ענדגילטיק זיך אָפּקריסטאַליזירן אַלס אַ פּרינציפּיעל נײַע פאָרמאַציע?

די היסטאָרישע דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז אויך די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט איז ניט פאַרסטראַכירט, עס זאָלן זיך באַווײַזן און אָנזאַמלען סטאַגנאַציע־טענדענצן און אַפילע ניט פון ערנסטע סאָציאַל־פּאָליטישע קריזיסן. און צוליב אַרויסגיין פון אַ קריזיס־ אָדער פאַרקריזיס־סיטואַציע זײַנען גראָד נייטיק מאָסמיטלען פון רעוואָליוציאָנערן כאַראַקטער. דאָס סאַמע וויכטיקע איז דאָ דאָס, וואָס דער סאָציאַליזם איז פעיִק אויף רעוואָליוציאָנערע ענדערונגען, ווײַל ער איז דינאַמיש לויט זײַן נאַטור.

„מ. נ.": פאַר הײַנטיקן טאָג איז כאַראַקטעריסטיש אַ געהעכערטער אינטערעס צו געשיכטע, באַזונדערס צו דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. סײַ אין דער היסטאָרישער וויסנשאַפט, סײַ אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור, סײַ אין דער פּובליציסטיק גייט אַ פּראָצעס פון בײַקומען וווּלגאַרע סכעמעס, וועלכע זײַנען איבערגעבליבן פון דער פאַרגאַנגענהײַט, עס גייט אַן אויסקלאָרונג פון „ווײַסע" פלעקן. צי וועט ניט ברענגען שאָדן דער זאַך פון דער בויונג פונעם סאָציאַליזם אַ דירעקטע אַנערקענונג פון די פריִערדיקע פעלערן?

מיכאיל גאָרבאַטשאָוו: ריכטיק, אין גאַנג פון דער נאָכאָקטיאַבערישער אַנטוויקלונג זײַנען געווען שווערע עטאַפּן, ניט אין דער לעצטער ריי איבער דער גראָבער אַרײַנמישונג אין אונדזערע אינערלעכע איניאָנים מיצאַד די אימפּעריאַליסטישע קויכעס, עס זײַנען דערלאָזט געוואָרן אויך פעלערן, טאָעסן אין דער פּאָליטיק. פונדעסטוועגן איז דער סאָוועטנפאַרבאַנד געגאַנגען פאָרויס, עס איז געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער מענטשן לעבן אָן שרעק פאַר זייער צוקונפט. און אויב שטיין אויף דער פּאָזיציע פון עמעס, דאַרף יעדער אָביעקטיווער באַאָבאַכטער אָנערקענען, אַז אין אַלגעמיין גענומען איז די סאָוועטישע געשיכטע אַ געשיכטע פון אומבאַשטרײַטבאַרן פּראָגרעס, באַ אַלע פאַרלוסטן, אָפּווײַכונגען, אומדערפאָלגן.

...לאָמיר נעמען די אינדוסטריאַליזאַציע. אין וועלכע באַדינגונגען איז אויסגעקומען זי צו פאַרווירקלעכן? דער בירגערקריג און די אינטערווענץ פון 14 מעלוכעס האָבן איבערגעלאָזט דעם לאַנד א פולן כורבן. אונדז האָט מען גענומען אין אן עקאָנאָמישער בלאָקאַדע, איינגעשטעלט ארום און ארום א „סאַניטאַרישן קאָרדאָן". קיין שום אַנלייען, קיין שום קאָלאָניעס — פאַרקערט, א נייטיקייט צו וואַרפן מיטלען אף אופצוהייבן די אונטערדריקטע בייסן צאַריזם נאַציאָנאַלע ראַנד־געביטן. קעדיי צו ראַטעווען די דעראָבערונגען פון דער רעוואָליוציע, האָט מען געדאַרפט בויען — און בויען גיך — די אינדוסטריעלע באַזע פונעם לאַנד אפן כעזשבן פון די אינערלעכע קוואַלן, צוימענדיק דעם געברויך, דערפירנדיק אים צו א מינימום. די מאַטעריעלע לאַסט פון דער נייער בויונג איז אַרופגעלייגט געוואָרן אפן פאָלק, וואָס זיין גרונט־מאַסע איז געווען דאָס פויערטום...

די אינדוסטריאַליזאַציע פון די 20־ער יאָרן איז געווען ווירקלעך א שווערסטער אויספרווו. נאָר לאָמיר פרווון אצינד, פון די פאָזיציעס פונעם היינטיקן טאָג, ענטפערן אף דער פראַגע: צי איז זי געווען נייטיק? און צי וואָלט אזא ריזיק לאַנד, ווי אונדזערס, געקאָנט לעבן אין XX יאָרהונדערט, ניט זייענדיק קיין אינדוסטריעל אַנטוויקלטע מעלוכע?.. און ווו וואָלט זיך אַרויסגעוויזן די וועלט, ווען דער סאָוועטנפאַרבאַנד וואָלט זיך ניט געשטעלט אפן וועג קעגן דער היטלערישער מיליטערישער מאַשין? אונדזער פאָלק האָט צעשמעטערט דעם פאַשיזם מיט דער מעכטיקייט, וואָס ער האָט געשאַפן אין די 20־ער — 30־ער יאָרן. ווען ס'וואָלט ניט געווען די אינדוסטריאַליזאַציע, וואָלטן מיר געבליבן אומבאַוואָפנטע קעגן דעם פאַשיזם...

אָדער נעמט די קאָלעקטיוויזאַציע. איך ווייס, וויפל אָנטראַכטענישן, ספעקוליאַציעס, בייזע קריטיק אין אונדזער אַדרעס איז פאַרבונדן מיט אָט דעם טערמין, ניט ריידנדיק שוין וועגן דעם עצעם פראָצעס... די קאָלעקטיוויזאַציע איז געווען דער גרעסטער היסטאָרישער אופטו, דער גרעסטער נאָכן 1917 יאָר סאָציאַלער קער. יאָ, זי איז דורכגעגאַנגען ווייטיקלעך, ניט אָן ערנסטע איבערבייגן און פעלערן אין די מעטאָדן און טעמפּן. אָבער אָן איר וואָלט דער ווייטערדיקער פּראָגרעס פון אונדזער לאַנד געווען אומעגלעך...

יאָ, די אינדוסטריאַליזאַציע און די קאָלעקטיוויזאַציע זיינען געווען א נויטווענדיקייט. אַנדערש וואָלט דאָס לאַנד זיך ניט געקאָנט אופהייבן. נאָר די מעטאָדן און מיטלען פון דורכפירן די דאָזיקע איבערגעשטאַלטיקונגען האָבן ניט שטענדיק און ניט אין אַלץ אַנטשפּראָכן די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע און טעאָריע... אזא איז די רעאַלקייט. אזא איז דער גוירל פונעם פאָלק מיט אַלע ווידערשפרוכן: סיי מיט גרויסע דערגרייכונגען, סיי מיט דראַמאַטישע פעלערן, סיי מיט טראַגישע זייטלעך.

אונדזערע סאַמע גראַנדיעזע דערגרייכונגען פאַרשטעלן נישט פון אונדז ניט די ווידערשפרוכן אין דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, ניט די פעלערן און בלויזן...

און ווען מיר זוכן די וואָרצלען פון אונדזערע היינטיקע שוועריקייטן און פּראָבלעמען, טוען מיר דאָס דערפאַר, קעדיי צו פאַרשטיין זייער אָפּשטאַם, אַרויסציען אַקטועלע אָנלערענישן פון די געשעענישן, וועלכע גייען ווייט אין די 30־ער יאָרן.

דאָס סאַמע וויכטיקע פאַר אונדז אין דער פאַרגאַנגענער געשיכטע איז דאָס, וואָס דורך איר באַזיניקונג דערגייען מיר צו פאַרשטיין די האַנאָכעס פון דער איבערבויונג...

„מ. נ.": איינע מענטשן אפן מיירעוו זיינען געווען איבערצייגט, אז קיין שום ערנסטע ענדערונגען קאָנען אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד ניט פאָרקומען. אַנדערע, פאַרקערט, האָבן געהאַלטן, אז עפּעס טיף־אינווייניקסטע פּראָצעסן קומען אין אונדזער געזעלשאַפט פאָר. נאָר פאַר די און פאַר די אַנדערע איז דער אַפּרעל־פּלענום פון צק געווען אן אומגעריכטקייט. ער האָט געמאַכט אן איינדרוק פון א פאָליטישן עקספּראָמט.

מ י כ א י ל ג אָ ר ב א ט ש אָ ו: ...עס וואָלט געווען א פעלער צו האַלטן, אז בוכשטעבלעך אין א כוידעש ארום נאָכן פּלענום פון צק אין מאַרט 1985 האָט זיך פּלוצעם באַוויזן א גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן אַלץ פאַרשטאַנען, און אז די דאָזיקע מענטשן האָבן אין אַלע פּראָבלעמען אַריינגעטראָגן א פולע קלאָרקייט. אזעלכע ניסים טרעפן ניט...

אינעם אַרבעטער־קלאַס, פויערטום, צווישן דער אינטעליגענץ, אינעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט, אין צענטער און אף די ערטער, האָט מען בעהאַדראָגעדיק אָנגעהויבן ערנסט זיך באַקלערן איבער דעם, וואָס עס קומט פאַר אינעם לאַנד, ס'איז געוואַקסן דער פאַרשטאַנד פון דעם, אז ווייטער אזוי לעבן טאָר מען ניט... אַלע ערלעכע מענטשן האָבן מיט ווייטיק און פאַרביטערונג אופגענומען דאָס פאַלן פונעם אינטערעס צו די איניאָנים פון דער געזעלשאַפט, גייסטלאָזיקייט און סקעפּטיציזם, באַזונדערס בא דער יוגנט, אן אָפּשוואַכונג פון דעם אָפּשיי פאַר דער מי, א שטרעבונג צו באַרייכערונג אף קאָלערליי אויפאַניס... אין זייערע בעסטע ווערק האָבן שרייבער, טוער פון קינאָ און טעאַטער אונ־

טערגעהאַלטן דעם גלויבן אין די אידייִשע דעראָבערונגען פונעם סאָציאַליזם, די האָפענונג אַף אַ גײַסטיקן ווידערגעבורט פון דער געזעלשאַפט, צוביסלעכווײַז, טראָץ די ביוראָקראַטישע אָנגעשרייען, צומאָל אויך פאַרפאָלגונגען, האָבן זיי דערצויגן בא די מענטשן אַ מאָראַלישע גרייטקײַט צו דער איבערבויונג.

ריידנדיק וועגן דעם, וויל איך דערטראָגן צום לייענער, אַז אין אונדזער פאָלק, אין דער פאַרטיי האָט זיך שוין פון לאַנג געזאַמלט די ענערגיע פון רעוואָליוציאָנערע ענדערונגען.

„מ. נ.": די סיטואַציע פונעם סאָף 70־ער — אָנהייב 80־ער האָט איר אָנגערופן — אָן ערעוור־קריזיסדיקע. צי גייט אַ רייד וועגן אַ קריזיס פונעם סאָציאַליזם אַלס געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג אָדער וועגן אַ קריזיס פון דער פעלערהאַפטער פּאָליטיק פון דער דעמלטיקער אָנפירונג?

מיכאַיל גאָרבאַטשאָוו: די איבערבויונג איז אַ רײַפגעוואָרענע נויטווענדיקײַט... און דאָס פאַרהאַלטן די איבערבויונג וואָלט שוין אין דער סאַמע נאָענטער צײַט געפירט צו אַ פאַרשאַרפונג פון דער אינערלעכער סיטואַציע, וועלכע האָט, אָפן גערעדט, אײַנגעשלאָסן אין זיך אַ געפאַר פון אַן ערנסטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קריזיס...

ס'האָט זיך געשאַפן אַ לעפּישע סיטואַציע. אַ קאָלאָסאַלע לויטן מאַסשטאַב פּראָדוצירונג פון שטאָל, פון הייצוואַרג־ענערגעטישע און רויִשטאָף־רעסורסן, אין וואָס פּסר ווייסט שוין פון לאַנג צו זיך ניט קיין גלײַכן, און באַנאַנד — זייער מאַנגל, אין רעזולטאַט פון אַן אויסברענגערישער, ניט עפעקטיווער אויסנוצונג. איינס פון די ערשטע ערטער אין דער וועלט לויט פּראָדוצירן דערנערונגס־טוווע און אַ נויטווענדיקײַט יאָר־יערלעך אײַנצוקויפן מיליאָנען טאָן טוווע אַף פוראַזש. די סאַמע גרעסטע צאָל דאָקטוירים, שפּיטאָל־בעטלעך אַף טויזנט נעפאַשעס — און צוזאַמען דערמיט ערנסטע בלויזן, אַ פאַרמינערונג פון דער קוואַליטעט פון מעדיצינישער הילף. אונדזערע ראַקעטעס געפינען מיט אַ דערשטוינענדיקער פּינקטלעכקײַט די קאָמעטע גאַליי און פליִען אַף אַ ראַנדעוווּ צו דער ווענערע, און באַנאַנד מיט אָט דעם טריִומף פונעם וויסנשאַפטלעכן און אינזשעניערישן געדאַנק — אַ בוילעטע הינטערשטעליקײַט אינעם אָנווענדן די וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען פאַר די באַדערפענישן פון דער פאָלקסווירטשאַפט, אַ הינטערשטעליקײַט פונעם הײַנטצײַטיקן ניוואָ פון אַ סאַך אונדזערע שטייגער־מאַכשירים...

ס'איז פאָרגעקומען אַן אָפּשוואַכונג פון דער פאַרטייִשער אָנפירונג, ס'איז דורכגעלאָזט געוואָרן די איניציאַטיוו אין אייניקע וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן. שוין פאַר אַלעמענס אויגן זײַנען געווען די סטאַגנאַציע אין דער אָנפירונג, דאָס אויוועך זײַן אָפן נאַטירלעכן פּראָצעס פון איר אומבײַט. אַף עפּעס אַן עטאַפּ האָט דאָס געבראַכט צו אַן אָפּשוואַכונג פון דער אַרבעטספּעציפיקײַט פון דער פּאָליטביוראָ און פונעם סעקרעטאַריאַט פון צק פון דער פאַרטיי, און אין אַלגעמיין גענומען פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס, פונעם פאַרטייִשן און מעלוכישן אַפּאַראַט...

איך מיין, אַז דאָס געזאָגטע איז גענוג, קעדיי זיך פאָרשטעלן, אַף וויפל ערנסט האָט זיך אַרויסגעוויזן די לאַגע אין פאַרשיידענע ספערן פון אונדזער געזעלשאַפט, ווי נויטווענדיק זײַנען געווען טיפע ענדערונגען.

עמעץ־ווער אָפן מײַרעוו וואָלט געוואָלט אונדז אָנבינדן אַזאַ מין ווערסיע: דער סאָציאַליזם לעבט, זעט איר, איבער אַ טיפן קריזיס, פאַרפירט די געזעלשאַפט אין אַ טופּיק. נעמלעך אַזוי ווערט אינטערפּרעטירט אונדזער קריטישער אַנאַליז פון דער סיטואַציע, וועלכע האָט זיך געשאַפן אינעם לאַנד אין סאָף פון די 70־ער — אָנהייב פון די 80־ער יאָרן. און דער אויסוועג איז קלוימערשט איינער: צוייגענען די קאַפּיטאַליסטישע מעטאָדן פון פירן די ווירטשאַפט און די פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, אַ דרייף אין דער זײַט פונעם קאַפּיטאַליזם...

קעדיי אויסשליסן קאָל האַמינים פאַלשע אויסטײַטשונגען און ספּעקוליאַציעס אין אָט דער פראַגע — און אַזעלכע הערן מיר ניט ווייניק פונעם מײַרעוו, — וויל איך נאָכאַמאָל אונטערשטרײַכן: אַלע אונדזערע איבערגעשטאַלטיקונגען פאַרווירקלעכן מיר אין העסקעם מיטן סאָציאַליסטישן אויסוואַל. ענטפערס אַף די פראַגן, וועלכע דאָס לעבן האָט געשטעלט, זוכן מיר אין די ראַמען פונעם סאָציאַליזם, און ניט אויסער זײַנע גרענעצן. אַלע אונדזערע דערפאָלגן און פעלערן מעסטן מיר מיט סאָציאַליסטישע מאָסן. יענע, וואָס האָפן, אַז מירן זיך אָפּקערן פון דעם סאָציאַליסטישן וועג, שטייט פאָר אַ ביטערע אַנטוישונג. אונדזער גאַנצע פּראָגראַם פון דער איבערבויונג — סײַ אינגאַנצן גענומען, סײַ אין אירע באַזונדערע קאָמפּאָנענטן — באַזירט זיך פולקום אָפן פּרינציפּ: וואָס מער סאָציאַליזם, וואָס מער דעמאָקראַטיע.

„מ. נ.": די איבערבויונג האָט אויפגעהויבן אַ הויכע כוואַליע קריטיק. דאָס איז גוט. אָבער איינע קריטיק איז, אפּשר, ווייניק, ס'איז נאָך נייטיק געווען אַ פּאָזיטיווע פּראָגראַם. וועלכע ווערטן זײַנען געלייגט געוואָרן אין איר יסוד?

מיכאיל גאָרבאַטשאָוו: דאָס ווענדן זיך צו לענינען האָט אין דער פּאַרטיי און אין דער געזעלשאַפט אָפּגעשפּילט אַ גרויסע סטימולירנדיקע ראָליע אין דער זוכונג פון דערקלערונגען און ענטפערס אויף די אויפגעקומענע פראַגן. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָבן צו זיך צוגעצויגן לענינס אַרבעטן פאַר די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן...

הײַנט פאַרשטייען מיר בעסער דעם זין פון וו. אי. לענינס לעצטע אַרבעטן און די סיבעס, פאַרוואָס האָבן זיך באַוויזן די דאָזיקע אַרבעטן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר, אין טאָך גערעדט, זײַן פּאָליטישע צוואָה... ער האָט געזען, אַז דער סאָציאַליזם שטויסט זיך צונויף מיט קאָלאָסאַלע פּראָבלעמען, אַז ער דאַרף לייזן אַ סך אַזוינס, וואָס עס האָט ניט געלייזט די בורזשואַזע רעוואָלוציע. פונדאַנען גייט דאָס אויסניצן פאָרמען, וועלכע זײַנען, דאַכט זיך, „ניט אייגנטימלעך" דעם סאָציאַליזם גופא, אַלנפאַלס צעגייען זיך אין עפּעס מיט די אַלגעמיין־אָנגענומענע פאַרשטעלונגען וועגן סאָציאַליסטישער בויונג.

יאָ, דער לענינישער פּעריאָד איז זייער אַ וויכטיקער. ער איז באַלערעוודיק מיט דער קראַפט פון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער דיאַלעקטיק, וועלכע שפּאַרט זיך אָן אין אירע אויספירן אויפן אַנאַליז פון דער רעאַלער היסטאָרישער אומגעבונג. פיל פון אונדז האָבן אַ סך פריִער ביזן אַפּרעל־פּלענום פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף אַלץ נאָכאַמאָל באַקלערן אין באַצוג צו אַלע ספערן פונעם לעבן: צו דער עקאָנאָמיק, קולטור, דעמאָקראַטיע, אויסערן־פּאָליטיק. און דעריקער — איבערפירן דאָס אויף דער פּראַקטישער שפּראַך פונעם לעבן.

„מ. נ.": פּרוּוון פון איבערגעשטאַלטיקן אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט זײַנען פאַרגענומען געוואָרן אויך פריִער. דאַכט זיך, אַז קיין איינע פון זיי האָט ניט געהאַט קיין פולן דערפאָלג. אָנהייבנדיק די איצטיקע איבערבויונג, האָט איר, אפּשר, גענומען אין אַכט די דאָזיקע טרויעריקע דערפאַרונג?

מיכאיל גאָרבאַטשאָוו: אַ גרויסער ריכטצייכן אין אונדזער געשיכטע איז געוואָרן דער XX צוזאַמענפאָר פון קפּסס. ער האָט אַרײַנגעטראָגן אַ גרויסן צושטײַער אין דער טעאָריע און אין דער פּראַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. אויף אים און נאָך אים איז פאַרגענומען געוואָרן אַ מעכטיקער פּרוּוו אַ קער טאָן דעם רודער אין דער באַוועגונג פונעם לאַנד, געבן אַן אימפּולס דער באַפרײַונג פון נעגאַטיווע מאָמענטן אין דעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, וועלכע ס'האָט געבוירן דער פּערזאָנען־קולט פון סטאַלינען.

אונטער דער ווירקונג פון די באַשטימונגען פונעם צוזאַמענפאָר זײַנען פאַרווירקלעכט געוואָרן גרויסע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און אידעאָלאָגישע מאָסמיטלען.

...אָבער די מעגלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך געהאַט געעפנט, זײַנען ניט אויסגעניצט געוואָרן פולשטענדיק... שולדיק זײַנען אין דעם געווען די סוביעקטיוויסטישע מעטאָדן אין דער טעטיקייט פון דער אָנפירונג בעראָש מיט כרושטשאָוון. די אָנפירונג מיט דער עקאָנאָמיק האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער מאַכט פון אימפּראָוויזאַציעס. וואָלונטאַריסטישע אידייען און טאַטן פון דער דעמאָלטיקער אָנפירונג האָבן אָנגעהויבן צו פּיבערן די פּאַרטיי און די געזעלשאַפט... אָט פאַרוואָס עס איז אויסגעקומען אויפן פאָלגנדיקן עטאַפּ, וועלכער איז געווען באַצייכנט דורכן אָקטיאַבער־פּלענום פון צק אין 1964, קוידעמקאָל בײַקומען די דאָזיקע עקסטרעמקייטן, קעמפן מיטן וואָלונטאַריזם און סוביעקטיוויזם... דער אָנהייב פון דערווירטשאַפטלעכער רעפאָרם פון 1965, דער מאַרט־פּלענום פון צק אין זעלבן יאָר וועגן דער לאַנדווירטשאַפט — דאָס זײַנען גאַנץ גרויסע איניציאַטיוון, אָנגעצילטע אויף פּאָזיטיווע איבערגעשטאַלטיקונגען אין דער עקאָנאָמיק. אָבער אויך זיי, געבנדיק אַ וועזנטלעכן, נאָר אַ צײַטווײַליקן עפעקט, האָבן זיך פאַרכלינעט...

וואָס פאַר אַן אויספירן פון די היסטאָרישע אָנלערנונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט מאַכן מיר? קוידעמקאָל דעם אויספיר, אַז דער סאָציאַליזם אַלס געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג האָט דערוויזן זײַנע קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן אינעם לייזן קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען פונעם געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס. מיר זײַנען איבערצײַגט אין זײַנע פעיִקייטן צו זעלבסטפאַרפולקומונג, צו אַ נאָך מער פולער אַנטפּלעקונג פון זײַנע מעגלעכקייטן, צו לייזן די איצטיקע גרויסע אויפגאַבן פונעם געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס, וועלכע אַנטשטייען סאַמע ערעוו דעם XXI יאָרהונדערט...

און נאָך איין אויספיר, מע קאָן, זאָגן, דער וויכטיקסטער. דאָס איז דער אָנשפּאַר אויף דער זעלבסטטעטיקייט און שאַפונג פון די מאַסן, דער אַקטיווער אָנטייל פון די סאַמע ברייטע מאַסן אַרבעטנדיקע

אינעם פּאַרווירקלעכן די אָנגעמערקטע איבערגעשטאַלטיקונגען, דאָס הייסט דעמאָקראַטיזאַציע און ווידעראַמאָל דעמאָקראַטיזאַציע.

„מ. נ.“: איר גיט צו דעם XXVII צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי זייער אַ גרויסע באַדײַטונג אינעם פּראָצעס פון דער איבערבויונג. נאָר צי ניט צופיל אײַלנדיק איז ער צונויפגערופן געוואָרן? אַלס אומדירעקטע באַשטעטיקונג פון אַזאַ מיינונג קאָן דינען יענער פאַקט, וואָס ווייניקער איידער אין אַ יאָר אַרום נאָכן צוזאַמענפאָר, אויפן יאַנוואַר־פּלענום פון צק קפּסס, איז אײַך אויסגעקומען זיך אומקערן צו אַ ריי פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען אויפן צוזאַמענפאָר שוין געווען דורכאַנאַליזירט.

מ י כ א ַ י ל ג א ָ ר ב א ַ ט ש א ָ ו: ...די קאָמפּליצירטקייט איז באַשטאַנען דערין, וואָס די פּאָליטישע אײַנשטעלונגען צום צוזאַמענפאָר האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרמירן אין איינע באַדינגונגען, נאָר דאָס לעבן האָט זיך שאַרף געביטן נאָך די מאַרט־ און אַפּריל־פּלענומען פון צק קפּסס אין 1985...

ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז דער XXVII צוזאַמענפאָר דאַרף זיך גרייטן אויף אַנדערע צוגאַנגען, האַגאַם ביזן מעשׂאערדיקן טערמין פון דורכפירן אים איז פאַרבליבן ווייניקער פון אַ יאָר.

אַוודאי וואָלט מען געקאָנט אָפּלייגן דעם צוזאַמענפאָר. און אַזאַ מיינונג איז אַקשאָנעסדיק אַרויסגעזאָגט געוואָרן, עס זײַנען געבראַכט געוואָרן איבערצײַגעוודיקע אַרגומענטן. דאָס האָבן זיך געפילט צוגאַנגען פונעם סטאַגנאַציע־פּעריאָד, מיט וועלכע מיר אַלע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אָנגעשטעקט. סאָפּקאָלסאָף האָט געוונען די איבערהאַנט דער שטאַנדפּונקט, וועלכער האָט, לויט מײַן מיינונג, אַמערסטן אַנטשפּראָכן דער סיטואַציע: דורכפירן דעם צוזאַמענפאָר אין די סטאַטוס־טערמינען און אײַנשליסן אין זײַן צוגרייטונג אַלע געזונטע קויכעס פון דער געזעלשאַפט.

דאָס איז געווען אַ מוטיקער צוזאַמענפאָר. מיר האָבן אָפן געזאָגט וועגן די בלויזן, פעלערן און שוועריקייטן. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט געווענדט אויף ניט־אויסגענוצטע מעגלעכקייטן, וועלכע עס פאַרמאָגט דער סאָציאַליזם... דער XXVII צוזאַמענפאָר איז געוואָרן אַ צוזאַמענפאָר פון סטראַטעגישע באַשטימונגען.

דעמאָלט האָבן מיר נאָך ניט געקאָנט, ניט געקענט פאַרשטיין אין דער פולער מאָס די גאַנצע שאַרפקייט און די מאַסשטאַבן פון די פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר, און פון די רײַפגעוואָרענע פּראָבלעמען... איצטער זעען מיר זיי בעסער. און ס'איז קלאָר, אַז מע האָט געדאַרפט אַנטשיידן פאַרזעצן די אַרבעט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אינעם פּעריאָד ערעוו דעם צוזאַמענפאָר, און אויפן צוזאַמענפאָר גופא, און אײנצײַטיק פאַרטיפערן דאָס דערלערנען די געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר לעבן.

אפילו אין אַ יאָר אַרום נאָכן צוזאַמענפאָר האָבן אין פאַרשיידענע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, ווי אויך אין דער פּאַרטיי גופא, אייניקע פאַרגעזעצט צו טראַכטן, אַז דער קורס אויף דער איבערבויונג איז ניט קיין לאַנגדויערנדיקע פּאָליטיק, נאָר אַן אָרדנטלעכע קאַמפּאַניע. אויף די ערטער האָבן אַ סאַך אָנפירער פון פאַרשיידענע ניוואָען, אַזוי צו זאָגן, באַלאַגערט די אַקטיווע אָנהענגער פון דער איבערבויונג, וואָרענענדיק אײַנגערעדט די „אָן אַ מאָס“ פאַדערוודיקע ענטוזיאַסטן: וואַרט צו, כאַווײרים, האָוועט ניט אומזיסט, אין אַ יאָר־צוויי אַרום וועט אַלץ זיך אײַנלייגן... אין דער געזעלשאַפט איז געוואַקסן די באַאומרויִקונג פאַרן גורל פון דער איבערבויונג: צי וועט זיך אַלץ ניט אומקערן אין דער אַלטער קאָלייע?

דער הויפּט־פאַרטראַכט פונעם יאַנוואַר־פּלענום — סײַ פונעם שטאַנדפּונקט דערפון, וויִאַזוי צו לייזן די אויפגאַבן פון דער איבערבויונג, סײַ פונעם שטאַנדפּונקט, וויִאַזוי צו פאַרהיטן די געזעלשאַפט פון איבערכאַזערן די פעלערן פון דער פאַרגאַנגענהײַט, — איז די אַנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטיע. דאָס איז די הויפּט־גאַראַנטיע פון דער אומצוריקקערלעכקײַט פון דער איבערבויונג. וואָס מער סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע — אַלץ מער סאָציאַליזם. אַזאַ איז אונדזער פעסטע איבערצײַגונג, און מיר שטייען אויף דעם.

„מ. נ.“: די איבערבויונג גייט שוין מער פון צוויי יאָר. און פונדעסטוועגן איז זי אין סאַמע אָנהייב... עפּעס שטערט איר מער שנעלערער פאַנאַנדערוויקלונג. וואָס איז עס נעמלעך, לויט אײַער מיינונג?

מ י כ א ַ י ל ג א ָ ר ב א ַ ט ש א ָ ו: עמעץ־ווער האָפט, אַז אַלץ וועט זיך ענדערן אַן און פאַר זיך און גלײַך אָן באַזונדערע באַמיִונגען. ניט ווייניק מענטשן טראַכטן אויף אַזאַ אויפן: עס זײַנען געקומען נײַע אָנפירער, זיך געזעצט אין די פאָטעלן — און אַלץ וועט איצטער זיך בײַטן, אַלץ וועט זײַן גוט.

די סאַמע גרעסטע שוועריקײַט אויפן וועג פון דער איבערבויונג שטעקט אין אונדזער דענקען, וואָס האָט זיך אויספאָרמירט אין די פריִערדיקע יאָרן. מיר אַלע, אָנהייבנדיק פונעם גענעראַל־סעקרע־

טאָר ביז דעם אַרבעטער, דאַרפֿן בײַטן אָט דאָס דענקען... ס'איז נייטיק בײַצוקומען דעם קאָנסערוואַטיזם אין זיך זעלבסט.

עס טרעפֿט, אַז אַפֿילו בעשאַס דער באַהאַנדלונג פֿון פֿראַגן אין פּאָליטביוראָ מאַכן מיר, דאַכט זיך, באַגרינדעטע אויספֿירן, באַשלוסן נעמען מיר אָן נאָוואַטאָרישע, אָבער ווי נאָר מיר הייבן אָן צו ריידן וועגן די מעטאָדן פֿון פֿאַרווירקלעכן זיי אין לעבן, לאָזט זיך אויס, אַז מיר קלײַבן זיך די נײַע אויפֿגאַבן צו לייזן מיט די פֿרי̇ערדיקע מעטאָדן...

„מ. נ.": עפּשער האָט די איבערבויונג, צוזאַמען מיטן „אינערלעכן קאָנסערוואַטיזם" פֿונעם באַוווסטזײַן, אויך קעגנער? איר האָט ניט איין מאָל געזאָגט, אַז זי רירט אָן די אינטערעסן פֿון אַ סאַך. און פֿאַר די מענטשן איז אייגנטימלעך זייערע אינטערעסן צו פֿאַרטיידיקן, זיך קעגנשטעלן דעם אַלץ, וואָס פֿאַרמינערט די דאָזיקע אינטערעסן.

מיכאַיל גאָרבאַטשאָוו: אַ רעוואָליוציע, ווי מיר פֿאַרשטייען זי, דאָס איז שאַפֿונג, נאָר שטענדיק אַוודאי אויך אַ ברעכונג. דערפֿאַר איז זי אַ רעוואָליוציע, זי זאָל ברעכן דאָס אויסגעלעבטע, דאָס אַלץ, וואָס שטערט דער גיכער באַוועגונג פֿאָרויס... די איבערבויונג רירט אָן די אינטערעסן פֿון אַ סאַך, פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט. און, פֿאַרשטייט זיך, די ברעכונג באַגייט זיך ניט אָן קאָנפֿליקטן, און עס טרעפֿט, אויך אָן שאַרפֿע צוזאַמענשטויסן צווישן דעם אַלטן און דעם נײַעם...

די איבערבויונג שלאָגט, פֿרי̇ער פֿון אַלץ, איבער יענע, וועלכע זײַנען צוגעוווינט צו אַרבעטן ווי פֿרי̇ער. בײַ אונדז איז ניטאָ קיין פּאָליטישע אָפּאָזיציע, אָבער דאָס הייסט ניט, אַז עס איז ניטאָ קיין קאַמף מיט יענע, וועלכע נעמען ניט אויף איבער פֿאַרשיידענע סיבות די איבערבויונג. אַלעמען ווערט, מעגלעך, אויסקומען עפּעס־וואָס אָפּטרעטן אויפֿן ערשטן עטאַפּ פֿון דער איבערבויונג. און מיט אומפֿאַרדינטע פּריווילעגיעס און פּרעראָגאַטיוון, צוגעאייגנטע ניט אויף קיין געזעצלעכן אופֿן, מיט רעכט, וועלכע האָבן באַדינט דעם מעכאַניזם פֿון טאָרמאָזירונג, וועט אויסקומען צו געזעגענען זיך אויף שטענדיק.

„מ. נ.": און פֿונדעסטוועגן, לויט אַלע סימנים, גייט די איבערבויונג. אַלע, וועמען עס איז געווען דאָס לעצטע יאָר אין פּסר, מערקן אײַנשטימיק אָפּ אַ סאַך פּאָזיטיווע ענדערונגען. וועלכע פֿון זיי זײַנען, לויט אײַער מיינונג, די אַמערסטן וויכטיקע?

מיכאַיל גאָרבאַטשאָוו: פֿיל איז איצט אומגעווײנלעכס בײַ אונדז אין לאַנד: לאָמיר זאָגן, דאָס אויסוויילן אָנפֿירער פֿון אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן; פֿילמאַנדאַט־קרײַזן אין די וואַלן פֿון די סאָוועטן; געמיינזאַמע מיט אויסלענדישע פֿירמעס אונטערנעמונגען; זעלבסטפֿינאַנסירונג פֿון זאַוואָדן און פֿאַבריקן, סאָווירטן, קאָלווירטן; דאָס אַראָפּנעמען באַגרענעצונגען פֿון די באַהילפֿיקע ווירטשאַפֿטן, וועלכע פּראָדוצירן דערנערונגס־פּראָדוקטן פֿאַר זייערע אונטערנעמונגען; דאָס פֿאַרברייטערן די קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייט; די סטימולירונג פֿון אינדיווידועלער אַרבעטס־טעטיקייט אין קלייַנער פּראָדוצירונג און אין האַנדל; דאָס פֿאַרמאַכן ניט־רענטאַבעלע זאַוואָדן און פֿאַבריקן, וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוטן און הויכשולן, וועלכע אַרבעטן ניט עפֿעקטיוו. שאַרפֿער איז טעטיק די פּרעסע, אַרײַנדרינגענדיק אין אַלע לעבנס־ספֿערן פֿון דער געזעלשאַפֿט, בײַקומענדיק די פֿרי̇ער „פֿאַרבאָטענע" טעמעס... דאָס אַלץ איז נאַטירלעך און נייטיק. האַגאַם עס גיט זיך אײַן און ווערט אויפֿגענומען ניט אָן מי — סײַ אין דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג, סײַ אין דער פּאַרטיייִשער סוויווע...

די נײַקייט פֿון דער אומגעווײנלעכער סיטואַציע וואַקסט אָן. ווען אין אַפּריל 1985 וואָלט מען אונדז געזאָגט: אין צוויי יאָר אַרום וועט בײַ אײַך זײַן דאָס און דאָס, דאָס הייסט דאָס, וואָס עס קומט איצט פֿאָר אינעם לעבן, וואָלטן מיר גיכער פֿון אַלץ ניט געגלייבט, און אַפֿילו געהאַלטן, אַז דאָס איז ניט אָנעמבאַר. אָבער וואָס האָט זיך באַקומען? דאָס, בענעגייע וואָס מיר וואָלטן אומבאַדינגט פֿאַרנומען אַ נעגאַטיווע פּאָזיציע אָדער געגעבן אַן אַרויסדרייערישן ענטפֿער, ווערט הײַנט ניט בלויז אַ געווײנלעכע זאַך פֿון באַהאַנדלונג, נאָר אויך אַ גאַנץ נאַטירלעכער קאָמפּאָנענט פֿון דער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט. די געזעלשאַפֿט ענדערט זיך, זי איז געקומען אין באַוועגונג.

„מ. נ.": עס וואָלט געווען נאַיִוו צו מיינען, אַז אַזאַ טיפֿער פּראָצעס וועט דורכגיין גלאַט. אוּמפֿאַרמײַדלעכע שוועריקייטן קאָנען אַרויסרופֿן אומצופֿרידנקייט בײַ מענטשן, קאָנפֿליקט־סיטואַציעס...

מיכאַיל גאָרבאַטשאָוו: אויפֿן מײַרעוו רעדט מען אָפֿט, אַז די איבערבויונג וועט אָנטרעפֿן אויף שוועריקייטן, און דאָס וועט קלוימערשט אַרויסרופֿן אומצופֿרידנקייט פֿון די אַרבעטנדיקע. וואָס קאָן מען זאָגן אין שײַכות מיט דעם? שוועריקייטן אין אַזאַ גרויסער זאַך וועלן, פֿאַרשטייט זיך, זײַן.

אויב מיר וועלן זיך צוניפשטויסן מיט אנטפלעקונגען פון געזעלעכער אומצופרידנקייט אָדער פּראָטעסט, וועלן מיר ערנסט זיך פאנאנדערקלייבן קוידעמקאָל אין די סיבעס פון אזעלכע דערשיינונגען. קיין אדמיניסטראטיווער ראזש וועט דאָ ניט העלפן. די מאכט־אָרגאנען און די געזעלשאפטלעכע, ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס וועט אויסקומען צו לערנען זיך ארבעטן אזוי, אז עס זאָלן ניט געגעבן ווערן קיין געלעגנהייטן פאר אזעלכע מינים ארויסטרעטונגען, פארפריער, באצייטנס אראָפּנעמען די פראגן, וועלכע קאָנען ארויסרופן אזא מין רעאקציע. ס׳איז באוווסט: אויב די מאכט־אָרגאנען לייזן ניט וועלכע־ניט־איז אופרעגנדיקע פראָבלעמען, פּרוּווט דאָס פאָלק דאָס טאָן אליין.

דער קריטערי איז דאָ איינער: אלץ, וואָס עס פעסטיקט דעם סאָציאַליזם, — צו דעם אלץ וועלן מיר זיך צוהערן, מיט דעם אלץ וועלן מיר זיך רעכענען. אָבער מיט פרעמדע פארן סאָציאַליזם טענדענצן וועלן מיר קעמפן. נאָר איך כאזער איבער, אין די ראמען פונעם דעמאָקראטישן פּראָצעס...

דאָס פאָלק באפרייט זיך פון דער געוועזענער אפאטיע, שליסט זיך ענערגיש איין אין געזעלשאפטלעכן לעבן. און דאָס געפינט פארשיידענע אויסדרוק־פאָרמען. עמעצער טרעט שארף ארויס אף א פארזאמלונג, און ערגעץ־ווּ ווערן אָרגאניזירט מיטינגען און מאניפעסטאציעס. ביכלאַל שליסט ניט אויס דער דעמאָקראטישער פּראָצעס אזעלכע ספּאָנטאנישע אנטפלעקונגען פון געזעלשאפטלעכער זעלבסטעטיקייט. מיר זיינען שוין אוועק פון יענע צייטן, ווען אזעלכע זאכן פלעגן ארויסרופן א טשינאָוונישע שרעק און אדמיניסטראטיווע פארבאָטן. האגאם אונדז פעלט נאָך אויס קולטור פון דיסקוסיעס, עס טרעפט, אז דעם אָראטאָר אף דער טריבונע האקט מען אָפּ פונעם פרעזידיום, און אין אייניקע ארטיקלען גייען איבער די אווטאָרן אף פערזענלעכע אויספאלן אָדער מע קלעפּט צו באליידיקנדיקע עטיקעטקעס. נאָר בעהאדראָגעדיק קומט דער פארשטאנד: דעמאָקראטיע פאָרט זיך ניט מיט ביוראָקראטישער פאָרויסאָרגאניזירטקייט פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן. פארשטייט זיך, קיין אייך אכטנדיקע זיך געזעלשאפט קאָן ניט פארלייַדן קיין אנארכיע, אלצדערלויבטקייט, כאאָס. און אויך מיר, נאטירלעך. דעמאָקראטיע — דאָס איז סיי געזעצלעכקייט, סיי שטרענג זיך האלטן בא די געזעצן — סיי מיצאד דער מאכט, אָרגאניזאציעס, סיי מיצאד אלע ארבעטנדיקע.

„מ. נ.״: דאָס, וואָס דעם 1 יאנוואר 1988 טרעט אריין אין קראפט דער געזעץ וועגן א מעלוכישער אונטערנעמונג, וועט בייטן די עקאָנאָמישע אומגעבונג, ס׳וועט זיך אָנהייבן א קעסיידערדיקע „רעפּראָדוצירונג״ פון עקאָנאָמישע באדינגונגען פון באנייונג. וואָס איז אמערסטן כאראקטעריסטיש פאר אָט דעם עטאַפּ?

מ י כ א י ל ג אָ ר ב א ט ש אָ ו: דער יון־פלענום פון צק קפּסס, זיינע באשלוסן, דאָס אָנעמען מיצאד אים די „גרונט־האנאָכעס פון דער גרינטלעכער איבערבויונג פון דער אָנפירונג מיט דער עקאָנאָמיק״ פארענדיקן אין טאָך דעם אופבוי פון דער הייַנטצייטיקער מאָדעל פון דער עקאָנאָמיק פונעם סאָציאַליזם, וועלכע אנטשפרעכט דעם געגעבענעם עטאַפּ פון דער אנטוויקלונג פון אונדזער לאנד.

פאנאנדערגעארבעט די פּראָגראם פון א ראדיקאלער עקאָנאָמישער רעפאָרם, האָבן מיר דערמיט געשאפן א פאנאנדערגעוויקלטן פראָנט פאר אָנגרייפן איצט שוין לויט אלע ריכטונגען פון פארשנעלערן און פארטיפערן די איבערבויונג...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אן עטאַפּ פון קאָנסטרוקטיווער ארבעט. איצטער דארף מען אלץ פארקערפּערן אין לעבן. דער צענטער פון קאָנצענטרירן די באמיונגען — און דעריין באשטייט די אייגנארטיקייט פונעם לויפיקן מאָמענט — האָט זיך אריבערגעטראָגן אין דער ספערע פון פּראקטישע טאטן...

פונדאנען — דער זייער קאָמפּליצירטער איבערגאנג־פעריאָד, אין מעשעך פון וועלכן עס וועלן קאָעקזיסטירן דער אלטער מעכאניזם און דער נייער, וועלכער ווערט באהערשט. נאָר א פולע ווירטשאפטלעכע רעכענונג וועלן מיר איינגלידערן ניט אָפּלייגנדיק. אָנעמענדיק זיך מיט דערפארונג, וועלן מיר ענערגיש גייין אף אָט דעם וועג.

„מ. נ.״: די עקאָנאָמישע מאָסמיטלען פון דער לעצטער צייט אנטשפּרעכן, דאכט זיך, ניט שטענדיק די איינגעשטעלטע פאָרשטעלונגען. צי זיינען אלע אין דער סאָוועטישער געזעלשאפט מאסקים מיט אזא אָפּטרעט פון די באוווסטע אויסטייטשונגען פונעם סאָציאַליזם?

מ י כ א י ל ג אָ ר ב א ט ש אָ ו: לענין האָט קיינמאָל ניט געטראכט, אז דער וועג צום סאָציאַליזם וועט זיין א גלייכער... ער האָט ניט מוירע געהאט, צום ביישפּיל, פאר א פארברייטערונג פון פריוואטער ארבעטס־טעטיקייט אין באדינגונגען, ווען די מעלוכע, דער מעלוכישער סעקטאָר זיינען געווען שוואכע. און איצטער, בא אונדזער מעכטיקייט, אין גאנג פון דער איבערבויונג רופן ארויס די מאָסמיטלען אף צו אנטוויקלען די קאָאָפּעראציע, די אינדיווידועלע ארבעטס־טעטיקייט, פאָדריאדן,

זעלבסטפינאנסירונג בא עמעצן שרעק: צי רײַסן מיר ניט ארונטער די „פּרינציפּן“, צי פֿלאַדיען מיר ניט אַן פּריוואַטניקעס? און דאָס, וואָס אין די מאַגאַזינען פֿעלט פֿיל אויס, וואָס זשע טאָן מיט דעם? אָט בענעגייע וואָס דאַרף מען אַליאַרמירן, און ניט פּאַניקירן: „קאַראַול, דער סאָציאַליזם איז אין געפֿאַר!“

...מיר דאַרפֿן האָבן ניט קיין „רייִנעם“, ניט קיין דאָקטרינערישן, ניט קיין אויסגעטראַכטן סאָציאַליזם, נאָר א רעאַלן, א לעניניש סאָציאַליזם. לענין האָט זייער קלאָר זיך אַרויסגעזאָגט אַף אָט דער טעמע: אויב די גרויסע אינדוסטריע און די מאַכט איז בא אונדז — דאַרף מען פֿאַר גאָרנישט ניט מורע האָבן...

„מ. נ.“: די איבערבויונג האָט זיך אָנגעהויבן לויט דער איניציאַטיוו פֿון דער פּאַרטיי, און ווי־אַזוי גייט זי אין דער פּאַרטיי גופֿא?

מ י כ א י ל ג א ָ ר ב א ַ ט ש א ָ ו: אַף אונדזער פּאַרטיי ליגט א בעעמעס היסטאָרישע פֿאַראַנט־וואָרטלעכקייט. זײַנערצײַט, אין 1917, האָט וו. אי. לענין געזאָגט: אָנגעהויבן די רעוואָליוציע, דאַרף מען גיין ביזן סאָף. אַזוי אויך מיט דער איבערבויונג — די פּאַרטיי וועט גיין ביזן סאָף...

אונדזער געזעלשאַפֿט האָט היסטאָריש אַזוי זיך צונויפֿגעלייגט, אַז אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אין דער פּאַרטיי, שפּיגלט זיך אָפּ אַפֿן לעבן פֿונעם לאַנד. קיין אָפּיציעלע אָפּאָזיציע איז בא אונדז אין לאַנד ניטאָ. לייגט זיך אַרוף דעריבער וואָס מער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אַף דער קאָפּ אַלס דער הערשנדיקער פּאַרטיי. אָט פֿאַרוואָס מיר זעען אונדזער וויכטיקסטע אויפֿגאַבע אין דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער אינערלעך־פּאַרטייִשער דעמאָקראַטיע, אין דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון די פּרינציפּן פֿון קאָלעגיאַלקייט אין דער אַרבעט, אינעם פֿאַרברייטערן די עפֿנטלעכקייט אויך אין דער פּאַרטיי. דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿאָדערט פֿון די מענטשן, וועלכע זײַנען אויסגעוויילט אַף אָנפֿירנדיקע פּאָסטנס, באַשיידנקייט, אָרנטלעכקייט, ערלעכקייט, אומטאָלעראַנטקייט צו כניפֿע, צו אונטערלעקערײַ. אין דער פּאַרטיי קאָנען ניט זײַן קיין פּערזאָנען, וועלכע שטייען אויסער קריטיק, פּונקט ווי אויך פּער־זאָנען, וועלכע האָבן ניט קיין רעכט צו קריטיקירן...

מיר האָבן אַנטשיידן גענומען דעם קורס אַף שטיצן די מענטשן איניציאַטיווע, באַדאַכטע, ענער־גישע, וועלכע זײַנען פֿעיִק זעלבסטקריטיש אָפּשאַצן די זאַכלאַגע, זיך באַפֿרײַען פֿון פֿאָרמאַליזם און שאַבלאָן אין דער אַרבעט, געפֿינען נײַע, ניט קיין אָרדינאַרע לייזונגען, קאָנען און ווילן גיין דרייסט פֿאָרויס, קענען זיך דערשלאָגן א דערפֿאָלג. די איבערבויונג עפֿנט פֿאַר זיי א ברייטע ראַכוועס אין דער שעפֿערישער טעטיקייט.

(„מאָסקאָווסקיִע נאָוואָסטי“,
נום. 44, 1 נאָיאַבער 1987)



טעוויע געז

געווויזן זיך צו...

1

אינדערפרי האָט אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן דער פאַרוואַלטער פון שטאָטישן סאָבעס (אַפּטייל פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג) קיריל סטעפּאַנאָוויטש שערשניאָוו.

— א גוטער־מאָרגן, דאַרע יעפימאָוונע. איך האָב צו אייַך א וויכטיקן איניען. קומט אַרייַן צו מיר אין סאָבעס.

— ס'איז דרינגענדיק? — האָט דאַרע געפרעגט.

— זייער. מיר דאַרפן גלייַך באַשליסן.

— וואָס באַשליסן? — האָט דאַרע ניט אָנגעהויבן פאַרשטיין.

— זאָג איך דאָך, קומט אַרייַן און ס'וועט אייַך ווערן אַלץ קלאָר.

קיריל סטעפּאַנאָוויטשן האָט דאַרע אייניקע מאָל געזען אויף זיצונגען און באַראַטונגען, ווו זיי זייַנען ביידע בייַגעווען — ער אַלס פאַרוואַלטער פון שטאָטישן סאָבעס, זי אַלס פאָרזיצער פון זאַווקאָם אויפן זאַוואָד „רויטע יאַגעדע”. דער נאָמען פון זאַוואָד אַנטשפּרעכט דער פּראָדוקציע, וואָס די אונטערנעמונג לאָזט אַרויס — פאַרשיידענע קאָמפּאָטן, דזשעמען אין באַנקעס און סלאָיִקעס מיט שיינע עטיקעטקעס, אויף וועלכע ס'איז אָנגעמאָלט א רויט עפּעלע, אָדער א פּאָר ווייַנשל, אַזויווי רויטינקע אוירינגלעך, אָדער א דרייַלינגל ראָזעווע טריסקאַווקעס. דער זאַוואָד איז ניט קיין גרויסער, און דער פאָרזיצער פון זאַווקאָם קריגט ניט פאַר זייַן פאָרזיצעריַי קיין געהאַלט. ס'איז בא אים ניט מער, ווי א געזעלשאַפטלעכע אָנלאָדונג. דאַרעס גרונט־באַשעפטיקונג איז אין פּלאַנעווע־עקאָנאָמישן אָפּטייל, ווו זי איז פּלאַנאָוויק און עקאָנאָמיסט צוזאַמען.

אַלט איז זי זעקס און צוואַנציק יאָר. פאַר אַ מיידל איז דאָס אַ סך. פאַר אַ פּאָרזיצער פון זאַוואָקאָם — ווינציקלעך, זי איז די ייִנגסטע פּאָרזיצערן פון אַ זאַוואָדישן קאָמיטעט אין שטאָט. נו, און פאַר אַ „סאָבעס“ איז זעקס און צוואַנציק אַוואַדע און אַוואַדע זייער ווינציק. „צוליב וואָס דאַרף מען מיך דאָרטן אַזוי עקסטרע האָבן?“ — האָט דאָרע געטראַכט, גייענדיק בייסן מיטיק־איבערייַס אין סאָבעס.

דער וועג האָט פאַרנומען אַ מינוט פופצן. ס'איז געווען אַ לויטערער אַפּרעל־טאָג. די פרילינגדיקע זון האָט אין בלויען הימל העל געשייַנט, אויף דער גאַס איז געווען טרוקן און וואַרעם. דאָרע האָט אַראָפּגענומען דאָס געשטריקטע היטעלע פון קאָפּ, צעשפּיליעט די קנעפּ פונעם דעמיסעזאָנעם מאַנטל. זי איז געגאַנגען גיך און ס'איז איר געווען הייס. מיט אַ פאַרגעניגן האָט זי געפילט דאָס שטילע ווינטל, וואָס בלאָזט אין פּנים. זי האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן און אַרויסגענומען פון פּלאַסטמאַסעווען ווײַסן בײַטעלע דאָס קליינטשינקע קײַלעכיקע שפּיגעלע אַ קוק צו טאָן אויף זיך. אַ שיין מיידל ווייסט, אַז זי איז שיין, נאָר יעדעס מאָל וויל זי אָפּסנײַ איבערצײַגן זיך אין דעם.

קינסטלער וואָלטן געזאָגט, אַז די שיינקייַט איז בײַ איר אַ קלאַסישע. אַ ווײַסער „מירמלנער“ שטערן, אַ „רוימישע“ גלײַכע נאָז, דינע ליפּן. די טונקל־בלויע אויגן זײַנען באַשירעמט מיט לענגלעכע ברעמען און ווײַעס, אַזויווי אויסהיטנדיק פון עמעצנס אַ צו נײַגעריקן אַרײַנקוקן אין זיי. דער קערפּער אַנטשפּרעכט דעם געזיכט. אַ פּרעכטיקע פיגור מיט אַ דינער טאַליע און געטאָקטע פיס. עפשער טאַקע צוליב איר שיינקייַט איז דאָרע אַ ביסל זיך שוין פאַרזעסן. באַשיידענע באַכערים האָלטן, אַז זיי האָבן ניט וואָס צו שטופּן זיך צו איר, זי האָט בעסערע; ניט־באַשיידענע דאַרף זי אַליין ניט.

וואָס נעענטער צום סאָבעס, וועלכער געפינט זיך בישכיינעס מיט דער קינדערשער מוזיק־שול, אַלץ אָפטער האָט מען געזען אויף דער גאַס אַלטע לייַט און קינדער. די שטעקנס אין די הענט בײַ די וועטעראַנען האָבן זיך איבערגעוואונקען מיט די פוטליאַרן פון מוזיקאַלע אינסטרומענטן אין קינדערשע הענטלעך. די מעלאָדישע קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך פון דער מוזיק־שול, האָבן זיך אַרײַנגעוועבט אין רייד וועגן פּענסיע, פּראָטעזן, דאָקטוירים.

קיריל סטעפאַנאָוויטש איז געזעסן אין סאָבעס אין זײַן קאַבינעט אין עק קאָרידאָר און מע האָט פון הינטער דער טיר געהערט, ווי אַ פרוי טײַנעט אײַן מיט אים, ער ענטפערט, און זי טײַנעט ווידער. בײַ דער טיר האָבן געוואַרט נאָך דרײַ מענטשן — צוויי זקיינים און אַ זקיינע. ווען די פרוי איז פון קאַבינעט אַרויס, איז דאָרע טייקעף אַהין אַרײַן.

— אַזאַ יונגע און שטופּט זיך אויסער דער ריי!

— האָט קיין צײַט ניט, זי דאַרף אָנהאָדעווען אַ טוץ קינדער!

— זי איז קראַנקער פון אונדז און פאַרשפּעטיקט צום דאָקטער! — מיט אַזעלכע רעפּליקעס האָט די אָטשערעד אויסגעדריקט איר אויפגעבראַכטקייַט. איינער פון די מאַנצבלען האָט אפילו גע־פּרוווט אָנכאַפּן זי פאַרן עלנבויגן און אַרויסשלעפּן צוריק פון קאַבינעט, נאָר דאָ האָט קיריל סטעפאַ־נאָוויטש באַוויזן זיך אויף דער שוועל פון דער טיר און געווענדט זיך צו די דערצאָרנטע באַזוכער:

— איך בעט אַנטשולדיקן, נאָר איך האָב די כוואָרטע ספּעציעל אַרויסגערופן, אָפּגעריסן זי אינמיטן פון איר אַרבעטסטאָג און... און... — האָט ער גוטמוטיק צוגעגעבן, — זידלט זי ניט פאַר דער צײַט... אײַך וועט נאָך עפשער אויסקומען האָבן צו טאָן מיט איר בײַ אונדז דאָ אין סאָבעס...

אין קאַבינעט איז כוץ דעם טיש, דרײַ שטולן און אַן אײַזערנעם קאַסטן געשטאַנען אַ דיוואַן, אויף וועלכן ס'זײַנען פון איין ברעג ביזן אַנדערן געלעגן פאָטאָ־אַפּאַראַטן „זאָרקי“ און האַנט־טראַנזיס־טאָרס „וועף“.

— דאָס זײַנען מאַטאָנעס צום יובילייַ? — האָט דאָרע געפרעגט.

— יאָ, מאַטאָנעס... די קעמלנע קאָלדרעס האָט מען צעכאַפּט, די פוטערנע קורטקעס — אויך, נאָר די פאָטאָ־אַפּאַראַטן און טראַנזיסטאָרס ליגן נאָך דערווײַל... — ער האָט אַ שאַר געטאָן מיט אַ האַנט דאָס שיטערע און גראָװע טשופּריקל האָר אויפן קאָפּ. נאָך מער אויסגעגלײַכט די אַזוי אויך מיליטעריש־אויסגעגלײַכטע אַקסלען. — ביטע, דאָרע יעפימאָוונע, זעצט זיך, — האָט ער אָנגע־וויזן אויף אַ שטול און אַליין אויך פאַרנומען זײַן אָרט בײַם טיש אַנטקעגן.

קיריל סטעפאַנאָוויטש, אַ געוועזענער פּאָדפּאָלקאָווניק, האָט ליב געהאַט אָפּערירן מיט מיליטע־רישער טערמינאָלאָגיע.

— אָט דאָ איז מײַן קאָמאַנדנע פונקט פון גאַנצפרי ביז שפּעט אין אָוונט, — האָט ער אָנגע־הויבן זײַן געשפּרעך מיט דאָרען. — זיבעצן טויזנט פּענסיאָנערן זײַנען פאַראַן בײַ אונדז אין שטאָט, בײַ די צוואַנציק פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. ס'איז אַ פול־קאָמפּלעקטירטע דיוויזיע מיט נאָך אַ גאַנצן פּאָלק אַלס צוגאָב. אַן אינספּעקטאָר פון סאָבעס קאָן מען פאַרגלײַכן מיט אַ פּאָל־קאָווניק. בײַ אים אויפן באַצירק זײַנען דיסלאָצירט דרײַ טויזנט שלאַכטלײַט... כ'מיין פּענסיאָנערן... איר לעבט, דאָרע יעפימאָוונע, בײַ אונדז דאָ אין שטאָט שוין לאַנג?

— איך בין דאָ געבוירן געוואָרן.

— אויסגעצייכנט. מיר נייטיקן זיך זייער שטאַרק אין ענערגישע טוער און אײַך האָט מען רעקאָמענדירט צו אונדז אַלס אינספּעקטאָר.

— ווער האָט רעקאָמענדירט?

— די וועטעראַנען פון אײַער זאַוואָד, זיי לויבן אײַך. און נאָך איינער אַ מענטש, זייער אַ כאַשעווער, האָט רעקאָמענדירט...

— ווער?

— דער ערשטער סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש אַלפּיאַראָוו.

— ער קען מיך דען? — האָט דאַרע זיך פאַרוווּנדערט. — נאָר איין מאָל איז ער געווען אויף אונדזער אונטערנעמונג.

— זעט איר דאָך, ער האָט אײַך פאַרגעדענקט. אים איז געפעלן געוואָרן אײַער אַרויסטרעטונג אויף דער פאַרזאַמלונג.

— אָבער איך אַרבעט דאָך אויפן זאַוואָד און כ'בין דאָרטן אויסגעוויילט אין זאַווקאָם, — האָט דאַרע, אַ צעטומלטע, דערווידערט.

— וועגן דעם זאָרגט זיך ניט. דאָ וועלן מיר אײַך אויסקלײַבן אין פּראָפקאָם. אַנטזאָגט זיך ניט, דאַרע יעפימאָוונע, וויבאַלד אַלע רעקאָמענדירן אײַך. — קיריל סטעפּאַנאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און געבעטן דאַרען צוגיין צו דער וואַנט, וווּ ס'הענגט די געאָגראַפישע קאַרטע פון דער שטאָט.

— איר וועט קאָמאַנדעווען מיטן דריטן באַצירק, — האָט ער געזאָגט, ווי וועגן שוין אַן אָפּגערעדטער זאַך און אָנגעהויבן פירן מיט אַ פינגער בײַ אַן אונטערשטן ראַנד פון דער מאַפּע. — די טאָפּאָגראַפיע איז דאָ אַ קאָמפּליצירטע. אַלטע הײַזער, וועלכע מע וועט מיט דער צײַט אַראָפּטראָגן; נײַע הײַזער מיט טראַנשייען, וועלכע מע האָט נאָך ניט פאַרשאָטן נאָך דער בויונג, אײַן פּראָדוקטאָווער מאַגאַזין און קיין איין פאַבריקמאַכערסקע אין מיקראָראַיאָן. די פּאָליקליניק איז אין צענטער שטאָט און מע דאַרף פונדאַנען פאָרן אַהין מיט אַן אויטאָבוס, וואָס איז שטענדיק געפּאַקט. דירעקט האָט דער סאָבעס צו דעם ניט קיין שײַכעס, עס דאַרפן זאָרגן אַנדערע אָפּטיילן פונעם שטאָט־אויספירקאָם — דער קאָמונאַלער אָפּטייל, דער געזונט־אָפּטייל, דער טראַנספּאָרט־אָפּטייל, נאָר פּענסיאָנערן, אינוואַלידן — אונדזער קאָנטינגענט — שרײַבן אָנקלאָגעס, און דער סאָבעס, און איר, אַלס אינספּעקטאָר, דאַרפן זיך אַרײַנמישן. נו, און כוץ דעם — אײַערע דירעקטע פליכטן — קאָנטראָלירן די דאָקומענטאַציע, אויספורעמען די פּענסיעס, איר וועט האָבן אַ האַנטבוך מיט אַלע נייטיקע אינסטרוקציעס.

קיריל סטעפּאַנאָוויטש האָט גערעדט זייער ערנסט, אַזוי ווי ס'דאַרף ריידן אַן אָנפירער פון אַן אַנשטאַלט, ווען ער נעמט אַ נײַעם מיטאַרבעטער, נאָר דאַרען האָט זיך געדוכט, אַז ער שפּאַסט. ס'האָט זיך ניט געלייגט אויפן סייכל, אַז זי זאָל פּלוצעם אַוועקגיין פון זאַוואָד „רויטע יאַגעדע" און אַרײַנקריכן עפּעס אין אַ מין מוישעוו־זקיינים.

— איך בין נאָך אַ ביסל צו יונג פאַרן סאָבעס, — האָט זי דעליקאַט געפּרוווט זיך אָפּזאָגן.

— אַלטע סאָלדאַטן נייטיקן זיך אין יונגע קאָמאַנדירן, — האָט שערשניאָוו רעזומירט מיט אַ געהעכערטן קאָל, קימאַט באַפעלעריש.

ווען זי האָט זיך אומגעקערט אויפן זאַוואָד, האָט זי נאָך באַוויזן אָפּצועסן וואַרעמעס אין דער זאַוואָדישער גאָרקיך. נאַסטיע, וועלכע וואַשט דאָס געפעס אין קיך, איז צוגעגאַנגען צו דאַרעס טישל און, ניט אויפהערנדיק ווישן די הענט אינעם גלאַנצנדיקן צעראַטענעם פאַרטעך, אָנגעהויבן זיך צו איר און געגעבן צו וויסן מיט אַן אויסדרוק פון גרויסער צופרידנקײַט און דאַנקבאַרקייט:

— איך האָב הײַנט צום ערשטן מאָל אָפּגעפּירט מײַן סטאַסיקן אין קינדער־גאָרטן. ס'איז מיר שוין אַ סך גרינגער, דאָס קינד איז באַוואָרנט...

נאָכן מיטיק איז דאַרע געזעסן און געאַרבעט אין איר פּלאַנעווע־עקאָנאָמישן אָפּטייל און שפּעטער האָט זי געהאַט אַ געשפּרעך מיטן דירעקטאָר פון זאַוואָד וואַסילי אַלעקסאַנדראָוויטש ביטשקאָוו. יענער האָט, אַפּאָנעם, דערפרייט זיך, ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז מע לייגט איר פאָר אַרבעטן אַלס אינספּעקטאָר אין סאָבעס.

— וואַרט נאָר אויס אַ ביסעלע, ביז איך וועל אויך אַוועקגיין, — האָט ער גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן. — איך וועל דאַן קומען צו דיר נאָך פּענסיע.

וואַסילי אַלעקסאַנדראָוויטש ביטשקאָוו האָט אַלע מײַלעס, וואָס אַ דירעקטאָר דאַרף האָבן. ערשטנס, איז ער אַ גוטער באַלעבאָס; מע זאָל אים אויפוועקן אינמיטן דער נאַכט, וועט ער זאָגן, ווי עס האַלט און וואָס מע דאַרף טאָן אין יעדן ווינקל פון זאַוואָד. צווייטנס, ער איז אַליין אַן אויסגעצייכנטער מײַסטער, די טעכנאָלאָגיע פון אַלע אַרבעטס־אָפּעראַציעס אין די צעכן קען ער זייער גוט. ער איז אויפן זאַוואָד געוואַקסן און אויסגעוואַקסן פון אַן אַרבעטער אין צוגרייט־צעך ביז אַ דירעקטאָר — אַ דירעקטאָר אַ גוטער, נאָר מיט דער צײַט האָט ער אייניקע מאָל אָנגעהויבן „פאַרפאָרן" אין אַ זײַט. דער זאַווקאָם האָט שוין געהאַט קאָנפליקטן מיט אים. ער האָט אונטערגעשריבן אַ באַפעל וועגן באַפרײַען

אַן אַרבעטער פון דער אונטערנעמונג און דעם באַפעל ניט קאָנטאַקטירט מיטן פּראָפּאַריין; איינעם אַ טוער האָט ער געגעבן אַ דירע אויסער דער ריי. דער פאָרזיצער פון זאַווקאָם דאָרע יעפּימאָוונע פרומקינע האָט צוערשט גערעדט מיט וואַסילי אַלעקסאַנדראָוויטשן וועגן דעם אין זיין קאַבינעט, און אַז ס'האָט ניט געהאָלפן, אַרויסגערופן אים אויף אַ זיצונג פון זאַוואַדישן קאָמיטעט. ער איז אויף דער זיצונג ניט געקומען, און דאַן איז זי גאַנץ שאַרף אַרויסגעטראָטן אויף אַ פּראָפּאַריינישער קאָנפערענץ, אָנגעוויזן אויף זיינע ניט ריכטיקע טוונגען. „עפּשער האָט ער דאָס גאָר אַלץ אַזוי איינגעאָרדנט, אַז מע זאָל מיך אַוועקנעמען פון זאַוואָד", — האָט זי איצט געטראַכט, זעענדיק, ווי דער דירעקטאָר באַדויערט קלוימערשט איר אַוועקגיין. „איך גיי נאָך ניט אַוועק", — האָט זי אים געוואָלט זאָגן אין דער הויך, נאָר זיך איינגעהאַלטן.

אַזוי ווי שטענדיק נאָך דער אַרבעט, איז זי אַריין אין איר זאַווקאָם־צימער, אַוועקגעזעצט זיך באַם טיש. זי האָט אַרויסגענומען פון טישקעסטל דעם פּראָטאָקאָל פון דער פריערדיקער זיצונג, אים דורכגעקוקט, אָפּגעמערקט די פונקטן, וואָס זיינען אויסגעפילט, און די — אַזעלכע פונקטן זיינען געווען אַ מערהייט, — וואָס מע דאַרף נאָך אויספילן. זי האָט געוואָלט באַצייטנס זיך צוגרייטן צו דער נאָענטסטער זיצונג. ס'זיינען אַריינגעקומען צוויי פרויען. איינע פון זיי האָט אויסגעקלאָרט, ווי ס'האַלט בא איר מיט אַ פּוטיאָווקע קיין טרוסקאַוועץ, די אַנדערע פרוי האָט פאַרפינקטלעכט דעם כוידעש, ווען זי וועט גיין אין אורלויב, פאַראַיאָרן איז זי געווען אין מאַרט, קומט איר הייניקס יאָר אין אַ זומערדיקן כוידעש, יול אָדער אווגוסט.

— איר ווייסט דאָך, אַז אין די זומערדיקע כאָדאָשים גייט קיינער ניט בא אונדז אין אורלויב. — האָט דאָרע דערקלערט. — ס'איז די הייסטע צייט, ווען מע דאַרף איבעראַרבעטן די בערג מיט פרוכטן.

— וועל איך שטענדיק גיין ווינטער?

— איר וועט גיין אין מיי, — און דאָרע האָט אָפּן גרויסן ווייסן בויגן מיטן גראַפיק פון די אורלויבן אַריינגעשטעלט די פאַמיליע פון דער פרוי אין מיי־כוידעש.

אַ בייזער און אויפגעבראַכטער, האָט זיך אַריינגעשטעלט דער קאָטשעהאַר וואַסילי ביטשקאָ.

— אַלע מיינע יאָרן, — האָט ער געשריען, — בין איך אַ קאָטשעהאַר, נאָר די קאַדראָוויטשקע מאַריע פיאָדאָראָוונאַ האָט מיך פאַרשריבן אַלס אַ פּאָשעטן אַרבעטער פון קאָטעלניע. קומט אויס, אַז איך האָב ניט קיין להאָטע און קאָן אַוועקגיין אויף פּענסיע ניט פון פינף און פופציק יאָר, נאָר פון זעכציק. ס'פעלט מיר צום סטאַזש פינף יאָר.

— היינט איז שוין שפּעט און מאַריע פיאָדאָראָוונאַ איז ניטאָ, נאָר מאָרגן וועל איך דאָס אויסקלאָרן מיט איר, — האָט דאָרע אים פאַרזיכערט.

„אויב איך וועל אַרבעטן אין סאָבעס, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, — וועט מיר אָפּט אויסקומען האָבן צו טאָן מיט די קאַדרען־אָפּטיילן פון די אונטערנעמונגען, מע זאָל דאָרטן באַצייכענען פּינקטלעך די פּראָפּעסיע, די שטעלע. עס זאָל זיין ריכטיק אַלץ דאָקומענטירט און מענטשן זאָל ניט אויסקומען דערנאָך לויפן פעסטצושטעלן דעם עמעס".

שפּעט אין אָוונט האָט זי זיך אומגעקערט אַהיים. זי איז נאָך געווען אויף די טרעפּ פון צווייטן שטאָק, ווען אָפּן דריטן שטאָק, ווו זי וווינט, האָט זיך שוין דערהערט די אומגעדולדיקע הילכיקע בילעריי פון די צוויי הינט — לוי און לויזע, וואָס האָדעווען זיך אין שטוב פון דער פריער קינדהייט זייערער ביזן איצטיקן בעקאָוועדיקן הינטישן עלטער — לוי איז אַלט בא די צוועלף יאָר, לויזע איז עטוואָס יינגער — סאַכאַקל עלף יאָר. איין הונט איז אויך געגנוג אין אַ שטאָטישער דירע, אַן אַ הויף, אָן אַ בודקע, נאָר יעפּים סאָלאָמאָנאָוויטש, דאָרעס טאַטע, דאַרף צוויי הינט, ווייל איינעם, זאָגט ער, וועט זיין אומעטיק. יעדעס מאָל, ווען דאָרע הערט אויף די טרעפּ דעם מונטערן צונויפגעזונגענעם דועט פונעם פּאָרל מיט די קיניגלעכע נעמען — לוי און לויזע, ווערט איר פריילעכער. ס'איז אַ מין אָנזאָג, אַז די שטוב איז אין אָרדענונג און אַז דער טאַטע גייט שוין אַרויס פון זיין צימער עפענען איר די טיר.

— שפּעט, שפּעט קומסטו, — אינעם טאַטנס אויסרייד פילט די טאָכטער אויך די באַפרידיקונג, וואָס זי איז שוין אינדערהיים. ער נעמט צו בא איר פון דער האַנט דאָס צעלאָפּאַנעווע קוישעלע, וואָס האָט לעצטנס פאַרביטן די פריערדיקע „אַוואָסקע". איינע פון די מיילעס פונעם קוישל איז, וואָס מע זעט ניט וואָס מע טראָגט. דאָרעס „טאָרע" איז זעלטן־ווען אַ שווערע. ווען זי גייט אויף דער אַרבעט, זיינען די מאַגאַזינען נאָך ניט אָפּן, ווען זי קערט זיך אום, זיינען זיי שוין פאַרמאַכט. דער הויפּט־איינקויפער און אַריינברענגער אין שטוב איז ער, יעפּים סאָלאָמאָנאָוויטש, זיין אַרבעטס־גראַפיק איז אַ ביסל אַן אַנדערער, און ער באַוויזט.

אין דער שטאָט רוטשאַנסק מיט אַ באַפעלקערונג פון אַריבער הונדערט טויזנט מענטשן איז יעפּים סאָלאָמאָנאָוויטש פרומקין דער איינציקער דאָקטער — פעדיאַטער. עס זיינען אין רוטשאַנסק פאַראַן ניט ווייניק נאָך פעדיאַטערס, אָבער אַלע איבעריקע זיינען פרויען. כוץ דעם, איז ער אין שטאָט

1—665

דער פּעדיאַטער מיטן גרעסטן סטאַזש. די קינדערלעך, וועלכע ער האָט אַמאָל געהיילט, קומען איצט צו אים מיט זייערע קינדער.

— וועטשערע האָסטו, טאַטע, שוין געגעסן? — האָט דאַרע געפרעגט.

— ס'איז גענוג, וואָס מיר עסן באַזונדער פרישטיק און מיטיק. — האָט ער געענטפערט. — לאָמיר כאָטש וועטשערע עסן צוזאַמען.

אין דער קיך אויף אַ טאַבורעטקע שטייט אַ טעפּעלע הריקענע קאַשע, הערמעטיש פאַרמאַכט מיטן דעקל און איינגעוויקלט אין אַ וואַטאָווער קורטקע, קעדיי די קאַשע זאָל גוט דורכפּריען און האַלטן וואַרעמקייט. אויף דער פּליטע שטייען שוין פון לאַנג פאַרטיק צוויי אַנדערע געריכטן, וועלכע מע דאַרף נאָר אונטערוואַרעמען. ער גרייט זיך, דער טאַטע, צו דער וועטשערע מיט דער טאָכטער, ווי צו אַ פאַרגעניגן, וואָס מע האָט ערלעך פאַרדינט נאָכן לאַנגן טאָג, ווען מע איז געווען צעשיידט. מע רעדט זיך דורך אַ ביסל, מע דערציילט איינער דעם אַנדערן די טאָג־נייַעס.

— איצט ווערסטו, טאָכטער מייַנע, אינגאַנצן שוין פאַרזייַערט ווערן, — האָט דער טאַטע אַ לאַך געטאָן, ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז מע לאַדט זי אייַן אַרבעטן אין סאָבעס. — ווער ווערסטו דאָרטן זייַן?

— אַן אינספּעקטאָר. ווען דו וועסט אַוועקגיין אויף דייַן פאַרדינטן אָפּרו, וועסטו מיט אַלע פראַגעס וועגן דער פּענסיע קומען צו מיר, — האָט דאַרע אויך אַ לאַך געגעבן.

— מיינסט דאָס טאַקע ערנסט? כאָטש עפּשער איז דאָס גאָרניט אַזוי שלעכט, — האָט דער טאַטע אָנגעהויבן זיך קווענקלען. — דער סאָבעס איז נאָענט פון אונדזער שטוב, דו וועסט ניט דאַרפן פאָרן מיטן אויטאָבוס. און אַן אינספּעקטאָר איז אַן אינספּעקטאָר, ס'קלינגט ווי אַ דאָקטער. וויפל קאָן מען סמאָטשקען די „יאַגעדע"? אָבער מע וועט דיך פון דאָרטן אָפּלאָזן? ביסט דאָך אַ זאַווקאָם — אַן אויסגעוויילטע פּערזאָן.

— ס'וועט אַלץ זייַן רעכט, טאַטע, אויב נאָר איך אַליין וועל וועלן.

— באַטראַכט זיך גוט, דאַרע. — און אַזוי, ווי שטענדיק, נאָכדעם, ווי זי האָט אָפּגעגעסן, האָט ער געפרעגט: — ס'איז געווען געשמאַק?

די גרעסטע לויב איז פאַר אים, ווען זי זאָגט, אַז ער וואָלט געקאָנט זייַן אַ קעכער אין אַ בעסטן רעסטאָראַן.

2

אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש אַלפּיאָראָוו, דער ערשטער סעקרעטאַר פון שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, האָט זייַן היוכן פאָסט פאַרנומען סאַכאַקל מיט אַ דרייַ פערטל יאָר צוריק. פריִער האָט ער געאַרבעט אין מאָסקווע. ער איז פאַרהעלטניסמעסיק נאָך יונג, אים איז 34 יאָר. די ביִאָגראַפיע זייַנע, גאָר אײַנקורצן, איז אַזאַ. ער האָט פאַרענדיקט אַ מיטלשול, אַן אינסטיטוט, געווען אַ געוויינלעכער אינזשעניער אויף אַ זאַוואָד, אויסגעוואַקסן דאָרטן ביז אַ הויפּט־אינזשעניער, שפּעטער האָט מען אים אויף דער זעלבער אונטערנעמונג אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם. לעצטנס האָט ער געלערנט אין דער אַקאַדעמיע פון געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן. דער איינציקער „פּלעק" אין זייַן ביִאָגראַפיע איז דאָס, וואָס ער איז ביז איצט נאָך ניט קיין כאַסענע געהאַט. מע האָט אים אין אַ שפּאַסיקער פאָרם אַפילע אָנגעוויזן אויף דעם:

— שוין צייַט... אַן אָנפירנדיקער טוער דאַרף זייַן אַ באַווייַבטער, האָבן אַ מישפּאָכע, דערציִען קינדער, עס זאָל זייַן, פון וועמען צו נעמען אַ מוסטער אין פאַמיליען־לעבן.

אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט אויך געהאַלטן, אַז ס'איז שוין צייַט, און דאַרע יעפּימאָוונע איז אויפן צענטן געדאַנק ניט געקומען, אַז דער „ערשטער" האָט זי באַמערקט און אויסגעטיילט ניט נאָר פאַר איר שאַרפער רעדע אויף דער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ער איז בייַגעווען. ער איז געזעסן אין פּרעזידיום, געקוקט פון דער זייַט אויף איר פּראָפיל, געזען נאָר איין באַק אירע — זי איז געווען זייער כיינעוודיק, די באַק, אַ באַדעקטע מיט אַ צאַרטער רויטלעכקייַט אויף דער טונקעלער הויט. אַ פּאָר מאָל האָט די רעדנערן אויסגעדרייט זיך דירעקט צו אים און דאַן האָט ער געזען זי אין „אַנפאַס" — זייער אַ שיין געזיכט מיט אַן אויסדרוק פון אָפּנהאַרציקייַט און אַנטשלאָסנקייַט צוזאַמען. די אויגן — טיפע, קלוגע און הייסע, פון זייער הייסקייַט איז אים אויך געוואָרן אַ ביסל הייס.

— צום ערשטן מאָל, — האָט זי געזאָגט, — זעען מיר אויף אונדזער קלײנער אונטערנעמונג דעם ערשטן סעקרעטאַר. זאָל עס זייַן ניט צום לעצטן מאָל. — און זי האָט אים אַוועקגעלייגט אַ צעטל פאַקטן, וועלכע באַווייַזן, אַז אין שטאָטקאָם גיט מען ניט אָפּ גענוג אויפמערקזאַמקייַט, מע אינטערעסירט זיך קנאַפּ מיטן לעבן פון זאַוואָדישן קאָלעקטיוו, ביפּראַט מיטן פּראָפאַריין. פון צייַט צו צייַט קומט אַן אינסטרוקטאָר, נעמט צונויף יעדיִעס און גייט אַוועק.

ווען זי האָט נאָך דער אַרויסטרעטונג אַוועקגעזעצט זיך אַף איר פריערדיקן אָרט אין פּרעזידיום, האָט דער דירעקטאָר פון זאַוואָד וואַסילי אַלעקסאַנדראָוויטש אײַנגערוימט איר אין אויער:

— איך האָב געמיינט, אַז ער וועט דיך איבערשלאָגן. ביסט צופיל פאַרקראָכן מיט טײַנעס און פּרעטענזיעס, אָבער ער איז, דוכט זיך, געבליבן צופרידן...

נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש געשמועסט מיט די אַרבעטער און מיט די אָנפירער פון זאַוואָד, ער האָט אויך גערעדט מיטן פאַרזיצער פון זאַווקאָם דאַרע יעפימאָוונען. ער האָט, ווײַזט אויס, ניט געוואָלט אַזוי גיך זיך צעשיידן מיט איר, און בײַסן געזעגענען זיך, האָט ער אַ לענגערע ווײַלע פאַרהאַלטן איר האַנט אין זײַנער, ניט געײַלט זיך אַרויסצולאָזן זי, די האַנט.

— אײַער קריטיק, — האָט ער געזאָגט, — האָב איך פאַרגעדענקט, און ביכלאַל...

וואָס „ביכלאַל" האָט ער ניט דערקלערט, נאָר לויטן וואַרעמען קוק פון די אויגן אונטער די שיטערלעכע ברעמען און לויטן גאַנצן אויסזען פונעם פּנים, וואָס האָט אין אָט דער רעגע עפּעס באַזונדערס העל אַ לויכט געטאָן, וואָלט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז דער „ביכלאַל" איז פון וויכטיקן באַדײַט און האָט אַ שײַכעס צו אים, עפּשער אויך צו זיי ביידן.

— אַ גאַנץ לאַנגע צײַט, עטלעכע כאָדאָשים, האָט זי אים ניט געזען, נאָר אין איינעם אַ טאָג — זי האָט שוין דאַן געאַרבעט אין סאָבעס — האָט ער זיך באַוויזן אין אָט דעם אַנשטאַלט. ער איז געפאָרן אין זײַן מאַשין פאַרבײַ דעם סאָבעס און פלוצעם געבעטן דעם שאָפער זיך אָפּשטעלן. די סאָבעס־איניאַנים האָט ער איצט ניט געהאַט אין זינען, נאָר ס'האָט אים אַ ציִ געטאָן אַהער. ער איז אַרײַן אין וועסטיביול, ווּ עס איז געשטאַנען אַ טישל, פאַרשפּרייט מיט אַ בויגן פּאַפּיר, אַ פאַרפלעקטן מיט טינט. אַן אַלטיטשקער איז געזעסן באַם טישל און מיט אַ ציטערנדיקער האַנט עפּעס געשריבן. נאָכן וועסטיביול האָט זיך אַף רעכטס און לינקס אַוועקגעצויגן אַ שמאָלער קאָרידאָר מיט שילדלעך אַף די טירן. אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט געפונען דאָס שילדל: „אינספּעקטאָר פון דריטן באַצירק ד. יע. פרומקינא" און איז אַרײַנגעגאַנגען אין צימער.

דאַרע איז געווען פאַרטאָן מיט איינעם פון אירע פּענסיאָנערן, און ניט אַ קוק געבנדיק, האָט זי געוואָלט בעטן דעם אַרײַנגעקומענעם צוואַרטן הינטער דער טיר. זי האָט אופגעהויבן די אויגן, און די טונקעלע באַקן אירע האָט טייקעף באַדעקט אַ רויטקײַט נאָך שטאַרקער, ווי דאַן, ווען זי איז אַרויסגעטראָטן אַף דער פאַרזאַמלונג אפן זאַוואָד, ווּ ס'איז בײַגעווען דער ערשטער סעקרעטאַר.

— אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, — האָט זי זיך אַ הייב אוף געטאָן אים אַנטקעגן, — איר זוכט אוואַדע דעם פאַרוואַלטער.

— איך וועל צו אים אויך אַרײַנגיין... אויב איר וועט דערלויבן, דאַרע יעפימאָוונע, וועל איך אַ ביסל זיצן בײַ אײַך... — און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם אַנדערן טיש, וואָס איז געווען פרײַ, ווײַל דער אינספּעקטאָר פון צווייטן באַצירק איז אין אורלויב.

דער פּענסיאָנער, וועלכער איז געזעסן לעבן דאַרען, האָט אומצופרידן אַ זײַטל זיך געגעבן אפן פאַרשוין, וואָס האָט זיך באַזעצט אַנטקעגן. אויסקלאָרן אַן איניען איז בעסער, ווען מע איז אַליין און אַן אַנדערער שטערט ניט. דער אַנדערער האָט ניט געשטערט, ניט אַרײַנגעמישט זיך, נאָר די אינספּעקטאָרשע איז שוין געווען אַ ביסל צעטומלט און ניט אַזוי קאָנצענטרירט, ווי פריער.

— עס קומט מיר אַ צוגאָב צו דער פּענסיע. דרײַ צוגאָבן פאַר דרײַ כאָדאָשים האָב איך שוין פאַרלאָרן... — דער אַלטער האָט מיט אויסגעדאַרטע שטעקלדיקע פינגער, וועלכע בייגן זיך ניט, געלייגט אפן טיש איין ספּראַווקע נאָך דער אַנדערער. — אָט זעט, — האָט ער געטײַנעט, — אַלע ספּראַווקעס האָב איך, נאָר איינע פעלט. דאָרטן, ווּ איך האָב געאַרבעט פאַר דער מילכאָמע, איז דער אַרכיוו פאַרפאַלן געוואָרן. דאַרף איך דען דערפאַר לײַדן?

— עפּשער האָט איר אַ מענטשן, מיט וועמען איר האָט אין יענע יאָרן צוזאַמען געאַרבעט און ער קאָן זײַן אַן אײדעס? — האָט דאַרע געפרעגט.

— איך האָב געזוכט, געשריבן — קיינער איז ניטאָ. איך האָב שוין אַלעמען פון מײַנע אַמאָליקע באַקאַנטע איבערגעלעבט. אָבער איך האָב דאָרטן אָפּגעאַרבעט דרײַ יאָר, ווי איין טאָג. גלייבט מיר, איך זאָג קיין ליגן ניט.

— איך גלייב אײַך, ניקאָלײַ פּיאָדאָראָוויטש, נאָר איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז אָן אַ דאָקומענטאַלער באַשטעטיקונג וועגן סטאַזש, קאָן מען די פּענסיע ניט העכערן.

— מײלע, כאַפּט עס דער רוּעך! — ניקאָלײַ פּיאָדאָראָוויטש האָט אַ דערצאָרנטער אופגעהויבן זיך פונעם בענקל. — וועט זײַן מיטן צענערל ווייניקער.

— אײַלט זיך ניט. אויב אײַך קומט, דאַרפט איר קריגן. — האָט די אינספּעקטאָרשע דערקלערט. — מיר וועלן אײַער איניען אויסקלאָרן. נאָר אײַך וועט אויסקומען אויסוואַרטן. איר האָט אין שטוב אַ טעלעפאָן?

— צום באַדויערן, נאָך ניט. איך וויל טאַקע דעם סאָבעס בעטן, ער זאָל העלפן אײַנשטעלן בײַ מיר אַ טעלעפאָן.

— דאָס קאָן איך אײַך ניט צוזאָגן, ס'איז ניט אין מײַן קאָמפּעטענץ, — האָט זי געענטפערט, און אין זיך א טראכט געטאָן, אז זי רעדט, ווי א ביוראָקראַטקע, אָבער וואָס נאָך האָט זי געקאָנט ענטפערן אים?

— איך ווייס, אז איר קאָנט ניט, ס'האָט מיר צוגעזאָגט דער וואָיענקאָמאַט, און ער קאָן אויך ניט. איך שטיי אין אָטשערעד...

ס'האָט ניט באוויזן ארויסגיין דער פּענסיאָנער, ווי ס'איז אריינגעגאנגען נאָך א מענטש — א יונגע פרוי אין אן אָראַנזשעווע קורטקעלע, בלויע דזשינסן און געלע שטיוועלעך מיט קורצע כאָליעווקעס — ס'האָט פון די פארשיידענע העלע קאָלירן געשווינדלט ווי פון א קאָלירטן טעלעוויזאָר. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אפן באפרײַטן בענקל און באצײַטנס ארויסגענומען פונעם לאַקירטן גרויסן בײַטל א באטיסטן טיכעלע צו ווישן די טרערן.

— מע רופט מיך איא סעראַפימאָווגא קאָלאשניקאָווא, — האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, — שוין א יאָר צײַט, ווי מײַן מאמע האָט אָנגעגעבן א מעלדונג, אז זי וויל גיין אין פּאנסיאָנאט פאר אלטע לײַט, ס'וועט איר דאָרטן זײַן היימלעכער צווישן אירס גלײַכן, נאָר ביז איצט האָט זי ניט געקראָגן קיין ענטפער...

— אײַער מוטער לעבט מיט אײַך?

— נו, יאָ. אין איין קליינצימערדיק דירעלע — איך און וואָלאָדיע, מײַן מאן, און זי, די מאמע. ס'קומט אָן די נאכט, האָט ניט די מאמע, וווּ זיך אהינצוטאָן, און מיר אויך ניט. דער מאן מײַנער, וואָלאָדיע, זאָגט, אז ער וועט אוועקגיין. ס'צעפאַלט זיך א יונגע פאמיליע... איר פארשטייט? און פון פּאנסיאָנאט איז אַלץ ניטאָ קיין פּאָזיטיווער ענטפער.

— א צײַט, ווי איר האָט כאסענע געהאַט? — האָט דאָרע געפרעגט.

— א יאָר, ווי מיר מוטשען זיך... די מאמע האָט אָנגעגעבן איר מעלדונג גלײַך, ווי מיר האָבן כאסענע געהאַט. אנדערש האָבן מיר זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז מע וועט איר געבן אן אָרט.

— איר האָט ניט געפונען קיין אנדערן אויסוועג אײַנצואָרדענען אײַער לעבן, ווי ארויסצושטויסן די אייגענע מאמע? — האָט זיך ארײַנגעמישט אנאטאָלי אלעקסייעוויטש.

— איך רייד דאָך ניט מיט אײַך, נאָר מיטן אינספּעקטאָר, שטערט אונדז ניט! — די פײַכטע אויגן בא איא סעראַפימאָווגע זײַנען געוואָרן טרוקן, אזוי ווי טרוקענער פּולווער, און זיי האָבן זיך אָנגעצונדן. — איך וועל גיין אין שטאָטקאָם!

זי איז נאָך געזעסן א היפשע ווײַלע און געטײַנעט, דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אין גרימצאָרן ארויסגעגאנגען, א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר.

א דריטער באזוכער האָט ארויסגערופן א שמייכל בא דאָרע יעפימאָווגען און אנאטאָלי אלעקסייעוויטשן.

— אזא שיינע אינכּפּעקטאָרשע איז נאָך בא אונדז ניט געווען, — האָט ער אָנגעהויבן פון א קאָמפּלימענט. — ווען איך זאָל זײַן כאָטשבי נאָר אף א העלפט יינגער, וואָלט איך זיך פארליבט, אָבער אז מע שיקט מיך גאָר אף א קאָמיסיע אין וועטק[1]. — ער האָט דאָרען דערלאנגט א געדיכט פארשריבענעם בויגן פּאפּיר מיט א סאך אונטערשריפטן און א גרויסן שטעמפּל. — דאָ זײַנען ארויסגעשטעלט דעם כאָסנבאָכערס אלע מײַלעס, און איך דארף בא אײַך נעמען דאָס קוויטל צו דער כאָסענע. — ער האָט גערעדט פריילעך, האָפּערדיק. ער האָט אײַנגעקוקט זיך אינעם באגילדעטן זייגערל אף דאָרעס האנט, א קוק געטאָן אפן אייגענעם האנטזייגער און ווי ס'וואָלט געטראָפן א גרויסער אומגליק, הויך א קרעכץ געטאָן:

— ער לויפט דאָך בא אײַך! גיט מיר אים און איך וועל אים אײַנרעגולירן, — ער האָט זיך א צי געטאָן מיט דער האנט צום זייגערל.

— מע דארף ניט, — האָט דאָרע געשמייכלט. — זאָל בעסער לויפן, וועל איך ווייניקער פארשפּעטיקן.

— בא אן אינספּעקטאָר טאָר ניט לויפן, עס דארף זײַן פּינקטלעך צו דער סעקונדע. אויב איר ווילט ניט, אז איך זאָל שוין פאריכטן, בא מיר וועט עס געדויערן ניט מער, ווי איין מינוט, וועט איר מיר אים געבן אן אנדערס מאָל. ווייסט איר, וועמען איך בין אלע מײַנע יאָרן מעקאַנע? דעם זייגערמאכער, וואָס שפּירט נאָך, אז עס זאָלן גיין ריכטיק די קרעמליאָווסקע קוראַנטן.

ער האָט געוואָלט ארײַנלאָזן זיך אין א טיפערן געשפּרעך, נאָר דאָרע האָט אים שוין דערלאנגט דאָס צעטל, וואָס ער דארף, און ער האָט געמוזט אופהייבן זיך פונעם בענקל. ס'האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז ארײַן נאָך א באזוכער.

דערווײַל האָט מען זיך דערוווּסט, ווער עס זיצט באַם אינספּעקטאָר פון דריטן באצירק. אייניקע מיטארבעטער האָבן ארײַנגעקוקט מיט נײַגער אין דאָרעס צימער, א פּאָר זײַנען ארײַן, קעדיי צו

[1] מעדיצינישע ארבעטס־עקספּערטיזע.

נעמען קלוימערשט עפּעס אַ פּאַפּירל אָדער וועגן וואָס־ניט־איז זיך אָנפרעגן. דער פאַרוואַלטער פון סאָבעס קיריל סטעפּאַנאָוויטש איז גראָד ערגעץ אוועקגעגאַנגען, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט און מע האָט אים אָנגעזאָגט די נײַעס, איז ער אַן אויפגערודערטער אַרײַנגעלאָפן צו דאָרע יעפימאָוונעס, זײַענדיק זיכער, אַז דער כּאַשעוורער גאַסט זיצט בײַ איר, ווײַל דעם פאַרוואַלטערס קאַבינעט איז פאַרשלאָסן.

— אַנאַטאָלי אַלעקסײעוויטש! — האָט ער אויסגערופן. — אַ צײַט וואַרט איר שוין? איך בין געווען אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט. מיר האָבן דאָרטן דורכגעקוקט די צעטלען פון די מילכאָמע־וועטעראַנען... ביטע, קומט צו מיר אַרײַן אין קאַבינעט, אָדער עפּשער דאַרף מען צונויפרופן אַ פאַר־זאַמלונג?

דער גאַסט האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג.

— צוליב וואָס אַזוי ראַפּטום? אַ פאַרזאַמלונג דאַרף מען דאָך צוגרייטן. איך בין אַרײַן נאָר אויף אַ ווײַל, פאַרבײַפאָרנדיק.

„צוליב וועמען זשע און צוליב וואָס ביסטו געקומען, אויב ניט דורכצורייִדן זיך מיט מיר, אַ שמועס טאָן מיט די מיטאַרבעטער, אַ קוק טאָן אין די צימערלעך, ווו מיר אַרבעטן אין אַ גרויסער ענגשאַפט... צי דען זשע נאָר צוליב אונדזער נײַער שײַנינקער אינספּעקטאָרשע?" — האָט אַ קלער געטאָן קיריל סטעפּאַנאָוויטש, און דער „ערשטער" האָט פאַרשטאַנען, איבערגעלייענט זײַן געדאַנק און זיך דערפילט אין אַ געוויסער פאַרלעגנהייט. „איך האָב זיך נאָך ניט אויסגעלערנט אויסמעסטן יעדן טראָט מײַנעם, אָפּוועגן יעדע קלענסטע טוונג... ניט געדאַרפט אינמיטנדערינען אַרײַנקומען אַהער", — האָט אַנאַטאָלי אַלעקסײעוויטש געהאַט אַ פאַרדראָס אויף זיך.

אין סאָבעס האָט ער זיך פאַרהאַלטן נאָך אויף אַ גאַנצער שעה. די צײַט איז ניט געווען אַרויסגע־וואָרפן. ער האָט זיך נעענטער באַקאַנט מיטן אַנשטאַלט, וואָס איז זייער אַ פילבאַרער נערוו אין שטאָט און אין גאַנצן ראַיאָן. אָבער אַזעלכע וויזיטן, האָט ער געטראַכט, טאָרן ניט געמאַכט ווערן „אויסערן גראַפיק", ווען דו פאַרבלאָנדזשעסט צופעליק, בײַם דו פאָרסט גאָר אין אַן אַנדער אָרט. אויב איך וויל זיך זען מיט אַ מענטשן צוליב מײַנע פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייטן, קאָן איך דאָך קומען צו אים אַהיים.

אַנאַטאָלי אַלעקסײעוויטש האָט געוואָלט בײַ דאָרען נעמען איר שטוביקן טעלעפאָן, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן דערפון, ווײַל בײַסן געזעגענען זיך, זײַנען געשטאַנען נאָך מענטשן.

דאָס גאָר קורצע שטיקל צײַט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט בײַ דאָרען אין צימער, איז דורכגע־לאָפן בײַ אים זייער גיך. ס'איז געווען אַזוי אָנגענעם צו זיצן אַנטקעגן און קוקן, און הערן, ווי זי רעדט. ס'איז אים געפעלן געווען איר האַלטונג, איר אויסזען, איר קאָל.

„שווער איז צו זײַן אַן „ערשטער" און... און פּלוצעם פאַרליבן זיך... צי דען בין איך טאַקע פאַרליבט?" — האָט אַנאַטאָלי אַלעקסײעוויטש געקלערט, פאָרנדיק אין דער מאַשין און פילנדיק זיך, ווי אַ נאַרישער, פאַרכאָלעמטער, פאַרטרוימטער באָכער.

3

אַ דרײַשטאָקיקער רויט־געפאַרבטער מויער מיט ווײַסע קאָלאָנעס און הויכע טירן שטייט אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט, אויפן לענין־פּלאַץ. אין אָט דעם בנין איז אַנאַטאָלי אַלעקסײעוויטשעס קאַבינעט מיט אַ גרויסן שרײַבטיש בײַ דער פאָדערשטער וואַנט און מיט אַ צוגעשטעלטן צו אים טיש אין דער לענג פון גאַנצן צימער. דער דאָזיקער פײַן־אויסמעבלירטער גראַמער און ליכטיקער קאַ־בינעט איז דאָס הייסטע, דאָס קאָכיקסטע אָרט אין שטאָט, כאָטש אָפּטער פון אַלץ רעדט מען דאָ אײַנגעהאַלטן און שטיל, זעלטן־ווען מע העכערט דאָס קאָל. מע קומט אַרײַן אַהער אין אַ יאָמטעווו־דיקער שטימונג — באַקומען פון די הענט פונעם ערשטן סעקרעטאַר אַ פּאַרטיי־בילעט; מע קומט אַרײַן אין אַ שטימונג אַ געדריקטער — צי וועט ניט אויסקומען דאָס רויטע ביכעלע אַוועקלייגן אויפן טיש? ס'איז ניטאָ אַזאַ געשעעניש אין שטאָט און אין ראַיאָן, וואָס זאָל ניט האָבן אַ שײַכעס צום ערשטן סעקרעטאַר. אַ מעלקערין פון קאָלווירט האָט אין מעשעך פון יאָר אָנגעמאָלקן צו פיר טויזנט ליטער מילך פון אַ בעהיימע, פילט זיך דאַן אַנאַטאָלי אַלעקסײעוויטש, ווי מע וואָלט אים אונטערגע־טראָגן אַ גלאָז וואַרעמע „היימישע" מילך און צוגעוווּנטשן: „טרינקט געזונטערהייט!"; אויפן הויזבוי־קאָמבינאַט האָט מען פאַרפולקומט די פּאַנעלן, וועלכע דער קאָמבינאַט לאָזט אַרויס, די נײַע הײַזער וועלן האָבן אַ בעסערע פּלאַנירונג, — איז אַזויווי ער אַליין, דער ערשטער סעקרעטאַר, וואָלט גע־האָפט צו קריגן אַן אָרדער אויף אַ דירע מיט דער אויסגעבעסערטער פּלאַנירונג; ס'פרייט אַ לעקציע, וואָס עס האָט דורכגעלייענט אַ לעקטאָר פון דער געזעלשאַפט „זנאַניִע" און וואָס האָט אַרויסגערופן באַם עולם אַן אינטערעס; ס'פרייט אַ קינסטלערישע אויסשטעלונג, וועלכע עס האָט אײַנגעאָרדנט

די שטאָטישע ניט־גרויסע אָפּטײלונג פֿון קינסטלער־פֿאַרײן; און ס׳זײַנען פֿאַראַן פֿאַרדראָסן, און אַג־מעסנעפּעש, און זאָרגן — זאָרגן אָן א שיר. אַלגעמײנע, אַזוי צו זאָגן, „גלאָבאַלע" זאָרגן אין מאַס־שטאַב פֿון דער שטאָט און ראַיאָן אײַנגאַנצן גענומען, און קלענערע, װעלכע רירן נאָר אָן א הײַפֿעלע מענטשן, אָדער בלויז אײן מענטשן.

אין שטאָטקאָם, און פֿריִער און מער פֿון אַלץ, צום ערשטן סעקרעטאַר, װענדט מען זיך זײער אָפֿט מיט פֿראַגן, װעלכע עס דאַרפֿן דערלײזן אַנדערע אַנשטאַלטן, נאָר יענע טוען עס ניט, אָדער טוען ניט אין דער געהעריקער מאָס און װי ס׳באַדאַרף צו זײַן, דאַן זײַנען געצװוּנגען די, װאָס נײטיקן זיך אין הילף, צו גײן אין דער העכערער אינסטאַנץ. אַנאַטאָלי אַלעקסײעװיטשעס באַהעלפֿערן, די סעקרעטאַרשע לױדמילע פּיאַדאַראָװנאַ, האָט פֿריִער געאַרבעט באַם געװעזענעם סעקרעטאַר װאַסילי אַנדרײעװיטשן און זי האָט שױן געװוּסט די מענטשן, װאָס טאָרן ניט װאַרטן אין אױפֿנאַם־צימער אַן איבעריקע מינוט, אָדער װען זײ קלינגען אין טעלעפֿאָן, דאַרף מען זײ טײקעף פֿאַרבינדן מיטן „ערשטן", און עס זײַנען געװען אַזעלכע, װעמען מע מעג זאָגן, אַז ער איז ניטאָ און װעט ניט זײַן, ער איז אַװעקגעפֿאָרן און ס׳איז אומבאַװוּסט, װען ער װעט זיך אומקערן, בײַס װאַסילי אַנדרײעװיטש זיצט בא זיך אין קאַבינעט.

באַם נײַעם „ערשטן" איז אַװעק אַנדערש. ער האָט געבעטן לױדמילע פּיאַדאַראָװנען, אַז קײן ליגנס זאָל זי ניט זאָגן און קײן אױסנאַמען ניט מאַכן. ער האָט ברײטער געעפֿנט די טיר פֿאַרן „זײַטיקן" אױלעם, און אױב ער האָט נאָר די קלענסטע מעגלעכקײַט, א פֿרײַע מינוט, רעדט ער מיט א מענטשן זיך דורך, קלאָרט אױס יענעמס אַניִען און באַמיט זיך מאַמאַשעסדיק צו העלפֿן.

„מיר װעלן זען, װי לאַנג װעסטו אױסהאַלטן אַזאַ העכסט־דעמאָקראַטישע פֿירונג. אױב ס׳װאָלטן געװען ניט פֿיר און צװאַנציק שאָ, נאָר פֿופֿציק שאָ אין א מעסלעס, װאָלטן זײ דיר אױך ניט געסטײַעט אױפֿצונעמען און אױסצוהערן אַלעמען", — האָט מיט באַדױערונג און א ביסל אױך מיט בײזקײַט געקלערט לױדמילע פּיאַדאַראָװנע, זעענדיק, װי אַנאַטאָלי אַלעקסײעװיטש האָט אָפּטמאָל ניט קײן צײַט אָפּצועסן װאַרמעס.

אײנער פֿון די גרעסטע פֿאַרדראָסן בא אַנאַטאָלי אַלעקסײעװיטשן פֿונעם ערשטן טאָג, זינט ער האָט פֿאַרנומען זײַן פּאָסט, איז טאַקע דאָס, װאָס ער װערט פֿאַרפֿלײצט מיט ביטעס, אַנקלאָגעס, בריװ פֿון אָט די „זײַטיקע" מענטשן. אױפֿן פּאַרטײ־אַקטיװ האָט ער אָנגערופֿן לױט דער פֿאַמיליע יעדן טוער פֿון שטאָטסאָװעט, אָנפֿירער פֿון אַן אַנשטאַלט, אונטערנעמונג, װעלכער האָט צוגעזאָגט און ניט אױס־געפֿילט, געצװוּנגען מענטשן אומלױפֿן פֿון אײן אינסטאַנץ אין דער אַנדערער. די טוער האָבן פֿאַר זײער גלײַכגילטיקער און ביוראָקראַטישער באַציִונג צו מענטשנס נױטן און גערעכטע פֿאָדערונגען, געקראָגן שטרענגע אױסרײדן, צװײ האָט מען אױסגעשלאָסן פֿון פּאַרטײ און אַראָפּגענומען פֿון דער אַרבעט. קײן גרינטלעכע פֿאַרבעסערונג איז אָבער דערװײַל ניט צו זען. בריװ מיט אַנקלאָגעס הערן ניט אױף אָנצוקומען, און דאָס לאַנגע צעטל פֿון די, װעלכע פֿאַרשרײַבן זיך אױף אַן אױפֿנאַם, פֿאַרקירצט זיך ניט.

אָט ליגט א היפּש פּעקל בריװ אױפֿן שרײַבטיש. אױפֿן אַנדערן, קלײן טישל, װאָס שטײט פֿון רעכטס צוגעשפּאַרט צום שרײַבטיש, גלאַנצן מיט זײערע פֿאַרשײדענע קאָלירן דרײַ טעלעפֿאָנען. דער העל־װײַסער טעלעפֿאָן פֿאַרבינדט דירעקט מיט מאָסקװע, ער קלינגט ניט גאָר אָפֿט, סאַכאַקל א פּאָר מאָל אין טאָג. א בלױ אַפּאַראַטל פֿאַרבינדט מיטן געגנטלעכן צענטער און מיט די ײשוּװים אין ראַיאָן. און ס׳איז פֿאַראַן א געדיכט־רױטער, בײַכיקער טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט, ער איז דער גרעסטער האָרעפּאַש־ניק, ער איז פֿון דער שטאָטישער אַטס (אױטאָמאַטישער טעלעפֿאָן־סטאַנציע). אין אים קלינגט מען א סך אָפֿטער, װי פֿון יענע צװײ, ביז שפּעט אין אָװנט, ניט זעלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ס׳איז געװען אַכט אַזײגער אין אָװנט, נאָך א זיצונג פֿון דער ביוראָ. די זיצונג איז געװען א הײסע, װי אַלע זיצונגען, װעלכע קומען פֿאָר יעדע װאָך, דאָנערשטיק, אין שטאָטקאָם, א זיצונג מיט פֿראַגן פֿונדאַמענטאַלע און „לױפֿנדיקע", מיט לענגערע און קורצע דעבאַטן און קאַטעגאָרישע באַ־שלוסן. נאָך דער זיצונג זײַנען די ביוראָ־מיטגלידער אַװעקגעגאַנגען, אַנאַטאָלי אַלעקסײעװיטש איז געבליבן אַלײן אין קאַבינעט. ער האָט זיך אױפֿגעהױבן פֿון שטול, צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, פֿאַנאַנ־דערגענומען די צװײ העלפֿטן פֿון דער שטײַפֿער גרינער גאַרדינע א קוק צו טאָן אין דרױסן. אַנט־קעגן פֿענצטער האָבן צװײ פּראָזשעקטאָרס איבערגעקרײצט זײערע העלע בינטלעך שטראַלן און באַ־לױכטן לענינס בראָנדזענעם ביוסט, און די בלומען, װעלכע ליגן צופֿוסנס באַם פּאָסטאַמענט. באַלױכטן איז אױך דער לאָזונג אױפֿן פֿראָנטאָן פֿונעם פֿינפֿשטאָקיקן מױער אױף דער אַנדערער זײַט פֿונעם פּלאַץ Решения съезда КПСС — выполним! (די באַשלוסן פֿונעם צוזאַמענפֿאָר פֿון קפּסס װעלן מיר אױספֿילן!). ס׳גלאַנצן די סטענדן מיט פּאָטאָגראַפֿיעס פֿון די פֿאָרגעשריטענע מענטשן אין שטאָט און אין ראַיאָן. די בלױע יעלן לענגױס דעם פֿאַסאַד פֿון דער געבײַדע פֿון שטאָטקאָם און די לינדנבײמער פֿאַזע דעם אַנטקעגנדיקן פֿינפֿשטאָקיקן װױנונגס־הױז קוקן אין דער ליכטיק אײנע אױף די אַנדערע, װי מע װאָלט זיך געזאָגט: „גוטן־אָװנט". ס׳איז װירקלעך געװען א גוטער, א שײנער

אָונט אין רוטשאַנסק, ווען דער פֿרילינג פֿרילינגט שוין ניט נאָר באַטאָג, בײַס עס שײַנט די זון, נאָר אויך אין אָוונט און באַנאַכט, ווען עס פֿרעסטלט נאָך אונטער, די באַטאַגיקע קאַליוזשעס פֿאַר־האַרטעווען זיך און פֿאַרציִען זיך ווידער מיט טונקעלע, קלינגענדיקע אונטער די פֿיס הײַטלעך אײַז. אָבער דער הימל, און די לופֿט, און די נאַקעטע נאָך ביימער טראָגן שוין אין זיך דעם פֿרילינג.

נאָכן לאַנגן אַרבעטסטאָג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גאַנצפֿרי און האָט זיך געצויגן ביז איצט, א טאָג מיט איניאַנים, וואָס זײַנען געוואָרן געלייזט, און נאָך מער אַזעלכע, וואָס דאַרפֿן געלייזט ווערן, א טאָג מיט באַגעגענישן מיט פֿאַרשיידנסטע מענטשן, טוער פֿון קאָלערליי אַמטן און פּראָפֿעסיעס, באַ זיך אין קאַבינעט און אויסערן קאַבינעט, א טאָג אָן איין פֿרײַער שפּאַרונקע, ווען מע קאָן א קלער טאָן וועגן עפּעס־וואָס זײַטיקס, פֿערזענלעכס, איז אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש איצט געשטאַנען א לענגערע ווײַלע באַם פֿענצטער, דערנאָך זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק לענגויס דעם לאַנגן טיש אין צימער, איין מאָל און א צווייט מאָל געוואָרפֿן א קוק אויפֿן רויטן טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט, דעם האַרפּאַשניקל, וואָס קלינגט אָפטער פֿון די אַנדערע טעלעפֿאָנען אין קאַבינעט. איצט האָט עס גע־שוויגן. אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט זיך פֿאַרקוקט אויף אים, ווי אויף א לעבעדיקן וועזן, אָנגעבויגן זיך צו אים, א ביסל געטראַכט און איבערגעטראַכט, און אָנגעקלונגען אין דער ספּראַוואָטשנע, גע־פֿרעגט דעם טעלעפֿאָן־נומער פֿון דאָרע יעפֿימאָוונע פֿרומקינע. אין א מינוט אַרום האָט מען אין פֿרומקינעס דירע דערהערט א קלונג. דאָס טרײַבל האָט גענומען יעפֿים סאָלאָמאָנאָוויטש.

וויפֿל מאָל דאָרע האָט געבעטן דעם טאַטן, אַז ווען מע רופֿט זי צום טעלעפֿאָן זאָל ער ניט פֿרעגן, ווער עס רופֿט, קאָן ער זיך ניט אײַנהאַלטן און פֿרעגט יאָ. אַזוי איז געווען אויך איצט.

— אַנטשולדיקט... ווער רופֿט זי?

— אַלפֿיאָראָוו.

— נעם דאָס טרײַבל. עס דאַרף דיך עפּעס אַן אַלפֿיאָראָוו, — האָט דער טאַטע אָנגעזאָגט דער טאָכטער, וועלכע איז געזעסן באַ זיך אין צימער און געלייענט א ביכל.

אין שטאָט זײַנען פֿאַראַן עטלעכע אַלפֿיאָראָווס, און דאָרען איז גאָר ניט געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז דאָס קלינגט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש. זי איז געוואָרן זייער צעטומלט, ווען זי האָט דערהערט זײַן קאָל.

— דאָרע יעפֿימאָוונע, איר רוט אַוועדע אָפּ, און איך וויל אײַער רו צעשטערן...

— ס׳האָט עפּעס געטראָפֿן, אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש?

אַנדערס האָט זיך באַ איר ניט געלייגט אויפֿן סייכל, ווי נאָר דאָס, אַז ס׳איז געשען עפּעס אויסער־געוויינלעכס און אַליין דער „ערשטער" רופֿט עקסטרע צונויף פֿאַרשיידענע טוער אין שטאָטקאָם. קיין אָנגעזעענע טוערן איז זי ניט, אָבער צום אַקטיוו געהערט זי א ביסל.

— ניין, דאָרע יעפֿימאָוונע, — האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש זי באַרויִקט. — ס׳האָט גאָרניט געטראָפֿן. פֿאַרקערט, ס׳איז א רויִקער, שטילער און שיינער אָוונט און... און עפּשער האָט איר כיישעק דורכשפּאַצירן זיך אין גאַס...

א ווײַלע האָט דאָס טרײַבל געשוויגן, דערנאָך האָט זיך ווידער געהערט דער זעלבער קאָל, אָבער אַזויווי אין א געוויסער פֿאַרלעגנהײַט. — אַליין איז אַומעטיק. אויב איר זײַט פֿרײַ, איז לאָמיר זיך דורכגיין צוזאַמען.

— מיט פֿאַרגעניגן, אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, נאָר...

— וואָס „נאָר"?

זי האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס „נאָר". שפּעט אין אָוונט איז נאָך ניט געווען, דער וועטער איז א גוטער, דער „קאַוואַלער" — אויך א גוטער. דער „נאָר" איז עפּשער אין איין זאַך — צו אומ־געריכט, צו אומדערוואַרט און... מע וועט דאָך קוקן אויף אונדז, — האָט זי א טראַכט געטאָן. — אַלע ווייסן אים, און מיך קענען אויך אַלע. נו, איז וואָס? — האָט זי טייקעף דערווידערט זיך אַליין.

איר שווײַגן א ווײַלע האָט ער אויפֿגענומען, אַז זי איז מאַסקים.

— האָבן מיר זיך צונויפֿגערעדט, — האָט ער געזאָגט. — אין א האַלבער שאָ אַרום גיי איך אַרויס פֿון שטאָטקאָם און וועל זײַן אויפֿן פּלאַץ, לעבן די סטענדן מיט די פֿאָטאָגראַפֿיעס.

זי האָט אַפֿגיך גענומען זיך אָנטאָן. ווי זי האָט ניט געײַלט, האָט זי פֿונדעסטוועגן באַם שפּיגל זיך פֿאַרהאַלטן, אָנגעטאָן אויפֿן קאָפּ איין היטעלע — א טונקל־בלויס, אָנגעטאָן א צווייטס — א קעל־טערס, אָבער א ליכטיקערס. אַזוי איז אויך געווען מיטן מאַנטל. פֿריִער האָט זי אָנגעטאָן דעם ווינ־טערדיקן, דערנאָך דעם דעמיסעזאָנעם, וואָס האָט צום ליכטיקן היטעלע מער געפּאַסט.

דער טאַטע איז געווען צעטומלט און פֿאַרכידעשט מער פֿון דער טאָכטער.

— וווּהין קלײַבסטו זיך אַזוי פּלוצעם? — האָט ער ניט געקאָנט פֿאַרשטיין. — ס׳דאַרף דיך עקסטרע א פּענסיאָנער?

— יאָ, טאַטע, א פּענסיאָנער. פֿאַרהאַלט מיך ניט. ווען איך וועל זיך אומקערן, וועל איך דיר אַלץ גענוי דערציילן.

פון דאָרעס הויז ביזן שטאָטישן פּלאַץ איז ניט ווײַט, און אַז מע גייט גיך, ווערט דער וועג נאָך נעענטער. פונדעסטוועגן, ווען זי איז געקומען, האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש שוין געוואַרט אױף איר. ער איז געווען צופרידן, וואָס קיינער האָט אים ניט פאַרהאַלטן, טעלעפאָן־קלינגערײַען זײַנען ניט געווען, און מוירע האָבנדיק, אַז אין דער לעצטער מינוט קאָנען זיי יאָ זײַן, איז ער אַרויס עטוואָס פריִער, געשטאַנען אין עק פּלאַץ בײַ די סטענדן, געקוקט אױף די פאָטאָגראַפיעס...

אַ צעהיצטע פון האַסטיקן גאַנג, איז דאָרע צוגעגאַנגען און אָוועקגעשטעלט זיך באַנאַנד מיט אים.

— איך האָב, דוכט מיר, פאַרשפּעטיקט און ס׳קומט מיר אַן אויסרייד, — האָט זי אַ שפּאַס געטאָן.

— אַזוי־ווי דאָס איז צום ערשטן מאָל, איז גענוג נאָר אַ וואָרענונג, — האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש אויך געענטפערט מיט אַ שפּאַס. — וווּהין זשע וועלן מיר גיין? — האָט ער געפרעגט. — ס׳זײַנען פאַראַן גאַסן, וווּ איך בין נאָך ניט געווען, איך בין דאָך אַ נײַער מענטש אין שטאָט.

— גיין אױף אַלע גאַסן וועט די נאַכט אונדז ניט סטײַען, — האָט דאָרע ווידער אַ לאַך געטאָן.

— נו, ניט אױף אַלע, נאָר אױף אַ פּאָר, — האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש אַרײַנגעטראָגן אַן אויסבעסערונג אין מאַרשרוט.

זיי זײַנען אַוועק איבער דער צענטראַלער גאַס — מאָסקאָווסקאַיאַ. אייניקע פאַרבײַגייער האָבן זיך אײַנגעקוקט אינעם פּאָרל, באַגריסט זיך מיט זיי און געגאַנגען ווײַטער, אַנדערע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ רעד צו טאָן. איינע אַ פרוי האָט געבעטן אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטשן אָפּגיין מיט איר אין אַ זײַט און גענומען אים דערציילן מיט טרערן אױף די אויגן:

— מײַן אייניקל, אַ ברעקל קינד, איז קראַנק אױף דיפטעריט. העלפט מיר, אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, איר מוזט מיר העלפן! דער דאָקטער האָט אויסגעשריבן אַ רעפּוּע, וועלכע קאָן דאָס קינד ראַטעווען. ס׳איז אַ נײַע שטאַרקע רעפּוּע, זייער אַ דעפיציטע. איך בין אויסגעווען אין אַלע שטאָטישע אַפּטייקן, אין ערגעץ איז די רעפּוּע ניטאָ, נאָר איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין דער אַפּטייק נומער נײַן אױף מאָסקאָווסקע איז זי דאָ, נאָר אַבי־וועמען גיט מען ניט אַפילו לויט אַ רעצעפּט... אַנטשולדיקט מיר, אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, וואָס איך פאַרהאַלט אײַך, נאָר איך בין אַ באָבע, און איר פאַרשטייט דאָך אַליין מײַן האַרצווייטיק...

אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט אַרויסגעריסן אַ בלעטעלע פון זײַן בלאָקנאָט און אָנגעשריבן, אַז ער בעט געבן די רעפּוּע. געשריבן האָט ער, האַלטנדיק צוגעשפּאַרט דעם בלאָקנאָט צו אַ באַלויכטענעם סלופּ. די פרוי האָט אָפּגעדאַנקט און איז אַוועקגעלאָפן. די אַפּטייק איז געווען אַנטקעגן. אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט אַ צי געטאָן דאָרען פאַרן אַרבל און ביידע זײַנען אַהין אַרײַן, זיי זײַנען געווען איידעס, וויאַזוי די באָבע, אַ גליקלעכע, אויב מע קאָן נאָר זײַן אַ האַרעלע גליקלעך אין איר צושטאַנד, האָט באַקומען פון די הענט פון דער פּראָוויזאָרשע דאָס קאַרטאָנדל מיט די אַרײַנגעפּאַסטע אין אים טײַערע טאַבלעטקעס. אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט געוואָלט זיך דורכריידן מיט דער פאַרוואַלטערן פון אַפּטייק, נאָר יענע איז ניט געווען, און די שטעלפאַרטרעטערן אירע האָט געזאָגט, אַז זי ווייסט גאַרניט, אַזוי האָט מען איר געהייסן — דעפיציטע רעפּוּעס אַרויסגעבן ניט לויט רעצעפּטן, נאָר לויט צעטעלעך.

— און שוין לאַנג איז בײַ אײַך אַזוי אײַנגעפירט?

— די גאַנצע צײַט, — איז גאַנץ רויִק זיך מודה געווען די שטעלפאַרטרעטערן. — וויבאַלד ס׳איז ניטאָ פאַר אַלעמען, דאַרפן דאָך זײַן בילכערע, — האָט זי אָפּנהאַרציק דערקלערט.

— איז די באָבע, וואָס איר אייניקל איז געפערלעך קראַנק, ניט צווישן די בילכערע? ווער באַשטימט בײַ אײַך, ווער ס׳איז בילכער, ניט אַ דאָקטער?

— דאָס ווייס איך ניט... — די פרוי אינעם ווײַסן כאַלאַט האָט אַלץ אַזוי רויִק אַ קנייטש געטאָן מיט אַן אַקסל, און אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש איז געוואָרן אויפגעקאָכט. דאָרע האָט צום ערשטן מאָל געזען, וויאַזוי ער זעט אויס, ווען ער איז אין כּעס. די לענגלעכע רויטלעכע באַקן זײַנען ניט געוואָרן נאָך רויטער, נאָר פאַרקערט, בלייך, אַ טונקעלער שאָטן האָט זיך אױף זיי געלייגט, די שיטערע ברעמען האָבן זיך צוזאַמענגענומען, איין ברעם מיט דער אַנדערער, באַם אָנגעכמורעטן גריבעלע אויבן, צווישן דער נאָז, אַזוי ווי אױף אַ דועל; קיין הוט אָדער אַ היטל טראָגט ער ניט אין אַ ווינטיקן טאָג אין האַרבסט און זעלטן־ווען אין אַ פראָסטיקן ווינטער־טאָג, איז אַוואַדע איצט, אינעם שטילן וואַרעמען אָנהייב פרילינג־אָוונט, געווען בײַ אים דער קאָפּ אַנטבלויזט, נאָר מיט אַ האַנט האָט ער געמאַכט אין דער הייך אַזאַ שאַרפע באַוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אַראָפּשלײַדערן פון קאָפּ, באַפרײַען די בלאָנדע קורץ־אונטערגעשוירענע האָר, זיי זאָלן ניט ליגן אויסגעלייגט אַזוי אַקוראַט און ווערן צעשויבערט, אויסדריקן אויך זײַן אויפגעבראַכטקייט.

— און איר שעמט זיך ניט? — דאָס קאָל האָט ער ניט געהעכערט, ער האָט גערעדט אײַנגעהאַלטן, ס׳איז גענוג געווען דער האַרבער אויסדרוק פונעם געזיכט און דער צאָרנדיקער קוק פון די גרויע אויגן. — אָפּזאָגן אין אַ רעפּוּע פאַר אַ קינד, ווען די רעפּוּע איז דאָ און זי ליגט גרייט, זי

וואַרט, ביז מע וועט קומען נאָך איר מיט א ספּעציעל צעטל. גיט איבער דער פּאַרוואַלטערן... ווי איז איר פאַמיליע?

— אָווטשיניקאָווא, זינאַידאַ פּאַוולאָווּנאַ.

— און ווי איז אייַער נאָמען?

— קאַפּיטאָלינאַ וואַסיליעווּנאַ לאַווּרעניאָווא.

— גיט איבער דער כאַווערטע אָווטשיניקאָווא, אַז איך בעט זי מאָרגן אַרייַנקומען צו מיר אין שטאַטקאָם, צווייַ אַזייגער באַטאָג. און אייַך, כאַווערטע לאַווּרעניאָווא, בעט איך אויך קומען.

ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט דאָרען פון אַפּטייק, און שוין זייַענדיק אַפן אַפּטייק-גאַנעק, אונטערן הענגענדיקן לעמפּל, פאַרשריבן אין בלאָקנאָט: „זייער אַן ערנסטע און דרינגענדיקע פראַגע — די סיסטעם פון געזונט-פאַרהיטונג. צוגרייטן צום באַהאַנדלען אויף דער זיצונג פון ביוראָ”.

די מאָסקאָווסקע-גאַס איז ניט קיין לאַנגע, נאָר אַפילע בלויז א האַלבע גאַס האָט באַם שפּאַצירנדיקן פּאָרל פאַרנומען א שאָ צייַט. עס איז אָנגעקומען אַנטקעגן א סעקרעטאַר פון א פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך אומגעקערט פון א פאַרזאַמלונג. אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט בא אים געפרעגט, וויאַזוי די פאַרזאַמלונג איז דורך, און יענער האָט גאַנץ גענוי דערציילט.

באַם מויער, וווּ עס געפינט זיך די פּאָטשט מיט די גרויסע זעקס אינדעקס-ציפערן אַפן בלויען שילד, האָט דאָרע א ווייַז געטאָן מיט דער האַנט אויף אויבן, איבערן שילד:

— אָט דאָ, אַפן דריטן שטאָק, וווין איך, — האָט זי געזאָגט.

— מע קאָן אַרייַנגיין? — האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש געפרעגט.

— ביטע, דער טאַטע וועט זייַן זייער צופרידן.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ, און זיי אַנטקעגן האָט זיך שוין געטראָגן די פריילעכע געבילערייַ פון לוי און לויזען. יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש האָט געעפנט די טיר, אייַנגעקוקט זיך אינעם אומטיקן גאַסט, אים דערקענט.

— אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש! — האָט ער אויסגערופן. — איך בין דאָך פאַרשריבן צו אייַך אויף אַן אופנאַם. איצט האָב איך דעם קאָוועד אייַך אופצוגעמען.

מע איז אַרייַנגעגאַנגען אין גאַסט-צימער, אַוועקגעזעצט זיך באַם טיש. דאָרע האָט געבראַכט טיי און זיך אַנטשולדיקט, וואָס צו דער טיי איז ניטאָ קיין געבעקס.

— איך זאָל געוווּסט וויסן, וואָלט איך אויסגעבאַקט, — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט בא יעפים סאָלאָמאָנאָוויטשן.

— איר קענט באַקן?

— קיין גרויסע טוירע איז דאָס ניט. מע דאַרף נאָר פאַרמישן א ביסל מעל, צוגעבן א פּאָר אייער, עטוואָס סאָדע, א קאַפּל צימרינג, נו און, פאַרשטייט זיך, אַלדאָס איבעריקע — צוקער, א לעקזאַלץ... און מע דאַרף האָבן א דוכאָווקע, וואָס זאָל גוט באַקן, באַקומט זיך דאַן געבעקס, וואָס צעגייט זיך אין מויל. אָבער א בעקער בין איך ניט. מייַן טאָכטער האָט עפּשער אייַך שוין דערציילט, אַז איך בין א פּעדיאַטער. איך היילן קינדערלעך בא אונדז דאָ, אין שטאָט. און וועגן דעם האָב איך זיך טאַקע פאַרשריבן, אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, צו אייַך אויף אַן אופנאַם.

— דער איניען איז בא אייַך א פּערזענלעכער?

— ווי זאָל איך אייַך זאָגן... וויבאַלד איך אַרבעט שוין אַזויפיל יאָרן און אַזויפיל צייַט, לויף איך אַרום אין פאַרשיידענע ערטער עפּעס צו דערשלאָגן זיך, נאָר אָן א רעזולטאַט. איז עס שוין געוואָרן מייַנע א טיף פּערזענלעכע זאַך. די שטאָט וואַקסט, נאָר אַזוי ווי פריער איז בא דער פּאָליקליניק פאַר דערוואַקסענע בלויז פאַראַן א קינדער-אָפּטיילונג. איז עס פון אַלע שטאַנדפּונקטן ניט גוט. די אַרייַנגענג זייַנען פאַרשיידענע, אָבער די ווענט זייַנען אַלגעמיינע, און ס'איז אויסערגעוויינלעך ענג. די געהעריקע באַשטימונג איז שוין לאַנג דאָ, איר ווייסט אויך געוויס וועגן דעם, און ס'איז שוין פאַראַן לאַנג א פּאַרטיקער פּראָיעקט, נאָר ס'פּוסטעוועט נאָך אַלץ דאָס אָרט, וווּ מע דאַרף אָנהייבן בויען, די זאַך רוקט זיך ניט. און עס זייַנען פאַראַן נאָך זאַכן קלענערע, וואָס מע קאָן זיך אויך ניט דערשלאָגן. איך וויל אייַך ניט פּאַרמאַטערן, אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש...

— ביסט טאַטע, גערעכט, — האָט דאָרע אונטערגעכאַפּט. — מע דאַרף טאַקע איצט מער אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטשן ניט מאַטערן.

די ווענט אינעם צימער זייַנען געווען באַהאַנגען מיט גרעסערע און קלענערע פּאָטאָ-פּאָרטרעטן, און אַזוי ווי אין א מוזיי איז אונטער יעדן בילד און בילדל געווען צוגעפּעסטיקט אַן אָפּגעדרוקט אויף א מאַשינקע צעטעלע מיט וויכטיקסטע יעדיעס, וואָס אָנבאַלאַנגען צום עקספּאָנאַט. אויף די קלענערע פּאָטאָ-קאַרטלעך זייַנען געווען קינדער אין קאָלערליי פּאָזעס, צושטאַנדן, שטימונגען — לאַכנדיקע, וויינענדיקע, סמאָטשקענדיקע, ליגנדיקע מיטן געזעסל אַרויף...

— א רייַכע גאַלעריי בא אייַך, — אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט געכאַפּט א קוק אויף די ווענט.

— זײַ, טאטע, א גיד און באווײַז אנאטאָלי אלעקסייעוויטשן דײַן קאָלעקציע. — האָט דאָרע פּאַרגעלייגט.

— אדעראבע, — יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש האָט זייער גערן גענומען ווײַזן די בילדלעך, — דאָס זײַנען אַלץ מײַנע געוועזענע פּאַציִענטן, — האָט ער דערקלערט. — די מאַמעס שענקען מיר אָפּטמאָל די פאָטאָגראַפיעס פון זייערע געזונט־געוואָרענע קינדער. אַלע קאָן איך ניט אויסהענגען, האַלט איך זיי אין אַן אַלבאָם, צו פיר בילדלעך אַף א זײַטל. אַז מע דאָקטערט א גאַנצן לעבן... און דאָס זײַנען שוין פּאָרטרעטן פון אַן אַנדערן מין, — דער „גיד" האָט זיך אָפּגעשטעלט מיטן גאַסט בא דער אַנדערער וואַנט מיט די גרעסערע בילדער. — א היסטאָריקער בין איך ניט, נאָר געשיכטע האָב איך ליב פון מײַנע יונגע יאָרן אָן, אַלטע געשיכטע און נײַע. ווײַט און ברייט בין איך דאָ ניט געקראָכן, כ'האָב גענומען אונדזער שטאָט רונקאַטש, ווו מיר לעבן מיט אײַך. מיר האָבן אין שטאָט א קאָנטקענטעניש־מוזיי, נאָר עקספּאָנאַטן סטײַען פאַר מיר אויך, ווי פאַר יעדן ליבהאָבער־קאָלעקציאָנער. כ'דאַרף אײַך זאָגן, אנאטאָלי אלעקסייעוויטש, אַז רונקאַטש איז אַמאָל געווען א ייִדישע שטאָט, און די פרומע ייִדן האָבן געהאַט א צאַדיק, דאָס הייסט א מענטשן, וואָס איז געווען פאַררעכנט בא זיי פאַר א הייליקן און ער קאָן ווײַזן ניסים. גערופן האָט מען אים רעבע נעכעמיעלע. אָט איז זײַן פּאָרטרעט. איך האָב עס איבערגעפאָטאָגראַפירט פון אַן אַלטער פאָטאָגראַפיע, וועלכע האָט זיך פאַרהיט בא זײַנעם א גליד־גלידשוועסטערקינד. די ניסים, די ווונדער, וואָס רעבע נעכעמיעלע האָט באַוויזן, זײַנען ניט־געשטויגן, ניט־געפלויגן, אָבער די געשיכטעס וועגן אים זײַנען געוואָרן איבערגעגעבן פון דאָר צו דאָר. אין אָנהייב פון דער מילכאָמע האָבן אייניקע ייִדן נאָך באַוויזן קומען אַף זײַן קייווער און איבערלאָזן דאָרטן קוויטלעך, צעטעלעך מיט א ראַכמים־געבעט, ער זאָל זײַן א מייליץ־יוישער און העלפן אויסצושטיין אין דער שווערער צײַט. די צעטעלעך זײַנען פאַרברענט געוואָרן, ס'איז געוואָרן פון זיי אַש, ווי ס'איז גאָר אינגיכן געוואָרן אַש פון די, וואָס האָבן זיי געשריבן. צווישן די קאָרבאָנעס זײַנען געווען באַוווּסטע מענטשן און אומבאַוווּסטע, און קינדער, וואָס איך האָב ניט געהיילט, נאָר וואָס זײַנען מיר טײַער... אָט דער טייל פון מײַן קאָלעקציע איז זייער א טרויעריקער און זאָל זײַן אַף הײַנט גענוג, — האָט פּלוצעם פאַרענדיקט יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש. אים איז געוואָרן שווער צו שטיין אַף די פיס און צוזאַמען מיטן גאַסט האָט ער זיך אומגעקערט צום טיש און ביידע האָבן זיך אוועקגעזעצט. אנאטאָלי אלעקסייעוויטש — לעבן דאָרען. שענערס און ליבערס פון איר האָט ער קיינמאָל ניט געזען — אַזוי האָט אים געדוכט, אָדער נאָך בעסער — ער איז אין דעם געווען זיכער. קיין מער סימפּאַטישן דאָקטער, ווי דאָרעס טאַטע, — אויך ניט. אים איז געווען זייער געמיטלעך און אָנגענעם צו זיצן בא אָט דעם טיש, נאָר עפּשער דאַרף שוין יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש זיך אָפּרוען, ער האָט עפּעס מיטאַמאָל אָנגעהויבן אויסזען מיד. אנאטאָלי אלעקסייעוויטש האָט זיך מיט די ליבע באַלעבאַטים פון דער דירע געזעגנט. דער באַלעבאָס האָט באַגלייט דעם גאַסט ביז דער טיר, די באַלעבאָסטע איז אַרויס הינטער דער טיר, געשטאַנען א ביסל אַפן פּיטאַקל בא די טרעפּ. אנאטאָלי אלעקסייעוויטש האָט זי צוגעצויגן צו זיך, א קוש געטאָן און יונג, מונטער, האַסטיק אַראָפּגעלאָפן צום אַרויסגאַנג.

4

א ליבע, זאָגט מען, ווייסט ניט פון קיין עלטער. ס'פאַרליבן זיך יונגע, ס'פאַרליבן זיך אַלטע, און אַוואַדע קאָן מען זיך פאַרליבן, ווען גאָר יונג איז מען שוין ניט, אָבער צו אַלטקײַט איז נאָך גאַנץ־גאַנץ ווײַט.

ס'איז אויך פון לאַנג באַוווּסט, אַז ווען א מענטש איז פאַרליבט, איז ער ווייך, צוגעלאָזן, האַרציק. ער איז מונטער, פרייליך. ניטאָ אַף דער וועלט אַזאַ קישעף, וואָס זאָל אַרײַנגעבן אַזויפיל פרישן קוויעך, אַזויפיל פאַרלאַנג אופצוטאָן וויכטיקע אופטוען, אַזוי באַפליגלען און אופהייבן, ווי ליבע.

בא די פרויען פון די פאַראַנטוואָרטלעכע טוער און בא די פאַראַנטוואָרטלעכע טוער גופע איז די שטאָטישע נײַס נומער איינס געווען: אונדזער „ערשטער" איז פאַרליבט, דער „ערשטער" וועט אינגיכן כאַסענע האָבן.

דאָס פּאָרל האָט מען שוין ניט איין מאָל געזען שפּאַצירן צוזאַמען, זיי זײַנען צוזאַמען געווען אין קינאָ און אין שטאָטישן דראַמאַטישן טעאַטער. דער צושויער־זאַל איז, ווי געוויינלעך, די לעצטע צײַט געווען אַף דרײַ פערטל א פּוסטער, נאָר די אַרטיסטן, ווײַסנדיק, ווער עס זיצט אין דער צווייטער ריי, זײַנען געווען אין א באַזונדערס געהויבענער שטימונג און האָבן געשפּילט אויסגעצייכנט. אין דעם, וואָס דער ערשטער סעקרעטאַר איז אין א מיטן מיטוואָך, אַף אַן אַלטן ספּעקטאַקל פּלוצעם געקומען אין טעאַטער, האָבן זיי אײַנגעזען, אַז ס'ווערט פאַרשטאַרקט די אופמערקזאַמקײַט צו דער קינסטלערישער אינטעליגענץ.

די מומע העניע, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, ווער עס שאַדכנט זיך צו איר פּלימעניצע, איז געווען אי באַגײַסטערט, אי באומרויִקט.

— אַזאַ שידעך קאָן מען זיך נאָר ווינטשן... נאָר, הערסטו, מײַן ליבער ברודער, — האָט זי געשעפּטשעט צו יעפים סאָלאָמאָנאָוויטשן, — אַ גרויסער אויצער רינט גיכער אויס, וואָס העכער מע הייבט זיך אויף, אַלץ שווערער איז אַראָפּצופאַלן.

אַזאַ איז זי, העניע סאָלאָמאָנאָוונע, זי לייגט אויס מער צום שלעכטן, ווי צום גוטן.

— פאַרוואָס דאַרף אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש אַראָפּפאַלן?

— איך זאָג דען, אַז ער דאַרף, אָבער עס טרעפט. מע האָט שוין אַלץ געזען.

יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש, פאַרקערט, האָט ליב אויסלייגן צום גוטן. פאַרוואָס זאָל ניט זײַן אַ גליקלעך לעבן בײַ זײַן טאָכטער מיט אַזאַ מאַן? און וואָס האָט ער געקאָנט דערווידערן, ווען אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש און דאַרע, אַזוי ווי קינדער, האַלטנדיק זיך בײַ די הענט, זײַנען אַרײַן צו אים אין צימער... ער איז געזעסן און געלייענט אַ נײַעם בוך און געטראַכט וועגן דעם, אַז ס'האָט ניט געלוינט צו שטופּן זיך אין ביכער־מאַגאַזין אײַנצוהאַנדלען אַ מציאה, פון וועלכער עס נייגט צום שלאָפן. און אָט זײַנען זיי אַרײַנגעקומען, אוועקגעשטעלט זיך בײַ זײַן טיש...

— טאַטע, מיר האָבן כאַסענע! — האָט דאַרע פײַערלעך געמאָלדן.

און דער כאָסן־באָכער האָט אויך אַזוי יאָמטעוודיק איבערגעכאַזערט:

— מיר האָבן כאַסענע.

דאַרע האָט זיך צוגעטוליעט מיטן קאָפּ צום טאַטנס ברוסט, און ער, דער טאַטע, האָט דאַן געטראַכט: וואָס וואָלט דערויף געזאָגט דאַרעס מאַמע, ווען זי זאָל האָבן דערלעבט ביז אָט דער אומגעריכטער מינוט.

דערנאָך איז מען ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן אינדרײַען בײַם טיש און מע האָט גערעדט. ס'איז געווען אַ מין זיצונג אָן אַ פּראָטאָקאָל. צווישן אַנדערע אַרומרייִדעענישן איז מען אויך געקומען צום צונויפשטעלן דאָס צעטל פון די, וואָס מע דאַרף אײַנלאַדן אויף דער כאַסענע.

— פון כאַסנס־צאַד קאָן מען אײַנלאַדן דעם גאַנצן שטאָטישן פּאַרטיי־אַקטיוו, — האָט אַ שפּאַס געטאָן יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש.

— און פון דער קאַלעס־צאַד — אַלע אַלטיטשקע פון סאָבעס, — האָט אויך זיך אַ כאָכמע געטאָן אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש.

באַגרענעצט האָט מען זיך מיט אַ צעטל פון דרײַסיק מענטשן.

שאַבעס, דרײַ אַזייגער באַטאָג, זײַנען צום הייראַט־פּאַלאַץ צוגעפאָרן צוויי מאַשינען, אָן באַפּוצונגען און אָן הודזשערײַען, מיט וועלכע עס צייכענען, געוויינלעך, זיך אויס די אַוטאָמאָבילן, וועלכע פירן כאָסן־קאַלע און זייערע באַגלייטער. אַ רעדל נײַגעריקע מענטשן, באַלאַנים צו שטיין אַ שאָ און צוויי און קוקן אויף די יונגע פּאָרלעך, ווען יענע גייען אַרײַן אין זאַגס און ווען זיי גייען אַרויס פון דאָרטן שוין „פאַרשריבענע", זאָגן אויף יעדן פּאָרל מעווינעס, אויף אים און אויף איר, האָבן איצטיקס מאָל מיט אַ באַזונדערן געפיל זיך געשושקעט:

— ס'איז דאָך אַליין דער „ערשטער"...

— ס'איז דאָך די אינספּעקטאָרשע פון סאָבעס...

— ער איז דען נאָך ניט קיין כאַסענע געהאַטער?

— זי איז שוין ניט גאָר קיין יונגע.

— וואָס הייסט ניט קיין יונגע? די ייִנגסטע אין סאָבעס.

אייניקע פרויען, פּענסיאָנערקעס, זײַנען צוגעגאַנגען צום פּאָרל און אָפּגעגעבן אַ הויכן און ברייטן מאַזלטאָוו, געווונטשן:

— לעבן אין פריידן.

— האָבן נאַכעס פון קינדער.

אין וועסטיביול, וואָס פירט צום צערעמאָניע־זאַל, ליגט אויסגעשפּרייט אויפן דיל אַ שיינע און ווייכע טעפּיך־סטעזשקע.

ווען מע טרעט איבער אָט דער סטעזשקע, הערט מען ניט די טריט, נאָר מע הערט, ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ. די טיר אין צערעמאָניע־זאַל איז אָפן. אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש און דאַרע יעפימאָוונע זײַנען צוגעגאַנגען צום באַדעקטן מיט אַ סאַמעטענעם טישטעך טיש, עס זײַנען אויך צוגעגאַנגען די צוויי אײדעס, ווי דאָס פאָדערט זיך בײַס דער רעגיסטראַציע. הינטער זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט די נאָענטע קרויווים. קיין סאַך מענטשן זײַנען ניט געווען. די מערהײַט געסט האָט זיך שוין געהאַט צוזאַמענגעקליבן אין שטוב, ווו מע וועט אָפּמערקן די סימכע.

די פאַרוואַלטערן פון זאַגס נאַדעזשדע וולאַדימיראָוונא האָט קיין לאַנגע רעדע ניט געהאַלטן, ניט איבערגעכאַזערט צוויי מאָל, ווי זי טוט דאָס באַזונדערס אין דער לעצטער צײַט, אַז כאָסן־קאַלע זאָלן געדענקען וועגן די פליכטן, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך. נאַדעזשדע וולאַדימיראָוונא האָט

שוין אַזויפֿיל מאָל געוווּנטשן די יונגע פּאָרלעך א גליקלעכן צוזאַמענלעבן ביז דער טיפֿער עלטער, און געוויס איז ניט איר שולד, וואָס א סאַך פֿון זיי קומען אין א שטיקל צייַט אַרום ווידער אין זאַגס, איצטיקס מאָל שוין גאָר מיט אַן אַנדערן אויסזען און אין אַן אַנדערער שטימונג. די זעלבע פּנעמער, וועלכע האָבן פֿריִער אַזוי געשייַנט און געשטראַלט פֿון פֿרייד, זייַנען איצט אָנגעדראָלן, בייז, פֿאַרכמורעט, דער יונגערמאַן קוקט ניט אויף דער יונגער פֿרוי, די יונגע פֿרוי קוקט ניט אויפֿן יונגנמאַן, און טוט מען יאָ א קוק איינער אויפֿן אַנדערן, איז מיט אַזאַ אָפּגעפֿרעמדטן פֿאַראַכטנדיקן בליק, אַז ס'ווערט קאַלט אין די אייוורים. אין שטאָט זייַנען כאַסענעס און געטן קימאַט א העלפֿט אויף א העלפֿט.

פֿון די פּאָרלעך, וואָס קומען זיך געטן, ווערט נאַדעזשדע וולאַדימיראָווּנען, אַליין אויך א געגעטע, אומעטיק אויפֿן האַרצן, ווי זי וואָלט געזעסן באַם טיש, ווו מע רעגיסטרירט די געשטאָרבענע. א גליקלעכע, ווי זי אַליין וואָלט זיך פֿאַרשריבן, האָט זי איצט „פֿאַרשריבן" אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש אַלפּיאַראָוון. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס מאָל וועלן אירע ווינטשעוויַען שוין געוויס האָבן א לאַנגן און פֿריידיקן קיִעם. נאַדעזשדע וולאַדימיראָוונאַ האָט שטאַרק געדריקט די האַנט דעם כאָסן, אַרומגענומען, ווי א מאַמע, די קאַלע. זי האָט זיי אַרויסבאַגלייט צום אַרויסגאַנג, נאָר לעכאַטכילע דורכגעפֿירט דורך די אַנדערע צימערן אין פּאַלאַץ, קעדיי דער „ערשטער" זאָל זען, אַז אַלץ איז דאָרטן אין אָרדענונג, דערבייַ האָט זי זיך ניט אייַנגעהאַלטן א זאָג צו טאָן, אַז די געבייַדע פֿאָדערט שוין א רעמאָנט.

— וועגן וואָס רעד איך אין אַזאַ פֿייַערלעכן מאָמענט! — האָט זי זיך געכאַפּט פֿאַרן קאָפּ און זיך אַליין פֿאַרענטפֿערט. — איר זייַט דאָך, אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, ביז איצט נאָך קיינמאָל ניט געווען באַ אונדז!

די יאָמטעוודיקע סודע איז פֿאָרגעקומען אין שטוב באַ דער קאַלע, און דאָס האָט אַרויסגערופֿן א געוויסע פֿאַרוווּנדערונג באַ אייניקע טוער, פֿון די, וואָס שטייען נאָענט צום „ערשטן". די דירע איז א גרויסע, פֿיר צימערן (פֿריִער האָבן דאָ געלעבט פֿינף מענטשן, נאָר די מאַמע איז געשטאָרבן, די צוויי זין האָבן כאַסענע געהאַט און לעבן באַזונדער מיט זייערע מישפּאָכעס, זייַנען געבליבן אין דער דירע נאָר צוויי — דער טאַטע מיט דער טאָכטער). ס'איז א שיינע ליכטיקע וווינונג מיט אַלע באַקוועמלעכקייַטן, וועלכע עס פֿאַרמאָגן די איצטיקע פֿילשטאָקיקע מויערן, אָבער אַוודע קאָן זי זיך ניט פֿאַרגלייַכן צום קאָטעדזש, ווו עס האָט געלעבט דער פֿריִערדיקער סעקרעטאַר. דער ביניען איז אַן איינשטאָקיקער, אויף א הויכן פֿונדאַמענט, פֿינף צימערן, די „איטאַליענישע" פֿענצטער גייען אַרויס אין א פּרעכטיקן גאָרטן. בישכיינעס מיט אָט דעם שיינעם מויערל געפֿינען זיך נאָך צוויי אַזעלכע מויערלעך, עס וווינען דאָרטן דער פֿאָרזיצער פֿון שטאָט־אויספּירקאָם און דער דירעקטאָר פֿון אָרטיקן מאַשינבוי־זאַוואָד, וואָס מיט זייַן הילף זייַנען די קאָטעדזשן געוואָרן אויסגעבויט. דאָס געסל, ווו עס שטייען די דאָזיקע געבייַדעס, האָט די מייַלע, וואָס ס'איז אָפּגעזונדערט פֿון דער הויפּט־גאַס מיט איר ראַש און טומל און אין דער זעלבער צייַט איז עס אין שטאָטישן צענטער. עס איז אַזוי ווי א טירל אין א שטילן געמיטלעכן הויף, איצט שטייט דאָרטן איין קאָטעדזש ליידיק און ער וואַרפֿט אָן עפּעס אַן אומעט אויף די איבעריקע צוויי.

ווען מע האָט דעם פֿריִערדיקן סעקרעטאַר אַראָפּגענומען, איז מען אין שטאָט געווען צופֿרידן:

— שוין לאַנג געדאַרפֿט.

וועגן נייַעם „ערשטן" האָט מען גערעדט:

— ער איז, ווייַזט אויס, שוין אַן אַנדער מענטש.

— א נייַער בעזעם קערט ריין.

— אין קאָטעדזש קלייַבט ער זיך ניט אַרייַן.

— ווער זשע וועט דאָרטן וווינען?

— מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען.

יעפֿים סאָלאָמאָנאָוויטש איז געווען פֿאַרטאָן און פֿאַרהאַוועט מער ווי ווען־עס־איז אין זייַן לעבן. ער האָט ניט געהאַט קיין צייַט אַרומצוטראַכטן און צו באַקלערן די ענדערונגען, וועלכע זייַנען אין א קורצער צייַט באַ אים פֿאָרגעקומען, אָבער ער איז אויך געווען ניט ווייניק פֿאַרוווּנדערט, ווען דער כאָסן־באָכער האָט אַרויסגעזאָגט זייַן פֿאַרלאַנג, אַז די כאַסענע זאָל פֿאָרקומען אין דער קאַלעס דירע; נאָך מער, אַז ער וועט דאָרטן וווינען.

— מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן, — האָט יעפֿים סאָלאָמאָנאָוויטש זיך אָפּגערופֿן, — אָבער איר האָט, דוכט מיר, א וווינונג, וואָס איז מער צוגעפּאַסט.

— דער קאָטעדזש איז ניט מייַנער, — האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש געזאָגט. — אַהין וועט זיך אַרייַנקלייַבן אַן אַנדערער.

— ווער זשע?

— דאָס דאַרף מען באַטראַכטן. עפּשער אַפֿילע גופֿע איר.

— איך? איך וועל זיך אַרייַנקלייַבן אַהין, און איר מיט דאָרען אַהער? — האָט יעפֿים סאָלאָמאָנאָוויטש זיך צעלאַכט.

— ניט אינגאַנצן אַזוי. אין קאָטעדזש וועלן זיך אַרײַנקלײַבן קינדער. ס׳וועט דאָרטן זײַן אַ קינדער־גאָרטן אָדער קינדער־יאַסלעס. אײַך, אַלס אַ קינדער־דאָקטער, דאַרף אַזאַ וואַריאַנט באַ־פֿרידיקן.

— ס׳וואָלט געווען אויסגעצייכנט. עמעס, איך האָב גערעדט מיט אײַך, אַנאַטאָלי אַלעקסייע־וויטש, וועגן אַן אַנדער זאַך — וועגן אַ קינדערשער פּאָליקליניק. אָבער אַ קינדער־גאָרטן דאַרף מען אויך. נאָר איין קאָטעדזש איז־ערער איז דאָך ווייניק צוליב דעם.

— אָבער צוזאַמען מיט נאָך צוויי קאָטעדזשן וועט זײַן גענוג?

— פֿולקום גענוג. אין איין מויערל וועלן קריכן די קריכערלעך, די „פּאָלזונקי”, אינעם צווייטן — די, וועלכע לויפֿן שוין און שפּרינגען, אינעם דריטן — די, וואָס וועלן שוין אינגיכן אַרויסשפּרינגען אין ערשטן קלאַס, אין שול אַרײַן. אויב מע זאָל די טעריטאָריע פֿון די דרײַ קאָטעדזשן פֿאַרייניקן, קאָן דאָרטן זײַן אַ גאַנצער קינדער־קאָמבינאַט. אָבער וואָס וועלן זאָגן די באַלעבאַטים פֿון יענע צוויי קאָטעדזשן?

— איך מיין, אַז זיי וועלן נאָכטאָן מײַן בײַשפּיל. מיר וועלן דאָ האָבן אַ צווייענדיקן געווינס. די שטאָט וועט קריגן נאָך איין קינדער־גאָרטן, און צוויי הויך־פּאַראַנטוואָרטלעכע טוער וועלן אין שטייגער־לעבן ניט זײַן אָפּגעצאַמט מיט אַ הויכן פּלויט פֿון דער איבעריקער באַפֿעלקערונג. זיי וועלן לעבן אין אַ „זשעקאָווסקן” מויער, ווי אַלע.

יעפֿים סאָלאָמאָנאָוויטשעס גרויסע דירע איז פֿונדעסטוועגן געווען ענגלעך אַף צו מאַכן דאָרטן די כאַסענע, ענגלעך, אָבער היימלעך. מע האָט געעפֿנט די טירן פֿון די שכייניש צימערן און מע האָט צוזאַמענגעשטעלט פֿון דרײַ טישן איין לאַנגן טיש, באַ וועלכן עס האָבן גאַנץ פֿײַן זיך אויסגע־זעצט אַלע געסט.

ווי עס פּירט זיך, זײַנען אויבנאָן געזעסן כאַסן־קאַלע און לעבן זיי כאַסנס־צאַד — אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטשעס עלטערן: דער טאַטע — אַלעקסיי מיראָנאָוויטש, אַ זאַאָטעכניקער אין אַ סאָ־ווירט, די מאַמע — קלאַוודיאַ לעאָנידאָוונאַ — אַ לערערן אינעם זעלבן דאָרף; קאַלעס־צאַד — יעפֿים סאָלאָמאָנאָוויטש, זײַן זון און דער קאַלעס ברודער, לעוו יעפֿימאָוויטש, אַן אינזשענער אַפֿן שיפֿבוי־זאַוואָד אין לענינגראַד, די מומע העניע. די איבעריקע שטולן און בענקלעך האָבן פֿאַרנומען ווײַטערע קרויווים און גוטע באַקאַנטע. דער פּאַרזיצער פֿון שטאָטישן אויספּירקאָם דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש קוזאָווליעוו, ווייסנדיק, אַז די כאַסענע וועט זײַן אַ „טרוקענע”, האָט אין שטוב, פֿאַרן גיין אַף דער סימכע, אויסגעטרונקען אַ פּאָר קעלישעקלעך קאָניאַק. באַם יאָמטעוודיקן טיש האָט ער געהאַלטן אין האַנט אַ גלאָז ווײַנטרויבן־זאַפּט און אַרויסגעבראַכט אַ פֿײַערדיקן טאָסט לעקאָוועד ניכטערע כאַסענעס. אין זיך האָט ער געקלערט: צי בייגט ניט איבער דער „ערשטער” דעם שטעקן? צי טאָר מען זיך שוין ניט פֿאַרגינען מאַכן אַ כאַסענע מיט דער ברייטער האַנט? דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש האָט פֿאַרגע־לייגט מאַכן די סימכע באַ אים, אַף דער „איספּאָלקאָמאָווסקער” דאַטשע — ס׳איז דאָרטן גרױס, דער ביניען איז אין וואַלד, אַרום איז צויבערנדיק שיין, האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם. אין סעקרעטאַרסקן קאָטעדזש קלײַבט ער זיך ניט אַרײַן, און, ווײַזט אויס, אַז ער האָט עפּעס פֿאַרטראַכט וועגן די איבעריקע קאָטעדזשן... אין דער ערשטער רעדע, וועלכע אַלפּיאָראָוו האָט געהאַלטן אַפֿן פּלענום פֿונעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, נאָך דעם ווי מע האָט אים אויסגעקליבן פֿאַרן ערשטן סעקרעטאַר, האָט ער אַרויסגעזאָגט און באַטאָנט דעם געדאַנק, אַז יעדער טוער, אויב ער וויל אַרבעטן, ווי דאָס פֿאָדערט זיך פֿון אים, דאַרף פֿריִער פֿון אַלץ אַרומקוקן זיך אַף דעם, וויאַזוי ער לעבט אַליין, קיינער זאָל ניט קאָנען טײַטלען אַף אים מיט די פֿינגער און זאָגן: „מע רעדט איינס, און מע טוט צווייטס”. ער האָט דעקלאַרירט אַ לאָזונג: „יעדערער פֿון אונדז דאַרף אָנהייבן פֿון זיך אַליין”, און ער האָט אָנגעהויבן... „מיר האָבן שוין געזען אַזעלכע אויך”, — האָט זיך געטרייסט דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש, — דערנאָך ווערן זיי מער בײַגעוודיקע. אַז ער איז ניט איבעריק קלוג, זעט מען פֿונעם שידעך, וואָס ער האָט געמאַכט מיט דער אינספּעקטאָרשע פֿון סאָבעס”.

וואָס מער דער אוילעם איז זיך מעכײַע געווען מיט די מײַכאָלים, וועלכע ס׳האָט צוגעגרייט יעפֿים סאָלאָמאָנאָוויטש מיט דער הילף פֿון עטלעכע גוטע בעריעס — צווישן זיי דאַריאַ מאַקסימאָוו־נאַ — דעם כאַסנס מאַמע און העניע סאָלאָמאָנאָוונע — דער קאַלעס מומע, אַלץ פֿריילעכער האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעבונדן די צינגער, אַזוי ווי מע וואָלט געטרונקען ניט נאָר פֿאַרשיידענע געשמאַקע זאַפֿטן, נאָר אויך ווײַן. מע האָט גערעדט, מע האָט געזונגען, מע האָט געטאַנצט. אַלץ איז געווען, ווי עס דאַרף זײַן אַף אַ כאַסענע. מע האָט געקוקט און געהאַט האַנאָע, ווי עס האָבן געטאַנצט דער כאָסן מיט דער קאַלע:

— אַ שיינע פּאָר! — האָט דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש אויסגעדריקט זײַן אַנציקונג הויך אַף אַ קאָל.

אינמיטן די טענץ האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפֿאָן. אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט גענומען דאָס טרײַבל. דער דעזשורנער אין שטאָטקאָם האָט מיטגעטיילט, אַז מע האָט געקלונגען פֿון מאָסקווע און מע האָט געזאָגט, אַז מע וועט ווידער אָנקלינגען אין פֿופֿצן מינוט אַרום.

— טייקעף קום איך, — האָט אנאטאָלי אלעקסייעוויטש אריַינגעשריִען אינעם טריַיבל.

ער האָט אפגיך אָנגעטאָן דעם זומער־מאנטל, און שוין שטייענדיק אַף דער שוועל, געווענדט זיך צום אוילעם:

— זינגט און טאנצט דערוויַיל אָן מיר. אין א האלבער שאָ ארום וועל איך זיך אומקערן. מאָסק־ווע רעדט ניט לאנג.

נאָך זיַין אוועקגיין איז א לענגערע וויַילע אין דער דירע געווען שטיל, ביז די מומע העניע האָט געפונען וואָס צו זאָגן איר פלימעניצע, דאָרען:

— אין מאָסקווע ווייסט מען דאָך ניט, אז גראָד היַינט איז בא אים די כאסענע. מע קאָן אים ארויסרופן אפילע אינמיטן דער נאכט. געוויין זיך צו, ליבינקע, אַף דיַין מאן ליגט א גאנצע שטאָט...

5

זי האָט אָנגעהויבן זיך צוגעווינען. א יאָמטעוו איז געווען בא איר, ווען דער מאן איז געקומען אהיים ניט גאָר שפעט אין אָוונט. באראטונגען, זיצונגען, פארזאמלונגען — פארפלאנירטע און ניט־פארפלאנירטע, אָפטע ארויספאָרן אין ראיאָן — אין די קאָלווירטן און אין סאָווירט. דער סאָווירט איז אין ראיאָן אן איין־און־איינציקער, נאָר ער גיט א העלפט פון דער גאנצער ראיאָנישער לאנדווירט־שאפטלעכער פראָדוקציע. איוסערגעוויינלעכע געשעענישן האָבן געטראָפן זעלטן, אָבער קלענערע „טשעפע", וואָס פאָדערן א דרינגענדיקע אריַינמישונג, זיַינען געווען יעדן טאָג, איַינגעשלאָסן אויך אין די אָפרו־טעג. די מומע העניע האָט קיין טאָעס ניט געהאט: אז מע דארף, קלינגט מען אינמיטן דער נאכט.

אייניקע פרויען זיַינען אוודע מעקאנע געווען. ס'דארף אויספאלן אזא גליק — ווערן די ערשטע דאמע אין שטאָט. מעקאנע זיַין, הייסט אָבער ניט — ווערן א סוינע. פארקערט, זי האָט קיינמאָל ניט געהאט אזויפיל פריַינט. ס'האָט זי געוווּנדערט, וואָס מענטשן, וועלכע האָבן פריִער קוים זי באמערקט, געגריסט זיך בלויז מיט א שוואכן שאָקל מיטן קאָפּ, זיַינען איצט פאָשעט גליקלעך, ווען זיי באגעגע־נען זי אַף דער גאס און האָבן די מעגלעכקיַיט אויסצודריקן די בעסטע געפילן צו איר, געבן א קאָמפלימענט, אז זי האָט קיינמאָל אזוי שיין און אזוי יונג ניט אויסגעזען, ווי זי זעט אויס איצט. אָפטמאָל ענדיקן זיך די קאָמפלימענטן און די ברייטע שמייכלען מיט א ביטע, אז זי זאָל העלפן אין עפעס אן איניען, דורכריידן זיך מיט אנאטאָלי אלעקסייעוויטשן.

די מומע העניע איז געווען זייער אָפנהארציק מיט איר פלימעניצע.

— איך דארף דיר זאָגן, טיַיערע דאָרעלע מיַינע, אז ס'איז גאָרניט שלעכט, ווען אומעטום באמערקט מען דיך, ווו דו קומסט ניט אריַין, ווייסט מען ניט, אַף א וועלכן שענערן אָרט אוועקצו־זעצן. איך בין שוין אויך ניט קיין פאָשעטע מומע. א יאָר ציַיט האָב איך אין אונדזער אטעליע ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן, אז מע זאָל מיר אופנייען עפעס א שמאטע. איצט האָט קיין דריַי טעג ניט געדויערט, און ס'איז געוואָרן פארטיק. איך האָב געוואָלט, ווי עס פירט זיך, אָפדאנקען, אריַינגעבן אין האנט א פינפערל, האָט די שניַידערקע זיך שטארק באליידיקט אַף מיר. איך האָב פארשטאנען, אז די גרעסטע באליידונג וועט זיַין, אויב איך וועל קומען אין דער אטעליע נאָכאמאָל. „טראָגט גע־זונטערהייט און צעריַיסט געזונטערהייט", — האָט מען מיר צוגעוווּנטשן פון אלע זיַיטן, און מיט קאָוועד, ווי דעם שענסטן גאסט, ארויסבאגלייט.

יעדן טאָג האָט די מומע העניע געהאט צו דערציילן וועגן דער גינציקייַט און וועגן דער אכ־טונג, וואָס מע שענקט איר אומעטום.

— שטעל זיך פאָר, — דערציילט זי, — איך קום אריַין אין מאגאזין „אָוואָשטשי—פרוקטי" און פארנעם אן אָטשערעד. איך שטיי מיך רויִק, קרויט און בורעקעס איז פאראן א סאך, ס'וועט סטיַיען פאר אלעמען און פאר מיר אויך. קומט צו צו מיר די פארוואלטערן פון מאגאזין, א ביסל קען איך זי. איך האָב אמאָל געוואָלט אָנשריַיבן אן אָנקלאָגע, האָט זי ניט געגעבן דעם אָנקלאָג־בוך. מיילע, איז וויַיניקער מיט א זשאלאָבע. איצטיקס מאָל, איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן, נעמט זי מיך, די פאר־וואלטערקע, אונטערן אָרעם. פירט מיך אריַין אין דער „פאָדסאָבקע" און קליַיבט פאר מיר אויס א היפּש קרויט, אז אַף א וויטרינע איז אזעלכס ניט צו זען.

— נעמט, נעמט, העניע סאָלאָמאָנאָוונע... — איך ווייס ניט, פונוואנען האָט זי מיטאמאָל זיך דערוווּסט מיַין נאָמען און אפילע דעם פאָטערנאָמען. — עפל דארפט איר ניט? — און זי פירט מיך צו צו א קאסטן עפל אָן איין פארפוילט בעקל.

די מומע העניע האָט ליב, אז דער ניַיער קאָרעוו אירער זאָל אויך הערן און האנאָע האָבן פון אירע געשיכטעס.

— אין איר ניצט אויס, העניע סאָלאָמאָנאָוונע, אײַער לאגע? — האָט געפרעגט מיט א שמייכל אנאטאָלי אלעקסייעוויטש.

— וואָס דען זאָל איך טאָן? — ענטפערט זי. — אז די קרויט, וואָס מע פארקויפט אלעמען, זײַנען אָפּגעפּליקטע פארגעלטע קאָטשאנדלעך, און די בורעקעס זײַנען ווי שווערע שטיינער. יעדער בורעק וועגט דרײַ קילאָגראם.

יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש גיט אויך צו וויסן:

— פון „זשעק" האָט מען צו אונדז אין דירע ארײַנגעשיקט א גאנצע בריגאדע — א שלאָסער, א סטאָליער, אן עלעקטריקער. איצט ארבעט דער שלאָס גוט, דער קראן רינט ניט, די טיר און די פארטאָטשקע פארמאכן זיך גרינג, די עלעקטראָ־דראָטן זײַנען נײַע, די דירע איז אָן איין דעפעקט.

— ס'איז געוואָרן א ליכט אין די אויגן... — רעזומירט אנאטאָלי אלעקסייעוויטש. — מע דארף ניט קלינגען, מע דארף ניט פאָדערן, מע קומט אליין... אָבער איך בעט אײַך, יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש, און אײַך בעט איך אויך, העניע סאָלאָמאָנאָוונע, זײַט ניט צופרידן, ווען איר פילט, אז מע מאכט פאר אײַך אן אויסנאם. דאָס קאָסט זייער טײַער. ווארפט אָפּ די טויוועס, וואָס מע טוט מיט א הינטערמיין. איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט ניט אויסניצן די לאגע, וואָס איך פארנעם, צוליב מײַנע אייגענע פערזענלעכע צוועקן, און אײַך אייצע איך אויך אזוי טאָן.

מיט דאָרען האָט ער גערעדט שטרענגער, ווען זי איז אים געקומען בעטן, אז ער זאָל העלפן אײַנאָרדענען זיך אָפּ א גוטער שטעלע א מענטשן, וועלכן מע האָט אראָפּגענומען פון דער פריִער־דיקער שטעלע פאר זײַן שלעכטער ניט־געוויסנהאפטער ארבעט.

— זײַ ניט קיין גוטע בעטערן! — האָט ער מיט א הארבן קאָל זיך אָנגערופן צו איר, און ס'איז שוין געווען אפילע א שטיקל אָנדײַט אָפּ א קריג צווישן יונגן פארפאָלק.

אן אנדערס מאָל איז ער אָבער ווייכער, צוגעלאָזענער.

— אן אלטיטשקער, — דערציילט זי אים, — שלעפט קוים די פיס און ווינט אפן דריטן עטאזש. דער עטאזש איז א גוטער, אָבער ער קאָן אזוי הויך זיך ניט אופהייבן, קיין ווינדע איז אין הויז ניטאָ. ווײַל ער אפן ערשטן עטאזש.

— אפן ערשטן איז, דוכט מיר, גרינג צו געפינען באלאָנים, — באמערקט אנאטאָלי אלעקסייע־וויטש.

— באלאָנים זײַנען פאראן, מע דארף אָבער אונטערזוכן אזא ערשטן שטאָק, ווו עס זאָל זײַן מער־ווייניקער רויִק, און א הויפל דערבײַ, מע זאָל קאָנען אהין ארויסגיין כאפן א ביסל לופט, און א מאגאזין אינדערנאָענט.

— איז דאָך בא אונדז, אין שטאָט, דוכט זיך, פאראן א ביוראָ, וועלכע דארף אונטערזוכן דעם פאסיקן וואריִאנט.

— די ביוראָ דארף, — איז דאָרע מאסקים. — שוין א יאָר צײַט, ווי זי דארף.

אנאטאָלי אלעקסייעוויטש פארשרײַבט אין בלאָקנאָט די פאמיליע פונעם אינוואליד, ווועמען מע דארף בײַטן די דירע. אן אופגעבראכטער, טראכט ער וועגן דעם, אז אין יעדן ווינקעלע, וווהין מע טוט זיך ניט א ווענד, איז ניט אזוי, ווי ס'דארף צו זײַן. עס באהערשט אים א צווייפל, צי וועט זיך אײַנגעבן ברענגען אין אָרדענונג דאָס, וואָס איז פארלאָזט און וואָס האָט זיך שוין אײַנגעוואָרצלט אין לעבן? ער טרײַבט אָפּ פון זיך דעם צווייפל. ער טאָר ניט סאָפּעקן, ער דארף זײַן זיכער אין דערפאָלג, און די זיכערקײַט קומט, ווײַל אנדערש קאָן ניט זײַן, אזוי ווײַטער עקזיסטירן קאָן מען ניט.

וועגן דעם גייט אָפּטמאָל אוועק א שמועס אין שטוב, און יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש קלערט דערבײַ, אז זײַן דירע איז געוואָרן א מין פיליִאל פון אנאטאָלי אלעקסייעוויטשעס קאבינעט אין שטאָטקאָם.

אין איינעם א פרימאָרגן איז פאָרגעקומען א געשעעניש ניט ערגעץ־ווו אין שטאָט, נאָר גופע בא יעפים סאָלאָמאָנאָוויטשן, דאָרע יעפימאָוונען און אנאטאָלי אלעקסייעוויטשן אין שטוב. אנאטאָלי אלעקסייעוויטש איז געווען דאַן אָפּ א בארעטונג אין דער געגנט און די „כאסענע" האָט זיך אָפּגע־שפּילט אָן אים.

גאָר פרי, אין דרויסן איז נאָך געווען טונקל, האָבן לוי און לוִיזע, די הינטלעך, וואָס האָדעווען זיך אין שטוב, זיך אופגעפירט גאָר ניט לײַטיש. געוויינלעך, ביז א געוויסער צײַט ליגן זיי רויִק אָפּ די צוויי אויסגעשפּרייטע קילימלעך בא יעפים סאָלאָמאָנאָוויטשן אין צימער און וואגן ניט צו באומ־רויִקן זייער טרײַען באלעבאָס אפילע מיט א מינדסטן קוויטש, יעדן פארלאנג ארויסצוברענגען א ברעקל געוואָיערײַ דערשטיקן זיי בא זיך אין גאָרגל, מע הערט נאָר אין צימער, ווי יעפים סאָלאָמאָ־נאָוויטש פײַפט אונטער מיט דער נאָז און ווי עס שורשען אָפּ די קילימלעך די פעלכלעך פון לוִין און לוִיזען. איצטיקס מאָל האָבן די הינטלעך אינגאנצן פארגעסן וועגן איידלקײַט, ווילדערצויגנקײַט, זיי זײַנען צוגעשפּרונגען צו דער ארײַנגאנג־טיר פון דער דירע און מיט א בילערײַ ניט אָפּגעטראָטן פון איר.

— וואָס האָט איר אַזוי פרי זיך צעליאַרעמט? — יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש האָט שוין געוואָלט אַראָפּקריכן פון זײַן געלעגער אַ קוק צו טאָן, וואָס עס איז געשען, נאָר דאָרע האָט אים אַריבערגעיאָגט.

— ליג, טאַטע, רויִק. איך וועל אַ קוק טאָן. — האָט זי פון איר צימער געזאָגט צו אים.

ווי נאָר זי איז אַרויס אין קאָרידאָר, האָבן בײדע הינט אופגעהויבן אויף איר זייערע פּרעכטיק־גלאַנצנדיקע אויגן, און אויב די אויגן האָבן נאָך ווינציק גערעדט, זײַנען צו הילף געקומען די אופגעהויבענע פּאַכנדיקע עקן.

דאָרע האָט געעפנט די טיר. אויף דער שוועל איז געלעגן עפּעס אַ זאַך, אײַנגעוויקלט אין אַ בלוי קאָלדרעלע, איבערגעבונדן מיט אַ שײנער רויטער סטענגע. זי האָט זיך אָנגעבויגן צו דעם. פון דער איבערגעלאָזענער אייבערשטער שפּאַרונקע אין דער קאָלדרע האָט מען אַרויסגעזען אַ פּאָר פאַרמאַכטע אייגלעך און אַ פּיצל נעזל. אַ גרויל איז דורך בײַ דאָרען איבערן לײַב. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס קינד איז אַ טויטס. זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען זי האָט דערהערט, אַז דאָס נעזל ציט די לופט און שמוכקעט.

— טאַטע! — האָט זי אַ רוף געטאָן.

— וואָס האָט דאָרטן געטראָפן? — יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש אין דער פּיזשאַמע זײַנער און שליאָנדרענדיק מיט די סאַנדאַלעטן, האָט צוגעטאַנצט צו דער אָפענער טיר. אַזויווי די טאָכטער, איז ער אויך געבליבן אַ דערשטוינטער, אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער שוין בײַ אַזאַ געלעגנהײַט געפונען פאַר מעגלעך אַ שפּאַס צו טאָן.

— ס׳פעלן דיר, דאָרע, אַלטע לײַט, וואַרפט מען דיר אונטער קינדער... — מיט די געניטע הענט פון אַן אַלטן קינדער־דאָקטער האָט ער אופגעהויבן די קאָלדרע מיטן נעפּעשל פונעם דיל. — אַ שווער באָכערעצל אָדער מויד, — מיר וועלן עס באַלד פעסטשטעלן, — האָט ער געזאָגט, טראָגנדיק דאָס אויצערל, ווי אַ סייפער־טוירע, צו זיך אין צימער. ער האָט עס אוועקגעלייגט צו זיך אויפן בעט, אַרויסגענומען פון דעם קאָלדרעלע, דערבײַ איז אַרויסגעפאַלן אַ צעטעלע, געדרוקט אויף אַ מאַשינקע.

— דאָס איז פאַר מיר אַ נײַס, — האָט יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש באַמערקט. — מיט דער האַנט צו שרײַבן איז שוין אַלטמאָדיש.

אינעם צעטעלע זײַנען געווען דרײַ געציילטע מאַשינקע־שורעס:

„די אומשטאַנדן זײַנען בײַ מיר אַזעלכע, אַז איך מוז זיך שיידן מיט מײַן קינד. מע רופט אים וואַדיק. פאַרורטיילט ניט און זוכט מיך ניט. איך בין זייער אומגליקלעך, אָבער איך ווייס, אַז איך גיב איבער דאָס קינד אין גוטע זאָרגעוודיקע הענט”.

— וואַדיקס מאַמע איז ניט קיין נאַר, זי האָט געפונען דעם ריכטיקן אַדרעס, — האָט יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש ווידער אַ שפּאַס געטאָן; אַזאַ מענטש איז ער — אָן אַ כאָכמע באַגייט ער זיך ניט אַפילע אין אַן עקסטרעמאַלער סיטואַציע. — וואַדיק איז גלײַך אַרײַנגעפאַלן צום אינספּעקטאָר פון סאָציִאַלער פאַרזיכערונג...

— און צו אַ טויער פון געזונט־פאַרהיטונג, — האָט צוגעגעבן דאָרע.

דער אַלטער קינדער־דאָקטער האָט אופמערקזאַם אויסגעהערט און אויסגעקלאַפּט דעם אומגעריכטן פּאַציִענט זײַנעם. אויפן בײַכל בײַם קינד איז געווען אַ טונקעלער געבורט־פלעק.

— אויב די מאַמע וועט אַמאָל כאַראָטע האָבן אויף איר איצטיקן אופטו, וועט זי דיך קאָנען אופזוכן לויט אָט דעם סימען, — האָט יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש גערעדט צו וואַדיקן. דאָס אייפּעלע האָט שוין אַ לענגערע ווײַלע געבראָכן דאָס פּיסקל און איז אַרויס מיט אַזאַ געוויין, אַז מע האָט געוויס געהערט אויף אַלע פינף שטאָקן פונעם מויער.

— לויף גיכער אין דער קינדער־קיך נאָך מילך און נאָך אַ קאַשקעלע, — האָט דער פּאָטער געווענדט זיך צו דער טאָכטער.

— די קיך איז נאָך פאַרמאַכט, ס׳איז דאָך נאָך זייער פרי. און... און איך ווייס אַפילע ניט, וווּ זי געפינט זיך, — האָט דאָרע געענטפערט.

— איצט וועסטו וויסן, ס׳איז די אַנדערע גאַס פון אונדז. לויף זשע, ס׳איז שוין ניט אַזוי פרי, מע קאָכט שוין דאָרטן, — האָט יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש זי אונטערגעיאָגט.

דאָרע האָט זיך אָפגיך אָנגעטאָן און איז אוועק. וואַדיק האָט מיט יעדער מינוט אַלץ מער געלאָזט זיך הערן. דער דאָקטער האָט אַרומגעהעפּקעט מיטן שרײַענדיקן קנײַלכעלע פון איין צימער אינעם אַנדערן, פּרווונדיק עס אײַנשטילן, נאָר ס׳האָט נאָך מער געליאַרעמט, טויב צו ווערן.

עס איז אַרײַנגעקומען אַ שאָכן און אַ שכיינע. זיי האָבן געגאַפט, באַדויערט און געטרייסט:

— אויב מע וועט דאַרפן, וועל איך זײַן אַן איידעס, אַז ס׳איז אַן אונטערגעוואָרפנס, — האָט צוגעזאָגט די שכיינע, וועלכע וווינט פון רעכטס, און דער שאָכן פון לינקס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער איז אויך מאַסקים צו זײַן אַן איידעס.

אַ דריטע שכיינע איז געווען קליגער פון יענע צוויי.

— מארינע פיאָדאָראָװנע, דאָס האָט איר מיר געבראַכט? — האָט יעפים סאָלאָמאָנאָװיטש זיך דערפרייט, א קוק געבנדיק אפן פלעשעלע מילך, װאָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט.

— אײַך... כ׳מײן דעם קינד. — האָט, א שײַנענדיקע, װאָס זי איז געקומען צו הילף, געענטפערט מארינע פיאָדאָראָװנע. — דאָס פלעשעלע איז זױבער־רײן, און מילך פעלט ניט, עס סטײַעט פאר מײַן קינד און ס׳בלײַבט איבער. האָב איך אָפּגעצאַפּט. אז מע װעט דאַרפן, װעל איך געבן נאָך. איך בין א געזונטע, און דאָס קינד איז בא מיר א געזונטס. — זי האָט געהאַלטן דאָס פלעשעלע מיט די געקארבטע ציפערן אפן גלאָז אױסגעשטרעקט פאָרױס, די הױכע ברוסט אונטערן קאפּאָט איז אױך געװען אָנגעצױגן פאָרױס, אזױװי דער עמעסער אײדעס, אז דאָס מילך איז פון א לױטערן, געזונטן קװאַל.

װאַדיק איז גלײַך אײַנגעשטילט געװאָרן, װי נאָר ס׳איז צוגעפאַלן צום סמאָטשיק פונעם פלעשעלע. ס׳האָט די ליפּלעך אזױ אײַנגעקרעמפּעװעט אין דעם, אז דער גרעסטער גיבער װאָלט זײ ניט געקאָנט אָפּרײַסן. מיטיעדער מינוט איז די מילך אינעם פלעשל געפאַלן פון די אײבערשטע ציפערן אפן גלאָז צו די נידעריקערע.

— אן אַפּעטיט, קײן אײַנהאָרע, — איז יעפים סאָלאָמאָנאָװיטש געװען צופרידן, און די שכײנע, מארינע פיאָדאָראָװנע, האָט געשײַנט.

זױגנדיק מיט די ליפּלעך, איז דאָס קינד אײַנגעשלאָפן. דערװײַל האָט דאָרע זיך אומגעקערט פון דער מילך־קיך, אױך ניט מיט לײדיקן.

— אַף די נאָענטסטע שאָען זײַנען מיר שױן באַזאָרגט, — האָט פעסטגעשטעלט יעפים סאָלאָמאָנאָװיטש און ארײַנגעשטעלט דאָס מילכיקע קאַשקעלע אין אײַז־אַלמער.

דער פרימאָרגן האָט זיך גערוקט אלץ נעענטער צו דער צײַט, װען מע דאַרף גײן אַף דער ארבעט, און דאָס ערשטע מאָל, זינט דאָרע איז באַשעפטיקט אין סאָבעס, איז זי געקומען אהין מיט א פארשפּעטיקונג. מיט א ראַכמאָנעס־געפיל צום מענטשעלע, װאָס האָט שױן באַװיזן א ביסל נאָענט צו װערן און ארײַנדרינגען אינעם הארצן, איז אױסגעקומען צעשײדן זיך און אָפּטראָגן אהין, װוּ מע טראָגט אָפּ אזעלכע אומשולדיקע אומגליקלעכע װעזנדלעך.

נאָכאמאָל אָנגעהאָדעװעט דאָס קינד, װען עס האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט יעפים סאָלאָמאָנאָװיטש עס גוט אײַנגעװיקלט, און דאָרע האָט דאָס פּעקעלע גענומען אַף די הענט און ארױס מיט דעם פון שטוב. באַקאַנטע האָבן אַף דער גאַס מיט פארװוּנדערונג זיך אומגעקוקט אַף איר. די פּענסיאָנערן, װעלכע שפּאַצירן שױן פון גאַנצפרי, האָבן ארײַנגעקוקט אינעם קינדס פּענעמל, װאָס האָט ארױסגעהעלט פון דער קאָלדערקע, און זײ זײַנען געװען אַנציקט:

— מיר האָבן גאָרניט געװוּסט, דאָרע יעפימאָװנע, אז איר האָט אזא שײן טאַכשיטל, עס זאָל זײַן געזונט און דערלעבן ביז אונדזער עלטער. ס׳איז װי צװײ טראָפּנס ענלעך אַף אײַך.

אין רוטשאַנסק, אזױװי אין אַנדערע שטעט, זײַנען פאראַן געבײַען, װאָס האַלעװײַ װאָלט מען זײ ניט געדאַרפט און מע װאָלט געקאָנט אױסקומען אָן זײ, קײן שײנקײַט גיבן זײ ניט צו. דאָס זײַנען די טורמע, די אױסניכטערונגס־קאַמער און דאָס הױז, װוּ מע נעמט אוף אונטערגעװאָרפענע פארװאָרלאָזטע קינדער. אינעם „הױז פארן קינד“, װי מע רופט עס, איז ליכטיק, רײן, װאַרעם, נאָר ס׳איז דאָרטן טרױעריקער, װי אין יענע צװײ. װען מע זעט די קלײנינקע אײַנװױנער, באַזונדערס אין דער פּאַלאַטע, װוּ עס געפינען זיך אײפּעלעך, א יאָר נאָך ניט אַלט, טוט מען מיט א שװערן געמיט א טראַכט: די טאַטעס זײערע זײַנען אַף דער מילכאָמע ניט אומגעקומען, זײ האָבן די מילכאָמע אפילע ניט געשמעקט; די מאַמעס זײַנען, כאָלילע, אױך פאר דער צײַט ניט אװעק פון דער װעלט אױס דאַכקעס און נױט, זײ לעבן און זײ געניסן פון אלע װױלקײַטן, ס׳האָט זײ געשטערט דאָס קינד, איז מען פון דעם פּאָטער געװאָרן. אזױ גרינג און אזױ שרעקלעך. קײן אײן כײַע װאַרפט דאָך ניט דאָס קינד, װען עס איז אומבאַהאָלפן און קאָן אלײן זיך ניט באַזאָרגן.

דער גאַנצער פּערסאָנאַל פונעם הױז — די פארװאַלטערן זינאַידע יעליסטראַטאָװנא, די דערציִערנס, די ניאַניעטשקעס, די אופּראַמערן האָבן זיך ארומגעשטעלט ארום בעטעלע, אין װעלכן מע האָט ארײַנגעלײגט דעם נײַעם הױז־אײַנװױנער, אָבער דעם עמעס געזאָגט, װאָלט ער גאָרניט צוגעצױגן אזױ די אלגעמײנע אופמערקזאַמקײַט, װען ניט די פרױ, װאָס האָט אים געבראַכט.

— אים װעט דאָ זײַן גוט בא אונדז, — האָט זינאַידע יעליסטראַטאָװנא פארזיכערט דאָרען. — איך װעל אײַך נאָר בעטן ארײַנגײן אין געזונט־אַפּטײל און נעמען א צעטל, דאַן װעט דאָס קינד זײַן בא אונדז פולקום געזעצלעך.

— גוט, גוט... א צעטל װעל איך ברענגען, — האָט דאָרע צוגעשטימט, אָנגעבױגן זיך פארן אװעקגײן צום קינד. װאַדיק האָט גראָד דאַן געמאַכט מיטן מײַלכל א מין האַװײַעלע, װאָס מע האָט עס געקאָנט אָנעמען, װי מע װיל — אָדער אז עס האַלט באַם ערעװ צעװײנען זיך, אָדער א שײַן טאָן מיט א שמײכעלע. אױסגעקליבן האָט ער דאָס ערשטע — ער האָט זיך צעװײנט.

זונטיק זײַנען אַלע דרײַ — יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש, דאַרע יעפּימאָוונע און אַנאַטאָלי אַלעקסייע־וויטש אוועק צוגאַסט צו וואַדיקן. אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט אים נאָך ניט געזען, אָבער אָנגע־הערט האָט ער זיך וועגן אים איבערגענוג. אַלץ, וואָס עס האָט געהאַט א שײַכות צו וואַדיקן, איז גערעדט געוואָרן אין שטוב מיט געהעכערטער עקספּרעסיע און אויסדריקלעכקײַט:

— אַזאַ פּרעסערל. דאָס גאַנצע פלעשעלע מילך אויסגעטרונקען אין איין מאָל...

— און אַזאַ נעצערל. אין מעשׂה פֿון די פּאָר שאָ, וואָס ער איז געלעגן בײַ אונדז אין יענעם פרימאָרגן, האָט מען נאָכאַנאַנד געדאַרפט טריקענען די ווינדעלעך...

אינעם „הויז פֿאַרן קינד" איז אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש געשטאַנען אָנגעבויגן איבערן בעטעלע, וווּ ס'איז געלעגן דאָס טאַכשיטל, און זיך גוט אײַנגעקוקט אין דעם. וואַדיק האָט מיטאַמאָל אַזוי ברייט צעעפנט דאָס הוילע מײַלכל און א פאַרגעניגנדיקן שלוקערצל געטאָן, אַז די פּאַרוואַלטערן פונעם הויז זינאַידע יעליסטראַטאָוונאַ האָט אויך ברייט געעפנט דאָס מויל און אויסגערופן:

— ער ווייסט, דער מאַמזער, וואָס פאַר א טײַערער גאַסט ס'איז צו אים געקומען!

נאָכדעם האָט זינאַידע יעליסטראַטאָוונאַ אַפּגיך, ווײַל ניט אומעטום איז אין יענעם זונטיקדיקן פרימאָרגן געווען א געהעריקע אָרדענונג, באַוויזן די געסט די פּאַלאַטעס, אַנדערע צימערן, דאָס הויפל און צולעצט פאַרבעטן זיי אין עס־זאַל, וווּ אויף א טיש, א פאַרשפרייטן מיט א זויבער־ווײַסן טישטעך, זײַנען געווען אָנגעגרייט פאַרשיידענע קאַלטע צובײַסעכצנס און גלײַך זײַנען אויך אַרײַנ־געטראָגן געוואָרן הייסע געקעכטסן — טעלער באָרשטש מיט שטיקער פלייש אין דעם און שיסעלעך מיט געפּרעגלטן קאַרטאָפל און מיט צוויי קאָטלעטן אין יעדערס.

— א וואַרמעס פאַר איוואַן פּאָדובנין. די קינדער עסן אויך אַזוי־פיל? — האָט אַנאַטאָלי אַלעק־סייעוויטש געפרעגט בײַ דער קעכן, וואָס האָט געבראַכט די מײַכאָלים.

— די קינדער עסן ווייניקער, — האָט די קעכן אָפּנהאַרציק געענטפערט. — עס בלײַבט איבער.

— אַמאָל בלײַבט ווינציקער, אַמאָל מער. הײַנט איז געבליבן מער. — האָט פאַרפּינקטלעכט די פאַרוואַלטערן. — אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, איר זײַט אַזאַ זעלטענער טײַערער גאַסט בײַ אונדז, איך בעט אײַך און אײַערע ליבע פרײַנט פאַרזוכן אונדזער באַשיידענע שפּײַז.

— א דאַנק, זינאַידע יעליסטראַטאָוונאַ.

אופהייבן זיך פון טיש האָבן די געסט ניט באַדאַרפט, ווײַל זיי האָבן בײַ אים זיך ניט אוועקגע־זעצט. „איצט וועלן מיר שוין האָבן א קאָנטראָל אײנעם נאָכן צווייטן", — האָט די פאַרוואַלטערן געטראַכט, אַרויסבאַגלייטנדיק דעם אומגעריכט אַראָפּגעקומענעם דרײַלינג. זי האָט זיך ניט אײַנגע־האַלטן און בייסן געזעגענען זיך, אָפּגעפירט אויף א רעגע דאַרען אין א זײַט און געהאַט צו איר א טײַנע:

— פאַרוואָס האָט איר ניט געגעבן צו וויסן, אַז איר וועט קומען מיט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטשן? דער גאַנצער הויף איז פאַרנומען מיט די ווינדעלעך אויף די שטריקלעך, אין די שלאָפצימערן — אן אומאָרדענונג. עס פינקלט דאָך שטענדיק בײַ מיר, און גראָד הײַנט, ווען ער איז געקומען...

— האָט ניט קיין אַגמעסנעפעש, — האָט דאַרע זי באַרויִקט.

6

איינגיכן איז פאָרגעקומען נאָך א געשעעניש, שוין פון אן אַנדערן מין און אינהאַלט. אָבער צו וואָס מע האָט אויך ניט געקאָנט בלײַבן גלײַכגילטיק, ס'האָט באַאומרויִקט, געפּאָדערט אן אויסקלאָ־רונג און אן אַרײַנמישונג.

דער אַרכיטעקטאָר עדואַרד וואַרשאַווסקי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט א פּראָיעקט אויסצובויען אין דער שטאָט רוטשאַנסק א ספּאָרטיוון קאָמפּלעקס, אָדער, שענער געזאָגט, א ספּאָרטיוון אַנסאַמבל, וואָס זאָל זײַן אַזוי גרויסאַרטיק און אײַנדרוקספול, ווי די מאָסקווער „לוזשניקי". נאַטירלעך, דער סטאַדיִאָן, די געבײַען, די אײַנריכטונגען וועלן זײַן קלענערע, אָבער לויטן אַלגעמיינעם אויסזען וועלן זיי ניט זײַן ערגער, ווי אין דער הויפּט־שטאָט. דער „אַנסאַמבל" וועט אין א געוויסער מאָס קאָמפּענ־סירן די אומעטיקע אײנטאָניקײַט, וואָס האָט זיך אין די לעצטע אָנדערהאַלבן־צוויי צענדליק יאָר אויסגעשפּרייט אויף די נײַ־בויונגען אין דער אַלטער שטאָט רוטשאַנסק. א העלפט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג האָט זיך אַרײַנגעקליבן אין פינף־, נײַן־ און לעצטנס אויך אין צוועלפשטאָקיקע מויערן, און ס'איז ניט צו פאַרזינדיקן. אין די דירעס איז געמיטלעך, מע געניסט פון קאָמפאָרט. צו די דע־פעקטן, וועלכע די בויער האָבן דערלאָזט, האָט מען זיך שוין צוגעוווינט, אָדער טאַקע די זעלבע בויער האָבן זיי פאַריכט פאַר א צוגאָבלעכער באַלוינונג. אין אַלגעמיין איז וווּל און גוט... גייט מען אָבער אַרויס אין גאַס, איז ניטאָ וווּ זיך אַהינצוטאָן. מע דערפילט זיך קליין און אומבאַהאָלפן אויף די שמאָלע טראָטואַרן, פאַרבײַ וועלכע עס יאָגט אָן אן אופהער דער גרינגער און שווערער אויטאָטראַנספּאָרט

מיט זײַן גערודער און שטיקנדיקן רייעך. קיין הויפֿן זײַנען ניטאָ, אַ נאָענטן סקווער, אַ פֿרײַען גרינעם פֿלאַץ איז ניט צו זען. דער אוילעם אײַלט אַרײַנצושטופּן זיך וואָס גיכער אין אויטאָבוס און אוועקפֿאָרן אין דעם אַלטן טייל שטאָט, ווו מע קאָן זיך אוועקזעצן אויף אַ באַנק אין איין סקווערל, אין אַ צווייטן, רויִק דורכשפּאַצירן זיך אין דרויסן, אַרײַנגיין עפּעס קויפֿן אין די קליינע מאַגאַזינען. אינעם נײַעם טייל רוטשאַנסק איז דאָ איין גרויסער אוניווערמאַג, איין נאָך גרעסערער „אוניווערסאַם”, איין ניי־אַטעליע מיט אַ וויטרינע, אין וועלכער עס איז אַרויסגעשטעלט אַן איינזאַמער מאַנעקען מיט אַ צוגעקלעפּט צעטעלע, אַז באַשטעלונגען וועלן ניט ווערן אָנגענומען ביז סאָף יאָר. די טירן אין די מאַגאַזינען און אַטעליע זײַנען גלעזערנע און אַזעלכע מאַסיווע, אַז מע דאַרף זײַן אַ גיבער צו עפֿענען זיי, און אַז מע עפֿנט, באַווײַזן אָפּצולויפֿן, איידער דאָס גלאָז האָט ניט געגעבן אַ טעלעבענץ אין רוקן.

לעמאַן האָעמעס, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די פּראָיעקטירער פֿונעם נײַעם ראַיאָן אין דער שטאָט זײַנען דאָ ניט אינגאַנצן שולדיק. ווען מע זאָל האָבן אין דער בויונג פֿאַרווירקלעכט אַלץ אַזוי, ווי ס׳איז געווען אָנגעצייכנט אויף די וואַטמאַן־בויגנס אין די אַרכיטעקטור־וואַרשטאַטן, וואָלט דער דאָזיקער ראַיאָן, אייגנטלעך אַ נײַע שטאָט, וואָס מע רופֿט נײַ־רוטשאַנסק, אויסגעזען אי שענער אַ ביסל, אי פֿריילעכער. ס׳האָט זיך באַקומען אַזוי, ווי ס׳טרעפֿט אָפֿטמאָל אויף אָפּטאָווע יאַרידים, ווו מע האַנדלט אײַן סכוירע לויט אַרויסגעשטעלטע מוסטערן, נאָר ווען מע ברענגט זי, די סכוירע, אין קלייט, שיידט זי זיך גאַנץ שטאַרק אונטער פֿונעם מוסטער־עקזעמפּליאַר. די פּראָיעקטן איז אויסגעקומען צופּאַסן צו די בלאָקן און דעטאַלן, וועלכע עס לאָזט אַרויס דער אָרטיקער הויז־קאָמבינאַט, און ניט די אַרכיטעקטאָרן האָבן דיקטירט, נאָר די בויער.

עדואַרד וואַרשאַווסקי איז געווען צופֿרידן, ווען נאָכן פֿאַרענדיקן דעם לענינגראַדער אַרכיטעקטור־אינסטיטוט האָט מען אים געשיקט אַרבעטן קיין רוטשאַנסק. די שטאָט איז אים געפֿעלן געוואָרן ניט אַזוי מיט דעם, וואָס זי האָט, ווי מיט דעם, וואָס זי קאָן האָבן. יעדער שעפֿערישער מענטש וויל אין זײַן געביט אויפֿטאָן עפּעס וועזנטלעכס, און ווער האָט נאָך אַזאַ מעגלעכקייט צו פֿאַרייביקן זײַן נאָמען אין האַרמאָנישער שיינקייט פֿון שטיין און מעטאַל, אויב ניט אַן אַרכיטעקטאָר? איין דאָר גייט אוועק, דער אַנדערער קומט, נאָר מע הערט ניט אויף צו דערמאָנען צום גוטן דעם מענטשן, לויט וועמענס פּראָיעקט ס׳איז אויסגעבויט אין שטאָט אַ שיינער טעאַטער, אַ פֿײַנער קלוב, אַ קאָמפֿאָרטאַבעלער מויער צום וווינען. עדואַרד וואַרשאַווסקיס פּראָיעקט פֿון אַ ספּאָרט־קאָמפּלעקס האָט געקראָגן אַ הויכע אָפּשאַצונג, אָבער אָט איז שוין דורך ניט איין יאָר, ווי דער פּראָיעקט ליגט זיך רויִק אין איינער פֿון די שאַפֿעס אין דער שטאָטישער אַרכיטעקטור־פֿאַרוואַלטונג.

— עדיק, — ווענדט זיך צו אים דער שעף פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿאַנטעליימאָן איוואַנאָוויטש, — מע דאַרף דרינגענדיק אויסזוכן אַן אָרט און מאַכן אַ פּראָיעקט צום בויען אַ קאָאָפּעראַטיוון גאַראַזש. ס׳איז פֿאַראַן אַ באַשטימונג פֿון שטאָט־אויספּירקאָם.

גאַראַזשן, גאָרטן־באַצירקן מיט אינדיווידועלע קליינע הײַזער, אַנדערע ניט־גרויסע געבײַען, וואָס יעדערע פֿון זיי פֿאָדערט אַ באַזונדערן פּראָיעקט, — אויף דעם גייט אוועק בײַ וואַרשאַווסקין די גאַנצע צײַט. די אַרבעט ווערט אָפּגעטאָן, אָבער אַ באַפֿרידיקונג בײַ אַ מענטשן, וועלכער איז באַשאָנקען מיט טאַלאַנט און מיט אייגנליבע, קאָן עס ניט ברענגען.

— איך האָב אויך אַמאָל געוואָלט זײַן אַ קלוגער, — טרייסט עדואַרד יאַקאָוולעוויטשן דער שעף, וואָס האָט שוין לאַנג אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אויסצובויען אין רוטשאַנסק אַוועלכן־ניט־איז אָריגינעלן בנין, — און ווער איז שולדיק, וואָס עס האָט זיך גאָרניט באַקומען? שולדיק איז קיינער ניט. דער פּאַראַדאָקס באַשטייט אין דעם, וואָס די בויונג איז אַ קאָלאָסאַלע, און די ראָל פֿונעם אַרכיטעקטאָר אויף די בוי־פּלעצער איז געוואָרן אַ מינימאַלע, מע באַגייט זיך אָן אים, די ערשטע פֿידל שפּילט דער פּראָראַב, דער טעכניקער. אין מײַן צײַט, ווען איך האָב פֿאַרענדיקט דעם אַרכיטעקטור־אינסטיטוט, האָט מען וווינונגען קימאַט ניט געבויט, אין מאָסקווע אויך ניט, מע האָט אויסגעבויט עטלעכע הויכע פּאַלאַצן, הימלקראַצערס, מיט מירמלנע ווענט, מיט וועסטיביולן צום טאַנצן. די מעטראָסטאַנציע „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ” מיט די גראַנדיעזע בראָנזענע רײַטער אויפֿן הויכן סופֿיט האָט מען געבויט, ווי אַ קונסט־טעמפּל, אַ שעדעווער. עמעס, מע האָט דערבײַ פֿאַרגעסן צו מאַכן נאָך אַן עסקאַלאַטאָר, אַז די פּאַסאַזשירן זאָלן ניט דאַרפֿן זיך שטופּן אין אַ געפֿערלעכער געדרענגעניש. דערנאָך האָט מען געמאַכט אַ סאָך צו קאָלערליי באַפּוצונגען און צאַצקערײַען, מע האָט אָנגעהויבן בויען אַ סאָך, מענטשן האָבן געעפֿנט די אויגן, נאָר מע האָט ווידער איבערגעבויגן דעם שטעקן. אין יעדער שטאָט האָבן מיר גענומען באַקן מאָסקווער „טשעריאָמושקעס”, אונדזער רוטשאַנסק איז ניט קיין אויסנאַם. די שטאָט האָט פֿאַרלאָרן איר אייגנאַרט, איר אייגענעם אויסזען. גיכקײַט, מאַסעווידיקײַט, סטאַנדאַרטיזאַציע. טיפּיזירטע פּראָיעקטן — נומער איינס, נומער צוויי, נומער דרײַ...

— אין אייניקע ערטער, לעמאָשל, אין ווילנע, — באַמערקט וואַרשאַווסקי, — האָט מען פֿונדעסטוועגן אויסגעבויט מיקראָראַיאָנען, וועלכע האָבן זייער געלונגען זיך אַרײַנגעפּאַסט אינעם פֿריִערדיקן אַרכיטעקטור־היסטאָרישן אָנבליק פֿון דער שטאָט, באַנײַט זי און באַשיינט.

— יאָ, — מע האָט אַפילע געקראָגן פּרעמיעס, אָבער דאָס איז נאָר אַן אויסנאַם פונעם קלאַל. אַט וועט מען אויסבויען לויט דײַן פּראָיעקט דעם ספּאָרט־קאָמפּלעקס, — טוט אַ לאַך דער אַלטער אַר־כיטעקטאָר, — וועסטו אויך ווערן אַ לאַורעאַט און אונדזער רוטשאַנסק וועט דורכקלינגען איבערן גאַנצן לאַנד.

אַזעלכע געשפּרעכן האָבן נאָר שווער געמאַכט דעם יונגן אַרכיטעקטאָר אַפן האַרצן, אָבער ווי עס טרעפט, האָט אומגעריכט אַ ליכט געטאָן אַ העלער שטראַל. דער רעפּובליקאַנישער ספּאָרט־קאָמי־טעט האָט ענערגיש גענומען שטיצן וואַרשאַווסקיס פּראָיעקט און זיך דערשלאָגן, אַז מע זאָל אים אײַנשליסן אינעם טיטל־צעטל פון די וויכטיקע בויונגען אין רוטשאַנסק נאָך אין לויפנדיקן פינפיאָר. באַ עדואַרד יאַקאָוולעוויטשן האָט זיך געהויבן די שטימונג, אין די אויגן האָבן גענומען פינקלען פרייליכע פײַערלעך, יעדן באַקאַנטן איז ער מעסאַמייעך געווען מיטן סטאַדיאָן, וועלכן מע וועט דאָ אײַנגיכן האָבן, פוטבאָל־כאָקיי־האַנדבאָל, טעניס־פּלעצער, וואָס וועלן דאָרטן זײַן, די קאָרטן, געליטש־סטעזשקעס, נו און דערהויפּט די גראַם־ליכטיקע זאַלן פאַר ספּאָרט־איבונגען, פאַר די פיגוריסטן... וואַרשאַווסקי האָט זיך זייער דערפרייט, ווען ער האָט אַף דער גאַס באַגעגנט דאָרע פרומקינע. ער האָט זיך באַקאַנט מיט איר אין איינעם אַ שאַבעס־טאָג אַף אַן אויבס־באַזע. ער האָט אויסגעלאָדן קרויט פון די מאַשינען, וועלכע זײַנען צוגעפאָרן און אָפּגעפאָרן פון דער באַזע, זי האָט איבערגעקליבן קאַרטאָפל. מיטיק האָט מען געגעסן צוזאַמען. זי איז אַרויס פון קעלער אָטכײַען די נעשאָמע אַף דער פרײַער לופט און זיך אונטערקרעפטיקן מיט דעם, וואָס זי האָט געבראַכט פון דער היים, ער האָט אויך עפּעס־וואָס געהאַט און מע האָט גענומען עסן בעשוטפעס.ביידע האָבן געהאַט אַן אַקטועלע טעמע צו ריידן.

— ווען וועט נעמען אַ סאָף צו די גייענישן אַף די באַזעס? איך בין אַן אַרכיטעקטאָר! — האָט עדיק געגעבן צו וויסן וועגן זײַן פּראָפעסיע.

— איך בין אַן עקאָנאָמיסט, — האָט דאָרע אויך אָנגערופן איר ספּעציאַליטעט.

— אַן עקאָנאָמיסט? דאַרפט איר דאָך אַוודע וויסן, וואָס פאַר אַ העזעק עס איז אָפּצווווענדן ספּעציאַליסטן פון זייער גרונט־אַרבעט אַף איבערקלײַבן קאַרטאָפל. — עדיק האָט זיך געהיצט, אַזוי־ווי זײַן מיטעסערן וואָלט אים דערווידערט. דאָרע איז אָבער אינגאַנצן מאַסקים געווען מיט אים.

ניט אַזוי זי אים, ווי ער איר איז געפעלן געוואָרן. די הענט זײַנע, אָנגעבראַקנעטע און רויטע פון די היפּטן קרויט, וואָס זיי האָבן איבערגעוואָרפן און איבערגעשלעפּט אין מעשעך פון די עטלעכע ביז־מיטיק־שאָען, זײַנען געלעגן באַ אים אַף די קני און גערוט. ס'איז אים געווען שווער אויסצובייגן דעם רוקן אַף הינטן און ניט־ווילנדיק איז ער געזעסן אָנגעבויגן צו זײַן שכיינע. ביידע האָבן זיך נעענטער אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. באַ אים זײַנען די אויגן געווען אומעטיקלעכע, און זי האָט אַף אים ראַכמאָעס געהאַט.

— אַז איר וועט קומען אַהיים, זאָלט איר זאָגן דער פרוי, זי זאָל אײַך שטעלן באַנקעס, — האָט דאָרע אים געייצעט. — עס האָט אײַך דורכגענומען דער ווינט, ווען איר זײַט געשטאַנען אַף דער מאַשין.

— ערשטנס, — האָט ער געענטפערט, — האָב איך ניט קיין ווײַב. צווייטנס, האָב איך אַף מײַן לעבן קיין באַנקעס ניט געשטעלט. דריטנס, איז באַ מיר שוין אַזאַ רוקן, יעדעס מאָל, ווען איך בין אַף דער באַזע, קאָן ער דערנאָך זיך ניט אויסבייגן.

נאָך דער אַרבעט זײַנען זיי אַ פאָר קוואַרטאַלן ביזן אויטאָבוס געגאַנגען צוזאַמען און באַביידן, דערהויפּט באַ איר, איז כוץ דעם פּאַרדראָס, וועלכן עס רופן שטענדיק אַרויס אַזעלכע „באַזע"־טעג, געווען פונדעסטוועגן אַ געפיל, אַז דער הײַנטיקער טאָג איז דורך ניט שלעכט. ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַ שיין מיידל אַן עקאָנאָמיסט, זי — מיט אַ באָכער אַן אַרכיטעקטאָר.

געווען איז דאָס נאָך מיט אַ פאָר יאָר צוריק. מע איז ניט איין מאָל נאָך געגאַנגען אַף די באַזעס און געפאָרן אין די קאָלווירטן פון ראַיאָן, אָבער צוזאַמען האָבן זיי מער זיך ניט געטראָפן, געשאַ־בעסדיקט און געזונטיקט אין פאַרשיידענע ערטער. אַף דער גאַס האָט מען יאָ ווען־עס־איז צופעליק זיך באַגעגנט — פאַרבײַגייענדיק און אײַלנדיק — דער אַהער, די אַהין. איינמאָל, ווען ער איז דורכ־געגאַנגען פאַרבײַ איר הויז, האָט זי אים אָפּגעשטעלט, אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַפן בוים, וואָס וואַקסט דערנעבן, און געבעטן:

— עפּשער וועט איר אַרויסהעלפן דעם כאַווער, וואָס האָט זיך דאָרטן אין דער הייך פאַרקליבן און האָט מוירע אַראָפּצוקריכן?

אויבן, אַפן סאָסנע־בוים, קימאַט אונטער דער קרוין, האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג פונעם קערפּערל און פאַרקלאַמערט זיך מיט די נעגעלעך אין אַ צווײַגל אַ קליין קעצעלע. ס'קוקט אַראָפּ מיט די פײַערדיק־גרינע אייגלעך, וואָס בעטן ראַכמים, מע זאָל קומען צו הילף, דאָס פּיסקל איז צעעפנט און יאָמערט.

— ס׳איז ניט קיין קעצעלע, נאָר אַ קאָטערל, — האָט דאָרע דערקלערט. — אַ קעצל איז ניט אַזוי נאַריש און ניט אַזאַ פּאַכדן. צווײ יונגע לײַט האָבן געפּרוּווט עס אַראָפּנעמען, איז עס געשפּרונגען פֿון זיי און זיך געדראַפּעט אַלץ העכער, די כעוורע זײַנען שיר ניט אַראָפּגעפֿאַלן. דער בוים איז אַ קראַנקער, די צווײַגן — אויסגעטריקנטע, מע דאַרף זײַן זייער פֿאָרזיכטיק, ווען מע קריכט אויף אים.

דאָס גאַנצע הויז האָט געקוקט דורך די פֿענצטער, ווי דער באָכער קריכט, און דאָס קאָטערל אַנטלויפֿט פֿון אים, ביז ס׳האָט שוין מער ניט וווּהין צו לויפֿן. ס׳איז שוין אויפֿן סאַמע שפּיץ. און דאָרטן, אויפֿן שפּיץ, האָט דער יונגערמאַן עס דערגרייכט און פֿון צווײַג צו צווײַג זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דעם אויף אונטן. גרויס איז געווען די סימכע. דאָס קאָטערל האָט געשײַנט און ס׳האָבן געשײַנט אַלע אַרום אים. דאָרע האָט אײַנגעלאַדן דעם העלדנמוטיקן אַרכיטעקטאָר אַרײַנגיין אין שטוב, אויסטרינקען אַ גלאָז טיי, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט שוין אַזוי אויך אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקט דאָרטן, וווּהין ער איז געגאַנגען.

די דאָזיקע באַגעגעניש האָט דאָרע פֿאַרגעדענקט מער, איידער די פֿריִערדיקע אויף דער באַזע, אָבער אַ נעענטערע באַקאַנטשאַפֿט האָט אויך דאָס מאָל זיך ניט אָנגעקניפּט. ס׳איז נאָר געבליבן דער גוטער אײַנדרוק, אַז ווען זיי טרעפֿן זיך ניט, האָבן זיי דערפֿון ביידע פֿאַרגעניגן, ער עפּשער אַ ביסל וויניקער, זי — עטוואָס מער, און אָט די אומגעריכטע, צופֿעליקע טרעפֿענישן האַלטן זיך דערנאָך אַ לענגערע צײַט אין זיקאָרן, ווי עפּעס אַ געוויס אָנגענעם געשעעניש. איצטיקס מאָל, האָבנדיק זי באַגעגנט אין גאַס, האָט דער אַרכיטעקטאָר זיך דערפֿרייט גאָר אויסערגעוויינלעך. זי איז אַרויסגעגאַנגען פֿון סאָבעס, וווּ זי האָט שוין צו יענער צײַט געאַרבעט, ער איז געגאַנגען פֿון שטאָט־אויספֿירקאָם, פֿון דער אַרכיטעקטור־פֿאַרוואַלטונג.

— איר אײַלט אין ערגעץ ניט? — האָט ער זי געפֿרעגט.

— וועלכער מענטש אײַלט עס ניט נאָך דער אַרבעט אַהיים? — האָט זי געענטפֿערט. — און איר אײַלט ניט?

— איך אײַל אויך, נאָר איך בין זייער צופֿרידן, וואָס איך האָב אײַך געטראָפֿן. ערשטנס, וויל איך אײַך האַרציק באַגריסן... איך האָב געהערט, אַז איר האָט כאַסענע געהאַט.

— און איר אַוודע שוין אויך...

— איך נאָך ניט.

— איר זײַט אַ גרויסער איבערקלײַבער, — האָט זי געשמייכלט.

— די, וואָס איך וואָלט עפּשער אויסגעקליבן, האָט מען שוין אויסגעכאַפּט, — האָט ער אויך אַ שמייכל געטאָן.

— זעט איר, מע טאָר ניט פֿאַרלאַנגזאַמערן...

— פֿולקום מאַסקים, נאָר איך וויל זיך אויסהיטן און ניט מאַכן אַ וועזנטלעכן פֿעלער. צו מײַן באַדויערן, מאַך איך פֿעלערן גאַנץ אָפֿט.

— וואָס פֿאַר אַ פֿעלער האָט איר איצט געמאַכט?

— אָ, איצט, — האָט ער אויסגערופֿן, — בין איך, דוכט מיר, אויפֿן פֿערד... איך וועל אײַך, דאָרע יעפֿימאָוונע, בעטן צופֿאָרן מיט מיר.

— צופֿאָרן? וווּהין?

— דער וועג וועט פֿאַרנעמען ניט מער פֿון פֿופֿצן מינוט. איך וועל אײַך בעטן שטיין דאָ אַ ווײַלע און אויסוואַרטן, ביז איך וועל צוּיאָגן אַהער מײַן מאַשין. זי שטייט לעבן אויספֿירקאָם, אַ פּאָר טריט פֿונדאַנען.

ער איז גאָר ניט געווען ענלעך אויפֿן צוריקגעהאַלטענעם, גאַנץ באַשיידענעם באָכער, ווי ער האָט פֿריִער איר זיך אויסגעוויזן. אַ כוצפּעניק! זי האָט ניט באַוויזן עפֿענען דאָס מויל צו אַנטשולדיקן זיך און זאָגן, אַז זי קאָן איצט, ראַפּטום, ניט פֿאָרן, ווי ער איז שוין אַוועקגעלאָפֿן און איבערגעלאָזט זי וואַרטן אויפֿן טראָטואַר. זי האָט אַוודע געקאָנט אַוועקגיין, טויג עס אָבער אויך ניט. ווען זי זאָל וועלן טיפֿער אַרײַנקוקן צו זיך אינווייניק, וואָלט זי זיך געמוזט מוידע זײַן, אַז ניט נאָר זי קאָן ניט אַוועקגיין, ווײַל ס׳טויג ביכלאַל ניט שטעלן אַ מענטשן צום נאַר, נאָר ווײַל איר אַליין ווילט זיך אַ ביסל זיצן לעבן אים אין דער קאַבינע, הערן, וואָס ער דערציילט, דערוויסן זיך, וווּהין ציט עס אים אַזוי סאַך טאָג, נאָך דער אַרבעט.

עדואַרד יאַקאָוולעוויטש האָט צוגערודערט אין אַ בלויער „זשיגולי“ צום טראָטואַר. דאָרע האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דער מאַשין און מע איז אַוועקגעפֿאָרן.

— איר אינטריגירט מיך, זאָגט שוין אַמאָל, וווּהין טראָגן מיר זיך? — האָט דאָרע געפֿרעגט. — איך האָף, אַז איר וועט מיך ניט פֿאַרטראָגן צו ווײַט.

— מײַן פּראָיעקט איז אײַנגעשלאָסן אין פּלאַן און מע וועט אין קומענדיקן יאָר אים שוין אָנהייבן רעאַליזירן. איך וויל אײַך ווײַזן דאָס אָרט, בעסערס און שענערס באַדאַרף מען ניט פֿאַר אַ ספּאָרטיוון אַנסאַמבל... — עדואַרד יאַקאָוולעוויטש האָט געקוקט אויפֿן אַספֿאַלט, וואָס האָט זיך גע־

וויקלט פֿון אונטער די רעדער, און די אויגן זײַנע האָבן, דאכט זיך, שוין געזען דעם פּרעכטיקן „אַנ־סאמבל״ אַן אויסגעבויטן.

די מאַשין איז דורכגעפֿאָרן איבערן לאַנגן הויפּט־פּראָספּעקט אין דעם אַלטן טייל שטאָט, פֿאַר־קערעוועט אַף אַ צווייטער גאַס, אַרײַנגעשלענגלט זיך אין אַ דריטער, דורכגעלאָפֿן איבער אַ פּאָר קלײנע געסלעך, פֿאַרבויטע מיט הילצערנע הײַזער, און אָפּגעשטעלט זיך באַם ראַנד פֿון אַ פֿעלד, וואָס איז אינדערווײַטנס באַזוימט מיט אַ וועלדל, אַ געמישטן פֿון נאָדלביימער און בלעטערביימער. פֿון רעכטס איז דאָס פֿעלד געווען אָפּגעצאַמט און ס׳איז געהאַנגען אַ טויער. דאָס אָרט איז דאָרטן געווען באַקאַנט.

— און דאָ ווילט איר בויען? — איז זי געוואָרן דערשטוינט. — מיר זײַנען דאָך אַפֿן אַלטן ייִדישן בעסוילעם!

— יאָ, איך האָב וועגן דעם געטראַכט... דער בעסוילעם איז אַ קלענער, די ניט־גרויסע צאָל קוואָרים וועט מען אַריבערטראָגן אַפֿן גרויסן שטאָטישן בעסוילעם.

— וויאַזוי האָט אײַך אַזעלכס גאָר געקאָנט אײַנפֿאַלן? — דאָרע איז געווען איצט ניט נאָר פֿאַרוווּנדערט, נאָר אויך טיף אופּגעבראַכט.

עדוואַרד יאַקאָוולעוויטש האָט פֿאַרדראָסן, וואָס ער האָט זי געפֿירט אַהער און ער דאַרף איר דערקלערן און זיך פֿאַרענטפֿערן:

— אַזעלכס ווערט פּראַקטיקירט ניט זעלטן, אויב מע דאַרף פּלאַץ צוליב אַ וויכטיקער בויונג. אַ מער צוגעפּאַסט אָרט איז בײַ אונדז אין רוטשאַנסק ניט צו געפֿינען. וויפֿל מאָל איך בין דאָ ניט געווען, האָב איך קיין איין מענטשן דאָ ניט געטראָפֿן. דער בעסוילעם איז פֿאַרלאָזט און פֿאַרגעסן, ווײַל די קינדער פֿון די, וועלכע ליגן דאָ באַהאַלטן, זײַנען שוין אויך אַוועק אין דער אייביקער רו.

— מײַן זיידע ליגט דאָ, — האָט דאָרע שטיל געזאָגט, — און מײַן טאַטע, מײַן זיידנס זון, לעבט, און איך, דאָס אייניקל, לעב. מיר קומען אַהער אין יעדן יאָרצײַט.

— אָבער זאָגט מיר, דאָרע, וויפֿל ייִדן איז איצט בײַ אונדז אין שטאָט? מיר דאַכט זיך, בלויז איך און איר מיט אײַער טאַטן און עפּשער נאָך עטלעכע.

— גענוי ווייס איך אויך ניט וויפֿל, נאָר מיר ווײַזט זיך אויס, אַז איר פֿאַרמינערט שטאַרק די צאָל. אָבער וויפֿל ס׳זאָלן ניט זײַן, איז וואָס דערפֿון געדרונגען? קומט, ווײַבאַלד מיר זײַנען שוין דאָ, וועלן מיר אַרײַנגיין אַפֿן הייליקן אָרט, איך וועל זיצן אַ ביסל באַם זיידנס קייווער, און איר וועט זיך דורכגיין צווישן די קוואָרים. אויב איר וועט פֿאַרלאַנגען, וועט אײַך מײַן טאַטע דערנאָך דערציילן וועגן אייניקע פֿון די געשטאָרבענע. זיי האָבן ניט קיין קלײנעם כּיילעק אין דער שטאָט רוטשאַנסק. — זי איז אַוועק פֿאָרויס, און ער נאָך איר.

אַ רײנער בלויער הימל איז געווען אויסגעשפּרייט הויך איבערן פֿעלד, נאָר אַ צוויי דינע דורכ־זיכטיקע וואָלקנס זײַנען, ווי אַ פּאָר ווײַס־גרויע ענטעלעך, געשווומען אין דער ריכטונג צום וועלדל, וואָס האָט געטונקלט אין אָנקומענדיקן אָוונט. דאָס געבלעטער פֿון די ביימער איז געלעגן אונטער די פֿיס און מיט אַ הויכער שורשערײַ זיך אָפּגערופֿן אַף יעדן טראָט, אַזוי ווי ס׳וואָלט געפֿרעגט: „צו וועמען זײַט איר געקומען?״ דאָרע האָט פֿאַרקערעוועט צום „געסעלע״, ווו צווישן צוויי אַנדערע בערגלעך מיט מאַצייוועס פֿון מירמלשטיין איז געווען איר זיידנס בערגל, אויך מיט אַזאַ מירמלנער מאַצייווע.

ס׳איז געווען אויסגעקריצט אַף איר:

תנצבה

„פּ״נ המפלג החסד ר׳ שלמה בן דוד זכרונו לברכה...״ דעם באַטײַט פֿון די ווערטער האָט זי געוווּסט, ווײַל ווען מע האָט די מאַצייווע געשטעלט, האָט דער טאַטע געבראַכט זי, דאָרטן, אַהער און דערקלערט, וואָס עס איז אַפֿן שטיין אויסגעקריצט. אויב זי ווייסט די אויסיעס פֿון ייִדישן אַלף־בייס, האָט זי זיי אויסגעלערנט פֿונעם זיידנס מאַצייווע. איצט האָט זי ווידער, ווי ווען זי קומט אַהער מיטן טאַטן, געשעפּטשעט די אויסיעס און געווען צופֿרידן, וואָס זי געדענקט זיי. דעם זיידן האָט זי ניט געוווּסט, ער איז געשטאָרבן פֿריִער, איידער זי איז געבוירן געוואָרן, אָבער דער טאַטע האָט ליב צו דערציילן וועגן אים, ער מאָלט אים זייער שיין אויס: אַ ייִד, וואָס דאַוונט אין דער כּסידישער שול „כאַבאַד״, טראָגט באָרד־און־פּייעס און אַ יאַרמעלקע. דאָס ווײַב זײַנס, כיענע, קאָן אים זיך ניט אָנשפּיגלען, כאָטש אין שטוב ברענגט ער ניט אַרײַן קיין גראָשן. די פֿאַרדינערן איז זי, די כאיונע גייט פֿון איר געשטעלכל אַפֿן מאַרק. דאָרע איז געשטאַנען בײַ דער מאַצייווע און צוזאַמען מיטן אומעט און טרויער, וואָס דרינגט אַרײַן אין דער נעשאָמע, ווען מע געפֿינט זיך באַם אייביקן רו־אָרט פֿון אַ נאָענטן מענטשן, האָט זי געטראַכט וועגן דעם, אַז דער זיידע איז געווען אַ גליקלעכער — ער איז געשטאָרבן אַפֿן אייגענעם בעט, די באָבע האָט אים צוגעמאַכט די אויגן, אַ שטאָט מיט ייִדן האָבן

אים ארויסבאַגלייט אין זײַן לעצטן וועג. ניטאָ זײַנען קיין קוואַרים בײַ די מיליאַנען, וועמען מע האָט דערשטיקט און פאַרברענט אין די גאַז־אויוונס און קרעמאַטאָריעס, צעזייט און צעוויט איז דאָס אַש זייערס.

עדוואַרד יאַקאָוולעוויטש איז דורכגעגאַנגען הין און צוריק איבערן פעלד, ער האָט ניט געקאָנט איבערלייענען די אויפשריפטן אויף די מאַצייוועס, נאָר אין די מאַצייוועס גופא האָט ער זיך איינגעקוקט. שטיינער ווערן אויך אַלט, אייניקע פון זיי האָבן בײַ די ראַנדן עטוואָס זיך אָפּגעריבן, וויפל זשע יאָר איז דורך, ווי זיי שטייען דאָ? דאָס איז צו זען פון די ציפערן אויף זיי. ניט אויף אַלע מאַצייוועס זײַנען ציפערן פאַראַן, אויף אַ סאַך זײַנען די דאַטעס אָנגעוויזן מיט אותיות, אָבער סײַ־דאָ, סײַ דאָרטן פאַרבינדט אַ קליין פּאַסיקל דאָס לעבן מיטן טויט. 1789—1851 — האָט ער אָראָפּגעלייענט פון איינער, ווײַזט אויס, די סאַמע אַלטע מאַצייווע, קיין נאָך פריִערדיקע האָט ער צווישן די אַנדערע דאַטעס מיט ציפערן ניט געפונען. „וואָס הייסט — אַריבערטראָגן אַזאַ קייווער? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — דער דענקמאָל איז דאָך גופא אינעם אָרט, וואָס איז אין מעשעך פון אַזוי־פיל צײַט פאַרהייליקט געוואָרן, ווי דורך עפּעס אַ נעס. וויאַזוי האָב איך פריִער וועגן דעם ניט געקלערט? אָבער איצט איז שוין שפּעט. דער פּראָיעקט איז צוגעבונדן צו אָט דעם אָרט און ניט צו קיין אַנדערן. אָפּזאָגן זיך פון אים — הייסט אָפּזאָגן זיך פון דעם, וועגן וואָס איך טרוים די גאַנצע צײַט, זינט איך אַרבעט דאָ, אין דער שטאָט רוטשאַנסק. אינעם בעסטן פאַל וועט דער פּראָיעקט אָפּגעלייגט ווערן אויף יאָרן שפּעטער...”

די געהויבענע שטימונג, וועלכע איז געווען בײַ אים פריִער, ווען ער איז געפאָרן אַהער, איז פאַרשוווּנדן, ניט געבליבן פון דעם קיין זייכער, אָבער ער האָט פּעסט באַשלאָסן פונעם פּראָיעקט זיך ניט אָפּזאָגן און מיט אַלע מעגלעכקייטן אים פאַרטיידיקן, ווײַל צופיל איז דאָ פאַר זײַן אייגענעם שעפערישן גורל געשטעלט אין קאָן.

ער און דאָרע זײַנען אין דער מאַשין צוריק געפאָרן אין שטאָט, און ביידע האָבן געשוויגן. ער האָט געדרייט דאָס רעדל, געקוקט פאָרויס, און קיין איין מאָל ניט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר. זי האָט יאָ געכאַפּט אַ קוק אויף אים, אויף זײַן געענדערטן אויסזען, אויף די באַקן — אַזעלכע טונקעלע, און אויף די צוזאַמענגעצויגענע ברעמען. צום סאָף, ווען ער האָט זי שוין געהאַט צוגעפירט צו איר הויז, האָט זי אים געבעטן אַרײַנגיין אין שטוב.

— איר וועט זיך באַקענען מיט מײַן פאָטער. ער וועט אײַך דערציילן וועגן די, וואָס ליגן אויפן אַלטן ייִדישן בעסוילעם.

— איך וועל אַרײַנקומען אַן אַנדערס מאָל, — האָט ער זיך אָפּגערופן, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, עלעהיי געזעגנט זיך, און האַסטיק אַוועקגעפאָרן ווײַטער.

אין שטוב איז דאָרע אַרײַן זייער אַ צעטומלטע און זייער אַ מידע. זי איז געווען אַ ביסל צופרידן, וואָס דער טאַטע איז ניטאָ אינדערהיים. זי וועט ניט גלײַך אויסשיסן די נײַס, וואָס זי האָט געבראַכט, נאָר צוערשט אַליין נאָכאַמאָל באַטראַכטן די סיטואַציע. עפּשער איז דער אַרכיטעקטאָר גאָר ניט אַזוי אומגערעכט מיט זײַן פּראָיעקט און מע דאַרף ניט דעם טאַטן, ניט עמעצן אַן אַנדערן אויף דער הייסער מינוט „אַנדרייען” קעגן אים? שווער קומט אָן, ביז מע שטעלט אַרײַן אַ נײַעם בוי־אָביעקט אין פּלאַן, אָבער ווען ער איז שוין אַרײַנגעשטעלט, איז נאָך שווערער פון פּלאַן אים אויסצושליסן. דאָס איז איינס אַוועק. צווייטנס, שטעלט זי זיך גוט פאָר און זי ווייסט, וואָס עס באַטײַט די פאַרווירקלעכונג פון אַזאַ פּראָיעקט פאַר זײַן שעפער, אַ יונגן אַרכיטעקטאָר. דאָס איז זײַן ערשטער רעאַליזירטער טרוים, דאָס ערשטע זיכערע טרעפל צו אַלע ווײַטערדיקע טרעפ אינעם לעבן. דריטנס... אין דעם וואָגט זי ניט זיך אַליין מודה צו זײַן, דערהויפּט איז דאָס אומבאַגרײַפלעך נאַריש און איבעריק איצט, ווען זי איז שוין אַ כאַסענע געהאַטע. אין זיך רופט זי אים ביז איצט עדיק, ווי ער וואָלט געווען אירער זייער אַ נאָענט־באַקאַנטער, היימישער מענטש.

ס'איז אַרײַנגעקומען יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש, אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן זײַן אַלט סאַקוואַיאַזשל, וואָס נאָך גאָר אַמאָל האָבן אַזעלכע געטראָגן דאָקטוירים, און אַזוי האָבן זיי טאַקע געהייסן „דאָקטאָרסקע”, אין דער אַנדערער האַנט איז געווען אַ טאָרבעלע, איינס פון די טאָרבעלעך, מיט וועלכע אַ שטאָט מענטש צעשיידט זיך ניט — גייט מיט דעם אַ לײַדיקס פון שטוב אַרויס און קומט אַרײַן אין שטוב אָן אָנגעלאָדנס מיט דעם, וואָס גאָט האָט צוגעשיקט. יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש האָט אַוועקגעלייגט דאָס סאַקוואַיאַזשל און דאָס טאָרבעלע אויפן טישל אין קאָרידאָר, אַרײַנגעקוקט אין צימער צו דער טאָכטער, טייקעף באַמערקט, אַז יענע איז עפּעס צעקלערט.

— וואָס האָט שוין ווידער געטראָפן? וועמען האָט מען הײַנט אונטערגעוואָרפן? — ער האָט געוואָלט אַ לאַך טאָן, נאָר געזען, אַז בײַ יענער איז ניט צום געלעכטער.

— איך בין הײַנט געפאָרן מיט עדיקן... כ'מיין עדוואַרד יאַקאָוולעוויטשן, — האָט זי אָנגעהויבן דערציילן.

— עדוואַרד יאַקאָוולעוויטש? ווער איז דאָס?

— דער ארכיטעקטאָר. דו קענסט אים. ער האָט בא אונדז פונעם בוים אראָפּגענומען טאָמיקן, ווען ס׳איז נאָך געווען א קליינס.

— איך געדענק. נו, און וואָס איז געווען ווײַטער, וווּהין ביסטו מיט אים געפאָרן?

יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש טראָגט ניט קיין וואָנצעס, ניט קיין באָרד, בא אים איז א ריין־געגאָלט פּאָנעם, נאָר ער האָט א טעווע, ווען עפּעס א זאַך איז אים זייער טשיקאַווע און ס׳האָט אים פאַרינ־טערעסירט, א פּיר טאָן מיט א פינגער איבער איין ברעג און איבערן צווייטן פון דער אייבערשטער ליפּ, א צופּ טאָן די קין, ווי ער וואָלט געצופּט די הערעלעך, וואָס זײַנען דאָרטן ניטאָ. אזוי האָט ער אויך איצט געטאָן.

דאָרע האָט דערציילט, ווו זי איז מיט עדוארד יאקאָוולעוויטשן געווען און וועגן זײַן פּראָיעקט.

— ער מיינט דאָס ערנסט? עס זײַנען דאָך פאראן פרײַע ערטער אין שטאָט, וואָס בעטן זיך, אז מע זאָל זיי פארבויען. — האָט יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש זיך פארכידעשט.

— איך האָב אים אויך געזאָגט דאָס זעלבע. ער האלט, אז קיין בעסער אָרט איז ניטאָ, און אז איצט איז שוין ביכלאַל שפּעט צו ריידן וועגן אן אנדער פּלאַץ. עס ליגן שוין דאָרטן ברעטער און פלעקענער אף ארומצאמען די בויונג, און ס׳איז שוין פאראן, דוכט זיך, א סטאָראָזש, — האָט דאָרע דערקלערט.

— די ברעטער און פלעקענער וועט מען צונעמען, און דער סטאָראָזש וועט היטן אין אן אנדער אָרט, — האָט יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש געזאָגט מיט א זיכערקײַט. — א קאַפּויערע זאַך וועט ניט דורכ־גיין! — עטוואָס שטילער האָט ער צוגעגעבן: — דער דאָזיקער עדוארד יאקאָוולעוויטש האָט, דוכט מיר, קינדווײַז געהיילט זיך בא מיר. איך האָב געדארפט ניט נאָר היילן, נאָר אויך אָנשמײַסן דעם טאכשיט, ער זאָל געדענקען אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

— ניין, טאטע, — האָט דאָרע באמערקט. — געהיילט האָסטו אים ניט, אזוי אז אָנשמײַסן האָסטו אים אויך ניט געקאָנט. ער איז געקומען צו פאָרן קיין רוטשאנסק נאָכן פארענדיקן דעם אינסטיטוט.

— גאָט צו דאנקען דערפאר — ווייניקער מיט אן אייגענעם מעשומעד. איך האָב פײַנט מע־שומאָדים!

— פארוואָס איז ער א מעשומעד?

— ווײַל נאָר א מעשומעד קאָן זיך דערטראכטן צו אזא זאַך — אויסמעקן דעם זייכער פון א הייליק אָרט! — יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש איז געווען אזוי אופגעבראכט, אז ער האָט דאָס מאָל אפילע פארגעסן אונטערצוײַלן, מע זאָל זיך זעצן צום טיש, ווײַל זי איז דאָך הונגעריק, און ער וויל אויך עסן.

7

דער פאָרזיצער פון שטאָט־אויספּירקאָם איז ארײַנגעקומען אין קאבינעט צום ערשטן סעקרעטאר פון שטאָטקאָם דורכריידן זיך וועגן אייניקע איניאָנים אונטער פיר אויגן. דמיטרי ניקאנאָראָוויטש קוזאָוולעוו איז קימאט אין צוויי מאָל עלטער פון אנאטאָלי אלעקסייעוויטש אלפיאָראָוון. צווישן די אָרטיקע אָנפירנדיקע טוער איז ער ניט נאָר דער עלטסטער לויט די יאָרן, נאָר אויך לויטן סטאזש, וואָס ער געפינט זיך אין דער נאָמענקלאטור פון ראיאָנישן ראנג. א פּאָר מאָל האָט ער געביטן די שטעלעס, און ס׳איז דאן שווער געווען צו זאָגן, צי מע האָט אים געהעכערט אָדער גענידערט, ווײַל אויך די נײַע שטעלע איז געווען זייער כאָשעווע, פּרעסטיזש און לוינבאר. ער פארמאָגט אָרגאניזאטאָ־רישע פעיִקײַטן, ער איז אויספּילעריש און דיסציפּלינירט, אָבער טאָן טוט ער אָן אינווייניקסטן ברען און גאנץ אָפּט אויך אָן דער איבערצײַגונג, אז טאָן דארף מען אזוי און ניט אנדערש. ער איז קיינמאָל ניט ארײַנגעטראָטן אין א קאָנפליקט מיט אן עטוואָס העכערן פון זיך. אויב ער האָט יאָ דערווידערט, איז די דערווידערונג געווען אזוי געצוימט און פארווייכערט מיט אזעלכע באוואָרענישן, ווי „זייער מעגלעך, אז איך האָב א טאָעס”, „איך דארף עס נאָך אליין באטראכטן”, אז בא דער פּערזאָן, וועמען ער האָט געפּרוּווט אָנהייבן קריטיקירן, איז ניט געווען קיין סאָפעק, אז די „קריטיק” איז נאָר דער־פאר, ווײַל „אזוי דארף מען”...

אלס פאָרזיצער פון שטאָט־אויספּירקאָם האָט דמיטרי ניקאנאָראָוויטש שוין געארבעט עלף יאָר. אין מעשעך פון אָט דער צײַט האָבן זיך געביטן צוויי ערשטע סעקרעטארן, איצט איז געקומען א דריטער — אנאטאָלי אלעקסייעוויטש אלפיאָראָוו. דער נײַער סעקרעטאר איז אים געווען געפעלן מיט די מײַלעס, וועלכע ער, דמיטרי ניקאנאָראָוויטש, באזיצט ניט. אויב אלפיאָראָוו טוט עפּעס, פילט מען, אז ער איז איבערצײַגט, אז ער טוט ריכטיק ניט נאָר לויטן סייכל, נאָר אויך לויטן געוויסן און אייגע־נער איבערצײַגונג. ער איז מיט אלעמען — מיט די העכערע לויטן אמט, ווי מיט די קלענערע, זייער אופריכטיק און אָפנהארציק. ער זאָגט אין די אויגן דאָס, וועגן וואָס מע רעדט געווינלעך אונטער

די אויגן. אױף דער לעצטער געגנטלעכער קאָנפֿערענץ האָט ער קריטיקירט דעם ערשטן סעקרעטאַר פֿון געגנטקאָם. „צו ענערגיש, צו היציק, צופֿיל נעמען אױף זיך, טאָר מען אָבער אויך ניט...״ — טראַכט דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש, און ער איז שוין אַזוי זיכער, אַז דער „נײַער״ וועט זיך לאַנג ניט האַלטן, אַז ער וואָגט שוין אַפֿילו אַן די באַוואָרענישן זײַנע „מעגלעך, איך האָב אַ טאָעס״ דערווידערן אים און אַרײַנטרעטן אין אַן ערנסטער פּאָלעמיק.

ס׳איז שוין געווען שפּעטלעך אין אָוונט, ווען ער איז אַרײַן צו אַלפּיאָראָוון אין קאַבינעט. ער האָט זיך ניט אָוועקגעזעצט אַנטקעגן אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטשן באַם טיש, נאָר אױפֿן דיוואַן — דאָס אָרט, ווו מע זעצט זיך, ווען מע וויל האָבן ניט אַן אָפּיציעלן, נאָר געמיטלעכן, פֿרײַנטלעכן שמועס. אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון אַ לאַנגן בריוו, וואָס ער האָט געלייענט, און דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש האָט געדולדיק געוואַרט, „געשפּילט״ מיט די פֿינגער איבער דער פּאָליר־טער פּאָרענטש פֿון דיוואַן, ווי איבער אַ קלאַוויאַטור פֿון אַ ראַיאַל.

אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט אױף אַ ווײַלע אױפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿונעם טיש, אַ קוק געטאָן אױף קוזאָוולעוון.

— אָט שוין, ענדיק איך, — האָט ער געזאָגט. — אַ טשיקאַווער בריוו, כאָטש ס׳איז אַן אַנאָנימער.

— לייענסט די בריוו, וועלכע קומען אָן, פֿון אָנהייב ביזן סאָף? — האָט קוזאָוולעוו זיך פֿאַר־כידעשט. — איך כאַפּ אַרויס נאָר צוויי שורעס, די וויכטיקסטע.

— פֿונוואַנען זשע ווייסטו, וועלכע זײַנען די וויכטיקסטע?

— עס שטרײַכט זיי מיר אונטער מיט אַ רויטן אָדער בלויען בלײַער מײַן געהילף.

— ניין, דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש, אַזוי לייענען האָב איך זיך נאָך ניט אויסגעלערנט. אַרויסכאַפּן אַ פּאָר שורעס קאָן איך ניט. אַ מענטש האָט דאָך געשריבן, אויסגעגאָסן דאָס האַרץ.

— און דו לייענסט אַנאָנימקעס אויך?

— אַנאָנימקעס האָב איך פֿײַנט... וויאַזוי קאָן מען זיי ליב האָבן? אָבער ס׳טרעפֿן זיך זייער ערנסטע. אָט דעם בריוו, וואָס איך לייען איצט, איז אַן אַנאָנימער און געווענדט קעגן מיר.

— אױף דיר שרײַבט מען שוין אויך? — האָט אַ שמייכל געטאָן דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש, — אַרבעטסט דאָך נאָך ניט לאַנג.

אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש האָט פֿאַרענדיקט לייענען, אַוועקגעזעצט זיך לעבן קוזאָוולעוון אױפֿן דיוואַן מיט די זײַטלעך פֿונעם בריוו אין האַנט.

— באַקען זיך. ער הייבט אָן אַ פּרינציפּיעלע פֿראַגע.

דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש האָט אין דער הויך געלייענט: „דאָס, וואָס איר, כאַווער אַלפּיאָראָוו, האָט, ווי נאָר איר זײַט אַראָפּגעקומען אין אונדזער שטאָט, טייקעף זיך פֿאַרליבט און כאַסענע געהאַט, צו דעם קאָנען מיר גאָרניט האָבן, יעדער מענטש איז אַ באַלעבאָס איבער זיך אַליין, אָבער דאָס, וואָס איר זײַט אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער ווירקונג פֿון געוויסע צווייפֿלהאַפֿטע פּערזאָנען, קימערט אונדז זייער. עס פֿאַרשאַפֿט אײַך ניט קיין קאָוועד און גיט ניט צו קיין אויטאָריטעט דאָס, וואָס זיי האָבן אײַך געקאָנט אײַנריידן, אַז מע דאַרף ניט בויען דעם ספּאָרט־קאָמפּלעקס, אױף וועלכן ס׳קוקט אַרויס די גאַנצע שטאָט, אין אַן אָרט, וואָס איז אַמערסטן באַקוועם און צוגעפּאַסט צוליב דעם. איצט הערן מיר, אַז איר זײַט אַן אָנהענגער פֿונעם פּלאַן צו רעסטאַווירן די געוועזענע ייִדישע סינאַגאָגע, וואָס איז שוין לאַנג אַ קינדער־מאַגאַזין, און וואָס האָט, אַזוי ווי די דאָזיקע געבײַדע געפֿינט זיך אין דער נאָענט פֿונעם פּראָיעקטירטן ספּאָרט־קאָמפּלעקס, געדאַרפֿט ווערן אויסגעניצט אַלס מאַגאַזין פֿון סוווענירן. צי פֿאַרקריכט איר ניט צו ווײַט, כאַווער אַלפּיאָראָוו?..״

דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש האָט מיט מיטגעפֿיל אַ קוק געטאָן אױף אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטשן.

— ווער האָט דאָס געקאָנט אָנשרײַבן?

— ווער דאָס האָט געשריבן, אינטערעסירט מיך איצט ניט. דער פֿאַקט איז, אַז איך בין אַרויס־געטראָטן קעגן דעם פּראָיעקט אַריבערצוטראָגן דעם אַלטן ייִדישן בעסוילעם. דער פּראָיעקט איז אָפּ־געשאַפֿן געוואָרן. וואָס אָנבאַלאַנגט די סינאַגאָגע... איך האָב די ייִדישע שול אין פּראָג, טשעכאָסלאָ־וואַקיע, ניט געזען, נאָר איך האָב געהערט, אַז לויט דער אַרכיטעקטור איז דער בינין אַ קונסטווערק, און אַז אונדזער רוטשאַנסקער אַלטע ייִדישע שול איז אַ קלענערע קינסטלערישע קאָפּיע פֿון אים. איך בין אַהין ניט לאַנג צוריק אַרײַן. אַן ערגערע געבײַדע פֿאַר אַ מאַגאַזין, דערהויפּט נאָך פֿאַר קינדערשן, איז שווער צוצוטראַכטן. קעדיי אױפֿצוהייבן זיך אױפֿן צווייטן שטאָק, דאַרף מען דורכגיין איבער אַ הונדערט געדרייטע טרעפּלעך, נאָר צו ברעכן דעם קאָפּ. די פֿענצטער זײַנען שמאָלע, ווי די באָיניצעס אין אַ פֿעסטונג. וויפֿל מע האָט די געבײַדע ניט רעקאָנסטרויִרט און זיך ניט באַמיט קאַליע צו מאַכן דעם פֿריִערדיקן אויסזען, איז ווינציק־וואָס אין דעם פּראַט געלונגען. די קאָמיסיע פֿאַר אָפּהיטן דענקמעלער האָט אין איר רעעסטער אײַנגעשלאָסן די שול און מע וועט זי רעסטאַווירן באַנאַנד מיטן רוטשאַנסקער קלויסטער, וואָס איז אויך, ווי איר ווייסט, אַן אַרכיטעקטורישע זעלטנהײַט.

— די טויטע דארפֿן ניט שטערן די לעבעדיקע, — האָט פֿילאָסאָפֿיש באַמערקט דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש.

— די טויטע שטערן ניט, זיי וועקן נאָר אונדזער זיקאָרן און אונדזער געוויסן. איך קאָנט מיר געניי זאָגן דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד אין אונדזער שטאָט? — האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש פּלוצעם אַ פֿרעג געטאָן.

— מע דאַרף אַ קוק טאָן אין די אָנגאַבן פֿון דער לעצטער פֿאָלקסציילונג, — האָט געענטפֿערט דער פֿאָרזיצער פֿון שטאָט־אויספּירקאָם.

— און אַזוי ווייסט איר ניט?

— וואָס האָט דאָס פֿאַר אַ באַטײַט? אַלע זײַנען סאָוועטישע מענטשן.

— געוויס אַזוי. אָבער אַ ייִדישער בעסוילעם איז אַ דענקמאָל די ייִדן, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געלעבט, געליבט, געהאָדעוועט קינדער, זיי זײַנען בירגער פֿון אונדזער לאַנד. מע האָט מיר דערציילט, אַז אייניקע ייִדן, וועלכע האָבן געוואָלט אַרויספֿאָרן, האָט גראָד אָפּגעהאַלטן אָט דער אַלטער ייִדישער בעסוילעם.

— די זעלטנהײַטן זאָלן ניט אײַנשלינגען די נײַקייטן, לעמאָשל, דעם ספּאָרט־קאָמפּלעקס, — האָט געוואָרנט דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש.

— פֿאַרוואָס דאַרפֿן זיי אים אײַנשלינגען? דער ספּאָרט־קאָמפּלעקס וועט אומבאַדינגט זײַן. איך סאָפּעק נאָר, צי דאַרף מען אים בויען צו באַוווּנדערן די וועלט. אַ טייל פֿונעם געלט, וואָס איז אַסיגנירט אויף דער בויונג פֿון אַ פּאָמפּעזן סטאַדיאָן, וועט זײַן בעסער אויסצוניצן אויף ברענגען אין אָרדענונג די צעוואָרפֿענע און פֿאַרלאָזטע קליינינקע ספּאָרט־פּלעצער אין די הויפֿן. דאָס זײַנען אַלץ פּרינציפּיעלע פֿראַגן און מיר וועלן זיי באַהאַנדלען אויף דער ביוראָ.

— — אַ פּאָר ייִדן זײַנען געקומען אין אויספּירקאָם בעטן, אַז מע זאָל דערלויבן באַקן מאַצע אין שטאָט. עס איז פֿאַראַן, זאָגן זיי, אַ צענדליק אַלטע לײַט, וואָס עסן פּייסעך נאָר מאַצע... — האָט דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש געגעבן צו וויסן.

— און ביז איצט ווו האָבן זיי גענומען מאַצע?

— מע איז געפֿאָרן נאָך איר קיין מאָסקווע, אָדער מע האָט געבעטן די קרויווים פֿון דאָרטן צושיקן.

— איז וואָס האָט איר געענטפֿערט?

— איך האָב געענטפֿערט, אַז מיר וועלן עס באַטראַכטן.

— איך זע ניט, וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו טראַכטן. מע דאַרף די ביטע באַפֿרידיקן. דערבײַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעך זיכערן די סאַניטאַרע און אַנדערע נייטיקע קלאָלים.

— איך מיין אויך אַזוי. — דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש האָט פֿאָטערלעך אָוועקגעלייגט די האַנט צו אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטשן אויף דער פּלייצע, ווי דאָס קאָן זיך דערלויבן אַ מענטש אַ פֿיל עלטערער און אַ מער באַהאַוונטער. — מע זאָל אונדז דערנאָך ניט באַשולדיקן...

— אין וואָס באַשולדיקן?

— עס זײַנען שוין געווען פֿאַרשיידענע ווייעניש. די ווייענישן פֿאַרשווינדן, און דער ווײ בלײַבט.

— איך פֿאַרשטיי אײַך ניט, דמיטרי ניקאַנאָראָוויטש. אויב די באַשולדיקונגען זײַנען גערעכטע, דאַרף מען זיך צוהערן צו זיי און די פֿעלערן פֿאַריכטן. אויב ניט קיין גערעכטע, דאַרף מען קאָנען דערווײַזן, מיט וואָס זײַנען זיי אומגערעכט און זיי אָפּוואַרפֿן. ווייענישן איז איין זאַך און אַ פֿרישער ווינט איז עפּעס אַנדערס!

די ביידע אָנפֿירער פֿון דער שטאָט זײַנען נאָך געזעסן אַ לענגערע צײַט און אַרומגערעדט פֿאַרשיידענע איניאָנים.

לידער,
אנגעשריבענע ניט אינדערהיים

דער עמיגראנט

געווען איז עס זומער, צי ווינטער,
דאָס פערדל איך האָב איינגעשפאנט...
עס רופן מיך אלע אצינדער—
אומגליקלעכער עמיגראנט.

איך פיל זיך פאריאָגט און פארשטויסן,
און אופהער איך קויף און פארקויף.
דעם גאנצן מאנהעטען, ראַבויסי,
כ׳גיב אָפּ פאר א ווינוצער הויף.

איך האָב עס פון לאנג שוין פארשטאנען,
און זידלען איר מעגט מיך פארויס,
ווייל נאָך די אָדעסער לימאנען
עס גייט די נעשאָמע מיר אויס.

איך בענק נאָך א רוסישן מייכל
און זע אינעם כאָלעם א שניי.
דעם שיינעם בראָדוויי כ׳בין אייך מויכל,
ווו נעמט מען א סטערטעלע היי?

איך דריי זיך ארום דאָ שוין יאָרן
און זוך אלץ דעם נעכטיקן טאָג.
מיין היים אָט אזוי כ׳האָב פארלאָרן —
די איינציקע היים, וואָס כ׳פארמאָג.

ביסט לייטיש מיט מיר זיך באגאנגען,
באגאנוועט מיין לעבן געמיין.
דערפאר, וואָס מיין נאָמען איז יאנקל,
קיין יאנקי ניט ווערן כ׳וועל, ניין!

איך וועל מיינע יאָרן פארשארן,
ווי בערגעלעך אַש, מיט דער האנט,
און דאָ אין דער פרעמד וועל איך שטארבן —
אן אומגליקלעכער עמיגראנט.

טשיקאגא

גלאַסנאָסט

ביים א שמועס אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, ווען איך האָב דער־ציילט וועגן גלאַסנאָסט, האָט א לאָרד באַמערקט, אַז העיויס אין מאָסקווע לויפט די צייט אַף עטלעכע שאָ פריער, איידער אין לאָנדאָן, איז דאָרט שוין איצט עפּשער אינדערפרי פונעם קומענדיקן טאָג.

דער לאָרד גערעדט האָט היינט געלאַסן,
דער דעפּוטאַט האָט קלוג גערעדט,
און איך דערציילט האָב זיי פון גלאַסנאָסט,
און ס'איז געווען אין לאָנדאָן שפּעט.

ס'וואָלט אונדז צעשיידט דער קלאַפּ דער מינדסטער
פון ספּיקערס העמערל, ווי דען? —
געאַטעמט שווער האָט דער וועסטמינסטער,
געציילט די צייט עס האָט ביג בען.

נאָר דאָ מ'האָט איינגעשלאָסן מאָסקווע,
ווו ס'איז געווען שוין אינדערפרי,
און גלאַסנאָסט האָט אָן שום פאַרוואָסן
די לעצטע נייַס פאַרנומען הי;

און ווייל געווען עס איז די שאָ דאָ
אַזאַ, וואָס איז דערוויילע ניטאָ,
האָט דורכגעריסן זיך אָן שאָדן
אַהער די צוקינפטיקע שאָ.

געבראַכט סײַ גלאַסנאָסט און סײַ יאַסנאָסט,
ווי פון א גלאָק דעם שטאַרקן קלונג.
דער לאָרד האָט אַלץ גערעדט געלאַסן,
דער דעפּוטאַט גערעדט האָט קלוג.

לאָנדאָן

אין אָקספאָרד

מע זינגט „לאָמיר אַלע איניינעם, איניינעם!"
אַף ייִדיש — א כידעש! — אין אָקספאָרד מע זינגט.
אַרום און אַרום גייט ניט אָן דאָ קיינעם,
ווער זינגט און וואָס זינגט און די שפּראַך — ווי זי קלינגט.

לעם קאָלעדזש „אַנטאָני דער הייליקער" וואַקסן
וואַלינער קאַשטאַנען, אין אָסיען צעצווײַגט.
עס ליגן די ניס צווישן בלעטער וואַקסענע,
ווי קינדערשע יאָרן בא זקיינים אין בליק.

איך כאַפּ אַזש א ציטער פון „אַלע איניינעם".
דער וועטער אין אָקספאָרד איז טאָמיד פריש.
שווין געל די קאַשטאַנען, און אונטער איינעם
מיט דער אייגענער קינדהייט שפּיל איך אין ניס.

אָקספאָרד

געזעגענונג מיט ענגלאַנד

האָסט מיר, ענגלאַנד, נאָכאַמאָל
אָפּגעטאָן אַ שפּיצל,
אויסגעכאַפּט מײַן אַלעפבייס ווי אַ בייזער היצל.

כ'האָב צו דיר אַרײַנגעפירט
יידיש ווי אַ קאַלע,
ביסטו באַלד די אויסיעלעך מערדעריש באַפאַלן.

עמיגראַנטן שטעטלשע
כוואַליען זיך און פליסקען:
אָט איז אַרן ליבערמאַן, אָט — מאָריס ווינטשעווסקי.

וואָס זשע האָסטו, גאַזלענטע,
זיי אַרײַנגעטריבן
אין די קלאַסן מיסכערשע, אין די היילן זיבן?

כ'האָב געבעטן: טײַערע,
ס'לעצטע ניט צעטרענצלט...
איז ניטאָ שוין אויך דער לעצטער — אוראַם־נאָכעם שטענצעל.

זאָג איך דיר און וואַרף דיר אויס,
און זאָל עס דיר פאַרשאַטן:
גרויסבריטאַניע לײַטישע, אַ רועך אין דײַן טאַטן!

כ'גיי אַרום אין ווײַטשעפּל,
שפּורן דאָ באַקאַנטע...
וו'הין האָסטו אַהינגעטאָן מײַנע עמיגראַנטן?

שוין ניטאָ בא זיי שוין מער
דער רוסישער ברייישיס.
אָנגערייצט דו האָסט אויף מיר די אָרגאַניזיישנס.

ווײַל איך ניט און דאַרף איך ניט,
און כ'שרײַ אַרויס מײַן טײַנע:
וו'הין האָסטו אַהינגעטאָן די באַלמעלאָכעס מײַנע?

נעם צוריק דײַן וואָכרניק,
די יאַהודים זאַטע.
גרויסבריטאַניע לײַטישע,
אַ רועך אין דײַן טאַטן!

לאָנדאָן

מיניאַטיורן

די באַבי יאַרן

עס שפּאַרן אָף אונדז פּאַראַיאָרנס, פּאַרצעניאָרנס,
אין באַבי יאַר ברענען נאָך אונדזערע דאָרנס.
קעשענעווער פּאָגראָם, פּעטליורעס פּאָגראָמען,
סע גייט ניט אין אָרט און סע גייט ניט אין נאָמען.
דאָס לאַנד האָט געהאַט אויך דעם שטאַלנסטן און אײַזנסטן
מיט זײַן באַבי יאַר פון דעם זיבן־און־דרײַסיקסטן.
און נאָך די זיגרײַכע שלאַכטן און מאַרשן —
א באַבי יאַר אָף מיכאָעלסן און אָף מאַרקישן.
אוי־ווי, אַלע פינגער איך האָב שוין פאַרבויגן,
און כ׳קוק אָף דער וועלט נאָך מיט ליכטיקע אויגן.

דער מענטש — אין גאַנג

ער דאַרף בא קיינעם קיין קוי׳ך ניט אַנטלײַען,
קעדיי דעם פוס אוועקשטעלן פעסט.
ער שטופּט זיך אָפּ פון די גימאַלײַען
און לאָזט זיך אַראָפּ אָף דעם עווערעסט.

ייִדישע דעמאָגראַפיע

אין גאַנץ שרי לאַנקא זײַנען פאַרצייכנט 4 ייִדן, און אַלע זײַ־נען זיי דאָקטוירים...

אין שרי לאַנקא — פיר ייִדן פאַראַנען.
פונוואַנען ווייסט מען עס, פונוואַנען?
צווישן פופצן מיט א האַלבן מיליאָן שרילאַנקער —
פיר ייִדן רויפעס, קיין איין קראַנקער.
ווען געווען וואָלט פאַרקערט — אַלע קראַנק מיטאַמאָל,
וואָלטן פיר ייִדן געווען אין שרילאַנקער שפּיטאָל.

וויִאַזוי איך רו

ווײַל ס׳איז דער קאָפּ צו זעכציק נאָך ניט גרוי,
און ווײַל צו זיבעציק דער קערן איז נאָך רוי, —
דערפאַר די אַרבעט מיר געפעלט, און כ׳רו פאַרשטעלט,
ווי ס׳רוט אונטערן שנײַ א שוין צעאַקערט פעלד.

צו איינער א פרוי

דו ביסט א בריוו, וואָס עמעץ האָט פאַר מיר געכאַסמעט,
ביסט דער געשרײַ נאָך הילף בעשאַס עס איז שוין שפּעט.
איך האָב דיך ערשט דערזען און שוין באַשטעלט די כאַסענע,
כאָטש כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳וועט זײַן א געט.

„אוי“...

שוואַרץ ווי אַ קראָ און ווײַס ווי אַ מעווע,
אַט ווי די טויב אומבאַהאָלפֿן אַזוי, —
דער ייִדישער קלײנער שעדעווער,
דער קורצער נעשאָמיקער „אוי“...

עקאָלאָגישע פּראָבלעם

אין דער נאַטור קומט פֿאָר אַ גרויסע גאַזלאָוואַניע,
זיי הריזען אײנער בײַ דעם אַנדערן דאָס לײַב,
שוין אָפּגערעדט פֿון דעם, וואָס אַלע זיי דאַרט וואַיען,
אָדער זיי ריטשען — פֿון דעם הינטל אָנגעהויבן ביז דעם לײב.

מע האָט אַמאָל אַרײַנגעפּירט אין אײנעם פֿון די וועלדער מאַראַליסטן,
און ס'איז פֿון דעמלט אָן דער וואַלד אַ מוסטערהאַפֿטע וויסטע.

מעווינעס

כ'וועל זאָגן אײַך מעווינעס
(דאָס גאַנצע לעבן כ'פֿאָרש):
דער ווײַן קאָן ווערן נימעס,
נאָר אײביק איז דער דאָרשט.

אײַנגעשפּאַרטקײַט

קײן בעטלער ניט זײַן בעשום־אויפֿן,
פֿאַרשטויסן ניט שטײן בײַ דײַן טיר.
קאָן זײַן, כ'וועל צו דיר ניט דערלויפֿן,
כאָטש אײביק וועל לויפֿן צו דיר.

אין אַ שפּאַס

יאָ, ערנסט זײַנען מײַנע רייד, אַפֿילע די, וואָס אין אַ שפּאַס,
כאָץ ווען איך זאָג, אַז פֿאַר דײַן שפּאַס כ'בין ניט אין קאַס.

דער מײַסטער און דזשאָקאָנדאַ

דער מײַסטער האָט דזשאָקאָנדען אויפֿגעהערט צו מאָלן,
איז צוגעגאַנגען צו דער נאַטור און זי געטאָן אַ קוש,
און די, וואָס האָבן דאָס געזען, זײַנען אים גרייט געווען צו צאָלן
פֿאַר דעם מיט האַס...

(פֿון אַ געשיכטע־בוך איז עס באַוווּסט). —
„ווי קומט עס, אַז דער גרויסער מאַן זאָל זײַן אַזאַ פֿאַרפֿירער!“
„ווײַזט אויס, עס איז בײַ אים פֿון קונסט דער אָטעם קורץ...“

און ער געטײַנעט האָט: פֿון קונסט איז די נאַטור דאָך פֿריִער.
צוערשט געווען איז זי, און שפּעטער שוין די קונסט...

מעטאַפֿאָרן

דער טופּאָלעווו אויף זײַנע פֿליגל טוט אַ נעם אַרויף דעם רעגנבויגן,
פּונקט ווי אַ קינד, וואָס האַלט אין בײדע הענט דאָס שטריקל בײַסן שפּרונג.
אָדער ווי ס'טוט אַ שיסער, האַלטנדיק די פֿײַל שוין בײַ דעם בויגן,
אָדער ווי ס'ציט אַרויף אַ באַנדער אויף דער פּאַס אַ שטײַפֿע רונג.

שורעס אין מײַן פעלד־ביכל (1944):

איך קער זיך אום צוריק

דאָקטער, אײַך געדענקען וועל איך, ווי מײַן ערשטן רעבן.
איך גיי אוועק אהין, וווּ כ׳דאַרף־ און מוז־זײַן:
אױף דער פֿאָדערליניע פֿון דעם מענטשנס לעבן,
אױף דער פֿײַער־ליניע פֿון מײַן קלאָר באַוווּסטזײַן.

אלטע באַקאַנטע

זיך אומגעקערט אינעם אָקאָפּ, און כ׳לעב שוין לויט די אַלטע מאָסן.
אױך די מילכאָמע, גאָט צו דאַנקען, ווײַזט, אַז זי פֿאַרגעסט מיך ניט:
ניט דורכגעגאַן קיין טאָג, און ס׳האָבן שוין אין מיר געשאָסן —
גאַנצפֿרי אַ „פֿערדינאַנד", באַטאָג אַ סנײַפּער און אַקאָרשט אַ „מעסערשמיט".

אַ סאָלדאַט רעדט וועגן די פֿאַרלוסטן

אין אונדזער ווזוואָד דינען עלטערע מענטשן. אַריבער די דרײַסיק יאָר שוין.
אַ העלפֿט פֿונעם ווזוואָד איז הײַנט געפֿאַלן. פֿאַראַן, ווער עס זאָל זיי יאַרשענען.
נײַנצן סאָלדאַטן.
איין לייטענאַנט.
צוואַנציק אַלמאָנעס.
איין און דרײַסיק קינדער — אַ גוט ביסל וואַרטעניש...

מיליטערישע מעמוארן

ניט פֿרעגט מיך, וואָס עס הייסן אָט די דריבנע סוידעסדיקע ציפֿערן,
די ליניעס, וואָס כ׳צייכן טאָג און נאַכט, ווי וואָלקנדלעך, אָדער ווי באַרן.
אין אָט דעם דאָרף די נאָמענלאָזע בערגלעך וועלן קיינמאָל שוין ניט אויפֿהערן
דיקטירן מיר די טאָפּאָגראַפֿיע פֿון מעמוארן.

אַ וואַרעמער פֿרילינג

צעגאַנגען זײַנען שוין פֿון איין־און־פֿערציקסטן די שנייען.
אַ קנאַל געטאָן אַ גרויליקע אַטאַקע האָט גאַנצפֿרי.
עס איז בײַ אונדז דאָס טיפֿע טײַכל שפּרייע
קוים־קוים דערגאַנגען ביז די קני.

הערשל פאָליאַנקער

געווען אַמאָל אַ שטעטל

ראָמאַן

דריטער טייל

קאַפּיטל נײַן און צוואַנציק

אַ גרוס פֿון דער אַלטער היים

הערט נאָר אַ מײַסע — אָפּגעלעבט מיט אַ מענטשן דאָס גאַנצע לעבן, אַ טיר בײַ אַ טיר און זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז אַן אײַזערנער אַקשן.

ווי אַן אייזל, אויב ניט קיין גרעסערער!

ווען איר זאָגט עמעצן, אַז עס וועט קומען אַ צײַט און שויעל מיט זאַלמען דעם באָנדער, זאַלמען סאָלגאַניק, וועלן זיך פֿאַנאַנדערגיין, צעקריגן, וואָלט מען אײַך אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם.

ווען מע האָט געוווינט אין באַפּאָליע, פֿלעגט ניט דורכגיין קיין טאָג, מע זאָל זיך ניט באַגעגענען, ניט אָפּזיצן אויף דער פֿריזבע ביז די ערשטע הענער און פֿירן אַ לאַנגן געשפּרעך, אַ סיכסעך. סײַ פֿריידן, סײַ ליידן האָט מען געטיילט. ווי מע זאָגט עס, באַשוטפֿעס. מע פֿלעגט זיך טיילן מיטן לעצטן

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 4, 5, 6, 8, 9, 10, 1987, נומ. 1, 1988.

ביסן אונטער א נויט, מע האָט געלעבט, ווי אייגענע ברידער, און ניט געווען צווישן זיי קיין סוידעס, שוין ניט ריידנדיק וועגן קריגערייַען, אומקאָוועד.

לויפט פּלוצעם דורך צווישן זיי א קאַץ און אַלץ קערט זיך איבער קאַפּויר, מע ווערט שיר־שיר ניט קיין דאָם־סאָנים!

וואָס איז אַזוינס געשען? זאַלמען דער באָנדער האָט זיך באַטראַכט, אַז שויעלס טאַכשיט, דאָ־ווידקע, האָט אַראָפּגעפּירט פון גלייַכן וועג יאַשקען, זאַלמען דעם באָנדערס באָכער, און יענער האָט זיך אַוועקגעלאָזט נאָך אים אין אויסרייַסעניש.

אַראָפּגעפּירט פון וועג...

מישטיינס־געזאָגט, וואָס האָט יאַשקע פאַרלוירן, וואָס ער איז אַוועקגעפאָרן מיט דאָווידקען? דעם טאַטנס מאַיאָנטקעס? די גרויסע יערושע? פאַרקערט, יאַשקע איז דאָ געוואָרן א בעקאָוועדיקער מענטש. זינט ער לעבט אויף דער וועלט האָט מען אים ניט אָפּגעגעבן אַזויפיל קאָוועד, וויפל דאָ! איר זאָלט א קוק טאָן, ווי ער פאָרט ארויס אויף זייַן מאַשין — אַלע הינט און קעץ צעלויפן זיך פון אונטער זייַנע רעדער! ער איז דאָ ניט בלויז א גוטער שאָפער, נאָר איר מעגט א קוק טאָן, וויאַזוי ער דערלאַנגט אויף די העכערע שטאָקן ציגל, טשאַנעס מיט צעמענט! דערצו נאָך קאָנט איר זען זייַן פּאָרטרעטל אויפן רויטן טאָוול באַנאַנד מיט דאָווידקען און אַנדערע שלאָגלער פון דער בריגאַדע. ווען איז ער נאָך געווען אַזוי אָנגעטאָן, ווי דאָ? ווען האָט ער געהאַט אַזעלכע גוטע שטיוול, אַן אָנצוג, א פּעלץ, א פוטערן היטל? דער טאַטע האָט אים, יאַשקען, אַמאָל געקאָנט אַזוי פאַרפּוצן, ווי דאָ? יאַשקע פאַרדינט גאַנץ שיין און קאָן נאָך אָפּלייגן א קערבל אין דער שפּאָרקאַסע. ער נייטיקט זיך ניט, דאַנקען גאָט, אין דעם גראָשן, און שיקט אַלע כוידעש עטלעכע קערבלעך דעם טאַטן.

איז וואָס איז דאָ דער וואָיצאַקו? ווער האָט אים, יאַשקען, געקוילעט די גענדז אויפן בוידעם, אַראָפּגעפירט פונעם גלייַכן וועג?

נו, און איצט, נאָך דעם, ווי דאָווידקע האָט זיך אַריבערגעצויגן מיט די עלטערן אין דער נייַער כאַטע, איז יאַשקע געבליבן איינער אַליין אין א גרויסאַרטיקן זוניקן, ליכטיקן צימער. וואָס זשע נאָך דאַרף האָבן א באָכער, א כאָלאָסטיאַק ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר?

דאָס אַלץ, ווי איר זעט, פאַרשטייען אַלע אין בריגאַדע, נאָר יאַשקעס טאַטע, זאַלמען דער באָנ־דער, זיצט זיך דאָרטן, אין באַפּאַליע, און בלאָזט זיך, ווי אַן אינדיק!

דאָס ביסל געלט, וואָס דער זון שיקט אים יעדן כוידעש אַוועק, נעמט ער דאַפקע אויף בעקאָוועד גאָדל, נאָר ענטפערן אויף זייַנע בריוו, ענטפערט ער ניט, בלאָזן בלאָזט ער זיך, ווי פריִער, און גיי טו אים עפּעס!

דאָס אַלץ האָט שטאַרק פאַרדראָסן שויעלן. ער האָט פּאָשעט ראַכמאָנעס געהאַט אויף דעם יאַש־קען. א גוטהאַרציקער באָכער — גאָט די נעשאָמע שולדיק, און לייַדט אומזיסט און אומנישט אַזעלכע בזיוינעס פונעם טאַטן, גלייַך ווי ער וואָלט באַגאַנוועט א קלויסטער.

ניט לאַנג געטראַכט, פאַרבויגן דעם קאָס און דעם האָנער, האָט שויעל זיך אַוועקגעזעצט און א שיינעם פרימאָרגן און אים אָנגעשריבן א בריוול.

„מייַן טייַערער זאַלמען, האָט ער אים געשריבן, מע דאַרף דאָך האָבן א ביסל סאָוועסט, גאָט אין האַרצן! דו האָסט איין־און־איינציקן זון, א קאַדיש, א יאַט — אַזא יאָר אויף אונדז בײַדן, אַן עמעסער באַלמעלאָכע, א האָרעפּאַשניק. ער האָרעוועט, ווי א גוטער אייזל, און דער ארומיקער אוילעם האַלט פון אים זייער שטאַרק, איז עפּשער וואָלט שוין געווען צייַט, זאָלסט אויסטרייסלען די פליי פון דער נאָז און אופהערן אים דערגיין די יאָר, דייַן יאַשקען? ער לעבט זייער איבער. און קיינער ווייסט ניט, פאַר וואָס פאַר א זינד?

וואָס זיצסטו דאָרטן? וואָס האַלט דיך אין באַפּאַליע? דו ווייסט דאָך ניט ערגער פון מיר, אַז דייַן גאַנץ פאַרמעגן געפינט זיך דאָ — דאָס הייסט, דייַן טאַכשיט, יאַשקע. דייַנע צוויי טעכטערלעך, האָב איך געהערט זאָגן, זייַנען נאָך פאַראיאָרן ארויסגעפאָרן קיין כאַרקאָוו, כאַסענע געהאַט און האָבן זיך זייערע דייַגעס...

וועגן דעם, דו זאָלסט אַריבערפאָרן צו די טעכטער, פאַרשטיי איך, האָט ניט קיין זין. יעדער טאָכטער, אַז די האָט כאַסענע, האָט זי זיך איר מאַן, איר לעבנס־באַגלייטער. און וואָס פאַר א כאַראַקטער פאַרמאָגט דער איידעם, ווייסטו ניט, געוויינלעך. מערסטנטייל איז בעסער, אַז א טאַטע האַלט זיך ווייַטער פונעם איידעם. אין שטוב איז די טאָכטער ניט קיין באַלעבאָסטע. איז וואָס זשע דאַרפסטו אַריבערפאָרן צו דער טאָכטער, צו דעם איידעם? שרייַב זיי אָן א יעדידי־בריוול, שיק זיי אַרייַן אַמאָל א מאַטאָנע און זאָלן זיי זיך זייַן געזונט און שטאַרק און זיך וווינען אין פריידן, אויב דאָס איז זיי באַשערט. ווּעסטו דאָך זאָגן, טייַערער זאַלמען, אַז דער זון קאָן אויך אַרייַנכאַפּן א ווייַבל אַן אַנטיקל, זי זאָל דיר דערגיין די יאָר. מיין איך, אַז דאָס איז ניט אַזוי. ווייַל א זון, ווען ער זעט, אַז די אישע זייַנע באַליידיקט אַן אייגענעם טאַטן, קאָן ער, דער זון, מאַכן איר, דער קליפּע, א מיִעסן פּעטשאַ־טעק און אין שטוב וועט גלייַך ווערן שאָלעם־ווּעשאָלוועס! נאָר דו ביסט נאָך, דאַנקען גאָט, א פאַרשוין

מיט ביינער, וואָס קאַטאַרע דאַרף נאָך ניט אָנקומען צו די קינדער, זיי זאָלן אים העלפן, דו קאָנסט זיך נאָך, דאַנקען דעם אייבערשטן, דײַן שטעטל באַשטיין. אַרבעט איז דאָ פאַראַן איבערן ספּאָדעק, גיב נאָר גאָט געזונט.

מיט אַרבעט באַ אונדז אין קאָמבינאַט, קאָן איך דיר זאָגן, ביסטו שוין באַוואָרנט, אַ דאַך איבערן קאָפּ ווייסטו האָבן. כאָטש מיט דעם איניען איז דאָ ניט גרינג, ווײַל ס'קומען אַהער עשעלאָנען מיט איבערוואַנדערער, אָבער קיינער ווײַנט ניט אין דרויסן, די שטאָט בויט זיך זייער שנעל. עס וואַקסן שטיבער, מויערן, גאַנצע גאַסן, און איך דאַרף דיר זאָגן, מײַן טײַערער גוטער־ברודער, אַז פון מאָל צו מאָל דערקענען מיר ניט אונדזער שטאָט.

טראָטואַרן זײַנען דאָ נאָך דערווײַל הילצערנע, אויסגעמאָסטעט מיט ברעטער, נאָר די גלאַוונע עטלעכע גאַסן מאָסטעט מען שוין מיט שטיינער. די עטלעכע קליינע זאַוואָדלעך און פאַבריקלעך, ווי אויך די אַרטעלן, פאַרברייטערן זיך מיט יעדן טאָג און אינגיכן וועט שוין די שטאָט האָבן אַ גוט פּאָנעם. שוין ניט יענע סטאַנציע טיכאָנקע, וואָס די ערשטע איבערוואַנדערער האָבן דאָ געטראָפן, ווען זיי זײַנען אַהער אַראָפּגעקומען, און מע זעט שוין ניט יענע קאַליוזשעס און בלאָטעס...

עס האָט זיך שוין געיאַוועט עלעקטריקע. עמעס, ניט אַזוי וואַזשנע, ווי אין די גרויסע שטעט, ווײַל אַלעמאָל לעשט זיך אויס די שײַן און עס קומט אָפּטלעך אויס אָנצינדן קעראָסין־לעמפּלעך, נאָר נישקאָשע, מע וועט דאָס אויך איבערלעבן, ווי מע האָט שוין איבערגעלעבט אַ סאַך זאַכן און אַ סאַך צאָרעס..."

מיט אַזאַ איידעלן לאָשן האָט שויעל אויספירלעך באַשריבן דעם גוטן־ברודער, זאַלמען דעם באָנ־דער, זאַלמען סאָלגאַניקן, ווי עס גייען דאָ די געשעפטן. און דערבײַ נאָך צוגעגעבן עטלעכע ווערטער וועגן פעסיען, ווי יענע איז אים די ערשטע צײַט דערגאַנגען די יאָר, געפּאָדערט, מע זאָל זיך אומקערן צוריק קיין באַפּאָליע.

„איז אָט, — האָט שויעל ווײַטער געשריבן, — ווייסטו זי איצט, זאַלמען, ניט דערקענען!

מע מעג זײַן אַ באַלן אַ קוק טאָן אַף איר. פאַר די דרײַ יאָר, וואָס מיר וווינען דאָ, האָט פּעסיע אויסגעכאָוועט אַ סעדל, וואָס גיט גאָלדענע פּרוכט, און מיט גרינס איז מען אויך באַוואָרנט. זי האָט אײַנגעפירט אויפעס, געענדז און קאַטשקעס, און ווען איך האַלט זי ניט אײַן, וואָלט זי אײַנגעפירט אויך אַ בעהיימע. סאַראַ קווייטן וואַקסן אינעם פּאַליסאַדניק, און וואָס פאַר אַ שטוב מע האָט זיך אויסגע־בויט — אַ שיינקײַט צו קוקן! און ווען עמעצער רעדט איצט אויס, אַז זי זאָל זיך אומקערן אַהיים און פאַרלאָזן דעם קאַנט, וואָלט זי פון יענעם געמאַכט אַ האַנטשעקע. פון דער זײַט קאָן מען מיינען, אַז פּעסיע איז דאָ, צווישן דער טײַגע, אויסגעוואַקסן...

אָט אַזוי, ברודערקע, עס וואָלט געווען ניט ערלעך זאָגן, אַז אַלץ איז דאָ אָפּגעגאַן פּאַשעט און פּראָסט און אַז מע איז גלײַך אַרײַנגעפאָרן אין אַ גאַניידן. מע האָט זיך גענוג אָנגעהאָרעוועט, אָנגע־בידעוועט, זיך אָנגעפרוירן, געפּאָקט און געמאָזלט, נאָר, זעט אויס, אַז אַנדערש גייט ניט דורך קיין שום נײַע זאַך. און אַז דו גייסט איצט אַרום איבער די נײַע געסלעך און גאַסן און זעסט די נײַע ציכטיקע הײַזער, די צעכן, די געבײַדעס, אין וועלכע עס ליגט אויך דײַן האָרעוואַניע, אַז דו האָסט דאָ אויך אַ שטיקל כיילעק, ווערסטו טאַקע גרעבער ווי לענגער".

אין אַזאַ מין נוסעך האָט שויעל עטלעכע מאָל געשריבן זײַן פרײַנט, נאָר דאָס האָט יענעם ניט גערירט אַפילע באַ דער לינקער פּיאַטע, אַ שטיין! אַ דעמב, אַן אייזל! אַן אַקשן, ווייסט אים ניט רירן פונעם אָרט! און גיי שרײַ כײַוועקײַעם!

שויעל האָט שוין געוואָלט אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט. כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער! ווילסט ניט, איז ניט געטאַנצט מיטן בער! זיץ דאָרטן, אין דײַן באַפּאָליע איינער אַליין, און שלאָג זיך קאָפּ אין וואַנט. ווילסטו ניט הערן, וואָס אַ פרײַנט אייצעט דיר, איז ניטאָ וואָס צו ריידן!

אָבער יעדעס מאָל האָט שויעלן אַרומגעכאַפּט אַ פּאַרדראָס. געשיקט זיך, מע זאָל דעם אַקשן ניט קאָנען דערווײַזן, אַז ער טאָר ניט זײַן קיין אייזל, ווײַל ער גייט דאָך אַף צוויי פיס און ניט אַף קיין פיר קאָפּיטעס! הער נאָר אַ פּאַסקודניאַק! מע וויל אים טאָן גוטס, און ער ענטפערט אַפילע ניט! שויעל האָט באַשטימט מער ניט שרײַבן, ניט פּאַטערן אומזיסט און אומנישט קיין צײַט, קיין טינט מיט פּאַפּיר. ניט איז ניט! און טו דיר, אַקשן, וואָס דו אַליין פאַרשטייסט. ווי זאָגט דאָס ווערטל — ווילסט ניט פּאָרן, טאָ גיי צופוס!

און גראָדע דעמלט, ווען שויעל איז געקומען צו אַזאַ אויספיר, האָט זיך דאָס אײַז גערירט.

עס איז אומדערוואַרט אָנגעקומען אַ בריוול פון זאַלמען דעם באָנדער, דאָס הייסט, פון יאָשקעס טאַטן זאַלמען סאָלגאַניקן, אַז ער פאָרט. אין פרילינג, מירצעשעם, וועט אָפּגיין פון פּאָדאָליע אַ נײַער עשעלאָן איבערוואַנדערער און ער, זאַלמען, נעמט מיט זיך דאָס ביסל קלאָפּערגעצײַג, דאָס ביסל באַלעבאַטישקײַט און פאָרט אַרויס!

שויעל האָט זיך מאַמעש צעשײַנט, ווי דער מאָרגנשטערן. וועגן יאָשקען איז דאָך ניט שײַעך — דער באָכער איז גאָר געווען אַפן זיבעטן הימל. טאַקע, די מילכאָמע מיטן טאַטן האָט זיך געענדיקט.

מע וועט זיך איבערבעטן און פאָטער ווערן פון די צאָרעס. אויב עס איז אזוי, ווי שויעל שרײַבט אים, פאָרט ער איבער. עס מעג אפילע זײַן עטוואָס ערגער, ווי מע שרײַבט, נאָר האָט שוין באשטימט.

וואָס איז שײַעך, וואָס ער האָט מעוואיעש געוועזן זײַן אלטן גוטן־ברודער, שויעלן, און זײַן מישפּאָכע, זאָלן זיי אים מויכל זײַן... עס טרעפט דאָך אמאָל, ווען עס פאלט אָן אפן מענטשן דאָס מעשוגאַס... ער וועט זיך באמיִען אויסקויפן פאר אלעמען זײַן זינד, און מע זאָל, בעט ער, אים מויכל זײַן און פארצײַען, ווי אן אייגענעם טאטן.

אָבער שאַ — כאפּט ניט די פיש פאר די לאָקשן! מיינט ניט, אז זאלמען דער באָנדער איז פון יענע לײַט, וואָס מע קאָן גיך איבעררײדן. איר האָט אים אָנגעשריבן א גוט בריוול, און ער האָט הענדום־פענדום אלץ פארשטאנען, און ער איז שוין אַף דער פור! ער איז שוין בא אײַך אין קעשענע!

ניין, פון קיין אקשן איז ניט אזוי גרינג מאכן אויס אקשן. אז ער נעמט זיך א מאנקאָליע אין קאָפּ, וועט איר זי בא אים ניט אזוי גיך ארויסשלאָגן, אויב מע האָט אים אזוי לאנג ניט געקאָנט אײַנבייגן און מיטאמאָל האָט ער זיך געלאָזט אײַנשפּאנען, ווערן אן אנדער מענטש און זאָגן, אז ער פאָרט מיטן ערשטן עשעלאָן, זעט אויס, אז עס האָט געפייגערט א בער אין וואלד, און ניט אנדערש. אפאָנעם, ערגעץ דאָ דארף שטעקן א באזונדערע סיבע.

און טאקע. ווי זאָגן עס די פראנצויזן: זוך א פרוי...

די פרוי איז געווען ניט קיין אנדערע, ווי זעלדע שוואַק, די קעכן פון דער קאָלווירטישער קיך אין „רויטן האָרעפּאשניק".

די לעצטע פאָר יאָר, ווי באוווּסט, האָט זאלמען דער באָנדער געארבעט אין בײַשטעטלדיקן קאָלווירט, ווּהין עס האָט אים פארבעטן דער פאָרזיצער פרידל לעמבערג. ער האָט דאָרטן, הייסט עס, דער באָנדער, אויסגעארבעט און רעמאָנטירט די דייזשעס, ווײַל דאָ האָט מען גוט געקוואסיעט קרויט, געזײַערט עפּל, פּאָמידאָרן און אַף דעם באָנדער האָט מען מאמעש געבלאָזן, ווי אַף א ציטעריק קינד. ווײַל ער איז דאָ געווען איינער, און מע האָט אים אָפּגעגעבן א סאך קאָוועד.

אלע גאנצפרי האָט ער גענומען מיט זיך דאָס טאָרבעלע עסנווארג און זיך אוועקגעלאָזט צו זײַן ווארשטאט, אהין צום סאמע וואלד, א דרײַ ווערסט פון באפּאָליע, דאָרטן איז געווען די קאָנטאָר פון קאָלווירט, דער טויק און די ווירטשאפטלעכע געבײַדעס.

און, ווי באוווּסט, אפילע א באָנדער דארף יעדער טאָג נעמען אין מויל א ביסל געקעכטס אַף דערוואַרעמען און דערהאלטן די נעשאָמע, ווײַל פון דעם שטיק ברויט מיטן פלעשל מילך, מיטן ביסל קעז וועסטו ניט זײַן זאט. פלעגט ער זיך אָפּטלעך ארײַנכאפּן אין דער כטאָלאָווע אָפּעסן ווארמעס. און גראָדע דאָ האָט ער באגעגנט די דאָזיקע קעכן זעלדע שוואַק. דאָס איז געווען אן עלטערע פרוי אין דער וואָג, מיט אן אָפן פול פּאָנעם און ליכטיקע, שטענדיק שמייכלענדיקע אויגן. כויץ דעם, וואָס זי האָט ליב געהאט דעם ביסן, האָט זי נאָך מער ליב געהאט ריידן. זי האָט געקענט, דאכט זיך, פאַריידן דעם מאלכאמאָוועס אליין. דאָס האָט איר פארשאפט פארגעניגן, נאָר איר ריידן האָט פארשאפט דער קיך ניט ווייניק צאָרעס. האָט זי זיך אוועקגעשטעלט מיט א מענטשן ריידן, האָט זי פארגעסן טאטע־מאמע. ניט איין מאָל זײַנען בא איר פארברענט געוואָרן די קאָטלעטן אפן גרויסן בעקן, און וויפל מאָל איז אויסגעלאָפן די מילך, צוגעברענט געוואָרן די קארטאָפּליעס! מע וואָלט איר שוין לאנג געגעבן דעם וועג פאר איר פלאפלען און ארײַנפירן די קיך אין העזעק, האָט מען עס ניט געטאָן, ווײַל מע האָט געהאט דערעכערעץ פאר איר מאן.

דער מאן אירער איז אראָפּגעקומען מיט איר, מיט דער זעלדע, פון מאָלדאוויע, פון טיראַספּאָל צי ריבניצע. ער איז געווען א גוטער באלמעלאָכע, א שמיד. א מענטש מיט גאָלדענע הענט. אן אייזערנער שווײַגער. דער הייפּעך פון זײַן ווײַב. א האָרעפּאשניק — איינער אין ארטעל! האָט ער אונטערגעקאָוועט א פערד, איז עס זיך מאמעש מעכײַע געווען. ער האָט געקאָנט פאריכטן א באָראָנע, א לאָפעטע, א דרעשמאשין, א וואָגן, א זייעלקע און אפילע א זייגער, א ניימאשין און וואָס ניט?

פון זעלדעס מאן האָט מען שטארק געהאלטן. מע האָט אים אוועקגעשטעלט א כאטע ניט ווײַט טאקע פון דער קאָנטאָר, און ער האָט זיך געפילט גאנץ גוט.

עמעס, די קוזניע איז געשטאנען אַף א שלעכט אָרט, אַף א בערגל, און אלע ווינטן האָבן פון דעם געריסן שטיקער פלייש.

טרעפט א געשיכטע, זעלדעס מאן קילט זיך שטארק צו — אָסיען איז דאָס געווען — ער ליגט צו־בעט מיט הויכער היץ. און דאָ האָט זיך צונויפגענומען אין קוזניע א סאך ארבעט. נעמט ער אַף זיך דאָס רעקל און לאָזט זיך אוועק אין קוזניע, שטייט אָפּ א גאנצן טאָג, און ניט אָפּגעגאַן פון דער קאָוואדלע, ביז ער איז ניט געפאלן.

מע האָט אים אוועקגעפירט אין שפּיטאָל, גענומען מונטערן, ראטעווען, נאָר א נעכטיקער טאָג. די היץ וואקסט, דער כוילע פיבערט. וואָס מע האָט ניט געטאָן, האָט ניט געהאָלפן. און וואָס איז דאָ א סאך צו ריידן, דער גאָלדענער באלמעלאָכע האָט אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע. אויסגעגאַן, ווי א

ליכט, און מע האָט אים געבראַכט צו קווורע, טאַקע אין באַפּאַליע. איז איבערגעבליבן איינע אַליין אין שטוב דאָס ווײַב זעלדע. אַלע האָבן אױף איר ראַכמאָנעס געהאַט, דעם מאַנס „קאַפּיטאַלן" האָבן ניט אױף לאַנג געסטײַעט. און פֿרידל לעמבערג האָט זי פֿאַרבעטן אַרבעטן אין דער סטאָלאָווע. קאָכן האָט זי געקאָנט. מע האָט געמיינט גראַדע, אַז אויב זי וועט שטיין גאַנצע טעג בײַ דער הייסער פּליטע, וועט זי ניט האָבן קיין צײַט צו ריידן, נאָר אינגיכן האָט זי זיך צוגעוווינט — סײַ קאָכן, סײַ ריידן. זעלדעס באַקאַנטשאַפֿט מיט זאַלמען דעם באָנדער האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פֿריִער, ווען איר מאַן האָט נאָך געלעבט. און אָנגעהויבן האָט עס זיך דערפֿון, וואָס זי האָט געבראַכט פֿאַריכטן אַ פֿעסל — זי האָט געדאַרפֿט שטעלן זײַערן אוגערקעס, און דאָס פֿעסל האָט גערונען, שפּעטער איז זי געקומען, ער זאָל איר מאַכן אַ צווייט פֿעסל, ווײַל זי האָט כּיישעק זײַערן עפּל אױפֿן ווינטער. כאָטש קיין זײַטיקע באַשטעלונגען, ווי באַוווּסט, נעמט ניט אָן קיין באַלמעלאָכע, וועלכער אַרבעט אין אַ לײַטישן קאָלווירט, נאָר זי האָט אים פֿאַרעדט די ציין, און ער האָט אָנגענומען איר באַשטעלונג.

זעלדע האָט אָפּטער אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו זאַלמענען אין וואַרשטאַט, איין מאָל געבראַכט אַ טעפּעלע מיט הייסע קנישעס מיט קרויט, אַ צווייט מאָל קנישעס מיט פּאַסאָליעס, מיט אַרבעס, מיט קעז, און דאָס זײַנען געווען גאָלדענע קנישעס! זיי זײַנען זיך מאַמעש צעגאַנגען אין מויל. זאַלמען האָט זיך צוגעוווינט צו איר פֿלאַפּלען, און איר מויכל געווען אַלץ.

ווען זי האָט נאָכן מאַנס טויט אָנגעהויבן אַרבעטן אין סטאָלאָווע, איז זאַלמען דער באָנדער געוואָרן אַן אָפּטער אַרײַנגייער אַהין, און זעלדע האָט אים ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן אױפֿן וואַרמעס. ווי זי זאָל ניט געווען זײַן פֿאַרנומען, פֿאַרפּאַליעט, האָט זי אים גלײַך אונטערגעטראָגן דעם טעלער מיטן געקעכטס, דערבײַ ניט פֿאַרגעסן אַרײַנלייגן אינעם באָרשטש אַ שענער שטיקל פֿלייש, אַן איבעריקן קאָטלעט, אַ פּאָר פֿרישע פּירעשקעס.

זי האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו דעם מענטשן, אַז ווען ער איז ניט געקומען צו דער צײַט אין סטאָלאָווע עסן, האָט זי זיך שוין באַאומרויִקט, געבראַכט אים דעם טעלער אין וואַרשטאַט.

אַזוי איז געגאַן די צײַט.

דער אַרומיקער אוילעם האָט עס צוגעזען און אונטערגעשמייכלט. ווײַל טאַקע, זעלדע איז געווען מיט אַ שיין ביסל יאָר ייִנגער פֿון אים. אויסגעזען האָט זי נאָך גאַנץ גוט. און דאָס, וואָס זי איז געשטאַנען נאָענט צו די קאַסטרוליעס און קעסלען, האָט זי געקענט כאַפּן אַן איבעריקן ביסן. און דערפֿון, געוויינלעך, איז זי געוואָרן קײַלעכיקער. אין אַ קורצער צײַט אַרום איז דער טרויער נאָכן מאַן אָפּגעטראָטן פֿון איר און אױף איר פּאָנעם האָט זיך ווידער געיאָוועט אַ שמייכל (בייזע צינגער האָבן זי אַפֿילע געקרוינט מיטן צונעמעניש „די פֿריילעכע אַלמאָנע"). אױף זעלדען האָבן אָנגעהויבן וואַרפֿן פֿאַרינטערעסירטע אויגן אייניקע יונגעלײַט, נאָר זי האָט ניט אַראָפּגענומען דאָס אויג פֿונעם באָנדער. זי האָט שוין בײַ זיך אין קעלער געהאַט געגוג דייזשעס און ווי צו אַ באָנדער ניט געדאַרפֿט צו אים אָנקומען, נאָר זי האָט אים אָנגעהויבן אָפּטער אַרײַנרופֿן צו זיך אין שטוב, מעכאַבעד זײַן מיט אירע געשמאַקע קנישעס, מיט אירע געזײַערטע עפּל. און בײַס אַ שלעכטן וועטער, אַ רעגן, ניט געלאָזט גיין אין שטעטל, געהייסן בײַ איר איבערנעכטיקן.

אַזוי צוביסלעך האָט מען זיך צוגעוווינט איינער צום אַנדערן. און דאַ נאָך, ווען עס איז געשען דער אומגליק, ריכטיקער געזאָגט, די קריגערײַ מיט יאַשקען, דערנאָך מיט שויעלן, איז זאַלמען גאָר געבליבן איינזאַם. פֿאַר באַפּאָליער אוילעם, ווי אויך פֿאַר דער טאָכטער, וואָס האָט כאַסענע געהאַט און פֿון אים אוועקגעפֿאָרן אױש קיין כאַרקאָוו, האָט ער זיך געשעמט אַרויסווײַזן זײַן נאָענטקײַט מיט דער קאָלווירטישער קעכנע.

און זי האָט זיך ניט געשעמט! זי גאַנוועט, כאָלילע, בײַ קיינעם ניט. אויב דער מאַן אירער איז אַזוי פֿרי געגאַן פֿון דער וועלט, איז זי ניט שולדיק אין דעם, און גיין נאָך אים, אין קייווער, וועט זי נאָך באַווײַזן.

אין איינעם אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָט זי געזאָגט זאַלמענען, אַז ער זאָל אַריבערגיין צו איר אין שטוב, ווײַל ווי פֿל איז דער שיר זיך שפּילן אין באַהעלטערלעך?

און זאַלמען האָט זיך פֿאַרטראַכט.

אין אַזאַ עלטער נעמען אױף זיך אַזאַ אָל? און וואָס וועלן מענטשן זאָגן? וואָס וועט זאָגן באַפּאָליע? אַרײַנפֿאַלן צו די לייצים אין מויל, איז מען ניט זיכער מיטן לעבן. מע וועט דאָך די גאַס ניט קענען דורכגיין. נו, און וואָס וועלן זאָגן די מענטשן פֿון קאָלווירט? זעלדע וועט זיך יאַקאָס קאָנען אָפּשלאָגן. מע וועט איר זאָגן אַ וואָרט, וועט זי זאָגן צען. נאָר ער, זאַלמען?!

און ער האָט זיך באַטראַכט, אַז דאָס בעסטע אין דער וועלט וועט זײַן, אויב ער וועט נעמען זעלדען און מע וועט ערגעץ אוועקפֿאָרן, ווו קיינער קען זיי ניט און ווייסט זיי ניט.

אָבער אַ מענטש, וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעזעסן אין באַפּאָליע און יעדער איינער ווייסט אים אויסגעבונדן, וועט זיך לאָזן אין דער פֿרעמד? דאָס איז עפּעס אויך ניט קיין זאַך.

און אַט דאָ, ווען זײַן בעסטער גוטער־ברודער, שויעל מאזור, האָט זיך אַף אים אָנגעזעצט מיט זײַנע בריוולעך, אין איין קאָל, ער זאָל ארויסוואַרפן די שטיינער פון די ארבל און קומען קיין בירָאבידזשאַן, ווו עס וואַרט אַף אים דער זון, זײַנע גוטע־פרײַנט, שוין ניט ריידנדיק וועגן א דירע און ארבעט, האָט זאלמען באַשלאָסן, אַז דאָס איז אַן איניען!

און ער האָט זיך פארשריבן אין איבערוואַנדערונג־פונקט. ער איז אַוועקגעפאָרן צו דעם „געזערד״־פאָרשטייער, מוישע פינוס, וואָס מע האָט אויך דאָ גערופן אים מוישע ראַביינו, און געבעטן, ער זאָל אים פארשרײַבן אין צעטל און אים זאָגן, ווען דאַרף ער זיך גרייטן אין ווײַטן וועג.

ווען זאַלמען דער באַנדער איז געקומען צו פרידל לעמבערגן, דעם פאָרזיצער פון קאָלווירט, און געמאָלדן וועגן זײַן באַשלוס, האָט יענער אים אָנגעקוקט מאָדנע. מע איז שוין געווען אַזוי צוגעוווינט צום באָנדער, און אָט פארלאָזט ער אינגיכן דעם ארטעל. און ניט ער איינער, נאָר אויך די קעכנע זעלדע שוואַק.

— וואָס זשע באַקומט זיך, אַז מיר גרייטן דאָ מענטשן פאַר בירָאבידזשאַן? — האָט זיך צעביי־זערט פרידל. — און בא וואָס וועלן מיר דאָ בלײַבן? אַז מע וועט דאַרפן פאַריכטן א פאָר פעסער, וועט אונדז אויסקומען פאָרן אַפן ווײַטן מיזרעך? מײַלע, אַן אַנדער קעכנע וועלן מיר קריגן, נאָר א באָנדער? קיין יונגע כעווריע ווילן זיך ניט לערנען די מעלאָכע — אַלע ווילן זײַן טראַקטאָריסטן און שאָפערן... איך האָב מוירע, אַז אינגיכן וועט גאַנץ באַפּאָליע אריבערפאָרן קיין בירָאבידזשאַן... מיר האָבן שוין דאָרטן א גאַנצע קאָלאָניע. שויעל מאַזורס גאַנצע מישפּאָכע וווינט שוין דאָרטן, איצט דו, זאַלמען. איך ווייס ניט, וואָס קער זי דיר אָן, זעלדע שוואַק... כ׳פאַרשטיי. נאָר יאָשקע, דײַן זון...

— אָט, אָט דאָס איז עס דאָך... — האָט זיך זאַלמען צעשײַנט, — איין זון, ווי איין אויג אין קאָפּ. ער האָט זיך דאָרטן גאַנץ פײַן אײַנגעאָרדנט, ווילט זיך מיר זײַן לעבן אים...

— זעסטו, כאַווער זאַלמען, אָט דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש... דאָ קאָן איך דיך ניט פאַר־האַלטן. א זון איז בילכער... טאָ פאָר געזונט, און זאָל זײַן מיט מאַזל. אָבער איין באַקאָשע האָב איך צו דיר — די צײַט, וואָס דו וועסט נאָך בלײַבן דאָ, זאָלסטו ארויסלערנען די גאַנצע ארבעט... ווער ווייסט, ווען עס וועט זיך צושלאָגן צו אונדזער ברעג נאָך אַזאַ גאָלדענער באָנדער?..

— נישקאָשע, — האָט זיך געכאַפּט זאַלמען, — איר וועט קריגן אַן אַנדער באָנדער אַף מײַן אָרט. עס איז נאָך ניט העפקער די וועלט...

און טאַקע דעם צווייטן טאָג האָט זאַלמען דער באָנדער אַוועקגעשיקט צוויי בריוולעך — דעם זון און דעם גוטן־ברודער, שויעלן. מירצעשעם, פרילינג וועט ער קומען...

קאַפּיטל דרײַסיק

אַף דער גרענעץ

דאָווידס מאַמע, וועלכע איז געבליבן מיטן איין־און־איינציקן זון, איז געווען ענלעך אַף אַלע מאַמעס פון דער גאַנצער וועלט.

זי האָט געציטערט איבער איר ליבלינג, געווען צו אים איבערגעבעטן און געהאַלטן, אַז ער איז דער בעסטער און שענסטער, און אויב עס וועט זיך צו אים אַמאָל צושאַרן א מיידל, א קאַלע, דאַרף דאָס זײַן איינע אַף דער ערד, ניט מער און ניט ווייניקער, זי דאַרף צום אַלעם ערשטן געפעלן ווערן דער מאַמען...

איז טאַקע ניט קיין כידעש, וואָס פעסיע האָט דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט זלאַטקען אָן שום באַגײַסטערונג, אפילע עטוואָס פײַנטלעך.

פון איר קוק איז בא זלאַטקען דאָס האַרץ פארגליווערט געוואָרן, ווי מע וואָלט עס באַגליית מיט אײַז. און כאָטש זי איז געווען פאַרליבט אינעם באָכער, נאָר פאַרשטאַנען, אַז פון זײַן מאַמעס קוק, וועט איר קיין נאַכעס ניט צוקומען.

און זי האָט זיך פאַרלוירן. אָנגעוווירן די רו און דערפילט, אַז די ערד ציטערט אונטער איר.

נאָך בײַס דער ערשטער באַגעגעניש אַף דער סטאַנציע, ווען זלאַטקע האָט פון גאַנצן האַרצן אונטערגעטראָגן פעסיען דעם וווּנדערלעכן בוקעט בלומען, האָט דאָס מיידל דערפילט דער מוטערס פײַנטשאַפט און אָפּגעשפּרונגען, זיך פאַרלוירן אין דער מענטשן־געדיכטעניש, אינעם ארומיקן טומל און באַשטימט, אַז מער וועט זי נאָענט ניט צוגיין צו אָט דער פרוי.

דאָס האַרץ האָט אין איר געוויינט און זי האָט ניט פאַרשטאַנען, מיט וואָס האָט זי זיך אַזוינס פאַרדינט? די סאַמע שוואַרצסטע געדאַנקען זײַנען געקומען אין מויעך, די סאַמע שרעקלעכסטע, און צווישן זיי יענער געדאַנק, אַז זייערע וועגן — דאָווידס און איר, זלאַטקעס, — וועלן זיך פאַנאַנ־

דערגיין אַף שטענדיק. ניט באַשערט, די ערשטע ליבע אירע זאָל זיגן, דער ליכטיקער טרוים זאָל פֿאַרוויקלעכט ווערן.

פֿאַר דער צײַט, וואָס זי האָט דאָ, אין איר נײַער היים, געוווינט, האָט זי זיך צו אַלץ צוגעוווינט און זיך געפֿילט גליקלעך. איר פֿרײַנטשאַפֿט מיט אָט דעם פֿאַרשײַטן, האַרציקן באָכער האָט זי דערהויבן און געמאַכט גליקלעכער פֿון אַלע מיידלעך אַף דער וועלט. כאָטש זי האָט געוווינט מיטן טאַטן און מיט ביידע קלענערע שוועסטערלעך אין איין צימער, אין באַראַק, און עס איז נאָך אַ סאַך אָפּגעגאַן, מע זאָל זײַן גוט אײַנגעאָרדנט — דער גאַנצער אַל פֿון אויסהאַלטן אַ פֿאַמיליע איז געפֿאַלן אַף אירע יונגע פּלייצעס, נאָר וואָס איז דאָס געווען אין פֿאַרגלײַך מיט דעם, וואָס מע האָט זיך קימאַט אַלע טאָג באַגעגנט, געבלאָנדזשעט איבער דער טײַגע, זיך געשפּילט אַף דער וווּנדער־שיינער בירע, געלאַכט, געטרוימט און געגלייבט, אַז דאָס לעבן אַרום איז וווּנדערבאַר און עס וועט נאָך זײַן פֿיל מאָל בעסער.

זי איז געווען גליקלעך, ווען זי האָט זיך געיאָוועט אינעם קינדער־גאָרטן, און אַ רוישיקע כאַפּטע ייִנגעלעך און מיידעלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו איר מיט געלעכטער, געשרייען, טומלערײַ, זיך אָפּגעהאַנגען אַף איר האַלדז און ניט אָפּגעלאָזט. זי האָט דאָ ניט געוווּסט פֿון קיין רו, זיך געשפּילט מיט די קינדער, געטאַנצט, אַרומגעלאָפֿן איבער דער טײַגע, ווען דער וועטער איז געווען אַ גוטער, ווען דער ערשטער שניי איז אויסגעפֿאַלן.

זי האָט ניט געפֿילט קיין מידקײַט, ווען אין אַ יאָמטעוו־טאָג איז זי מיט אַ גאַנצער כאַפּטע יוגנט־לעכע און עלטערע מענטשן אַרויסגעגאַן אין דער טײַגע, געקאָרטשעוועט זי, אָפּגערייניקט אָרט פֿאַר נײַע געבײַען, פּלעצער און גאַסן. קיין שווערע זאַך איז דאָ פֿאַר איר ניט געווען. איר איז אויסגעקומען האָרעווען, ווי קיינמאָל אין לעבן, אָפּנאַרן אַ שאָ־צוויי דעם שלאָף און זיך ווידער טראָגן אין קינדער־גאָרטן, אַף דער אַרבעט, אייניקע מאָל העלפֿן דאָווידס בריגאַדע, ווען מע האָט געדאַרפֿט אַרויסענדיקן אַ הויז, אַ געבײַדע. די גרויסע ליבע צו דאָווידן און זײַן ליבע צו איר האָט צוגעגעבן קויכעס, מוט, ענערגיע.

און די ערשטע באַגעגעניש מיט זײַן מוטער האָט זי דערשיטערט. די ערשטע באַגעגעניש האָט אָפּגעסאַמט דאָס געפֿיל צום לעבן, צו דער אַרבעט.

אין מעשעך פֿון עטלעכע רעגעס זײַנען אין איר מויעך אויפֿגעקומען פֿאַרשיידענע פּלענער. זי האָט געטראַכט, אַז זי וועט מאָרגן אַוועקגיין צו די באַלעבאַטים פֿון דער שטאָט און בעטן, מע זאָל זי שיקן אין סאַמע ווײַטסטן ראַיאָן, צו דער גרענעץ פֿון דער געגנט, צום אַמור, ווו עס ווערן געשאַפֿן נײַע קאָלווירטן, זי האָט געטראַכט, אַז זי וועט זיך אומקערן אַהין, פֿונוואַנען זי איז געקומען...

אין איין רעגע איז די גאַנצע וועלט פֿאַר איר פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן וואָלקן, ווו אַלץ איז געווען שוואַרץ, וויסט, מיִעס.

פֿון דער סטאַנציע איז זי אַוועקגעלאָפֿן צום טײַך און מיט פֿאַרווייִנטע אויגן אַרומגעגאַן, ווי אַ דולע, לענגאויס דעם זאַמדיקן ברעג, אַ צעטראָגענע, אַ דערשיטערטע. און ווען די נאַכט האָט גענומען צופֿאַלן, האָט זי דערהערט גיכע טריט, אַ שווערן אָטעם, זיך דערשראָקן אומגעקוקט און דערזען דאָווידקען.

ער האָט פֿאַרלוירן דאָס לאָשן, דערזעענדיק טרערן אַף זלאַטקעס אויגן.

— וואָס איז מיט דיר, זלאַטקע, טײַערינקע, וואָס איז געשען? איך זוך דיך שוין מער ווי צוויי שאָ. קום גיכער, אוילעם איז זיך שוין צו מיר צונויפֿגעקומען און דו ביסט ניטאָ... אַלע פֿרעגן זיך נאָך...

זי האָט לאַנג אים געקוקט אין די איבערגעשראָקענע גוטע אויגן און ניט געקאָנט ענטפֿערן. זי האָט ניט געקאָנט איצט צעעפֿענען דאָס האַרץ. עפּעס אַ מאָדנער קויעך, דער קויעך פֿון ליבע צו אים, האָט זי ניט געלאָזט אַרויסזאָגן איר צאַר.

ער האָט זי אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך, אָפּגעווישט אירע טרערן.

— עס איז גאָרניט געשען... גלאַט אַזוי...

— אויב עס איז גאָרניט געשען, איז קום גיכער, טײַערע מײַנע. מע וואַרט אַף אונדז. הײַנט איז אַזאַ יאָמטעוו...

— איך ווייס ... באַ מיר אויך...

און, האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענט, האָט מען זיך געלאָזט גיין.

ניין, זי האָט אים ניט געזאָגט דעם עמעס. פֿאַר איר איז קיין יאָמטעוו הײַנט ניט געווען. פֿאַר־קערט, שטענדיק, ווען זיי פֿלעגן אַרויסגיין שפּאַצירן אַהער, אַפֿן ברעג פֿון דער בירע, האָט זלאַטקע ליב געהאַט זיך אונטערזינגען. סאַראַ וווּנדערלעכע האַרציקע שטים באַ איר! איר געזאַנג איז זיך באַ אים צעגאַן איבער אַלע אייווערים. אירע לידער האָבן אים באַגלייט פֿון יענער צײַט אָן, זינט זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין וואַלד, אינעם פּיאָנער־לאַגער, לעבן ווינִיצע. עס איז ניט דורכגע־גאַן קיין אָוונט, קיין באַגעגעניש, זלאַטקע זאָל ניט געווען אַרויסטרעטן מיט געזאַנג. זי האָט פֿאַר־מאָגט אַ גאָט־געבענטשטע שטים, און גלײַכגילטיק הערן, ווי זי זינגט, האָט קיינער ניט געקאָנט. פֿון

די ערשטע טעג, קומענדיק אהער, אין איר נײַער היים, ווי נאָר מע האָט אויסגעבויט דעם ערשטן קלוב, איז ניט דורכגעגאַן קיין איין קאָנצערט, זלאטקע זאָל ניט ארויסטרעטן. זעלטן־ווער פון די פּראָפעסיאָנעלע אקטיאָרן, זינגער האָבן זיך דעמלט אהער פארקליבן, און יענע, וועלכע האָבן פריילעך געמאכט דעם אוילעם, בייס גרויסע און קלענערע יאָמטויווים, איז געווען דאָס ערשטע קרײַזל פון זעלבסטעטיקײַט; זלאטקעס געזאנג האָט טאָמיד ארויסגערופן גרויסע באַגײַסטערונג. מע האָט זי פון דער בינע לאנג ניט אָפּגעלאָזט. עס איז ניט קיין כידעש, וואָס זי איז געוואָרן אין שטאָט דער ליב־לינג. קליין און גרויס האָבן זי ליב געהאט פאר איר גוטהארציקײַט און פאר איר טאלאנט צום זינגען.

מע האָט זיך מאמעש געוווּנדערט, וואָס א מיידל מיט אזא שטים פּאָרט זיך ניט לערנען אין א קאָנסערוואטאָריע, אין א מוזיקאלער שול. די באלעבאטים פון דער שטאָט האָבן ניט איין מאָל איר פּאָרגעלייגט פאָרן זיך לערנען, נאָר זי האָט געזאָגט, אז ניט צוליב דעם איז זי געקומען אהער, קעדיי פאָרן ערגעץ, זי האָט נאָך גענוג ארבעט דאָ...

די עמעסע סיבע דערפון, וואָס זי האָט וועגן אוועקפאָרן פונדאנען ניט געטראכט אפילע, איז געווען אן אנדערע. זי האָט זיך ניט פּאָרגעשטעלט איר לעבן ווײַט פון דאָווידן, וואָס האָט צוליב איר געוואָרפן זײַן היים, זײַנע עלטערן און זיך געלאָזט נאָך איר. זי שטעלט זיך אפילע ניט פאָר, וואָס וואָלט געווען, ווען אין די ערשטע כאדאָשים, ווען זי איז אהער געקומען אפן פוסטן פלאַץ מיט איר טאטן, מיט די שוועסטערלעך, וואָלט ער, דאָווידקע, ניט געווען נאָענט, ווען זי וואָלט ניט געפילט אָף יעדן שריט און טריט זײַן הילף, זײַן אָטעם.

דאָס אלץ האָט זי ניט געקאָנט פארגעסן אָף קיין מינוט, און דערפאר האָט זי פארבויגן די באליידיקונג אָף זײַן מוטער און געזאָגט, אז אויך בא איר, פונקט ווי בא אים, איז הײַנט א יאָמטעוו.

זי איז געגאַן מיט דאָווידן מיט שנעלע טריט, ווײַל דאָרטן, אין באראק, ווארט מען שוין אָף זיי. יאָ, זי מוז אײַלן, ווײַל זי האָט א גאנצע נאכט געקאָכט, געגרייט די פיש, וואָס יאָשקע האָט איר גע־בראכט צוליב די געסט. זי האָט ניט געצווייפלט, אז דאָס, וואָס זי האָט צוגעגרייט, וועט אלעמען געפעלן ווערן. עמעס, זי האָט זיך ניט פּאָרגעשטעלט, וואָס וועט זײַן, אז נאָך דעם, ווי דער אוילעם וועט נעמען א גלעזל לעכאיִם, וועט מען זי בעטן זינגען. ווי וועט זי קאָנען זינגען אין אזא צושטאנד? עס וועט זיך באקומען ניט קיין געזאנג, נאָר א געוויין, א געיאָמער. סײַדן צוטראכטן, אז זי פילט זיך ניט גוט, זי איז ניט געזונט. נאָר דעמלט קאָן זי באליידיקן דאָווידן, און אין אזא טאָג האָט זי ניט געקענט אים פארשאפן אגמעסנעפעש. ניין, זי מוז זיך נעמען אין די הענט, גיווער זײַן דעם קאַס, די באליידיקונג, מאכן דעם אָנשטעל, אז עס איז גאָרניט געשען, אז זי האָט גאָרנישט ניט באמערקט מיצאד דאָווידס מוטער און זיך אופירן ווי עס געהער צו זײַן, זיך פרייען, זיך מעסאמייעך זײַן און אויב מע וועט זי בעטן זינגען, וועט זי זיך ניט אָפּזאָגן. פארקערט! אלע סאָנים אפצולאָכעס וועט זי הײַנט זינגען און טאנצן!

בא דער טיר פונעם באראק האָט זלאטקע זיך פארהאלטן, געבעטן דאָווידן, ער זאָל ארויסרופן יאָשקען, יענער זאָל איר העלפן. און אין א פּערטל שאָ ארום האָט מען געבראכט אין שטוב ארײַן דעם קיבעד און געשטעלט אפן טיש.

זלאטקע איז געווען פארפלאמט.

זי האָט זיך שנעל באוועגט ארום טיש, אז אלץ זאָל זײַן אפן אָרט און שיין סערווירט. און כאָטש דער טיש איז געווען ניט קיין גרויסער, נאָר אלע ארײַנגעקומענע האָבן זיך ווי־ניט־איז אײַנגעאָרדנט און געווען צופרידן. דער אוילעם איז געווען אופגעלייגט, לעבעדיק און דערהויבן. די ערשטע איבער־וואנדערער האָבן דערציילט געשיכטעס פון די ערשטע טעג, ווען מע איז געקומען אָף דער פוסטער, קיינמאָל ניט באטראָטענער ערד. זלאטקע האָט זיך א ביסל באפרײַט פון אירע דײַגעס, און פון אלע זײַטן האָבן זיך צעטראָגן אויסגעשרייען, באקאָשעס — זלאטקע זאָל זינגען!

איר האָט זיך געדאכט, אז מע וועט זיך שוין באגיין אָן געזאנג, נאָר פארשטאנען, אז דאָס וועט זיך איר ניט אײַנגעבן. דער אוילעם איז געווען צעווארעמט פונעם קיבעד, פון דעם ביסל מאשקע, און באזונדערס איז געווען אין א געהויבענער שטימונג דאָווידס טאטע. ער, זעט אויס, האָט פון די ערשטע מינוטן אָפּגעשאצט דאָס מיידל, ער האָט אויך געזען, מיט וואָס פאר אן אויגן דער בענאָק קוקט אָף איר. שויעל איז צוגעגאנגען צו איר, זי ארומגענומען און אונטערגעמונטערט, געבעטן זינגען. דאָוויד האָט גענומען פון דער וואנט די גיטארע, א פּיר געטאָן מיט די פינגער איבער די סטרונעס, זיך פארנייגט צו דער זינגערן, צו זלאטקען. דער ארומיקער אוילעם איז אײַנגעשטילט געוואָרן, און ס'האָט זיך צע־טראָגן א הארציקע, מעכײַעדיקע שטים:

די שטוב איז קליין, די שטוב איז אלט,
אין יעדן ווינקל מיסט און קויט,
ס'איז פינצטער, אומעטיק און קאלט,
א קראנקער שנײַדער זיצט און נייט.

דער שניידער נייט, די נאָדל גייט,
דער מויער דרייט, ס'איז גרויס די נויט,
ניטאָ אין שטוב קיין שטיקל ברויט!

דאָס פּאָנעם געל, פאַרצאַרנט, פאַרטראַכט,
די נאָדל רודערט טאָג און נאַכט!
פון צייט צו צייט אַ פּוסטער הוסט,
האַלט אויף די האַנט, רײַסט אויף די ברוסט.

דער שניידער נייט, די נאָדל גייט...
אין שטוב איז אומעטיק און פּוסט,
פון בעט אַ זיפץ, פון וויג אַ הוסט,
אַ קלייינק לעמפּל ברענט זיך שוואַך,
אַ דריבנער רעגן קלאַפּט אין דאַך.
דער שניידער נייט, די נאָדל גייט...

וואָס טוסטו, שניידער, אויף דער וועלט?
„איך לעב...״ אַ שווידערלעכע קעלט,
נעמט אָן באַם האַרץ, פאַרפּלוכטע נויט!
אויב דאָס הייסט לעבן, וואָס הייסט טויט?
דער שניידער נייט, די נאָדל גייט,
דער מויער דרייט, ס'איז גרויס די נויט,
ניטאָ אין שטוב קיין שטיקל ברויט!

פעסיע האָט אַ פאַרגאַפּטע געקוקט אויף דעם מיידל, וואָס איז איצט געווען מאַלע כיין, האַרציק, צאַרט. דאַכט זיך, זינט זי לעבט אויף דער וועלט, האָט זי נאָך ניט געהערט אַזאַ געזאַנג, זי האָט אויך באַוווּנדערט דאַווידן, וואָס האָט אַזוי קונציק אונטערגעשפּילט אויף זײַן גיטאַרע. אין אַ דער מינוט האָט פעסיע זיך אופגעגעסן לעבעדיקערהייט, לעמײַ איז זי זיך אַזוי גראַב באַגאַנגען בייס דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט זלאַטקען. איצט האָט זי געהאַט כאַראַטע. פּאַמעלעך און פאַרזיכטיק האָט פעסיע אָנגעהויבן זיך דערנעענטערן צו זלאַטקען. זי האָט עס געמאַכט אומבאַמערקט, בעהאַדראַגע־דיק און אינגיכן איז עס אַריבערגעגאַנגען אין עמעסער פרײַנטשאַפט.

זלאַטקע איז איר פאַרלאָפּן אַלע וועגן, אַרויסגעהאָלפן, ווי נאָר זי האָט געקענט. באַזונדערס, ווען מע האָט געדאַרפט אַרויסענדיקן די בריוונג פון דער שטוב, בייסן באַארבעטן דעם גאָרטן, דעם סאַד. זלאַטקע איז געוואָרן גאָר היימיש אין דער באַלעבאַטישקייט.

אַ סאַך צייט איז אַוועק, עס האָט שוין באַוויזן קומען אהער יאַשקעס טאַטע, זאַלמען דער באָנדער מיט זײַן באַגלייטערן, וואָס קיינער האָט ניט געוווּסט, ווער זי איז — צי זאַלמענס נײַע ווײַב, צי אַ מומע, צי פּאַשעט אַ גוטע שכיינע, וועלכע האָט זיך צוגעשלאָגן צו זײַן ברעג און מיט אים געקומען אהער פון באַפאַליע.

מע איז געקומען אהער אין אַ שיינעם פרימאָרגן, און יאַשקע איז געווען אפן זיבעטן הימל. ער האָט נאָר ניט געקאָנט לאַנג פאַרשטיין, וויאַזוי זאָל ער זיך באַציִען צו דער פרוי מיט די גרויסע ליכ־טיקע, שטענדיק שמייכלענדיקע אויגן. ניט וויינקער פון יאַשקען האָט זיך דערפרייט שויעל מאַזור. ווי איר זאָלט ניט וועלן, איז מען דאָך באַנאַנד דורכגעגאַנגען אַ גרויס לעבן און געהאַט וואָס צו דערמאָנען, וועגן וואָס שמועסן.

מע האָט אינגיכן אײַנגעאָרדנט זאַלמענען אויף אַרבעט אינעם קאָמבינאַט. קיין סאַך דײַשעס און פּעסלעך האָט מען דאָ נאָך ניט געדאַרפט, נאָר זאַלמען האָט זיך ניט געוואָרפן און זיך ניט געמײַעסט מיט קיין שום אַרבעט. זעלדען האָט מען טאַקע גלײַך אוועקגעשטעלט פאַר אַ קעכן אין קינדער־גאָרטן און זי האָט זיך גיך באַפרײַנדעט מיט זלאַטקען, דער דערציִערן.

מע האָט ניט באַמערקט ווי זי צייט לויפט, די צייט לויט דעם, ווי די גאַסן זײַנען געוואַקסן, ווי די שטאָט איז געוואָרן שענער און אײַנגעאָרדנטער, איז געווען צו זען, אַז מע האַלט שוין גאַנץ ווײַט. מיט יעדן מאָל זײַנען די אַלטע באַראַקן געוואָרן פּוסטלעכער — דער אויל־עם איז צוביסלעכווײַז אַריבער־געפאָרן אין נײַע הײַזער.

די צײַט האָט זיך אומבאַמערקט ווי אונטערגעגנוועט, און דאַווידן איז אויסגעקומען אויף אַ לענ־גערער צײַט אָפּלייגן אַלע זײַנע אַרבעטן.

מע האָט אים גערופן צו מיליטער־דינסט.

פאַר זלאַטקען איז דאָס געווען, דאַכט זיך, מער אומדערוואַרט, ווי פאַר דאַווידן אַליין און פאַר זײַנע עלטערן.

אַשער מאַזין, דער נאַטשאַלניק פונעם בוי־קאָמבינאַט, האָט אופגעהויבן א גוואַלד. פאַרוואָס האָט דאַוויד אים פריִער ניט געזאָגט, אַז ער גייט דינען, ער, אַשער מאַזין, וועט עס ניט דערלאָזן. מע דאַרף אַניגיכן אַרויסענדיקן עטלעכע גאַר וויכטיקע אָביעקטן און ער וועט גיין בעטן, מע זאָל נאָך א שטיק צײַט ניט רופן צו דינסט זײַן בעסטן בריגאַדיר. נאָר דאַווידקע האָט אים באַרויִקט.

עס איז געקומען זײַן צײַט גיין דינען, דאַרף ער ניט האָבן קיין שום „אָטסראָטשקע". נאָך אין יענע ווײַטע צײַטן, ווען עס איז אָנגעקומען קיין באָפאָליע די שרעקלעכע ידיִעה, אַז דער ברודער, שיקע מאַזור, איז געפאַלן אין שלאַכט אױף דער גרענעץ, טאַקע אױף דער ווײַטמיזרעכדיקער, האָט דאַוויד אַוועקגעשיקט א בריוו דעם כּוועדער וואָראָשילאָוו, דעם פֿאָלקס־קאָמיסאַר, אַז ער, דאַוויד, וועט אים, דעם ברודער, פאַרבײַטן, אַז מע זאָל אים שיקן אױף דעם אָרט פונעם געפאַלענעם...

און ביז איצט ליגט צווישן די וויכטיקסטע פאַפּירן אין שטוב דער בריוו און דער ענטפער. וואָראָשילאָוו האָט אים אָפּגעדאַנקט, דאַוויד מאַזורן, פאַר זײַנע גוטע, פּאַטריאָטישע געפילן, נאָר ער איז נאָך צו יונג גיין אין אַרמיי און אַז ווען זײַן צײַט וועט קומען, וועט מען אים שיקן אױף דער גרענעץ, ווּ דער ברודער האָט געדינט...

און וועגן דעם האָט דאַוויד דערמאָנט, ווען עס איז געקומען די צײַט גיין אין אַרמיי.

זײַן באַקאָשע האָט מען אויסגעפילט. מע האָט אים געשיקט אױף דער זאַסטאַווע, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע הונדערט קילאָמעטער פון זײַן היים, און עס האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן א נײַ און שווער לעבן, גאָר ניט ווײַט פון יענער זײַט אַמור איז געווען א פרעמדע וועלט, פון דאָרטן האָט געוויעט מיט סינע און געפאַר.

באַזונדערס איז דעם יונגן גרענעצלער שווער געווען די ערשטע צײַט, ווען אַלץ אַרום האָט אים דערמאָנט אינעם ברודער. אָט די מירמלנע ברעט אױף דער וואַנט פון דער זאַסטאַווע באַם סאַמע אַרײַנגאַנג, ווּ מיט גאָלדענע אויסיִעס איז אויסגעקריצט, אַז דאָ איז אין א פאַראַקשנטער שלאַכט מיט

די יאַפּאַנישע סאַמורײַען, װעלכע האָבן געפּרוּװט פאַרכאַפּן די זאַסטאַװע, געפאַלן דער שרעקלאָזער גרענעצלער, דער לײטענאַנט שיקע מאַזור... דאָ האָבן נאָך געדינט שיקעס שלאַכט־פרײַנט, קאָמאַנדירן, װעלכע האָבן שטענדיק, בעשאַס זײערע שמועסן מיט די סאָלדאַטן־גרענעצלער, דערצײלט װעגן דעם העלדנטאַט פון דעם לײטענאַנט. אַלעמאָל, בעשאַס מע פלעגט אױסשטעלן די גרענעצלער אױף דער „לינײקע" אױפן פּלאַץ פאַר דער געבײַדע פון דער זאַסטאַװע, האָט דער רעכטפלאַנגאָװער געענטפערט, װען מע האָט אָנגערופן שיקע מאַזורס נאָמען: „געפאַלן אין שלאַכט פאַרן הײמלאַנד!"

אין אַזעלכע מינוטן פלעגט זיך באַ דאָװידן דאָס האַרץ אָפּשטעלן און אין האַלדז פלעגט בלײַבן שטעקן אַ שװערער קנױל, ער האָט זיך קױם אײַנגעהאַלטן, ער זאָל ניט דערלאָזן די שװאַכקײַט, זיך ניט צעװײנען.

די סאָלדאַטן און די אָפיצערן פון דער זאַסטאַװע האָבן זיך צו דאָװידן באַצױגן מיט אַ באַזונדערן אָפּשײַ. און ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף װאָס גיכער װערן פון אַ שטילן בױער, אַ בריגאַדיר, אַן עכטער שלאַכטמאַן, ער זאָל ניט פאַרשעמען דעם נאָמען פון זײַן ברודער. ער האָט ניט געװוּסט פון קײן רו. ער האָט זיך צוגעקוקט, װי עס פירן זיך סײַ אױף די איבונגען, אױף די לימודים, סײַ בײַסן היטן די גרענעץ, זיצנדיק אין די „סעקרעטן", שפּירנדיק נאָך דער גרענעץ, עלטערע, געניטע פרײַנט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַלע קוקן אױף אים און ער טאָר ניט אונטערפירן, ניט פאַרשעמען דעם אָנדענק פון זײַן ברודער.

פון די ערשטע טעג, װי נאָר זלאַטקע האָט זיך צעשײדט מיט דאָװידן, האָט זי זיך דערפילט שטאַרק אײנזאַם און דערשלאָגן.

אַ מױרעדיקע בענקשאַפט איז זי באַפאַלן און זי האָט זיך לאַנג קײן אָרט ניט געקאָנט געפינען. עמעצ, פון אירע שװערע מאַכשאָװעס האָבן זי אָפּגעװענדט די פילזײַטיקע אינינאַנים, די אַרבעט אין קינדער־גאָרטן, די טױזנט דײַגעס אין שטוב, די פאַרשײדנאַרטיקע אָנלאָדונגען. זי האָט אָבער געהאַט אױך אַן אַנדערן, זײער אַ שװערן אָל, װאָס זי האָט געטראָגן און זיך מיט אים ניט געקאָנט צעשײדן: זי האָט הינטער־אױגיק געלערנט אינעם כאַבאַראָװסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. ניט אײביק װעט זי אַרבעטן אין קינדער־גאָרטן. זי האָט געטרױמט װערן אַ גוטע לערערן.

אָבער װי זי זאָל ניט געװען זײַן פאַרנומען, האָט זי דאָך אָפּגעשפּאָרט עטלעכע פרײַע מינוט, זי זאָל זיך פאַרקלײַבן אין אַ שטילינק װינקל און שרײַבן דאָװידקען אַ בריװ. זי האָט קימאַט געשריבן אים אַלע טאָג און פּונקט אַזױ אָפט באַקומען אַן ענטפער. געלעבט האָבן זײ פון איצט אָן פון אײן בריװ ביז דעם צװײטן.

ס'איז אױך ניט געװען דער טאָג, אַז זלאַטקע זאָל זיך ניט אַרײַנכאַפּן צו דאָװידס מאַמע, זיך טײלן מיט די נײַעס, דערצײלן, װאָס דאָװידקע שרײַבט. שױן לאַנג, גאַנץ לאַנג האָט זיך פּעסיע באַפרײַנדעט מיט דאָװידקעס קאַלע, מיט זלאַטקען. די בענקשאַפט און די ליבע צו דאָװידן האָט בײדן אַלץ מער און מער דערנעענטערט, און דאָס האָט זײ פאַרגרינגערט דאָס לעבן. בײדע האָבן געצײלט די טעג, די װאָכן, כאָדאָשים — װיפל מע װעט נאָך דאַרפן זײַן צעשײדט.

דער אומרו האָט זלאַטקען ניט געלאָזט לעבן. עפּעס אַן אינערלעכע שטים האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז דער באָכער איז אין אַ גרױסער געפאַר. כאָטש אין זײַנע בריװ האָט דאָװיד געשריבן, אַז אַלץ איז באַ אים אין אָרדענונג, אַז עס איז ניטאָ װאָס זיך באַומרױקן פאַר אים, נאָר עס זײַנען דערגאַנגען אַהער אַלץ אָפטער ידיעס, אַז אױף דער גרענעץ איז ניט שטאַרק רויִק, גאָר אָפט באַמיט זיך דער בײזער שאָכן אַריבערגײן אַהער און עס קומען פאָר שװערע געפעכטן.

ביסלעכװײַז האָט דאָװיד מאַזור זיך אַרײַנגעצױגן אין זײַן שװערער און געפערלעכער סאָלדאַטישער מעלאָכע. לענגױס דער גאַנצער גרענעץ, אין איר גאַנצער װײַטקײַט, האָט מען מיט באַראָנעס אױסגעבראָנעװעט די איבערגעאַקערטע ערד, קעדײ מע זאָל זען די שפּורן, אױב דיװערסאַנטן, שפּיאָנען װעלן אַריבערגײן די גרענעץ, מע האָט געדאַרפט קענען איבערכיטרעװען דעם סױנע, װעלכער האָט געזוכט די מינימאַלסטע מעגלעכקײַט זיך װי־ניט־איז אַריבערכאַפּן אױף דער סאָװעטישער זײַט, קעדײ דורכפירן דיװערסיעס, שעדיקערײַען. אָפטלעך איז אױסגעקומען עטלעכע מעסלעס נאָכאַנאַנד, ניט װיסנדיק פון קײן רו, פון קײן שלאָף, נאָכפאָלגן די באַנדיטן, אונטערײַסער, זיך באַגעגענען מיט זײ פּאָנעם־על־פּאָנעם.

אַזױנס האָט דאָװיד מיט אַ גרופּע גרענעצלער פאַרזוכט אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום, נאָך דעם, װי ער איז דאָ צוגעטראָטן צו דער דינסט.

אײנמאָל, נאָך אַ שװערן פּאַטרולירן, װען מע איז זיך אָנגעגאַנגען און די פיס אונטער זיך ניט געפילט, זיך נאָר אַרונטערגעלײגט אונטער דער קאָלדרע, נאָך ניט באַװיזן אײַנשלאָפן, װי באַם אַרײַנגאַנג אין קאַזאַרמע האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק:

— אַן אַליאַרם! צום געװער!..

אין מעשעך פון געציילטע רעגעס האָט מען זיך אָנגעטאָן, געכאַפּט די ביקסן, די פּאַטראָנטאַשן, גראַנאַטעס, און ער, דאָוויד, האָט נאָך גענומען זײַן טרײַען הונט, מוכטאַרן — אַ קלוגן, אַ שיינעם און אַ שטאַרקן, ווי אַ וואָלף, און זיך געלאָזט לויט די שפּורן, וואָס מע האָט באַמערקט אויף דעם איבער־געבראָכענעם פּאַס, דער שפּור האָט געפירט אין דער גערדיכטעניש פון דער טײַגע.

פיר דיווערסאַנטן האָבן זיך אויף אַ שיפל אַריבערגעקליבן איבערן ברייטן אַמור, אָפּגעשטויסן דאָס שיפל פונעם ברעג און זיך געלאָזט לויפן אין דער טײַגע.

דער באַפעל איז געווען אַ קורצער: נאָכפאָלגן, דעריאָגן, פאַרכאַפּן.

עס איז געווען שטאָק־פינצטער, אַ קאַלטער רעגן האָט געגאָסן און געשטערט לויפן, נאָר מוכטאַר האָט גלײַך גענומען דעם שפּור, אין וועלכער ריכטונג עס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט די דיווערסאַנטן. דאָוויד האָט צעלאָזט דעם לאַנגן רימען ביזן סאָף און זיך געיאָגט, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, נאָך דעם הונט. די נאַסע צווײַגן פון דיביימער האָבן געשמיסן אין פּנים, אונטער די שטיוול האָט געגוואַדזיעט די נעץ, די בלאָטע, נאָר די גרענעצלער האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף קיין רגע.

דער געיעג האָט געדויערט שוין מער פון אַ פּאָר שעה, און מע האָט נאָך אַלץ ניט אָנגעטראָפן אויף די אומגעבעטענע געסט. נאָר אָט האָט מוכטאַר זיך אַ ריס געטאָן פונעם רימען, גענומען שטאַרק בילן. זעט אויס, ער האָט עמעצן פון די אַנטלויפער דעריאָגט און וויל זיך וואַרפן אויף אים. דאָוויד האָט אָפּגעלאָזט דעם רימען.

דאָוויד מאַזור האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, אײַנהערנדיק זיך, ווי עס רוישט די טײַגע. ער האָט אָבער ניט געהערט מער דאָס בילן פון מוכטאַרן. וואָס איז געשען? פאַרוואָס איז שטיל געבליבן דער הונט?

רעכטס און לינקס האָט ער געהערט, ווי עס לויפן זײַנע כאַווײרים. עמעצער האָט אויסגעשאָסן איין מאָל און אַ צווייט מאָל. ווײַט האָט אָפּגעהילכט די שיסערײַ. דאָוויד איז געלאָפן ווײַטער אין יענער ריכטונג, וווהין עס איז אַוועק דער הונט. ער האָט אים אַ רוף געטאָן, און אין דער רגע האָט איבער זײַן קאָפּ דורכגעפּײַפט אַ קויל, אַ צווייטע און דריטע...

דאָוויד האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ מוירעדיקן ווייטיק אין לײַב, בלוט האָט אַ פלייץ געטאָן אין שטיוול. ער האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן ניט אומצופאַלן. אין דער זעלבער רגע האָט ער דערהערט אַ שווער סאָפּען. צווישן די קוסטעס האָבן אַ גלאַנץ געטאָן אַ פּאָר אויגן. עמעצער האָט זיך געצילט אין אים, און ער ווייסט ניט, פונוואַנען האָבן זיך צו אים גענומען קויכעס, ער האָט אין איין אויגנבליק אַ הייב געטאָן די ביקס און מיט אַלע קויכעס אַראָפּגעלאָזט די קאָלבע אויף די גלאַנצנדיקע אין די קוסטעס אויגן...

עס האָט עפּעס אַ טרישטשע געטאָן און דאָס סאָפּען האָט אויפגעהערט.

דאָוויד איז געפאַלן אויף דער נאַסער ערד, צוגעזאָטן געוואָרן צו איר, ווילנדיק לינדער מאַכן דעם ווייטיק פון דער וווּנד. ער האָט זיך בעסער אַרומגעקוקט אינעם כוישעך און דערזען ניט ווײַט ליגן אויסגעצויגן מוכטאַרן. באַ אים אין בויך האָט געשטעקט אַ קינזשאַל...

דער הונט האָט זיך ניט באַוועגט. אײַנגעשלאָפן געוואָרן אויף אייביק.

ניט ווײַט פון מוכטאַרן איז געלעגן אומבאַוועגלעך דער פּאַרשוין, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן רעגנ־מאַנטל. דער קאָפּ איז באַ אים געווען צעשפּאָלטן...

דאָוויד האָט זיך אָנגענומען מיט די לעצטע קויכעס און אויסגעשריִען, גערופן צו הילף, אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער דערהערט שווערע טריט. עס זײַנען צוגעשפּרונגען צו אים צוויי גרענעצלער. עמעצער האָט אָנגעצונדן אַ קעשענע־לעמפּעלע און באַלויכטן דעם אָרום, זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן פאַרוווּנדעטן, און דאָ האָט ער דערזען ניט ווײַט פונעם דיווערסאַנטס קערפּער, וואָס איז געלעגן אומ־באַוועגלעך מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ, אַ צווייטן, אַ לעבעדיקן. יענער האָט געציטערט מיט אַלע אייווערים פון פּאַכעד, עפּעס געשעפּטשעט אויף אַן אומבאַקאַנטן לאָשן, און דער גרענעצלער איז צוגע־שפּרונגען, אַ געשריי געטאָן, ער זאָל אויפהייבן די הענט.

צוויי... איינער אַ לעבעדיקער, דער צווייטער מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ... און ווּ זײַנען אַהינ־געקומען נאָך צוויי? עס זײַנען אַריבער די גרענעץ פיר. קיינער טאָר ווײַט ניט אַוועקגיין. און די גרענעצלער האָבן זיך געלאָזט טיפער אין דער טײַגע. אום יעדן פּרײַז פאַרהאַלטן יענע צוויי, וועלכע זײַנען ערגעץ אַנטרונען געוואָרן.

ווען מע האָט אַוועקגעלייגט דאָוויד מאַזורן אויף אַ טראָגבעטל, איז ער געקומען אַ ביסל צו־זיך. ער האָט אָפּגעמאָסטן מיטן פאַרנעפּלטן בליק דעם פּאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען אויף די קני, אַ טויט־דערשראָקענער, מיט אויפגעהויבענע הענט. דאָוויד האָט איבערגעפירט דעם בליק אויף דעם, וואָס איז געלעגן אומבאַוועגלעך, און אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט דער טײַוול האָט אין אים, אין דאָווידן, געשאָסן און אים פאַרוווּנדעט, און אָט דער האָט דאָס מעסער אַרײַנגעהאַקט אין מוכטאַרס בויך. אָט ליגט ער אין אַ קאַליוזשע בלוט, דער טײַערער און געטרײַער מוכטאַר...

בא דאָווידן איז געווען א מוירעדיקער פאַרדראָס, וואָס ער איז איצט אזוי אומבאהאָלפן און קאָן ניט באַגלייַך מיט זייַנע פרייַנט נאָכפאָלגן יענע צוויי מענוואָלים, וועלכע זייַנען אנטלאָפן. דאָס הארץ איז שיר ניט צעריסן געוואָרן פון ווייטיק, וואָס מע האָט פאַרלוירן מוכטאַרן.

— כעוורע, — האָט זיך אונטערגעהויבן אף די עלנבויגנס דאָוויד, — לאָזט דאָ ניט איבער מוכטאַרן.

— געוויס ניט... — האָט עמעצער פון די גרענעצלער אים באַרוִקט, — וואָס הייסט מע וועט אים איבערלאָזן? ער איז געפאַלן אין שלאַכט, און מיר וועלן אים באַערדיקן...

— כעוורע, און ווו זייַנען נאָך צוויי?.. — האָט דער פאַרוווּנדעטער קוים ארויסגעמורמלט, — זיי זייַנען דאָך געווען, דאַכט זיך, פיר שטיק...

— פיר... נאָר יענע וועלן אויך ווייַט ניט אוועקגיין. אונדזערע יאַטן פאַרפאָלגן זיי... מע וועט זיי לאַנג ניט לאָזן הוליען אף אונדזער ערד...

דאָוויד איז אייַנגעשוויגן. א טראַכט געטאָן: „מע וועט זיי ניט לאָזן לאַנג הוליען אף אונדזער ערד...“ נאָר מיט וואָס פאַר א פרייַז?

עס האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן שאַרִיען אף טאָג, ווען דאָוויד האָט דערהערט דאָס טראַסקען פון א פור. זי איז געווען געבעט מיט שטרוי. נאָך איר איז געגאַנגען דער פעלדשער פון דער זאַסטאַווע.

מע האָט פאָרזיכטיק איבערגעטראָגן דעם פאַרוווּנדעטן אף דער פור און פאַרקערעוועט אין נאָענטן דאָרפל, ווו עס האָט זיך געפונען דער האָספיטאַל.

זינט ער לעבט אף דער וועלט, דאָוויד מאַזור, האָט ער ניט געוווּסט, וואָס הייסט א דאָקטער, ניט געוווּסט דעם אַדרעס פון אַן אַפטייק, פון א שפיטאָל...

א שטאַרקער, א פעסטער, האָט אים קיינמאָל ניט גענומען קיין שום כאַלאַס, קיין צוקילונג, קיין קרענק. און דאָ האָט ער, צום ערשטן מאָל אין לעבן, דערזען פאַר זיך דאָקטוירים. און ווען דער דאָקטער און די שוועסטער, וועלכע זייַנען ארום אים ארומגעגאַנגען און געגרייט צו דער אָפעראַציע, האָבן באַמערקט אף זייַן בלאַסן בלוטלאָזן פּאָנעם, ווי ער איז צעטראָגן, דערשלאָגן, האָבן זיי אים גענומען באַרוִקן, אז די ווונדן זייַנען ניט קיין שטאַרק געפערלעכע, אין א שטיקל צייַט ארום וועט ער זיך אומקערן דינען אף דער גרענעץ.

ער האָט ניט באַוויזן עפעס זאָגן, ווי א שווערער שלאָף האָט אים גיוווער געווען, און ער האָט זיך איינגאַנצן פאַרגעסן. און באַטאָג, ווען די קאַלטע האַרבסטיקע זון האָט ארייַנגעקוקט אין פענצטער, האָט ער צעעפנט די אויגן און דערזען פאַר זיך די פּאַלאַטע, דעם שמייכלענדיקן דאָקטער.

— נו, מייַן טייַערער, — האָט געזאָגט דער דאָקטער, — אָט דאָס איז אַלץ... איצט דאַרף אוועקגיין א שטיקל צייַט... דו ביסט א מאָלאָדיעץ...

דאָווידקע האָט נאָך עטלעכע מינוט זיך ארומגעקוקט, ניט פאַרשטאַנען, ווו ער געפינט זיך און פאַרוואָס רעדט צו אים אזוי צאַרט אָט דער עלטערער מאַנצבל אינעם ווייַסן כאַלאַט און הויכן קאָלפּעק. ביסלעכווייַז האָט זיך גענומען אויסלייַטערן אין קאָפּ דער זיקאָרן, און ער האָט זיך דערמאָנט ביז דער מינדסטער קלייניקייַט, וואָס מיט אים איז באַנאַכט געשען און פאַרוואָס ער איז צוגעקאָוועט צו דעם ווייַסן האָספיטאַל־בעטל.

דער ערשטער שמייכל האָט באַשייַנט זייַן בלאַס פּאָנעם. ער האָט געבעטן א טרונק וואַסער, פילנדיק א שטאַרקן דאָרשט, נאָר דער דאָקטער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אז מע טאָר ניט און עפעס אייַנגערוימט אפן אויער דער באַרעמהאַרציקער שוועסטער, א בלאָנד־זשוואַווע מיידל מיט הימל־בלויע אויגן און אַן עטוואָס פאַריסן נעזל.

די שוועסטער איז ערגעץ אוועקגעלאָפן און אין א פּאָר רעגעס ארום זיך אומגעקערט. מיט א פייַכט שטיקל מאַרליע א וויש געטאָן זייַנע איבערגעטריקנטע ליפּן.

כאָטש דאָס האָט ניט געקאָנט שטילן דעם דאָרשט, נאָר דער קראַנקער איז דאָך געווען צופרידן.

דער דאָקטער האָט געשפּאָסט מיט דער שוועסטער, מיט די צוויי קראַנקע גרענעצלער, וועלכע זייַנען געלעגן אין פּאַלאַטע באַנאַנד, און דאָס האָט בא דאָווידן ארויסגערופן דעם געדאַנק, אז דאָס שרעקלעכסטע איז שוין פאַריבער און ער קאָן שוין אָפּוואַרפן פון זיך די שווערע געדאַנקען, וועלכע האָבן אים פריִער, פאַר דער אָפּעראַציע, געמאַטערט און געשראָקן.

א טעמפּער ווייטיק האָט אָנגעהויבן ארומכאַפּן דאָס גאַנצע לייַב, און דער קראַנקער האָט זיך פאַרקרימט. די שוועסטער האָט עס באַמערקט אף זייַן פּאָנעם און שטילערהייט געשעפּטשעט:

— ניִשקאָשע, טייַערער, נאָכן נאַרקאָז איז שטענדיק אזוי... עס וועט איבערגיין. אינגיכן וועט ווערן אייַך גרינגער... — די שוועסטער האָט ווידער צו זייַנע איבערגעטריקנטע ליפּן צוגעטראָגן א נאַס שטיקעלע מאַרליע, שעפּטשענדיק איינס און דאָס זעלבע: — נישקאָשע, עס וועט איבערגיין, שטאַרקט זיך...

און ער האָט זיך געשטאַרקט. איצט איז ער שוין געווען גראַדע צופרידן, וואָס ניט די מאַמע, ניט דער טאַטע, ניט זלאַטקע, ניט יאַשקע זײַנען ניטאָ נאָענט. זייער גוט, וואָס זיי ווייסן ניט, וואָס איז מיט אים געשען. אָט וועט ער קומען צו־זיך, וועט ער זיי אָנשרײַבן, נאָר קיין וואָרט ניט, וואָס מיט אים איז זיך פאַרלאָפן. אויב אַלץ וועט דורכגיין גוט, וועט ער וועגן דעם אַמאָל דערציילן אין פריידן. ער וועט עס דערווײַל אויסבאַהאַלטן פון אַלעמען.

און פונקט אין דער צײַט האָט די קאָמאַנדשאַפט פון דער זאַסטאַווע געטראַכט, וויאַזוי אָפּצייכענען דעם העלדישן טאַט פון די גרענעצלער, וועלכע האָבן דורכגעפירט די באַנאַכטיקע אָפּעראַציע. כּוח דעם, וואָס מע האָט אַוועקגעשיקט אַ רעליאַציע וועגן באַלוינונגען, האָט דער קאָמיסאַר אָנגעשריבן אַ בריוו די עלטערן פון די העלדן, דעריין דאַווידס עלטערן. ער האָט גענוי באַשריבן דעם אופטו פון זייער זון און האַרציק אָפּגעדאַנקט פאַר דעם, וואָס זיי האָבן אויסגעכאָוועט אַן עמעסן שלאַכטמאַן. ער פאַרבײַט מיט ווירדע זײַן אומגעקומענעם ברודער, שיקע מאַזורן, וועלכער איז אַף שטענדיק פאַרבליבן אין זיקאָרן פון דער גרענעץ־זאַסטאַווע... דערווײַל געפינט זיך דאַוויד מאַזור אין האָספּיטאַל נאָך דער געלונגענער אָפּעראַציע, וואָס מע האָט אים געמאַכט.

איבערגעלייענט דעם בריוו, איז פעסיע שיר ניט געפאַלן כאַלאָשעס. הער נאָר, און דער מאַזיק אירער האָט וועגן דעם קיין איין וואָרט ניט געשריבן, אַזאַ זאַך האָט ער פון זיי אויסבאַהאַלטן!

ווען זלאַטקע איז געגאַן פון דער אַרבעט און מיטן וועג אַרײַנגעקומען צו די מאַזורס אין שטוב, געטראָפן דאַווידס מוטער אַ פאַרוויינטע, איז זי געבליבן אָן לאָשן. און ווען זי איז דורכגעלאָפן מיט די אויגן דעם בריוו, האָט זי זיך צעיאָמערט, צוגעפאַלן צו דער מוטערס ברוסט.

קיינער האָט זיך ניט געריכט אַף אַזאַ שרעקלעכן אומגליק. שוין אַוועק העכער אַ האַלב יאָר, ווי דאַווידקע געפינט זיך אַף דער זאַסטאַווע, ניט ווייניק געשעענישן האָט ער אין זײַנע בריוו באַשריבן, נאָר דאָס, וואָס עס איז געשען דאָס מאָל, פאַרשוויגן.

זלאַטקע האָט גלײַך באַשטימט, אַז קיין איין מינוט וועט זי ניט וואַרטן — גאַנצפרי לאָזט זי זיך אין וועג אַרײַן. זי וועט זיך דערקלײַבן צו דאַווידן, וואָס עס זאָל זי ניט קאָסטן. כאָטש אין דרויסן האָט געדרייט אַ מוירעדיקע זאַווערוכע און די קעלט האָט דורכגענומען דאָס לײַב מיט די ביינער, נאָר זי האָט זיך גענומען גרייטן אין ווײַטן און שווערן וועג.

פעסיע האָט געזאָגט, אַז זי וועט זלאַטקען ניט לאָזן, זי וועט פאָרן צוזאַמען מיט איר.

שויעל האָט זיי ניט אָפּגערעדט, כאָטש אין דעם בריוו איז געווען געשריבן, אַז דאַוויד פילט זיך שוין ניט שלעכט און קיין געפאַר דראָט אים ניט — אינגיכן וועט ער זיך אומקערן אין סטראָי, — נאָר דאָס האָט קיינעם ניט געקאָנט באַרויִקן.

און טאַקע, ווי נאָר דער פרימאָרגן איז געקומען — אַ קאַלטער, אַ זאַווערוכעדיקער, אַלץ איז געווען באַדעקט מיט שניי, — האָט פעסיע מיט זלאַטקען זיך אַוועקגעלאָזט צום וואָקזאַל.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן זייער שווערע און אומרויִקע רײַזע צו דער ווײַטער זאַסטאַווע.

מע האָט זיך שווידערלעך אָנגעמאַטערט, ביז מע האָט זיך אָפּן דריטן מעסלעס דערקליבן און געפונען די זאַסטאַווע, דעם האָספּיטאַל צווישן טיפע שנייען. פאַר דאַווידן איז דאָס קומען פון דער מאַמען און זלאַטקען געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז ער האָט אַף עטלעכע מינוט אָנגעווירן דאָס לאָשן. און, זעט אויס, אַז זינט ער לעבט, איז ער נאָך ניט געווען אַזוי גליקלעך, ווי אין דער מינוט, ווען ער האָט דערזען פאַר זיך די באַליבטסטע מענטשן אַף דער ערד.

קאַפּיטל איין און דרײַסיק

אַ פאַרשטערטער יאָמטעוו

פאַר וועמען איז די צײַט געפלויגן, ווי אַף פליגל, נאָר פאַר זלאַטקען האָט זי זיך געצויגן, ווי די אייביקייט.

זי האָט געציילט די טעג, געוואַרט מיט אומגעדולד אַף אַ נײַעם פרילינג, ווען דאַוויד וועט זיך אומקערן פון דער דינסט.

פאַר דער צײַט האָט זי נאָך עטלעכע מאָל זיך אויסגעקליבן און זיך אַוועקגעלאָזט אינעם שווערן און קאָמפּליצירטן וועג צו אים — טיילווײַז צופוס, טיילווײַז מיט צופעליקע מאַשינען, מיט צוויי צוגן און ווידער צופוס. זי האָט זיך יעדעס מאָל אַלץ מער איבערצײַגט אין דעם, סאַראַ שווערע אַווידע איז צו זײַן אַ גרענעצלער. מע האָט די גאַנצע צײַט דאָ געפילט דעם בייזן אָטעם, וואָס האָט געצויגן

פֿון דער פּײַנטלעכער זײַט, ניט געוווּסט פֿון קיין רו, און יעדער מינוט געדאַרפֿט זײַן אויף דער וואַך, גרייט אויפֿשפּרינגען פֿונעם בעטל, כאַפּן דאָס געווער און זיך לאָזן אין שלאַכט.

דאַווידן האָט איר, ווי געוויינלעך, ניט דערציילט וועגן אייַנצלהייטן פֿון זײַן מיליטערישן לעבן, וויפֿל מאָל עס האָט איבער אים געלויערט די געפֿאַר. ער האָט איר ניט דערציילט, אַז דאָ, אויף דער גרענעץ, פֿילט מען זיך די גאַנצע צײַט, ווי אויף אַן עמעסער מילכאָמע. און עפּשער נאָך א שווערערע מילכאָמע, ווי א „געוויינלעכע”. דאָרטן, אויפֿן פֿראָנט, זעסטו פֿאַר זיך דעם סוינע, האָסט צײַט באַטראַכטן, ווי־אַזוי אים גוווער זײַן, צעקלאַפּן, באַזיגן, נאָר ווען מע היטט דיך אויף בייס אין אַליאַרם און דו זעסט פֿאַר זיך א פֿינצטערע, כוישעכדיקע נאַכט, עס דרייט מוירעדיק א זאַווערוכע, עס גיסט א רעגן און דער ווינט וואַרפֿט פֿון די פֿיס — און אין אַזאַ וועטער אַמיינסטן, — קריכן אַהער פֿאַרשיידענע דיווערסאַנטן, שפּיאָנען און אַנדערע שלעק, אָט דעמלט גיב זיך אַן אייצע! דו דאַרפֿסט באַשטימען אַליין, וואָס טאָן, וווהין לויפֿן, און צײַט האָסטו זייער ווייניק, דו קאָנסט פֿאַרלירן די שפּורן פֿונעם סוינע.

און דאָך, די געציילטע שאָען, וואָס זלאַטקע איז געווען צוזאַמען מיט אים אויף דער אומרו־יקער און ווײַטער זאַסטאַווע, איז פֿאַר איר געווען די בעסטע צײַט אין לעבן. דער וועג צו אים איז געווען אַזאַ שווערער און די באַגעגענישן מיט אים אַזעלכע קורצע, נאָר דאָך איז דאָס געווען פֿאַר איר און פֿאַר אים גליק. זיך אומגעקערט אַהיים פֿון אַזאַ באַגעגעניש מיט דאַווידן, האָט זלאַטקע נאָר געמאַכט אַן אויסזען, אַז זי איז צופֿרידן מיט דער רײַזע, נאָר אינדערעמעסן האָט זיך יעדעס מאָל, נאָך אַזאַ רײַזע געלייגט בא איר א שווערער שטיין אויפֿן האַרצן און זי האָט געלעבט פֿון איין בריוו זײַנעם ביז דעם צווייטן.

נאָך יעדן אַרויספֿאָר צו דאַווידן האָט זי עטלעכע טעג ניט געקאָנט קומען צו־זיך, פֿאַרלוירן דעם שלאָף, אָנגעוווירן די רו און נאָר געטראַכט וועגן אים. שווערע כאַלוימעס האָבן זי געמאַטערט, ניט געלאָזט רויִק אָטעמען.

וועגן דעם האָט זי דאַווידס מוטער ניט דערציילט. זי האָט געבראַכט פֿון דאַווידן בלויז גוטע גרוסן און זיך באַמיט איבערגעבן בלויז גוטס.

נאָר ווי עס זאָל דאָרט ניט זײַן, האָט זלאַטקע יעדעס מאָל געזען, ווי אין זײַן קוק איז ניט געווען צו זען קיין סימען פֿון פּאַכעד, פֿאַרלוירנקייט. ער האָט זיך, וואָס ווײַטער, אַלץ מער, אַרײַנגעצויגן אין זײַן שווערער און געפֿערלעכער אַוווידע און מע האָט ניט געקאָנט באַמערקן, אַז אים איז שווער, אַז אים קימערט עפּעס.

און זי האָט די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן אים, ווײַל עמעצער פֿון די עלטערע פֿרויען האָבן איר דערציילט, אַז ווען מע טראַכט א סאַך וועגן א געליבטן, העלפֿט עס אים גוווער זײַן אַלע צאָרעס און אומגליקן, איז ער ניט איינזאַם און די צײַט לויפֿט גיכער...

און זלאַטקע האָט געטראַכט וועגן אים די גאַנצע צײַט, געשריבן אַלץ אָפֿטער בריוו און אומגעדולדיק געוואַרט, געציילט די טעג. געווען פֿאַרטאָן אין איר אַרבעט, אין דער שטוב־באַלעבאַטישקײַט און נאָך געפֿונען צײַט אַרײַנקומען צו דאַווידס מוטער און איר העלפֿן אין דערווירטשאַפֿט.

ווי די צײַט איז ניט געגאַן פּאַמעלעך, נאָר אָט האָט זיך דערנעענטערט דער פֿרילינג. איצט איז, דאַכט זיך, די צײַט אַוועק שנעלער. מיט אומגעדולד האָט מען געוואַרט אויף דעם אויסגעדינטן סאָלדאַט.

אין א שטילן פֿרילינג־באַגינען, ווען דיביימער האָבן אָנגעהויבן צוויטען און פֿאַרשפּרייטן איבער דעם אַרום זייער פֿאַרשיקערנדיקן רייעך, איז יאַשקע צוגעפֿאָרן צו דעם פּאַליסאַדניק פֿון די מאַזורס אויף זײַן ריין־אויסגעצוואָגענער און אויסגערייניקטער מאַשין, אין קוזאָוו פֿון וועלכער עס זײַנען געשטאַנען צווי לאַנגע בענק און די קאַבינקע איז געווען באַפּוצט מיט בלומען, וואָס ער האָט נאָך בעכטן באַשטעלט אין דער שטאָטישער אָראַנזשעריי.

ער איז געווען יאָמטעוודיק פֿאַרפּוצט אין א שפּאָגל־נײַעם אָנצוג, אין כראָמאָווע שטיוול מיט אַריבערגעוואָרפֿענע איבער די כאָליעוועס הויזן, אין א שפּאָגל־נײַעם קאַרטוז מיט א גלאַנצנדיקן דאַשעק, פֿון אונטער וועלכן עס האָט אַרויסגעשפּאַרט א רויטער טשוב.

אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד, האָט ער אָנגעהויבן הודיען, צונויפֿרופֿנדיק די קאָמפּאַניע, וואָס וועט פֿאָרן צו דער סטאַנציע באַגעגענען דעם גרענעצלער.

מיט א גרויסן בוקעט בלומען, צוגעדריקט צום האַרצן, א שײַנענדיקע און אויפֿגעלייגטע, אין איר שענסטער קלייד, מיט עטוואָס צעפּאַטלטע פֿונעם ווינטל האָר, איז געלאָפֿן, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, זלאַטקע.

די נײַע גאַס, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן צום טײַך מיט אירע צווי גלײַכע שורעס הילצערנע הײַזער, וואָס איז אָקאָרשט געווען אײַנגעהילט אין שטילקײַט, אין געשמאַקן שלאָף, איז ווי מיטאַמאָל אויפֿגעשטאַנען. אָט איז אַרויסגעלאָפֿן די קליינינקע שוואַרצכיינעוודיקע שולאַמיס, ניט געײַלט איז אַרויסגעגאַן צו דער מאַשין דאַווידקעס מאַמע, א פֿאַרפֿאַליעטע, נאַרוואָס פֿון דער קיך, ווו זי האָט די

גאַנצע נאַכט געגרייט געשמאַקע מײַכאָלים פאַר דעם זון און די געסט. אַשער מאַזין, דער אינזשעניער און נאַטשאַלניק פונעם בוי־קאָמבינאַט, איז אַרויס פון דער שטוב זײַנער אין אײַן העמד און אין שטעקשיך, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, אַ פאַרשלאָפענער. דערזען, ווי מע קלײַבט זיך אַרום דער מאַשין, איז ער צוגעגאַנגען נעענטער, זיך שטילערהייט געגריסט און, דערוווּסט זיך, ווהין און וועמען מע פאָרט באַגעגענען, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אײנער זאָגט: „דער קאָפּ איז אַזוי פאַרדרייט, אַז איך האָב שיִער ניט פאַרגעסן, און, אַוועקגעלאָפן זיך אָנטאָן, געבעטן אַ רעגע צוּוואַרטן אויף אים.

לעבן דער מאַשין איז שוין געשטאַנען שויעל און זײַן אַלטער גוטער־ברודער זאַלמען דער באָנדער. עס איז געקומען צו לויפן אָן אַ נעשאַמע דער גלעזער אַשער און נאָך עטלעכע כעווירע און מיידלעך פון דאָווידס בריגאַדע.

ווען אַלע האָבן זיך צונויפגענומען, האָט יאַשקע געכאַפּט אַ קוק אויף זײַן פּרעמיע, דאָס הייסט, אויף זײַן זייגער, וואָס ער האָט באַקומען צום ערשטן מײַ פאַר אויסגעצייכנטער אַרבעט.

אַוועקגעזעצט לעבן זיך פּעסיען און שויעלן, האָט ער געבעטן דעם אוילעם זיך אַרופדראַפּען אַרויף, אויפן קוזאָוו, ווו עס זײַנען געשטאַנען די לאַנגע בענק. יאַשקע האָט אַ טרײַב געטאָן די מאַשין איבער דעם נײַעם, ערשט ניט לאַנג פאַרענדיקטן שטיקל שאָסיי, מוירע האָבנדיק, כאָלילע, ניט פאַרשפּעטיקן צום צוג, וואָס האָט ניט ליב לאַנג שטיין און וואַרטן, — דורכגעגאַן פינף מינוט, טוט ער אַ בלאָז פון זיך דעם געדיכטן רויך, און אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע! ער איז שוין ניט קיין היגער!

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז ניט געווען וואָס צו אײַלן — מע איז געקומען אויף דער סטאַנציע, ווען דער צוג איז נאָך ניט געווען. דער אוילעם איז אַראָפּ פון דער מאַשין און גענומען באַטראַכטן דעם נײַעם, נאָך ניט פאַרענדיקטן וואָקזאַל, ווו איבער דעם ברייטן, געראמען אַרײַנגאַנג איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע אויסיִעס אויף יִידיש און אויף רוסיש: „ביראָבידזשאַן".

כייפעץ, פאַריכטנדיק די ברילן אויף דער קורצער נאָז, איז צוגעגאַנגען צו זאַלמענען דעם באָנדער און געפרעגט:

— נו, געפעלט אײַך די סטאַנציע, רעב זאַלמען?

יענער האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט אַ רעגע:

— וואָס שײַעך, צי געפעלט, צי ניט? אַוודע געפעלט מיר די סטאַנציע... אַ גראַמע, אַ הויכע, אַ פײַנע...

— איך זאָג עס אַקעגן דעם, וואָס אויף דעם אָרט איז פריִער געשטאַנען אַ סטאַנציע, אַ נעבעכל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף הינערשע פיסלעך, „טיכאָנקע" האָט זי געהייסן...

— זעט נאָר, כייפעץ, — האָט איבערגעשלאָגן זאַלמען, — ווען עמעצער שטייט אין דער זײַט, וואָלט ער געקאָנט מיינען, אַז איר וווינט שוין דאָ הונדערט יאָר...

— איר, רעב זאַלמען, קוקט ניט, וויפל יאָר איך לעב דאָ, — האָט כייפעץ זיך אַ בייזער געטאָן, — איר פרעגט מיך בעסער, וויפל פענצטער איך האָב דאָ אין שטאָט אָנגעגלעזט פאַר דער צײַט, וואָס איך בין געקומען אַהער... איר האָט ניט אַזויפיל האָר אין קאָפּ...

זיך אַ ביסעלע באַרויִקט, האָט כייפעץ צוגעגעבן:

— נו, און אַזאַ ווּוּנעסקע מיט יִידישע אויסיִעס האָט איר דען אויף דער גאַנצער וועלט? אַ כאָלעם!.. לייענט: „ביראָבידזשאַן"...

ווער ווייסט, ווהין עס וואָלט אַוועקגעפירט דער געשפּרעך פון אָט די פאַרשיידענע מענטשן, וועלכע זײַנען אַהער געקומען אײנער פון באָפּאָליע, דער צווייטער פון בערשאַד, ווען עס דערהערט זיך ניט פון ווײַט אַ פײַף פון לאָקאָמאָטיוו. דער אוילעם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום ראַנד פון דער פּלאַטפאָרמע.

עס האָט אָנגעהויבן אײַנגעשטילט ווערן דער אוילעם, און דער גערויש פונעם צוג האָט זיך מיט יעדער רעגע שטאַרקער אָנגערוקט אויף דער סטאַנציע.

דער אוילעם האָט זיך אויסגעצויגן לענגויס דעם פּעראָן, און מיט פאַריסענע קעפּ, שײַנענדיקע אויגן געשפּירט נאָך די פאַרשטויבטע וואַגאָנען, וואָס זײַנען דורכגעלאָפן. יעדערער האָט געפּרוּווט דער ערשטער דערזען דעם גרענעצלער, אים דער ערשטער באַגריסן. אין די פענצטער האָט מען געזען פּענעמער, וועלכע האָבן זיך צוגעדריקט צום גלאָז, נאָר עס איז געווען אַזוי פאַרשטויבט, אַז מע האָט קוים אָנגעזען באַזונדערע סילועטן.

ענדלעך, האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט, און פון אַ מיטלסטן וואַגאָן איז אַראָפּגעשפּרונגען דאָווידקע מאַזור אין אַ שינעל, וואָס איז געווען צעכראַסטעט, אין אַ גרין גרענעצלער־היטל מיט אַ סאָלדאַטישן זעקל אויפן אַקסל. אַ שײַנענדיקער, אַ ביסל אַ פאַרלוירענער, וואָס ער זעט פאַר זיך אַזויפיל באַקאַנטע און ליבע פּענעמער, האָט ער שולדיק און אַ ביסל פאַרלוירן געשמייכלט, געפּאַכעט מיט דער האַנט, און אין אַ מינוט אַרום שוין געווען אין די אָרעמס פון די טײַערע מענטשן, וועלכע האָבן אים שטײַף אַרומגענומען, געקושט, געטיטשעט בוקעטן בלומען, און ער איז געשטאַנען אַ

צעשטרייטער, ניט ווײסנדיק אױף װעמען פֿריִער קוקן און װעמען פֿריִער ענטפֿערן אױף די פֿראַגן, װעלכע האָבן זיך אױף אים געשאָטן פֿון אַלע זײַטן.

ער האָט עפּעס גערעדט, עפּעס געענטפֿערט, געפּרוּװט כאַפּן, װאָס מע זאָגט אים, נאָר דער לאָקאָמאָטיװ האָט שװער געבלאָזן פֿון זיך גערדיכטע קנױלן רױך און עס איז שװער געװען באַנעמען די װערטער. נאָר אָט האָט זיך צערעװעט דער לאָקאָמאָטיװ, װי מע זאָל אים קוילען, דער לאַנגער עשעלאָן האָט אַ קנאַל געטאָן מיט אַלע זײַנע בופֿערס, און דער צוג האָט גערירט אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פֿון דעם רעװוענדיקן לאָקאָמאָטיװ.

אַ מאָדנע שטילקייט איז באַפֿאַלן די סטאַנציע, װען דער צוג האָט פֿאַרקערעװעט אין דער טײַגע־געדיכטעניש, און ערשט איצט האָט מען גענומען פֿאַרשיטן דעם גאַסט מיט שפּאָגל־נײַע פֿראַגן, זיך נאָכגעפֿרעגט, װי איז געװען דער װעג, װאָס הערט זיך אױף דער גרױסער װעלט, אױף דער גרענעץ, גלײַך װי מע װעט ניט באַװײַזן זיך דערפֿרעגן בײַ אים װעגן די דאָזיקע זאַכן גאָר אײַנגיכן, װען מע װעט קומען אַהײם.

יאָשקע האָט אונטערגעמונטערט דעם אױלעם, מע זאָל גיכער פֿאַרנעמען די ערטער. אַ קלײניקײַט אױסצורײדן — צװײ יאָר זיך ניט געזען מיט זײַן בעסטן פֿרײַנט, צװײ יאָר אים ניט געפֿירט אױף זײַן מאַשין! עס האָט זיך אַזױפֿיל אָנגעזאַמלט װאָס צו דערציילן, באַטראַכטן, באַקלערן. און עס איז טאַקע געקומען די צײַט, מע זאָל זיצן בײַ איין טיש.

די מאַשין איז געלאָפֿן שנעל איבער דעם שאָסיי־װעג און אַרום האָט געבושעװעט דער פֿרילינג. די נײַע גאַסן האָבן אינגאַנצן געענדערט דעם אױסזען פֿון דער אַרומיקער פּראַכט, און אַפֿילע די גרינע סאָפּקעס, װאָס האָבן מיט אַ האַלבן קרײַז אַרומגענומען די שטאָט, האָבן אױסגעזען שענער און זױבערער.

דאָװיד האָט צעשטרײט געהערט, װאָס מע רעדט צו אים, — אַלץ איז פֿאַר אים געװען עפּעס נײַ, בערײשיסדיק. אַפֿילע די ערשטע הײַזער און געבײַען, װאָס ער האָט צוזאַמען מיט זײַן בריגאַדע דאָ אױסגעבױט, האָבן אים איצט אױך זיך אױסגעװיזן ברײטער און פּרעכטיקער.

די מאַשין איז געגאַן, און דער אױלעם, װאָס איז אױף איר געזעסן, האָט געלאַכט, גערעדט אױף אַ קאָל, געװען אױפֿן זיבעטן הימל פֿון פֿרײד, און די פֿאַרבײַגײער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיך אײַנגעקוקט און ניט אַלע האָבן זיך אָנגעשטױסן, װער עס פֿאָרט און װאָס פֿאַר אַ גדולה איז אָנגעפֿאַלן אױף די מענטשן.

װער־װער, נאָר אַלע, װאָס האָבן געקוקט אױף זלאַטקען, אױף אירע שײַנענדיקע פֿון פֿרײד אױגן, האָבן געזען, אַז זי איז געװען אױפֿן זיבעטן הימל. זי איז געזעסן לעבן דאָװידן, האַרט צוגעשפּאַרט צו אים און געהאַלטן זײַן שטײַפֿע, פֿאַרהאַרטעװעטע װאַרעמע האַנט אין אירער און אין אים ניט געקאָנט זיך זאַט אָנשפּיגלען. ער איז געװען דער זעלבער, און דאָך עטװאָס ניט יענער, װעלכן זי האָט אַרױסבאַגלײט מיט צװײ יאָר צוריק אױף מיליטער־דינסט. אַפֿילע ניט יענער, װעלכן זי האָט געזען דאָס לעצטע מאָל, װען זי איז געװען בײַ אים אױף דער זאַסטאַװע. עפּעס איז ער געװען צו ערנסט, עטװאָס אָנגעשטרענגט, מענלעכער, װי פֿריִער. דער ייִנגלשער כײן איז אַ ביסעלע װי אָפּגעטראָטן אין אַ זײַט, און ער האָט אױסגעזען סאָלידער, קאַרגער אױפֿן װאָרט, אױפֿן װיץ. ער איז געװען שטאַרק פֿאַרברױנט פֿון דער זון, פֿאַרװינטיקט און װי אױסגעגאָסן פֿון בראָנזע. פֿון דער צװײטער זײַט, לעבן אים, איז געזעסן אָשער מאַזין, דער אינזשעניער, זײַן עלטערער גוטער־פֿרײַנט, פֿאַר װעלכן דאָװיד האָט פֿון שטענדיק געהאַט גרױסן אָפּשײַ.

דאָװיד איז געװען איבערגעפֿולט מיט גוטע געפֿילן און אײנצײַטיק מיט אומרו. אָפּגעװױנט פֿון זײַן געװײנלעכער אַרבעט אין בריגאַדע, צװישן די בױער, אַרבעטער, האָט ער זיך איצט ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, װיאַזױ װעט ער װידער אַרײַן אין קאָלײע, װיאַזױ װעט זיך אָפּסנײַ אָנהײבן זײַן לעבנסװעג דאָ, אין שטאָט.

ער האָט טאַקע אַזױ אױסגערעכנט, װי אָשער מאַזין האָט אים נאָרװאָס געזאָגט, — זיך אָפּרוען עטלעכע טעג, זיך אַרומקוקן און װידער זיך נעמען פֿאַר דער אַרבעט, נאָך װעלכער ער האָט זיך שױן שטאַרק פֿאַרבענקט.

מיט דעם ענערגישן, פֿאַרהאַרטעװעטן מענטשן אָשער מאַזין, פֿאַר װעלכן עס האָט גאַרניט עקזיסטירט, כױץ דער אַרבעט, איז דאָװידן שטענדיק געװען גוט צו אַרבעטן. פֿון אים האָט ער אַ סך געלערנט און דאָס, װאָס ער האָט דערגרײכט, איז אױך אַ דאַנק אָט דעם מענטשן.

בײַ אָשער מאַזינען איז נישט געװען ניט קײן טאָג, ניט קײן נאַכט. ער האָט קײנמאָל ניט געװוּסט פֿון קײן רו. ער איז זעלטן אײַנגעזעסן לאַנג בײַ זיך אין קאַבינעטל און מע האָט אים געקאָנט באַגעגענען בלױז אױף די באַצירקן. פֿאַפֿירן האָט ער געכאַסמעט אין װעג, באַראַטונגען האָבן בײַ אים געדױערט געצײלטע מינוט. אַלע פֿראַגן, קאָנפֿליקטן האָט ער געלײזט אױף די באַצירקן.

4—665

שפּעטער פֿון אַלעמען האָט ער זיך אַריבערגעקליבן פֿונעם קליינעם צימערל אין באַראַק אין אַ צווייצימערדיקער דירה, וואָס איז געווען פֿאַרוואַרלאָזט, ווײַל ער האָט ניט געהאַט קיין פֿרײַע צײַט זיך אָפּגעבן מיט איר, זיך אײַנאָרדענען, ווי אַלע. און טאַקע דערפֿאַר איז זײַן פֿרוי מיט די צוויי קינדער געווען דערשיטערט, ווען מע האָט זיך אַהער אַריבערגעקליבן און געטראָפֿן אַ קאַזאַרמע, ניט קיין דירה.

ער האָט ליב געהאַט די פֿרוי מיט די קינדער, נאָר אין דער ערשטער ריי איז בײַ אים געווען — די אַרבעט.

ווי נאָר אַשער מאַזין האָט געענדיקט דעם אינסטיטוט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אומגעקערט פֿון דער אַרמיי, האָט ער געאַרבעט אין עטלעכע שטעט, און געאַרבעט געטרײַ, איבערגעגעבן, נאָר באַזונדערס האָט ער זיך אונטערגעגאַרטלט, ווען ער איז געקומען אַהער, קיין בירעבידזשאַן, אין דער פּוסטער טײַגע, אויף דער קליינינקער סטאַנציע טיכאָנקע, און אָנגעהויבן מיט זײַן ניט־גרויסער גרופּע טעסלער, סטאָליערס בויען די ערשטע געבײַדעס. דאָ האָט ער אַרײַנגעלייגט אַלע זײַנע קענטעניש, וואָס ער האָט דערוואָרבן, די גאַנצע ענערגיע זײַנע. מיט זײַנע מענטשן האָט ער מאַמעש געקערט וועלטן, גוויוער געווען אָן אַ שיעור שוועריקײַטן, הונגער, קעלט, פֿרעסט. ער האָט ניט געוווּסט פֿון קיין רו און קיינעם פֿון זײַנע פֿרײַנט ניט געלאָזט רוען. און ניט אומזיסט האָבן אַלע, אָנהייבנדיק פֿון די שטאָט־נאַטשאַלניקעס ביז די געוויינלעכע אַרבעטער, זיך צו אים באַצויגן מיטן גרעסטן אָפּשײַ און ליבשאַפֿט.

דער האַרציקער מענטש האָט געהאַט אַ גרויסן כּיילעק אין דאָווידס גורל. ווען דער באָכער איז נאָר געקומען אַהער צוזאַמען מיט זײַן פֿרײַנט יאַשקען, האָט אויף אים געוואָרפֿן אַן אויג טאַקע ער, אַשער מאַזין. ער האָט באַטראַכט דעם שוואַרצכיינעוודיקן פֿעסטן שטעטלשן באָכער, וואָס האָט נאָך ניט געוווּסט אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער געפֿינט זיך, געפֿרעגט, צי האָט ער אַ מעלאָכע אין די הענט, און דאָווידקע האָט זיך פֿאַרשעמט אָפּגעקערט פֿון אים, ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפֿערן. און ווען ער האָט דעם נאַטשאַלניק פֿון דעם בוי־קאָמבינאַט געזאָגט, אַז ער האָט אָקאָרשט געענדיקט די שול און האָט ניט קיין מעלאָכע, האָט יענער אַ קלאַפּ געטאָן אים איבער דער פּלייצע, גלײַך ווי אַ גוטן באַקאַנטן:

— נישקאָשע, וועסט גיין אַרבעטן צו מיר... מע דאַרף בויען הײַזער, מענטשן זאָלן האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אופֿהייבן געבײַדעס, ווו קינדער וועלן קענען גיין לערנען, ווו מע וועט היילן מענטשן, — קורץ גערעדט, מע דאַרף בויען אַ שטאָט, זי זאָל באַשײַנען דעם גאַנצן ווילדן קאַנט...

און אַשער מאַזין האָט אָוועקגעשטעלט דאָווידן אויסאַרבעטן פֿון ליים ציגל, זיי טריקענען אונטער דער זון און צונויפֿשטעלן ווענט. ער האָט אים געגעבן אַ האַק אין די הענט און געוויזן, ווי מע טעסעט קלעצער, ווי מע אַרבעט אויס פֿון די קלעצער ברעטער, ווי מע בויט הײַזער...

אָבער ניט בלויז בויען האָט ער אים געלערנט, נאָר געצייצעט נאָך דער אַרבעט באַזונדן קורסן, און ווען יענער האָט געזען, אַז דאָס איז אַן ערנסטער יאַט, וואָס נעמט זיך מיט לײַב און לעבן צו דער אַרבעט, האָט ער אים אין אַ צײַט אַרום אָוועקגעשטעלט פֿאַר אַ בריגאַדיר.

און פֿון יענער צײַט אָן האָט אַשער מאַזין אין אַלץ זיך פֿאַרלאָזט אויף זײַן דערציגלינג און פֿאַרטרויט די סאַמע קאָמפּליצירטע אַרבעט, געוווּסט, אַז יענער וועט ניט אונטערפֿירן.

און ער האָט אין אים קיין טאָעס ניט געהאַט. צוויי יאָר איז דאָוויד ניט געווען, און זײַן אָפּוועזנהײַט אויף די בויונגען האָט זיך געלאָזט פֿילן.

טאַקע דערפֿאַר האָט ער מיט אַזאַ פֿרייד הײַנט באַגעגנט אויף דער סטאַנציע זײַן ליבלינג און אים אַזוי האַרציק באַגריסט.

ניט ווייניקער צופֿרידן איז געווען דאָוויד, וואָס ער האָט זיך ווידער באַגעגנט מיט זײַן לערער און וואָס אינגיכן וועט מען ווידער אַרבעטן צוזאַמען.

אָבער קוקנדיק אויף דעם אינזשעניער, האָט דאָוויד געזען, ווי יענער האָט זיך שטאַרק געענדערט. צופֿיל קנייטשן האָבן איבערגעשניטן אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען זײַן הויכן שטערן, די ליכטיקע קלוגע אויגן זײַנען אַ ביסעלע מידער געוואָרן, אין דער טונקעלער קוטשמע האָבן זיך איבערגעוואָרפֿן אַ סאַך גראָווע האָר און באַזילבערט דעם קאָפּ.

דאָוויד האָט אומדערוואַרט אַ פֿרעג געטאָן, צי איז אַשער מאַזין ניט קראַנק? יענער האָט פּילדײַטיק אַ קוק געטאָן אויף דעם האַרציקן באָכער און שטילערהייט אים אײַנגערוימט אויפֿן אויער:

— ניט גוט, דאָווידקע... זייער ניט גוט...

— וואָס הייסט? — האָט דער באָכער זיך פֿאַרוווּנדערט, געוויזן מיט דער האַנט אויף דער שטאָט מיט די נײַע גאַסן, אויף די נײַע טראָטואַרן, — וואָס הייסט? פֿאַר דער צײַט, וואָס איך בין דאָ ניט געווען, האָט איר אַזויפֿיל אופֿגעטאָן!

— געוויס... נאָר עמעצער איז ניט צופֿרידן דערמיט... — האָט מיט אַ געפֿאַלענער שטים אַ זיפֿץ געטאָן דער אינזשעניער, — עס האָבן זיך געפֿונען לײַט, וואָס זאָגן, אַז דאָ זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך שע־

דיקער, סאָנים פון פאָלק... מיט צוויי וואָכן צוריק האָט מען אייַנגעזעצט דעם דירעקטאָר פון אונדזער טרעסט דעם אינזשעניער באָריס לעוויצקין... געדענקסט אים ניט? א טייַערער מענטש, א וווּנדערלעכער בויער...

— אייַנגעזעצט? באָריס לעוויצקין? פאַר וואָס? — האָט דאָוויד אָנגעכאַפּט מאַזינען ביז ווייטיק פאַר דער האַנט.

— עמעצער האָט אָנגעשריבן אויף אים א מעסירע, אַז ער איז, קלוימערשט, א שעדיקער, א סוינע פון פאָלק...

— עס קאָן ניט זייַן! ער איז געווען בא קאָטאָווסקין אין בריגאַדע, זיך געשלאָגן פאַר דער ראַטנמאַכט... איר געדענקט, ער איז אַרויסגעטראָטן אין קלוב און דערציילט... ער האָט אָן אָרדן...

דאָוויד איז געווען אויסער־זיך.

אַשער מאַזין האָט א מינוט געשאָקלט פאַרדייַגעט מיטן קאָפּ און שטילערהייט צוגעגעבן:

— יענע וואָך האָט מען צוגענומען פונעם קאַבינעט סאָלימאַווון, דעם געהילף־פּאַרזיצער פון אויס־פּירקאָם... גלוזמאַנען, דעם פּאַרוואַלטער פונעם פינאָפּטייל, וואַסילי דודינען, דעם פאַרוואַלטער פון קולט־אָפּטייל פון ראַיקאָם.

— פאַר וואָס?

— מע האָט געזאָגט, אַז זיי זייַנען סאָנים... פון פאָלק...

— סאָנים פון פאָלק? אויב זיי זייַנען סאָנים, טאָ ווער זייַנען די פרייַנט? עס קאָן ניט זייַן!.. עס לייגט זיך ניט אויפן זינען... — האָט דאָוויד פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט דעם פאַרומערטן אינזשעניער. — עס איז עפּעס א מיספאַרשטייעניש... א גרויסער פעלער... מע וועט אים, גלייב איך, פאַריכטן... עס קאָן ניט זייַן!

— יאָ, ברודערקע... אַזוי איז דאָס... מענטשן, וועלכע איך קען גוט, איך קאָן פאַר זיי שווערן, אַז דאָס זייַנען ערלעכע מענטשן. מיר זייַנען צוזאַמען אַהער געקומען, זיך געמאַטערט ווי אויפן טויט די ערשטע צייַט... און אָט האָסטו דיר... סאָנים פון פאָלק...

— נו, און איר זייַט ערגעץ געגאַנגען, געפּאָדערט, געפרעגט?..

— געגאַנגען, געפרעגט...

— און וואָס האָט מען אייַך געענטפערט?

— געענטפערט? דאָרטן ענטפערט מען ניט... — האָט מיט א געפאַלענער שטים געזאָגט אַשער מאַזין. — מע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז ניט אונדזער דייַגע. די אָרגאַנען ווייסן, וואָס זיי טוען... און מע זאָל זיי ניט שטערן אָפּרייניקן די רייען פון פרעמדע עלעמענטן...

א טראַכט געטאָן, האָט מאַזין צוגעגעבן:

— איך פיל, אַז עמעצער קוקט שוין אויף מיר אויך קרום...

— נו, וואָס רעדט איר?.. — האָט דאָוויד ווייטיקלעך געזאָגט. — דאָס קאָן ניט זייַן... עס לייגט זיך ניט אויפן זינען...

— מירן לעבן, וועלן מיר זען...

עס איז אונטערגעשפּרונגען די מאַשין אויף א הרודע שטיינער לעבן דער שטוב פון די מאַזורס, און יאַשקע איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער קאַבינקע א פרייַלעכער, א צופרידענער, וואָס ער האָט אַזוי פייַן, מיט א טראַסק געבראַכט די קאָמפּאַניע אַהיים. ער האָט געהאָלפן פעסיען און שויעלן אַרויס פון דער קאַבינע, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום קוזאָוו.

דאָס, וואָס דאָוויד האָט זיך דערוווּסט פון אַשער מאַזינען, האָט אים אינגאַנצן דערשיטערט, עס האָט זיך ניט געלייגט אויפן זינען, אַז דאָס, וואָס יענער האָט דערציילט, איז עמעס. ניט אַנדערש, אַז דאָס איז עפּעס א מיספאַרשטייעניש. די מענטשן וועלן זיך אינגיכן אומקערן. עס קאָן ניט זייַן, דאָס איז א גראָבער פעלער. ווי קאָן מען כוישעד זייַן אַזעלכע מענטשן?..

די שטימונג איז בא אים אינגאַנצן געפאַלן, און ער האָט געקוקט אויף דעם פאַרומערטן אינזשעניער מיט אויסערגעוויינלעכן מיטלייד. ער האָט אים געפרוווט באַרויִקן, נאָר יענער האָט ווייטיקלעך גע־שמייכלט און א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— מירן לעבן, וועלן מיר זען... קום, עפּשער וועט דער טאַטע געבן א גלעזעלע לעכאַיִם צוליב דייַן אומקערן זיך אַהיים...

דער רווישיקער אוילעם איז אַרייַן מיט א גרויסן טומל אין שטוב. זלאַטקע האָט געהאָלפן דעם כאַסן אַראָפּנעמען פון זיך די שינעל, דאָס היטל. ער איז געבליבן שטיין אינמיטן דער שטוב אין זייַן גימנאַסטיאָרקע, וואָס האָט אים שטאַרק געפּאַסט. דער אוילעם האָט מיט שייַנענדיקע אויגן געקוקט אויף די פּילצאַליקע „זנאַטשקעס" אויף זייַן ברוסט און זיך גענומען דערפרעגן, וואָס באַטייַטן זיי. און דאָוויד האָט שעמעוודיק דערקלערט, אַז דער צייכן איז א „וואָראָשילאָוו־שיסער" און יענער — „אויסגע־צייכנטער גרענעצלער", א צייכן — פאַר העלדישקייַט באַם פאַרהאַלטן דיווערסאַנטן אויף דער גרענעץ,

און נאָך איין גאַר בעקאָוועדיקער, וואָס ער האָט באַקומען פאַר דער אָפּעראַציע אין יענער ווײַטער נאַכט, ווען ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן, — אַן אָרדען „רויטער שטערן".

דער אוילעם האָט מיט באַגײַסטערונג באַטראַכט די צייכנס אױף זײַן ברוסט, אים באַגריסט און ער האָט זיך שעמעוודיק געראָיטלט.

אין שטוב איז געווען רוישיק און ענגלעך. אוילעם איז אַלץ צוגעקומען. יעדערער האָט זיך געײַלט דורכשטויסן נעענטער צום געגאַרטן גאַסט, אים געדריקט די שטאַרקע האַנט, אַרומגענומען, געקושט, געזאָגט די סאַמע האַרציקע ווערטער.

די מאַמע און זלאַטקע האָבן געהאָוועט, געשטעלט צום טיש. אַ פּאַרפּאַליעטע, איז געשטאַנען באַם אויוון זעלדע, געגרייט געשמאַקע זאַכן צוליבן גאַסט. פאַרבײַגייענדיק, געוואָרפן אױף דאָווידן אירע שטענדיק שמייכלענדיקע אויגן, אים אַלעמאָל פאַרטשעפּעט מיט אַ פּאָר ווערטער:

— איר, דאָוויד, זאָלט ניט האָבן קיין פאַריבל. אָט די מײַכאָלים האָב איך צוגעגרייט גלאַט אַזוי. איך האָב שטאַרק געספּעשעט. נאָר אױף אײַער כאַסענע וועל איך אײַך צוגרייטן אַזוינס, וואָס איר האָט נאָך אױף אײַער לעבן ניט פאַרזוכט... איר מעגט זיך שוין פאַרלאָזן אױף מיר...

זלאַטקע האָט זי אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, געשאָקלט ניט צופרידן מיטן קאָפּ:

— וואָס רעדט איר, זעלדע... ווי שעמט איר זיך ניט אַזוי ריידן...

— וואָס זשע, עפּשער איז דאָס ניט אַזוי? אַוודע וועל איך אױף אײַער כאַסענע צוגרייטן אַזוינס ווי אַזעלכס... וואָס איז, וואָס שעמט איר זיך? איר ווייסט דען ניט דאָס אַלטע ווערטל: אַז איר וועט זיך שעמען, וועט איר כאַסענע ניט האָבן...

און זי האָט אַליין, די קעכן, זיך געקײַקלט פון געלעכטער צוליב אירע ביליקע כאָכמעלעך.

מע האָט אָבער באַמערקט, ניט קוקנדיק אױף דעם טומל, וואָס איז דאָ געשטאַנען, אַז דאָוויד איז אַ ביסל אין אַ געדריקטער שטימונג. ער האָט אָפּגעענטפערט צעשטרייט אױף די באַגריסונגען פון די שכיינים, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט אַרײַנקומען. אַנדערע האָבן געמיינט, אַז די שטימונג איז בא אים קאַליע צוליב דעם, וואָס ער איז, מעגלעך, פאַשעט פאַרמאַטערט פונעם וועג, אַ גאַנצע נאַכט, זעט אויס, ניט געשלאָפן און איז נאָך ניט געקומען צו־זיך. נאָר פון מאָל צו מאָל, וואַרפנדיק אַ בליק אױף אַשער מאַזינען, וועלכער האָט די גאַנצע צײַט ניט אויפגעהערט רייכערן איין ציגאַר נאָכן צווייטן, איז דאָווידן אַלץ שווערער געוואָרן אױפן האַרצן און אים איז שוין גאָרנישט ניט אָנגעגאַן.

יאָ, פון דער נײַעס, וואָס ער האָט זיך נאָרוואָס דערוווּסט, איז ער געווען ווי קיינמאָל דערשיטערט, ניט אויפגעהערט טראַכטן. אָט די אַלע מענטשן, וועלכע אַשער האָט אָנגערופן, האָט אויך דאָווידקע מאַזור גוט געקענט, און ניט איין מאָל זיך מיט זיי צונויפגעשטויסן. די שטאָט האָט זיך צוריק מיט עטלעכע יאָר אָנגעהויבן בויען, און אַהער זײַנען געפאָרן פון פאַרשיידענע עקן לאַנד איבערוואַנדערער — באַלמעלאָכעס, אַרבעטלאָזע, לופט־מענטשן, וועלכע האָבן אין די אַלטע היימען ניט געהאַט ווו צולייגן די הענט. אַהער איז מען געפאָרן געפינען אַ נײַע היים, אַרבעט, ברויט, אַ דאַך איבערן קאָפּ. עס זײַנען אַהער געקומען מענטשן, וועלכע האָבן דאַרטן ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. נאָר באַנאַנד מיט זיי זײַנען געקומען ניט ווייניק עכטע ספּעציאַליסטן, טרײַע, איבערגעגעבענע מענטשן, וואָס האָבן געוואָרפן גוטע שטעלעס, טײַערע הײַזער און זיך פאַרקליבן אַהער העלפן מיט אַלע קויכעס בויען אַ נײַע געגנט, עס זײַנען געקומען פאַראַנטוואָרטלעכע טוער, לערער, שרײַבער, געלערנטע. דאָס זײַנען האַרציקע, איבערגעגעבענע, טרײַע מאַנצבלען און פרויען, וועלכע האָבן זיך אױף זייערע פּאָסטנס אָפּגעגעבן מיט לײַב און לעבן דער נײַער זאַך. איז ווער האָט דערלויבט עמעצן אויסטראַכטן אױף אָט די מענטשן, ווען אַלע האָבן דאָ געקענט און ליב געהאַט, אַז זיי זײַנען שעדיקער, סאָנים פון פאָלק?

דאָוויד מאַזור האָט געדינט אױף דער גרענעץ. דאָס איז, דאַכט זיך, די סאַמע שווערסטע גרענעץ פון אַלע אונדזערע גרענעצן. זעלטן איז דורכגעגאַן אַ רויִקע נאַכט, עס זאָל ניט אויסקומען פאַרהאַלטן סאָנים, עמעסע, פרעכע, וועלכע האָבן געפּרוּווט זיך אַריבערשמוגלען איבער דער גרענעץ אױף אונדזער זײַט און דורכפירן דיווערסיעס, אויפרײַסן די אײַזנבאַן, אונטערצינדן אָקאָרשט אויפגעשטעלטע געבײַען, דערמאָרדן די אָנפירער פון דער געגנט, שיסן, האַרגענען, רויבן. מיט אָט די סאָנים האָט ער ניט איין מאָל זיך באַגעגנט פּאָנעם־על־פּאָנעם, עטלעכע מאָל בלוט פאַרגאָסן בעשאַס הייסע געפעכטן. און אָט האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, צו זײַנע פרײַנט, צו יענע, וואָס בויען דאָ די שטאָט, שטעלן אויף אַ נײַע געגנט, ער איז געקומען צו עכטע מענטשן, לאָזט זיך אויס, אַז...

ניין, דאָס איז עפּעס ניט גלאַט. ער וועט זיך אַ ביסל אַרומקוקן און דערנאָך גיין, מע זאָל אים דערקלערן, וואָס קומט עס פאָר? צי דען זײַנען זײַנע באַקאַנטע געפאָרן צען טויזנט ווערסט, געוואָרפן די אײַנגעזעסענע היים, פרײַנט, כאַוויירים און געקומען אַהער אַלץ אָנהייבן פון אָנהייב, קאָרטשעווען די טײַגע און בויען? צי דען זײַנען די מענטשן דאָ, קעדיי אַראָפּרײַסן די בויונג, שעדיקן, שטערן, צעברעכן?.. מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן פאַר דער ראַטנמאַכט בעשאַס גרויסע שלאַכטן אױף די פראָנטן מיט פּעטליורעס, קאָלטשאַקן, דעניקינען?.. זאָל מען אים זאָגן, וואָס מע וויל, און ער

וועט ניט גלייבן. ער וועט גיין פרעגן, וואָס הייסט דאָס? און אויב דאָ וועט מען אים ניט ענטפערן, וועט ער שרייַבן אין צענטער.

מיט אָט די געדאנקען האָט ער זיך ניט געקאָנט צעשיידן.

שויעל האָט א קוק געטאָן אפן פארומערטן זון, אף מאזינען, אף די ארומיקע געסט און זיך אָנגערופן:

— וואָס איז, קינדער, וואָס זיצן מיר, ווי פרעמדע געסט אף א פרעמדער כאסענע? אנו, גיסט נאָר אָן די גלעזלעך און לאָמיר נעמען לעכאַיִם. מיר האָבן הייַנט אזא טייַערן גאסט!..

דאָווידקע האָט מיט זייַן כיינעווודיק שמייכעלע א קוק געטאָן אפן טאטן, באטראכט דעם געדעקטן טיש און שטיל זיך אָנגערופן צו אָשערן:

— נעמט זיך ניט שטארק צום הארצן... איך גלייב, אז דאָס איז עפּעס א מיספארשטייעניש. איך גלייב ניט, אז עס איז העפקער א וועלט... אלץ וועט זייַן גוט. מע דארף נאָר ניט אראָפּפאלן בא זיך... נו, מייַנע טייַערע, זאָל זייַן גוט... מע דארף זיך האלטן צוזאמען... לעכאַיִם!..

ער האָט אופגעהויבן דאָס קעלישעקל, א ווונק געטאָן צו זלאטקען, זי זאָל זיך צוזעצן נעענטער, צוגעטראָגן דאָס קעלישעקל צו די ליפּן.

אָשער מאזין האָט באגייַסטערט אָנגעקוקט דעם שיינעם, שטאלטנעם באָכער און געזאָגט:

— זייער גוט, מייַנע טייַערע, וואָס אונדזער בריגאדיר האָט זיך שוין אומגעקערט. ער האָט אונדז דאָ שטארק אויסגעפעלט. א יאם מיט ארבעט ווארט אף אונדז. מיר וועלן ארבעטן נאָך בעסער, ווי פריִער, מיר וועלן בויען אונדזער שטאָט. לעכאַיִם!.. זאָל זייַן אין א גוטער שאָ!..

קאפיטל צוויי און דרייַסיק

די כאסענע איז ניט געווען אין דער קאָזארמע

יענע כאכאָמים, וועלכע זייַנען באָקי אין דער טוירע, גיבן איבער, אז דער עמעסער, ביבלישער מוישע ראבייני איז געווען א מענטש מיט סאָוועסט, מיט געוויסן. ער האָט געהאט גאָט אין הארצן.

ער האָט אויסגעפילט דאָס שטיקל ארבעט זייַנס, וואָס דער אייבערשטער האָט אים פארטרויט, דאָס הייסט, ארויסגעפירט די יידן פון מיצראַיִם, זיי געבראכט די טוירע פונעם בארג סינײַ, דערצו נאָך די צען געבאָטן, די לוכעס, זיי אריבערגעפירט, די יידן, איבערן יאם, צעשפאלטנדיק אים מיט זייַן שטעקן, און זיך אָפּגעגאן אין דער זייַט, אין דער אייביקייַט, ווי איינער רעדט: א גוטן טאָג מיט דער קאפּאָטע!

דער נייַער מוישע ראביינו, דאָס הייסט, דער פאָרשטייער פון „געזערד", מוישע פּינוס, האָט אריבערגעפירט פון דער אוקראַיִנע אהער, קיין ביראָבידזשאן, עשעלאָנען מיט איבערוואנדערער, ניט איין מאָל געפאָרן אהין, אהער אין די צוגן, זיך גוט אָנגעהאָרעוועט, ווייַל עס איז געווען ניט קיין גרינג שטיקל ארבעט פירן אזויפיל מענטשן, זיי האָדעווען אין וועג, אייַנאָרדענען אין די וואגאָנען, זיך הריזען מיט דער אייַזנבאן-נאטשאלסטווע, מע זאָל ניט פארהאלטן אין די טופּיקעס אף לאנג די עשעלאָנען, אויסהערן אָן א שיר אָנקלאָגעס, האָבן צו טאָן מיט מענטשן פון פארשיידנארטיקע כאראקטערן און מעשוגאסן, און דערצו נאָך אריַינכאפּן אָפּטלעך א גוטן פּסאק פון דער ביראָבידזשאנער נאטשאלסטווע, לעמיַי צוזאמען מיט עכטע האָרעפּאשניקעס, גוטע מענטשן, האָט ער פארכאפּט מיט זיך א ביסל לייצים, ליידיקגייער, פּוסטעפּאסניקעס — ניט צו גאָט, ניט צו לייַט.

ער האָט זיך דער זאך אָפּגעגעבן מיט לייַב און לעבן, זיך דעראָבערט א גוטן שעם בא טויזנטער מענטשן און געוואָרן שיר ניט דער סאמע בארימטער מענטש אין דער נייַער געגנט, מענטשן און באלעבאטים האָבן אים אָפּגעגעבן גרויס קאָוועד, אייַנגעלאדן צו זיך אף יאָמטויוויום און מאָלצייַטן.

נו, און ער האָט שוין געקאָנט אָפּגיין אין א זייַט, זיך אָפּרוען די ביינער, אָבער ניין. ער האָט צום סאָף געמאָלדן, אז ער בלייַבט א היגער. כאָטש מער פאָרט ער ניט מיט די עשעלאָנען, נאָר ער וועט צוגלייַך מיט אלעמען זיך שטעלן בויען די יידישע געגנט.

נו, דאָס איז געווען א גאנץ נאטירלעכע זאך, און די היגע באלעבאטים האָבן זייַן פארלאנג אָנגענומען מיט פארגעניגן. מע האָט אים געפרעגט, וואָס פאר אן ארבעט ער וואָלט דאָ א באלן געוועזן אויספילן?

אין ארמיי איז מוישע פּינוס, דער נייַער מוישע ראביינו, הייסט עס, געווען אין דער פּעכאָטע, א געוויינלעכער רויטארמייער. עמעס, א שטיקל צייַט האָט ער אונטערגעהאָלפן דעם נאטשאלניק פונעם קלוב צוגרייטן די בינע, צעשטעלן די בענק, אָפּטלעך אָנשרייַבן א מוידאָע, א פּלאקאט און אזוינע

ער האָט געהאַט אַ שטיקעלע שטים, איז אים נאָך אויסגעקומען זינגען אין כאָר. בייס אַ מאַרש איז ער אַפּטלעך געווען דער ראַטנער זאַפּעוואָלע.

עמעס, פאַר דער מיליטער־דינסט איז מוישע פּינוס געווען אין זײַן געבורט־שטעטל, דעראַזשנע, אַ בלעכער, געהאָלפן דעם טאַטן פאַרלאַטען דעכער, דער רעגן זאָל ניט רינען די אײַנוווינער איבערן קאָפּ. די מלאָכע האָט ער זיך נאָר אָנגעהויבן לערנען, און קיין גרויסער מײַסטער איז ער ניט געוואָרן. נאָר ער איז דאָך ניט געווען שולדיק אין דעם, ווײַל עטלעכע יאָר האָט ער געפּאַטערט, לערנענדיק זיך זײַן אַ דאַמען־שנײַדער. נאָר אַזוי־ווי דאָס געניי איז אים ניט געגאַן, האָט דער טאַטע אים אָפּגעגעבן לערנען פאַר אַ פעלצנמאַכער, דערנאָך פאַר אַ שוסטער. ער איז געוואָרן אַ מענטש מיט אַ סאַך מלאָכעס און ווינציק בראָכעס. האָט דער טאַטע, דער בלעכער, זיך אויף אים צעבייזערט און געזאָגט, אַז אויב די הענט לייגן זיך צו גאָרנישט ניט, טאָ זאָל ער קריכן אויפן דאַך, עפּשער וועט ער דאָ זײַן מער מאַזלדיק.

און אַנדער ברייערע, ער האָט געמוזט קריכן אויפן דאַך.

קיין גרויסער ספּעציאַליסט, ווי געזאָגט, איז ער אויך דאָ, בײַם טאַטן, אויף די דעכער, ניט געוואָרן. און עפּשער וואָלט ער זיך מיט דער צײַט אונטערגעאַרבעט און עס וואָלט אַוועק אַ גאַנג, איז אונטערגעקומען די צײַט, ווען ער האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו און מע האָט אים אָפּגעגעבן, ווי מע זאָגט, פאַר אַ סאָלדאַט. גראַדע אין דער פּעכאָטע.

זיך אויסגעדינט, איז ער געקומען אַהיים בעשאָלעם און מע האָט פאַר אים אָנגעהויבן אונטער־קלײַבן אַן אַרבעט, און עמעצער פון די דעראַזשנער קלאָל־טוער האָט געזאָגט, אַז אַזוי־ווי דער מוישע פּינוס האָט זיך אין אַרמיי אויסגעמענטשלט, האָט זיך אויסגעלערנט האַלטן אַ רעדע אויף אַ פאַרזאַמ־לונג, זיך אונטערגעלערנט און געוואָרן אַ מענטש גלײַך מיט אַלע — סײַ האַלטן אַ פּען אין האַנט, סיי אויספּילן אַ שליכעס, — האָט מען אים גענומען קיין וויניצע און געמאַכט פאַר אַ פאַרשטייער פון „געזערד" — ער וועט באַגלייטן עשעלאָנען מיט איבערוואַנדערער קיין בירעבידזשאַן...

און מיט דער אַרבעט האָט ער זיך גאַנץ פײַן ספּראַוועט און געפעלן געוואָרן נאַטשאַלסטווע, ווי אויך די איבערוואַנדערער.

וואָס איז פאַראַן אַ סאַך צו ברײַען? ער האָט באַקומען עטלעכע ערן־גראַמאַטעס פאַר זײַן איבער־געגעבענער אַווידע, אַ פּאָר מאָל פּרעמירט מיט אַ זייגער און מיט אַ נײַעם אָנצוג. און די אַרבעט איז בײַ אים געגאַן, ווי אַ מיזמער. ער האָט אַפילע פאַרגעסן, אַז ער וואָלט שוין לאַנג געווען געדאַרפט כאַסענע האָבן און פאַרפירן אַ מישפּאָכע. און אין שפּאַס האָט דער אוילעם געזאָגט, אַז ער האָט כאַסענע געהאַט פאַרן „געזערד".

צוגלײַך מיט אַ פײַנעם קאָוועד אין די פּילצאָליקע רײַזעס זײַנע האָט ער זיך דעראָבערט אין וועג אַ פײַנעם צונעמעניש:

— מוישע ראַביינו...

נאָר אַזוי־ווי דאָס איז געווען אַ מענטש אָן אַ גאַל, אַ ווייכע נעשאָמע, האָט עס אים לאַכלוטן ניט געאַרט. ווי איינער רעדט: מײַלע, זאָל מען רופן, ווי מע וויל, אויב דעם אוילעם איז גוט, איז אים ניכע. זאָל מען אים אַפילע רופן „טעפּל", אַבי מע זאָל אין אויוון אים ניט אַרײַנרוקן...

דער שטאַטישער אוילעם האָט מיט גרויס פרייד אופגענומען די יעדיִע, אַז מוישע ראַביינו ווערט אויס קאָמיוואַיאַזשאָר און בלײַבט אַ היגער.

און אַזוי־ווי אַלע האָבן אים דאָ גוט געקענט, — ער האָט די מענטשן געטאָן ניט ווייניק טויוועס, און אַזעלכס פאַרגעדענקט זיך, — האָט יעדער קלענערער און גרעסערער נאַטשאַלניק פון די אונטער־נעמונגען, פון די קאָנטאָרן, פאַרשיידענע אַנשטאַלטן און קוסטאַר־אַרטעלן געוואָלט אים נעמען צו זיך.

נאָר מוישע ראַביינו האָט גראַדע געזאָגט, אַז גלאַט אַזוי זיך אָפּזוכן אַן אַרבעט אויף אָפּקומען — אָפּזיצן אויף אַ בענקל די אַכט שאָ און באַקומען זײַן געהאַלט, — דאַרף ער האָבן אויף טישטשע קאַפּאַרעס. ער וויל זײַן אויף די פאַדערשטע פּאָזיציעס פון דער בויונג. און די פאַדערשטע פּאָזיציעס דאָ, ווייסט מען, איז אין דער ערשטער ריי — בויען נײַע געבײַדעס, הײַזער. און מוישע ראַביינו, דאָס הייסט, מוישע פּינוס, איז אַוועק זיך אײַנאָרדענען ניט, כאָלילע, אין אַ שטילן אַנשטאַלט, נאָר דאַפקע צו אָשער מאַזינען, דעם אינזשעניער, נאַטשאַלניק פון איינעם פון די באַרימטע בוי־אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט.

אָשער מאַזין האָט אים באַגעגנט, ווי מע דאַרף באַגעגענען אַ כאָשעווען מענטשן, און ווען ער האָט דערהערט, אַז דער מענטש איז אַ בלעכער און האָט כיישעק זיך שטעלן דעקן דעכער, האָט ער זיך גאָר דערפרייט.

מיטן גרעסטן קאָוועד!

און מע האָט אים געשיקט טאַקע אין יענער בריגאַדע, ווו דער בריגאַדיר איז פריִער געווען דאָוויד מאַזור, וועלכער האָט געדינט איצט אין אַרמיי, אויף דער גרענעץ.

וואָס איז שײַעך דעם יונגן בריגאַדיר, האָט מוישע ראַביינו אים פאַרגעדענקט נאָך פון יענער צײַט, ווען ער האָט באַגלייט דעם וויניצער עשעלאָן איבערוואַנדערער און פּלוצעם האָט זיך צו אים געיאַוועט אַ שיינער שטאַלטנער באָכער און געבעטן, מע זאָל אים מיטנעמען. בעקיצער, מוישע ראַ־ביינו האָט גענומען אַ הילצערנעם האַמער, אַ שער, זיך אַרופגעדראַפּעט אַף די סטראָפּילעס פון אַ צווייִשטאָקיק הויז, וואָס מע האָט געהאַלטן באַם אַרויסענדיקן, — דאָ האָט געדאַרפט זײַן דער קלוב, — און דער נײַער באָכער האָט זיך גענומען הייס צו דער אַרבעט. מע קאָן ניט זאָגן, אַז אַלץ איז באַ אים גלײַך אַוועקגעגאַן פויגלדיק, אָבער דער אוילעם באָכער האָבן אים אונטערגעהאָלפן און עס איז אַוועק אַ גאַנג.

איז, דאַכט זיך, גוט?

לאָזט זיך אויס, אַז ניט שטאַרק גוט! אַפילע ביטער, וואָס ביטער הייסט!

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך מוישע ראַביינו אַרופגעדראַפּעט מיטן ביסל קלאַפּערגעצײַג אַף די כּטראָפּילעס, זיך גענומען צו דער אַרבעט, הייבט זיך אוף אַ שטאַרקער ווינט, כאַפּט אונטער דעם גראָטענעם באָכער און, וואָס איז דאָ פאַראַן אַ סאַך צו ברײַען, ער פליט אַראָפּ פונעם דאַך און צעבראָכט זיך דרײַ ריפּן.

עס האָט זיך אופגעהויבן אַ גוואַלד. מע האָט אונטערגעכאַפּט מוישע ראַביינון אַף די הענט און אַוועקגעטראָגן אין שפּיטאָל, ווו ער איז אָפּגעלעגן אַ כעזשבן פון צוויי כאָדאָשים צו בעט, ביז ער איז געקומען צו־זיך.

אָשער מאַזין האָט געגנוג צאָרעס געהאַט, וואָס באַ אים אַף דער בויונג האָט אַזוי געליטן אַ באָכער... און ווען ער האָט ניט אַזעלכע פאַרדינסטן, דער אָשער מאַזין, וואָלט ער שיין אָפּגעלייזט, כאָטש ער איז אין מוישע ראַביינוס אומגליק ניט געווען שולדיק.

און כאָטש דעם קלוב האָט מען נאָך ניט געענדיקט בויען, דאָך איז שוין באַשטימט געוואָרן, אַז דער פאַרוואַלטער פון קלוב זאָל ווערן טאַקע ער, מוישע ראַביינו, דאָס הייסט, מוישע פּינוס.

און ער איז געוואָרן!

אַ פאַרוואַלטער פון אַ קלוב, וואָס מע האָט נאָך געבויט.

פאַרקאַטשעט די אַרבל, האָט מוישע זיך גענומען צו דער אַרבעט. קוידעמקאָל האָט ער געשאַפן אַ כאָר. זאָל דער אוילעם זינגען. מאַכן מיט אַ שטעקל האָט ער געקענט. עטלעכע לידער האָט ער אויסגעלערנט נאָך דעמלט, ווען ער איז געווען אין אַרמיי אַ שטיקל זאַפּעוואַלע. דערנאָך האָט ער צונויפגענומען אַ דראַמקרײַז, און מע האָט גענומען שפּילן „צוויי קונילעמלעך" און „טעוויע דער מילכיקער", ווײַל די דאָזיקע זאַכן, געדענקט ער, האָבן די כעוורע געשפּילט נאָך אין דעראַזשנע, ווען ער האָט דאָרטן געוווינט.

און עס איז אַוועק אַ גאַנג!

כאָטש זינגען און שפּילן איז נאָך ניט געווען ווו, ווײַל דער קלוב איז נאָך ניט געווען פאַרטיק, נאָר אַזויווי עס איז געווען וואַרעם אין דרויסן, האָט מען דערווײַל געזונגען און געשפּילט אונטערן פרײַען הימל, ווײַל וואַרטן, ביז מע וועט ענדיקן בויען דעם קלוב, האָט ניט געהאַט קיין זין. עס זײַנען געווען וויכטיקערע באַצירקן, מע האָט געדאַרפט ענדיקן בויען צוויי פאַבריקן, אַ זאַוואָד. דערפאַר טאַקע איז די אַרבעט אַרום דעם קלוב געגאַן אַזוי, ווי נאַס האָלץ ברענט.

מוישע ראַביינו, פאַרשטענדלעך, האָט ניט געשוויגן. ער האָט זיך געקריגט מיט אָשער מאַזינען, געגאַנגען זיך קלאָגן אין פאַרשיידענע שטאָטישע אַנשטאַלטן, נאָר דערווײַל האָט עס ניט געהאָלפן.

האָט טאַקע אָפּטלעך מוישע ראַביינו גענומען זײַן כאָר מיטן דראַמקרײַז, צונויפגעלייגט די דעקאָראַציעס און אַנדערע זאַכן אַף אַ וואָגן, און מע האָט זיך געלאָזט אין די נאָענטע ייִשוווים און קאָלווירטן פריילעך מאַכן דעם אוילעם.

מוישע ראַביינו האָט געלעכצט, געזוכט אַרבעט. אַזאַ מענטש איז ער. אַן אומרויִקער. דער טאָג, ווען ער איז געזעסן פוסט און פּאַס, האָט ער גערעכנט פאַר אַ פאַרלוירענעם טאָג! נאָר וואָס האָט ער געקאָנט מאַכן, אַז דער קלוב האָט זיך אַזוי לאַנג געבויט! ווי זאָגט יענער, אַז מע האָט ניט קיין פינגער, קאָן מען קיין פײַג ניט באַווײַזן!

דער פאַרוואַלטער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווײַל דאָס זינגען און דאָס שפּילן די צוויי שטיקלעך, וואָס אַלע האָבן שוין געזען און געהערט, איז געווען ווייניק, און ער האָט גענומען צוטראַכטן נײַע פאָרמען פון אַרבעט, קעדיי צוציִען אַלץ נײַע באַזוכער פון קלוב. פלענער האָט ער געהאַט אַ סאַך. אָט האָט ער זיך, לעמאָשל, דערוווּסט, אַז פּעסיע מאַזור אַרבעט שוין פון אַ שטיק צײַט אין דער טריקאָטאַזש־פאַבריק, זי שטריקט שקאַרפּעטקעס, זאָקן, הענטשקעס, סוועטערס און אַנדערע זאַכן, מאַמעש אַ שיינקײַט צו קוקן. פאַרוואָס זשע זאָל זי ניט אָנפירן מיט אַ קרײַזל פון ווײַבער, וועלכע ווילן זיך אויסלערנען שטריקן? און ער האָט זיך דערשלאָגן. צוויי מאָל אין וואָך קומען זיך צונויף אינעם איינציקן קלוב־צימער מיידלעך און פרויען, און פּעסיע מאַזור לערנט זיי שטריקן, אַז עס גייט אַזש אַ רויך. פאַרזוכט די מײַכאָלים, וואָס עס קאָכט זעלדע, זאַלמען דעם באָנדערס פלויִנעסטע, אָדער

שכײַנע, האָט מױשע ראַבײנו זיך צעשײַנט, װי דער מאָרגנשטערן. פֿאַרװאָס זאָל זי, זעלדע, כאָטש אײן מאָל אין װאָך ניט לערנען די יונגע באַלעבאָסטעס אַזױ פֿײַן קאָכן און באַקן װי זי, זעלדע?

און װאָס מײנט איר. עס איז גלײַך געבױרן געװאָרן אַ שפּאָגל־נײַ קרײַזל פֿון קולינאַריע, און אָנגעפֿירט האָט טאַקע זי, זעלדע. אַזױפֿיל קאָװעד פֿון אירע קורסאַנטקעס, זי איז געװאָרן ברײטער װי לענגער, זי איז אַרומגעגאַן מיט אַ פֿאַרהױבענעם קאָפּ און זיך געגרױסט פֿאַר איר באַשערטן, דאָס הײסט, פֿאַר זאַלמען דעם באָנדער.

— באַ מיר װעט קײנער ניט אַרומגײן ליידיק! — האָט מיט גאַדלעס געזאָגט מױשע ראַבײנו. דאָ װעלן מיר אײַנאָרדענען מישפּאָכע־יאָמטױװים, אימענינעס און כאַסענעס. און ניט קײן פּראָסטע כאַסענעס, נאָר רױטע כאַסענעס, מיט רעדעס, געזאַנג, טענץ...

עמעס, דער קלוב איז נאָך אַלץ ניט אױסגעבױט, נאָר נישקאָשע, מע װעט זיך יאַקאָס אײַנאָר־דענען. דעריקער, עס זאָלן זײַן מער מענטשן, די מאַסן זאָלן אָפּטער זיך צונױפֿקומען און דורכפֿירן זײער אָפּרו אונטער אײן דאַך.

דער אױלעם האָט אים אָנגעקוקט, װי אַ צעדרײטן. סטײַטש, מױשע ראַבײנו, עס איז דאָך נאָך ניטאָ קײן קלוב. דערװײַל איז דאָס ניט קײן קלוב, נאָר אַ קאַזאַרמע... מע דאַרף צװאַרטן ביז עס װעט זײַן, װוּ זיך צונױפֿקומען. עס גיסן רעגנס, װי זשע קאָן מען דורכפֿירן באַגעגענישן אָן אַ דאַך?

נאָר דער פֿאַרװאַלטער האָט עס אַװעקגעמאַכט מיט דער האַנט. נישקאָשע, אָן סאַקאָנעס! ער האָט צונױפֿגעשטעלט אַ פּלאַן, און בלױז פֿון דער נאָז — נאָר דער פּלאַן דאַרף אױסגעפֿילט װערן.

און דאָ האָט מױשע ראַבײנו זיך דערװוּסט, אַז עס שמעקט מיט אַ כאַסענע. דאָװיד מאַזור, װאָס האָט זיך אומגעקערט פֿון דער גרענעץ, דאַרף כאַסענע האָבן פֿאַר זלאַטקען. װיבאַלד אַזױ, װעט ער זײ אײַנאָרדענען אַ גרױסאַרטיקע כאַסענע אין קלוב, ס'װעט זיך טאָן אַף טיש און אַף בענק!

אַ גאַנצע נאַכט איז מױשע ראַבײנו ניט געשלאָפֿן, צונױפֿגעשטעלט אַ פּלאַן פֿון דער כאַסענע. ער װעט מאָביליזירן אַלע קרײַזלעך. דער כאָר װעט צוגרײטן אַ נײַע פּראָגראַם, דער דראַמקרײַז װעט שפּילן, אַפֿילע דער קינדער־גאָרטן װעט נעמען אָנטײל אין דער כאַסענע... אַפֿן פּלאַץ װעט זײַן אַ מיטינג. קינדער װעלן שטײן מיט שײנע בלומען...

דער קלוב װעט אָפּגעריכט װערן. אַבי די ערשטע כאַסענע װעט גוט אַדורכגײן, װעט שױן אַלץ גײן װי אַ מיזמער! עס װעט אַװעק אַ גאַנג, און אַלע כאַסענעס װעט מען שױן דאָ אײַנאָרדענען... די נאַטשאַלסטװע װעט ניט כאַראָטע האָבן, װאָס מע האָט אים, מױשע פּינוסן, געשטעלט פֿאַר אַ פֿאַר־װאַלטער.

ניט לאַנג געטראַכט, איז מױשע ראַבײנו אַװעק נאַשפּיץ צו כאָסן־קאַלע און צו זײערע עלטערן, פּינקטלעך אױסגעשטעלט דעם פּלאַן פֿון דער רױטער כאַסענע אין קלוב.

דערהערט, װאָס יענער האָט פֿאַרטראַכט, האָבן דאָװידקע און זלאַטקע אױסגעשאָסן אַ געלעכטער, אַז די שױבן אין פֿענצטער האָבן געקלונגען, און מױשע ראַבײנו איז געבליבן שטײן, כאָטש מעלק אים אױס.

דאָ האָט זיך שױן אַרײַנגעמישט שױעל מאַזור. ער האָט אונטערגערוקט דעם גאַסט אַ בענקל, געבעטן זיך צוזעצן און געזאָגט בעזע־האַלאָשן:

— טײַערער רעב מױשע! מיר דאַנקען אײַך זײער פֿאַר אײַער גוט האַרץ. נאָר װאָס זשע, באַ מיר מיט פֿעסיען איז ניט געװען קײן כאַסענע אין אַ קלוב און באַ אונדזערע קינדער װעט זי אױך ניט זײַן...

— פֿאַרװאָס? איר זײַט דאָך אַ סאָװעטישער בירגער און מע דאַרף צוטראַכטן נײַע מעטאָדעס... — האָט מױשע ראַבײנו געזאָגט.

— אָט זעסטו, מײַן טײַערער, פֿריִער טראַכט צו די מעטאָדעס דײַנע, דערנאָך װעסטו זײ דורכ־פֿירן. דו װילסט, כאַװער פֿאַרװאַלטער, זע איך, זיך לערנען שערן אַף פֿרעמדע בערד? זײַנען מיר דערװײַל ניט קײן באַלאָנים און, װי דו זעסט, האָבן מיר ניט קײן בערד. כוץ דעם, װילסטו די מאַני־פֿאַרגע דורכפֿירן אין קלוב, האָסטו דאָך נאָך ניט קײן קלוב! בלױז עטלעכע װענט, װי אַ קאַזאַרמע... דו, כאַװער פֿאַרװאַלטער, האָסט ליב יידישע לידלעך און דו זינגסט זײ אין כאָר, איז אָט, האָבן מיר אַן אַלט לידל, נאָר הער מיט קאָפּ:

די כאַסענע איז געװען אין דער קאַזאַרמע,
דער ראָטנער דיאַדקע איז אױך געװען דערבײַ.
אַ קנאַק אין פּלײצע האָט ער מיר געגעבן —
זאָלסט דינען דעם קײסער געטרײַ...

— נו, מײַן טײַערער מױשע, האָסט אַמאָל געהערט אַזאַ מין סאָרט לידל?
— אַװדע געהערט אַזאַ לידל... איז װאָס?

— איז אזוי... מיר וועלן זינגען דאָס לידל, נאָר עטוואָס אנדערש...
— לעמאַשל?
— לעמאַשל?.. אָט, לעמאַשל, אזוי וועלן מיר זינגען איצט דאָס לידל: „די כאַסענע ז׳ביט געווען אין דער קאַזאַרמע...‟, דער נומער וועט ניט דורכגיין.
— ווו זשע דען וועט פאַרקומען די כאַסענע?
— וואָס הייסט, ווו? — האָט שויעל זיך פאַרוווּנדערט, — וואָס זשע, מיר ווינען, כאָלילע, אין דרויסן? מיר האָבן ניט קיין שטוב? פאַר אַלעמען וועט דאָ סטײַען אָרט. איז אזוי, ברודער־לעבן: פרײַ־טיק אזייגער זעקס נאָך דער סמענע, בעטן מיר אײַך קומען אהער, צו אונדז, אױף דער כאַסענע, איר וועט זײַן אַן אנגעלייגטער גאַסט. און טשעפּעט ניט מיט אײַערע קלובנע כאַסענעס...
פרײַטיק האָט מען געשפּילט די כאַסענע.

קאַפּיטל דרײַ און דרײַסיק

די געדעכטיקײַט איז שטאַרקער

ווי זאָגט עס דאָס אַלטע ווערטל: „קליינע קינדער לאָזן ניט שלאָפן, גרויסע קינדער לאָזן ניט לעבן...‟

נאָר ווי עס זאָל דאָרט ניט זײַן, איז געבענטשט דאָס פאָרפאָלק, וואָס פאַרמאָגט קינדער גרעסערע און קלענערע. אַן זיי וואָלט געווען „סקיטשנע‟ לעבן אױף דער וועלט.

געוויס פאַרשאַפן די מאַזיקים ניט וויניק דײַגעס, אומרו, שלאָפלאָזע נעכט, נאָר וואָס וואָלסטו געטאָן אָן זיי? וואָלסט זיך דאָך געריכט פון די געדאַנקען!

איר שטעלט זיך פֿאָר, סאַראַ פֿאַרגעניגן, ווען עס קומט צו לױפֿן פֿונעם קינדער־סעדל די מיזינקע שולאַמיס, א פֿאַרפֿאַליעטע, א פֿאַרויטלטע, א פֿריילעכע, א טאַנצנדיקע, ווי זי וואָלט אַקאָרשט אַן אויצער געפֿונען! זי שטעלט זיך אוועק אינמיטן דער שטוב, און הייבט אָן באַווײַזן, וואָס זי האָט זיך הײַנט אויסגעלערנט אין איר גרופּע.

עמעס, די צײַט גייט שנעל, ווי עמעצער וואָלט זי אונטערגעטריבן מיט בײַטשן, און מע האָט שוין אָפּגעפֿירט שולאַמיסן אין שול. דאָ ווערט שוין דער איניען ערנסטער, מע דאַרף זיך מיט איר אוועקזעצן גרייטן די לימודים, און ניט פּעסיע, ניט שויעל האַלטן ניט דערפֿון, ווײַל קיין גרויסע גראַמאַטייעס זײַנען זיי ניט...

יאָ, די מיזינקע, שולאַמיס, איז אונטערגעוואַקסן, זיך אויסגעצויגן, געוואָרן א שלאַנקע, כיינעוודיקע שילערן, און די מאַמע האָט אופֿגעהויבן דעם קאָפּ, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך א שווערן אָל. און וואָס, מיינט איר, האָט זי דעמלט געטאָן? זי איז אוועק אַרבעטן אין דער טריקאָטאַזש־פֿאַבריק, און אין א שטיקל צײַט אַרום געוואָרן א בעקאָוועדיקע אַרבעטערן און זיך דעראָבערט בא אירע כאַווערטעס פֿון צעך אַכטונג, א גוטן שעם. און זי שטעלט זיך שוין ניט פֿאָר איר לעבן אָן דעם פֿילאַרטיקן קאָלעקטיוו. זי איז געוואָרן, זאָגט מען, גאָר אַן אַנדער מענטש.

כאָטש וויפֿל האָט צו איר ניט געטײַנעט שויעל, אַז בעסער וואָלט געווען, ווען זי איז א באַלעבאָסטע אין שטוב. נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפֿן. אָפּט קומט אויס שויעלן און די מיידלעך פֿאַרבײַטן די מאַמע אין שטוב, בא דער באַלעבאַטישקײַט.

דאָס הייסט ניט, אַז פּעסיע האָט זיך, כאָלילע, אָפּגעקערעוועט פֿון דער שטוב, פֿון דער באַלעבאַטישקײַט. פֿאַרקערט, פֿון קלײנערהייט געווינט האָרעווען, באַווײַזט זי אומעטום. אַרײַנגיין צו איר אין שטוב, בלײַבט מען שטיין מיט א צעעפֿנטן מויל — אין יעדער ווינקעלע איז ריין, שיין, ציכטיק, אופֿגעראַמט, אויסגעפּוצט, און דער וואַרעמעס איז גרייט צו דער צײַט, און די מיידעלעך, וואָס גייען אין שול, זײַנען ריין, ציכטיק אָנגעטאָן, אויסגעוואַשן, צוגעקעמט. מע מעג אויך א באַלן זײַן אַרײַנגיין אין סאָד, וואָס פּעסיע האָט מיט אירע הענט פֿאַרפֿלאַנצט, א קוק טאָן, וויאַזוי עס איז באַאַרבעט דער גאָרטן, ווו עס וואַקסט, וואָס א מויל רעדט אויס.

פּעסיע האָט די גאַנצע צײַט געמיינט, אַז אויך נאָך זײַן כאַסענע, וועט איר ליבלינג, דאָווידקע, בלײַבן דאָ, אין שטוב, מיט זײַן זלאַטקען. זיי שטערן ניט, נאָר ביידע האָבן גלײַך באַשטימט, אַז פֿונעם ערשטן טאָג אָן דאַרף מען זיך בויען אַן אייגענע נעסט.

און אין א קורצער צײַט נאָך דעם, ווי מע האָט אָפּגעשפּילט די כאַסענע, האָט מען דעם כאַשעוון בריגאַדיר אויסגעטיילט א פֿײַנע באַזונדערע דירע און מע ווינט זיך שטיל און רויִק, און צו די עלטערן גייט מען בלויז אין געסט.

פּעסיע, ווי אויך שויעל, ווערן גרעבער ווי לענגער, ווען מע הערט גוטס פֿון זייער דאָווידקען. און בעעמעס, זיך אויסגעהונגערט נאָך דער פֿרידלעכער מי, האָט דאָוויד מיט זײַן בריגאַדע באַוויזן, אַף וואָס מע איז פֿעיִק. מיט זייער געטרײַער אַווידע האָבן זיי זיך דעראָבערט קאָוועד און רום אין שטאָט, ווי די בעסטע און שענסטע בויער. די אַרבעט ברענט מאַמעש אונטער זייערע הענט.

אָנקומען אין דאָוויד מאַזורס בריגאַדע איז ניט פֿון די גרינגע זאַכן. אויב דער בריגאַדיר פֿאַרברייטערט א ביסל זײַן בריגאַדע, איז בלויז אָפּן כעזשבן פֿון גוטע מײַסטערס, וועלכע ווייסן, אַז אויב מע קומט אָפּן באַצירק, דאַרף מען אַכט שאָ אַרבעטן און זיך ניט שטעלן יעדע פֿופֿצן מינוט רייכערן און טרײַבן בײַדעקעס...

ניט יעדן איינעם גייט אונטער אַזאַ האַרבער בריגאַדיר, ווי דאָוויד מאַזור. ער ווייסט ניט פֿון קיין באָכמעס. ער אַרבעט אַליין, ניט וויסנדיק פֿון קיין רו, און וויל, אַז אַזוי זאָל אַרבעטן די גאַנצע בריגאַדע, אַלע ווי איינער!

און ניט יעדערער האַלט פֿונעם בריגאַדיר, ניט יעדן איז ער געפֿעלן. איז ניט קיין כידעש, וואָס ער פֿאַרמאָגט ניט ווייניק ניט־פֿאַרגינער, סאָנים.

זיי בורטשען אין דער שטיל, אַז דאָוויד האָט צו פֿאַרדאַנקען דעם נאַטשאַלניק, אָשער מאַזינען, וואָס זײַן בריגאַדע איז די פֿאָרגעשריטנסטע. אַוואַדע, זאָגן זיי, די בעסטע מאַטעריאַלן גיט מאַזין אין דאָווידס בריגאַדע, יענעם זאָגט ער אין גאָרנישט ניט אָפּ! דערצו נאָך איז מען באַפֿרײַנדעט, מע גייט צוגאַסט איינער צום צווייטן, מע גייט צוזאַמען אַף יאַגד, מע גייט אַף א שיפֿל כאַפּן פֿיש. נו, איז, פֿאַרשטייט זיך, אַז...

יאָ, דער יונגער באַגאַבטער בריגאַדיר איז טאַקע אין די בעסטע באַציִונגען מיטן אינזשעניער, בא וועלכן ער האָט זיך ניט ווייניק געלערנט, ניט ווייניק גענאַשט בא דעם טאַלאַנטפֿולן בויער. און בא וועמען זשע זאָל ער זיך לערנען, אויב ניט בא אים? בא זיי איז א גרויסער כילעק אין יאָרן. איז וואָס זשע, א גרויסער אומגליק?

נאַרישקײַטן! זאָל מען פּלאַפּלען, וואָס מע וויל! זייער פֿרײַנטשאַפֿט וועט קיינער ניט צעשטערן. ביידע זײַנען זיי באַשעפֿטיקט מיט איינס: מע בויט א נײַע שטאָט. זייער פֿרײַנטשאַפֿט איז מיט גאָר־

נישט ניט געווען פֿאַרנעפּלט. דאָס האָט ניט געהייסן, אַז דער נאַטשאַלניק האָט ווייניקער געפֿאָדערט פֿונעם בריגאַדיר. פּונקט פֿאַרקערט! פֿון אים און זײַן בריגאַדע האָט ער געפֿאָדערט נאָך מער ווי פֿון אַנדערע. און דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, ווײַל ווער ווייסט עס דען ניט, אַז דאָס פֿערדל, וואָס שלעפּט בעסער, כאַפּט אַרײַן מער בײַטשן.

אין פֿראַגן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו דער בויונג, צו דער אַרבעט, האָט אָשער מאַזין ניט געשאַנעוועט דעם אייגענעם טאַטן.

דאָוויד איז ניט שטענדיק געווען באַגײַסטערט פֿונעם שטרענגן נאַטשאַלניק, נאָר אַזאַ איז ער געווען, אָשער מאַזין, און איבערמאַכן אים איז געווען ניט שײַעך. אַן ערלעכער, געטרײַער בויער. אויף אַזעלכע שטייט, זאָגט מען, די וועלט.

אַזוי האָט זיך געצויגן די צײַט.

אין איינעם אַ פֿראָסטיקן ווינטער־פֿרימאָרגן, ווען דאָוויד איז געקומען אין קאָנטאָר וועגן אַ וויכטיקן איניען צו מאַזינען, האָט ער געטראָפֿן אויף דער טיר אַ שטעמפּל פֿון טריוואָקס.

דער בריגאַדיר איז געבליבן שטיין געפּלעפֿט.

— וואָס הייסט דאָס? וואָס איז געשען?

ער איז האַסטיק אַרײַן אין קאַנצעליאַריע און דערזען די אַלטע באַקאַנטע טעכניקער און צייכנער, זיי האָבן אויפֿגעהויבן אויף דעם אַרײַנגעקומענעם פֿאַרומערטע אויגן, און זיי ווידער אַראָפּגעלאָזט.

— ווו איז מאַזין? וואָס איז געשען?

ראָזע קאַראַסיק, די עלטערע פֿרוי, די סעקרעטאַרשע, אָנגעטאָן אין אַ קורץ פּעלצל, אין פֿוישטן, מיט אַ העלן עטוואָס צעפּאַטלטן קאָפּ האָר, איז געשטאַנען לעבן דער הרובע און איבער אירע עטוואָס אײַנגעפֿאַלענע באַקן זײַנען גערונען טרערן.

דערזען דעם פֿאַרלוירענעם בריגאַדיר, האָט זי מיט אַ געפֿאַלענער שטים קוים אַרויסגעזאָגט:

— מאַזין איז אַרעסטירט... ערשט ניט לאַנג איז צוגעפֿאָרן אַהער דער באַפּאָלמעכטיקטער און נאָך צוויי פֿאַרשוינען... מע האָט געמאַכט אַן אונטערזוכונג בײַ אים אין קאַבינעט, אויפֿגעהאַנגען אַ סורגוטש־שטעמפּל אויף דער טיר, און אַוועקגעפֿאָרן...

— פֿאַר וואָס? וואָס הייסט?! דאָס איז אַ מיספֿאַרשטייעניש... עס קאָן ניט זײַן! — האָט ער אויסגעשעפּטשעט, — עס לייגט זיך ניט אויפֿן זינען...

אין דער הייס־אָנגעהייצטער „ביטאָווקע", וווּהין עס קומען זיך צונויף די בויער פֿאַר דער אַרבעט זיך איבערטאָן, באַקומען אַ פֿאַרגעבונג, איז געווען ענג און אָנגערייכערט. עס האָט זיך געטומלט, נאָר ווען דאָוויד האָט אָן עפּן געטאָן די טיר און אַריבערגעטראָטן די שוועל, איז געוואָרן טויט־שטיל.

אַלע אויגן זײַנען געווען אָנגעצילט אויף אים, און אויף די אָנגעשטרענגטע, פֿאַרלוירענע פּנעמער האָט ער איבערגעלייענט איינס און דאָס זעלבע:

„מאַזין... פֿאַר וואָס? מיר קענען דאָך אים אַזויפֿיל יאָר... אַ וווּנדערלעכער מענטש. אַ טרײַער אינזשעניער... וואָס זשע טוט זיך עס?"

מאַזור האָט אין טיפֿן אָנמאַכט צעפּירט מיט די הענט:

— עפּעס אַ מיספֿאַרשטייעניש... איך בעט אײַך, טרעט צו צו דער אַרבעט... און איך...

ער האָט זיך אַ צי געטאָן צו דער טיר. און אַלע האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון די ערטער.

— מיר וועלן גיין מיט אײַך, כאַווער בריגאַדיר...

ער האָט באַטראַכט זײַנע פֿרײַנט און דערזען זייער אַנטשיידנקײַט, דערפֿילט, ווי עס ווערט אים עטוואָס גרינגער אויפֿן האַרצן. אַלע זײַנען גרייט גיין מיט אים. נאָר דאָוויד האָט זיך באַטראַכט, אַז ער טאָר ניט מיטנעמען דעם אויפֿעם. עס וועט הייסן אַ דעמאָנסטראַציע. ער וועט גיין אַליין זיך דערוויסן, זיך דערפֿרעגן.

און, באַרויִקט די כאַווײרים, זיך געלאָזט גיין מיט דעם פֿאַרשנייטן וועג.

די זאַווערוכע האָט שטאַרק געדרייט, געוואָיעט אין די טעלעגראַף־דראָטן. די ביימער, די צווײַגן האָבן זיך מעשוגענערווײַז געוואָרפֿן אין אַלע זײַטן און געדאַכט האָט זיך, אַז די זאַווערוכע וועט אַרויסרײַסן די ביימער מיט די וואָרצלען און אַוועקטראָגן צו דעם פֿאַרקאָוועטן טײַך.

די פּאָלעס פֿון דאָווידס שוואַרץ פּעלצל האָט דער ווינט אונטערגעכאַפּט, דער שניי האָט געשמיסן איבערן צעהיצטן פּאָנעם, נאָר מאַזור האָט ניט געפֿילט דעם פֿראָסט, דעם ווינט, די זאַווערוכע.

אָנגעבויגן נידעריק דעם קאָפּ, באַהאַלטנדיק דאָס פּאָנעם פֿונעם ווינט, האָט געשפּאַנט דאָוויד מאַזור, און אין מויעך האָבן זיך געבאָמבלט די ווערטער, וועלכע ער וועט אַרויסברענגען, קומענדיק צו יענעם לייטענאַנט. אָבער פּלוצעם האָט ער דערהערט, ווי עמעצער גייט אים נאָך, אָטעמט שווער.

— דאָווידקע, זונעניו, — האָט דער טאַטע, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם געזאָגט, — וווּהין גייסטו? באַטראַכט זיך, גיי ניט אַהין. איך בעט דיך. גיי ניט... דו ווייסט ניט פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען מע

האָט אַשערן צוגענומען... דו שפּילסט זיך מיט פֿײַער... קער זיך אום... עס זײַנען אין שטאָט פֿאַראַן גרעסערע קעפּ, זאָלן זיי.

דאָוויד האָט געקוקט אױפֿן פֿאָטערס דערשראָקענעם פֿאַרוואַקסענעם פּאָנעם און דערפֿילט, ווי דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ פֿון פֿאַרדראָס. ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם טאַטנס ווייטיק, געוואָלט עפּעס ענטפֿערן, נאָר די צונג איז ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צום גומען.

— זונעניו, פֿאָלג מיך, דו דאַרפֿסט זיך ניט אַרײַנמישן, — האָט ער שווער געוואָרפֿן די ווערטער אױפֿן ווינט, — עס איז געפֿערלעך... מע האָט ערשט ניט לאַנג נאָך גרעסערע מענטשן פֿון מאַזינען אײַנגעזעצט, און קיינער האָט זיי ניט געקאָנט פֿאַרטיידיקן... מיש זיך ניט אַרײַן...

— דערפֿאַר, וואָס מע האָט זיך ניט אַרײַנגעמישט, טאַטע, האָט מען זיי אײַנגעזעצט, — האָט איבערגעשלאָגן דאָוויד. — עס איז נאָך פֿאַראַן געוויסן, מענטשלעכקײַט, און אויב דו קענסט אַ מענטשן, דאַרפֿסטו זיך פֿאַר אים אײַנשטעלן... איך וועל גיין פֿרעגן, דערוויסן, אַז דאָס איז אַ וווּנדערלעכער, אַן ערלעכער מענטש... וואָס פֿאַר אַ שעדיקער איז ער? וואָס פֿאַר אַ סוינע?.. ווילדע אויסטראַכטענישן!.. טאַטע, גיי, טײַערער, צו דער אַרבעט, באַרויִק זיך. איך וועל ניט קענען רויִק לעבן, אָטעמען, אויב איך וועל ניט אַרויסזאָגן, וואָס בײַ מיר אױפֿן האַרצן... מיר זײַנען דאָך מענטשן, ניט קיין קאַלטבלוטיקע מלאָכים...

שויעל איז נאָך קיינמאָל ניט געשטאַנען אַזאַ צעבראָכענער און אומבאַהאָלפֿענער פֿאַרן זון, ווי איצט. ער האָט אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז יענער איז גערעכט, אַז דער עמעס איז אױף זײַן זײַט און מע קאָן ניט שטיין אין אַ זײַט, ווען מע דאַרף ראַטעווען אַ מענטשן.

און דער טאַטע האָט צעפֿירט מיט די הענט:

— וואָס זאָל איך דיר, זונעניו, זאָגן? אַוודאי דאַרף עס זײַן אַזוי, ווי דו זאָגסט, דאָס איז מענטשלעך, יוישערדיק... עפּעס אַן אומגליק איז בײַ אונדז געשען, איך בעט דיך, זײַ פֿאָרזיכטיק... דער דאָזיקער, ווי הייסט ער דאָרטן, בורמאַן־טשובאַט, איז, זאָגט מען, זייער אַ שלעכטער מענטש... זײַ מיט אים אָסטאָראָזשנע... ער קאָן דיר אויך פֿאַרשאַפֿן גרויסע צאָרעס...

דערזען, ווי דאָווידקע האָט זיך געלאָזט גיין שנעלער אין דער ריכטונג צו דעם הויז, ווו עס האָט זיך געדאַרפֿט געפֿינען דער באַפֿולמעכטיקטער, איז שויעל אַוועק נאָך אים. אונטער אַ פֿאַרשנייטער וואַנט האָט דער טאַטע זיך אָפּגעשטעלט און באַשטימט דאָ וואַרטן, ביז דער זון וועט זיך אומקערן.

דאָוויד מאַזור האָט זיך לאַנג געטאָפּטשעט בײַ דער שוועל, ביז מע האָט אים אַרײַנגעלאָזט אין קאַבינעט צום לייטענאַנט ניקאָלײַ בורמאַן־טשובאַטאָוון.

בײַ אַ ברייטן טיש, אַ געדעקטן מיט אַ בלויען טישטעך, ווו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער גראַפֿין מיט וואַסער, איז געזעסן דער לייטענאַנט, אַ באַיאָרטער פֿאַרשוין מיט אַ לענגלעך בייז פּאָנעם, שוואַרצע קורצע וואָנצעלעך און קורץ־אונטערגעשאָרענע טונקעלע האָר, פֿאַרקעמטע אױף אַ שרונט און געדיכט אָנגעשמירטע מיט עפּעס אַ פֿעטס. ער האָט געפֿירט מיט אַ בלײַער איבער אַ גרויסן בלאַט פּאַפּיר, ניט אױפֿגעהויבן די אויגן אױפֿן אַרײַנגעקומענעם.

געגומען דעם גראַפֿין מיט וואַסער, האָט ער, ניט אָפּרײַסנדיק זיך פֿונעם פּאַפּיר, אָנגעפֿילט די גלאָז און אויסגעטרונקען, אַ געשמאַקן שלוקערץ געטאָן און אָפּגערוקט די גלאָז פֿון זיך.

דאָוויד מאַזור איז געשטאַנען לעבן דער טיר, טאָפּטשענדיק זיך אױף איין אָרט, און פֿון די פּוישטן האָבן אַראָפּגערונען אַ פּאָר קאַליוזשקעס וואַסער. בײַ דאָווידן האָט אַ טיאָכקע געטאָן דאָס האַרץ. ער האָט מוירע געהאַט, אַז יענער וועט עס דערזען, וועט ער אים געבן אַ גוטן פּסאַק, לעמײַ האָט ער ניט אָפּגעטרייסלט אין קאָרידאָר דעם שניי פֿון די פּוישטן.

נאָר דער אומרו איז גלײַך אָפּגעטראָטן. ער האָט געקענט וואַרטן אױף אַ שטאַרקערן פּסאַק, און זיך גענומען אין די הענט. ער האָט זיך געגרייט אַרויסזאָגן אַ סאַך זאַכן, און טאָר ניט דערלאָזן קיין שוואַכקײַט. ער האָט איבערגעפֿירט דעם בליק פֿון די פּאָר פּאָרטרעטן, וועלכע זײַנען געהאַנגען אױף דער וואַנט, אױף דעם לייטענאַנטס קיטעל, אױף וועלכן עס איז געווען צוגעטשעפּעט אַן אַרײַנגעריכטער אין אַ רויט סטענגעלע צייכן פֿון „אָסאָאַוויִאַכים”. מער קיין צייכנס האָבן ניט באַשײַנט די עטוואָס אײַנגעפֿאַלענע ברוסט, ריכטיקער געזאָגט, דעם אויסגעפּרעסטן קיטעל, און דערפֿון איז געווען געדרונגען, אַז קיין גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער ראַטנמאַכט האָט נאָך ניט דער פֿאַרשוין מיטן לענגלעכן בייזלעך־אָנגעשטרענגטן פּאָנעם.

דאָווידן איז נימעס געוואָרן וואַרטן ביז יענער וועט אױפֿהייבן אױף אים די אויגן און האָט אַ הוסט געטאָן.

בורמאַן־טשובאַטאָוו האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, אױפֿגעהויבן אױף דאָווידן זײַנע כמורנע, עטוואָס אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, ווי איינער רעדט, וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָנשיקעניש, און אַרויסגעגאַן אױף דער זײַט טיש, פֿאַריכט די כאָליעוועס פֿון זײַנע כראָמאָווע שטיוול און זיך אַ קרים געטאָן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּריִער באַזוכער? — האָט ער, פּאַמעלעך ציִענדיק די ווערטער, זיך אָנגערופן, — אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, ביסטו, דאַכט זיך, דער בריגאַדיר מאַזור? אויב אַזוי, טאָ לייג אַרויס קורץ, ווײַל קיין צײַט נישטאָ... מיט וואָס ביסטו אַהער געקומען? וואָס ווילסטו זאָגן?

— איך וויל זאָגן, אַז איך קען גוט דעם אינזשעניער אַשער מאַזינען. די גאַנצע בריגאַדע קען אים, און מיר פֿאַרשטייען ניט, פֿאַר וואָס האָט איר אים צוגענומען? אין וואָס באַשולדיקט איר אים?

בורמאַן־טשובאַטאָוו האָט אַ בורטשע געטאָן, באַרויִקט אָנגעקוקט דעם אַנטשיידענעם באָכער, און, נאָך אַ לאַנגער פּאַוזע, זיך אָנגערופן:

— דו ווילסט, זע איך, באָכער, אונדז פֿאַרשפּאָרן אַ גאַנג, מיר זאָלן צו דיר ניט פֿאָרן!.. ביסטו, הייסט עס, עפּשער אַליין געקומען זיך זעצן באַגלײַך מיט דײַן נאַטשאַלניק?.. וואָס זשע באַקומט זיך, דאָס עפּעלע פֿאַלט ניט ווײַט פֿונעם ביימעלע...

— איך ווייס ניט, וווּהין עס פֿאַלט דאָס עפּעלע, נאָר איך ווייס, אַז דער כאַווער מאַזין איז אַן ערלעכער סאָוועטישער מענטש און איז אין גאָרנישט ניט שולדיק... דאָס איז עפּעס אַ מיספֿאַר־שטייעניש!..

דאָוויד האָט אויסגעפּאַליעט די ווערטער מיטאַמאָל און דערזען, ווי דאָס לאַנגע פּאָנעם פֿונעם לייטענאַנט האָט זיך אויסגעצויגן נאָך שטאַרקער און געוואָרן אויפֿגערעגט ביז לעצט.

— וואָס? וואָס האָסטו געזאָגט? „דער כאַווער מאַזין"? מאַזינס כאַווירים לויפֿן אַרום אין די בריאַנסקער וועלדער און וואַיען... אויב ער איז בײַ אונדז, איז ער שוין ניט קיין „כאַווער"... און וואָס איז שײַך אַ מיספֿאַרשטייעניש, טאָ פֿאַרגעדענק און פֿאַרהאַק זיך אויף דער נאָז, אַז בײַ אונדז זײַנען קיין מיספֿאַרשטייענישן נישטאָ. מיר דערלאָזן ניט קיין פֿעלערן... ביסטו עפּשער אַזאַ ציאַצקע, ווי דײַן אַשער מאַזין, דײַן נאַטשאַלניק? וועלן מיר פֿאַרגעדענקען... פֿאַרצייכענען...

— דאָס איז אײַער זאַך, פֿאַרגעדענקט, וואָס איר ווילט, כאַווער בורמאַן־טשובאַטאָוו, נאָר איך גלייב, אַז דאָס איז אַ פֿעלער... איך קען דעם מענטשן פֿון לאַנג און וועל שווערן, אַז ער איז אַן ערלעכער סאָוועטישער אינזשעניער... ער איז ניט קיין שעדיקער, ניט קיין סוינע פֿון פֿאָלק... און איך וועל דאָס דערווײַזן, ווי איר ווילט!..

בורמאַן־טשובאַטאָוו האָט ווידער אָנגעגאָסן אין דער גלאָז וואַסער פֿונעם גראַפֿין, אויסגעטרונקען, אַ געשמאַקן שלוקערץ געטאָן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, און מיר האָבן ניט געוווּסט, אַז דו ביסט אויך אַזאַ ציאַצקע, ווי דײַן באָס... יאָ, און דו ביסט, דאַכט זיך, געווען אַ גרענעצלער... זעט אויס, ניט איין סוינע האָסטו אַרײַנגעלאָזט אַהער... דו ביסט נאָך אַ פּאַרטייער, אַ קאָמוניסט?.. און ביז איצט האָט מען דיך נאָך ניט דעמאַסקירט?

ניקאָלײַ בורמאַן־טשובאַטאָוו איז צוגעגאַנגען נעענטער, אַרײַנגעקוקט דעם אַנטשיידענעם באָכער אין די אויגן, דערזען אויף זײַן ברוסט אונטערן צעכראַסטעטן פֿעלצל אַן אָרדען פֿון „רויטן שטערן", אָנגעוווירן דאָס לאָשן.

אַ ווײַלע דערלערנט דעם אָרדען, און זיך אָנגערופן:

— ווו האָסטו אים געכאַפּט?

ער האָט עס געפֿרעגט אַזוי פֿרעך און אַזעסדיק, אַז דאָוויד האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן און שיר ניט דערלאַנגט דעם פֿאַרשוין מיטן פֿויסט.

פֿילנדיק אויף זיך יענעמס פּריקרע בליק, האָט ער רויִק געענטפֿערט:

— דאָרטן, אויף דער גרענעץ... דאָרטן, פֿונוואַנען איך האָב אַהער אַרײַנגעלאָזט סאָנים...

— פֿאַר דײַנע רייד, וועסטו בײַ אונדז אָפּלייזן! — האָט ניקאָלײַ בורמאַן־טשובאַטאָוו אַ טופּע געטאָן מיטן פֿוס, — איצט זע איך, אַז מאַזין און דו זײַנען פֿון איין פֿעלד יאַגעדעס...

— מיך וועט איר ניט איבערשרעקן!.. — האָט דאָוויד איבערגעשלאָגן זײַנע פּרעכע רייד, וויסנ־דיק פֿון דער פּראַקטיק, אַז יענע, וואָס שרײַען אַ סך און דראָען, זײַנען פּאַכדאָנים. — איך מעלדע אײַך, אַז איר האָט באַאוולט דעם געזעץ... מאַזין איז אַן ערלעכער סאָוועטישער מענטש... געקומען אַהער אין דער ווילדער טײַגע בויען אַ שטאָט. ער איז דער זאַך איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן... איך וועל אומעטום קאָנען דערווײַזן, אַז איר האָט ניט ריכטיק געהאַנדלט.

— יאָ, אַזאַ פֿוקסעלע איז בײַ אונדז נאָך ניט געווען... נישקאָשע, מיר וועלן דיך אויסלערנען האָבן אָפּשײַ פֿאַר אונדזערע אָרגאַנען!.. קיין פֿעלערן דערלאָזן מיר ניט... עס וועט דיך טײַער קאָסטן...

ער האָט ווידער געכאַפּט דעם גראַפֿין, אָנגעגאָסן וואַסער.

— איך בין מיט אײַך ניט אויף „דו", לייטענאַנט!... איך פֿאָדער אָפּשײַ! — האָט אויסגעשריִען דאָוויד מאַזור און זיך געלאָזט צו דער טיר.

יענער האָט מיט אַ פּרעכן בליק אים אַ מינוט נאָכגעקוקט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— פֿאַרגעס ניט, וווּ דו געפֿינסט זיך, בירגער מאַזור!..

— און איר פֿאַרגעסט ניט, לייטענאַנט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ געזעץ!..

— וואָס? א געזעץ? — האָט יענער זיך צעלאַכט און מיט דער האנט נערוועז צוגעקעמט די פּעטע האָר אפן קאָפּ. — דער געזעץ — דאָס זײַנען מיר!.. דו ווייסט, וואָס סטאלין לערנט? אויב דער סוינע גיט זיך ניט אונטער, פארניכטעט מען אים... אָט...

— אָבער ניט קיין אויסגעטראכטע סאָנים...

דאָוויד איז ארויסגעגאנגען פונעם קאבינעט.

די זאווערוכע האָט ניט אופגעהערט דרייען. דער שניי האָט געשמיסן אין פאָנעם, נאָר דאָוויד מאזור האָט ניט געפילט די קעלט. די פאָלעס פונעם פעלצל זײַנען געווען צעוואָרפן, די פוטערנע אושאנקע — אף א זײַט. ער איז געווען אופגערעגט און פארצווייפלט, טראכטנדיק, ווּהין זאָל ער איצט גיין, צו וועמען זיך ווענדן? עס קאָן ניט זײַן, אז אזא טײַוול זאָל לייזן דעם גוירל פון אן אומשולדיקן מענטשן...

פון א זײַטיק געסל איז ארויסגעגאן א מענטש פון קאָפּ ביז די פיס פארווייעט אין שניי און צו אים א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— דאָווידקע, זונעניו... וואָס אזוי לאנג? בא מיר איז דאָס הארץ שיר ניט ארויסגעפאלן, איך האָב שוין געמיינט...

דאָוויד איז געבליבן שטיין, ווי פארשטיינערט.

— טאטע? וואָס טוסטו דאָ?..

— איך האָב די גאנצע צײַט דאָ געווארט אף דיר. — האָט יענער, קוים איבערכאפּנדיק דעם אָטעם, געענטפערט, — איך האָב שוין ניט געוווּסט, וואָס איבערצוטראכטן...

— זע, ביסט דאָך פארפרוירן. צוליב וואָס האָסטו געדארפט געווען ווארטן. סארא זאווערוכע, סארא אומקומעניש... זע, וואָס עס טוט זיך!..

— נישקאָשע, דער רועך וועט מיך ניט נעמען... סארא אקשן דו ביסט. איך האָב דיך געבעטן, זאָלסט צו זיי ניט גיין... עס איז געפערלעך...

— איך האָב געמוזט גיין! עס איז דאָ גערעכטיקײַט, געוויסן... א געזעץ!.. און איך וועל זיך ניט בארויִקן, קאָלזמאן איך וועל זיך ניט דערשלאָגן... געפערלעך? נו, איז וואָס?.. פארן עמעס דארף מען קעמפן!..

— פארשפיליע זיך, דאָווידקע, זע, ווי עס דרייט. וועסט זיך, כאָלילע, צוקילן. פארוואָס היטסטו זיך ניט אָפּ? צוליב וואָס האָסטו געדארפט גיין צו זיי?

דאָוויד האָט ארומגענומען דעם פאָטער, צוגעדריקט צו זיך און געזאָגט, איבערשרײַענדיק די וואָיענדיקע זאווערוכע:

— איך האָב געמוזט גיין, טאטע, אנדערש וואָלט איך ניט געקאָנט לעבן, זיך ניט געפילט פאר א מענטש. א כאווער, א פרײַנט, וועלכער איז ארײַנגעפאלן אין אן אומגליק, אויב דו ביסט איבערצײַגט אין זײַן אומשולדיקײַט, טאָרסטו זיך ניט אָפּקערן פון אים, ווי א פאכדן, דארפסט אים פארטיידיקן, ארויסשלעפּן פונעם אומגליק...

— אזוי איז עס, נאָר ס'איז איצט זייער געפערלעך, שווער...

— און איך, טאטע, האָב קיינמאָל ניט געזוכט קיין גרינג לעבן...

— איך ווייס, דאָווידקע, איך ווייס... ווּהין גייסטו איצט?..

— איך גיי ווײַטער, איך וועל זיך דערשלאָגן... איך וועל דערווײַזן... עס מעג מיך קאָסטן דאָס לעבן... ניין, ניט דאָ, בא דעם לייטענאנטל, וואָס איז ניט ווערט מאזינס פידמעטקע, ענדיקט זיך די וועלט!.. ווען דו הערסט, ווי ער האָט מיט מיר גערעדט, וואָס ער האָט געזאָגט!.. ניין, מע טאָר ניט שווײַגן... גיי, טאטע, איך וועל שפּעטער קומען...

און דאָוויד האָט פארגיכערט דעם טראָט, דורכשלאָגנדיק זיך דורך די שניי-הורבעס צום צענטער שטאָט, ווּ עס האָט זיך געפונען דער שטאָטקאָם, די פּראָקוראטור...

שויעל איז געבליבן שטיין. ער האָט א לאנגע ווײַלע נאָכגעשפּירט, ווי דער זון דערווײַטערט זיך פון אים, און צו זיך אליין א זאָג געטאָן:

— נו, גיי רעד מיט אים... ניט אומזיסט זאָגט דאָס אלטע ווערטל אונדזערס: „קליינע קינדער לאָזן ניט שלאָפן, גרויסע קינדער לאָזן ניט לעבן...”

העכער צוויי כאדאָשים צײַט איז דאָוויד מאזור ניט געשלאָפן, ניט גערוט. ווּ איז ער ניט אויסגעווען, מיט וועמען זיך ניט געטראָפן. ער האָט געשריבן אין קאנטקאָם, און צו קאלינינען אין מאָסקווע. און אין איינער פון די בייזע ווינטער-נעכט האָט עמעצער אָנגעקלאפּט צו דאָווידן אין פענצטער. געעפנט די טיר, האָט ער דערזען א פארווייעטן מיט שניי, אן אָפּגעצערטן, פארוואקסענעם מענטשן. יענער האָט שטילערהייט באטראכט דעם באלעבאָס פון דער דירע און אף זײַן פאָנעם האָט א שפּיל געטאָן א מיד שמייכעלע:

— דאָווידקע, דו דערקענסט מיך ניט?..

— כאָווער אַשער מאַזין! — האָט דאָווידקע אויסגעשריִען, ווי ניט מיט זײַן קאָל, און אַ שווערער קנויל האָט זיך געשטעלט אין האַלדז. — זיך אומגעקערט?!.. סאַראַ גליק!.. וואָס זשע שטייט איר אױף דער שוועל? קומט אַרײַן אין שטוב... זעצט זיך צו! אַזאַ גליק!..

צוויי מאַנצבלען האָבן זיך אַרומגענומען און דאָס, זעט אויס, איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, ווען עכטע מאַנצבלען שעמען זיך ניט פאַר זייערע טרערן.

גאַנצפרי זײַנען זיי, אַקוראַט אַרומגעגאָלטע, גליקלעכע, געקומען צו דער אַרבעט.

זיי איז נאָך פאָרגעשטאַנען אַזויפיל אויפטאָן אין דער נײַער היים זייערער! אַ יאָם מיט אַרבעט האָט געוואַרט אױף זיי.

און דאָס, וואָס עס איז געשען, האָט זיך זיי אויסגעוויזן, איז געשען ווי אַ בייזער כאָלעם, וואָס וועט זיך שוין, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט איבערכאַזערן. דאָס, וואָס אַשער מאַזין האָט זיך אומגעקערט צו זײַן אַרבעט, איז ניט געווען קיין נעס. און געהאָלפן האָט דאָ לאַכלוטן ניט דאָס, וואָס דאָוויד מאַזור האָט געשריבן אומעטום, געקלאַפּט אין אַלע טירן. אַ שטיקל צײַט זײַנען אין יענעם יאָר אָפּגעשטעלט געוואָרן די אַרעסטן פון אומשולדיקע מענטשן. און אַ טייל פון די אומשולדיק באַשולדיקטע, האָבן זיך אומגעקערט אַהיים...

קאַפּיטל פיר און דרײַסיק

ווען מע פאָרט צוגאַסט

אַזוי פירט זיך די וועלט — אַז אַ מענטש ווערט אַ ביסל עלטער, הייבט ער שטאַרקער אָן בענקען נאָך דער אַלטער היים. עס שווימען אױף אין זיכּאָרן לאַנג פאַרגעסענע געשיכטעס, די קינדער־ און יוגנט־יאָרן. וואָס עלטער מע ווערט, אַלץ שטאַרקער ציט דיך צו זיכּרוינעס, און דאָס פאַרגאַנגענע לעבן שטייט אויף פאַר דיר אין גאָר אַן אַנדער פלאַך.

ווי עס זאָל דאָרט ניט זײַן, ווילט זיך באַגעגענען מיט אַלטע פרײַנט און באַקאַנטע, זיך דורכגיין איבער דײַן לײַבלעך נאָענט און האַרציק געסל, זיך באַגעגענען מיטן קליאָן, מיט דער אַקאַציע, וואָס בײַ דײַן שטיבל, אַ קוק טאָן כאָטש פונווײַטנס אױפן ליבן טײַך, אױפן וואַלד, וווּ דו האָסט צום ערשטן מאָל דערפילט דעם זיסן צאַפּל, דעם אומפאַרגעסלעכן טאַם פונעם ערשטן קוש. און עס ווילט זיך אויך קומען אױפן בעסוילעם, וווּ עס האָבן געפונען זייער אייביקע רו דײַנע עלטערן, אַוועקלייגן פרישע בלומען...

פעסיע האָט זיך לאַנג אַרומגעטראָגן מיטן ליכטיקן טרוים זיך דורכפאָרן אין דער אַלטער היים, כאָטשבי אױף אַ קורצער צײַט. אָבער אַלעמאָל איז עס אויסגעקומען אָפּלייגן אױף בעסערע צײַטן. דאָס איז זי געווען פאַרנומען אױף דער פאַבריק; דאָס האָט זי ניט געקאָנט איבערלאָזן דעם סאָד, דעם גאָרטן; דאָס איז איר אויסגעקומען אונטערהעלפן זלאַטקען, וואָס האָט געשענקט דער וועלט אַ פּאָרל און מע האָט איר געדאַרפט העלפן אין דער באַלעבאַטישקײַט.

זיך אויסגעקליבן אין וועג אַרײַן, האָט זיך געיאַוועט עפּעס אַן אַנדער צאָרע.

כאָטש דאָווידקע האָט זיך שוין לאַנג אויסגעדינט, נאָר אין די דאָזיקע קאַנטן, ווען זייער נאָענט איז געשטאַנען דער יאַפּאָניעץ און געפּראַוועט זײַנע מעשוגענע שטיק, אַלעמאָל געפּרוּווט אָפּשטויסן די גרענעץ, זײַנען אַלע געווען, ווי זאַפּאַסנע סאָלדאַטן. און טאָמער עפּעס אַ שטיקל געפאַר אױף דער גרענעץ, אַזוי האָט מען גלײַך גערופן אין סטראָי די געוועזענע סאָלדאַטן אױף אַ געוויסער צײַט.

אַזוי האָבן זיך די יאַפּאַנער סאַמורײַען געפּרוּווט אין זומער 1938 בײַ דער אָזערע כאַסאַן פאַרכאַפּן אַ שטיק סאָוועטישע טעריטאָריע, און די רויטע אַרמיי האָט צעקלאַפּט די סאָנים און אַרויסגעוואָרפן זיי פון דער לײַבלעכער ערד אונדזערער.

אין די שלאַכטן האָט זיך אויך באַטייליקט דאָוויד מאַזור. די גאַנצע צײַט, בייס עס זײַנען בײַ יענער אָזערע געגאַן בלוטיקע שלאַכטן, שטעלט איר זיך פאָר, וויפל פעסיע האָט איבערגעלעבט און ווי זי האָט זיך דערפרייט, ווען דער זון האָט זיך אומגעקערט בעשאָלעם אַהיים און ווידער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שינעל...

געכאַפּט דעם עמעסן קלאַפּ בײַ דער אָזערע כאַסאַן, האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך דעם וועלן די יאַפּאָנישע סאַמורײַען מער אַהער ניט קריכן און אױף דער גרענעץ וועט ווערן רויִקער, נאָר עס לאָזט זיך אויס, אַז יענע טײַוולאָנים האָבן זיך ניט באַרויִקט. עס איז נאָך ניט אַוועקגעגאַן קיין יאָר, ווי דער סוינע האָט זיך ווידער צעמאָרדעוועט, עמעס, שוין ווײַטער פון דער אָזערע כאַסאַן, דאָס מאָל

האָבן זיי באַשטימט א פּרווו טאָן זיך דורכרײַסן באַם טײַך כאַלכין־גאָל, פאַרכאַפּן א שטיק ערד, איבערשנײַדן די סיבירער מאַגיסטראַל, אָפּשנײַדן דעם ווײַטן מיזרעך פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

און ווידער האָט מען געראופן די רעזערוויסטן. און צוזאַמען מיט זיי — דאָוויד מאַזורן.

כאָטש עס איז געווען גוט אַנגעזאָליעט אַפן האַרצן און מע האָט ניט געהאַלטן באַם וויצלען זיך, נאָר דאָך האָט שויעל גוזאָגט דעם זון, ווען ער האָט זיך געקליבן אין זײַן טייל:

— זע נאָר, דאָווידקע, וואָס עס טוט זיך. דו ביסט, ווי דאָס שלאַכט־פערדל, וואָס ווי נאָר עס דערהערט דעם געשאַל פונעם טרומייט, אַזוי יאָגט עס זיך אין שלאַכט אַרײַן... גיי און זײַ מאַצלִיעך. קער זיך אום געזונט און שטאַרק.

אין יענעם זומער האָבן די טיילן פון דער רויטער אַרמיי און פון די שכיינים — פון דער מאָנגאָלישער פאָלקס־אַרמיי אין מעשעך פון א קורצער צײַט צעשמעטערט די יאַפּאַנישע זעקסטע אַרמיי. דאָס מאָל האָט מען דעם סוינע אַזוי דערלאַנגט, אַז ער האָט, דאַכט זיך, פאַרזאָגט קינדס קינדער מער מיט דער סאָוועטישער אַרמיי ניט פאַרבינדן קיין שלאַכטן. אַפן ווײַטן מיזרעך האָט זיך נאָך די שלאַכטן אײַנגעשטעלט א פרידן. דאָוויד האָט זיך אומגעקערט אַהיים, נאָר ניט אינגאַנצן בעשאָלעם. ער איז אין די שלאַכטן געווען פאַרוואונדעט, און א שטיק צײַט איז אים אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיט די דאָקטוירים פון דעם היגן האָספּיטאַל.

עמעס, אַף דער גרענעץ האָבן די גאַנצע צײַט ניט אופגעהערט קלענערע קאָנפליקטן, מיט וועלכע עס האָבן זיך ספּראַוועט די גרענעצלער. אָבער דערפאַר איז געוואָרן זייער אומרוִיק אַף מײַרעוו, דאָרטן, אין דער אַלטער היים. עס האָבן געבושעוועט די פאַשיסטישע קאָהאָרטעס און געדראָט מיט מילכאָמע די אַרומיקע שכיינים. די היטלערישע קוילער האָבן אין שפּאַניע געהאָלפן מוסאָליניס באַנדעס דערשטיקן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

די גרויסע אימפּעריִאַליסטישע מעלוכעס האָבן צוגעקוקט, ווי היטלערס טאַליאָנים פאַרגיסן מיט בלוט די שפּאַנישע רעפּובליק, צוגעקוקט, ווי זיי וואַרפן אַריבער איבער די פּירענייער בערג גאַנצע דיוויזיעס, הונדערטער באָמבאַרדירער, טאַנקען־קאָלאָנעס, נאָר זיך געמאַכט טויב און שטום צו דער שטים פון שפּאַניע.

דערטרונקען אין בלוט שפּאַניע, פאַרוואַנדלט די שטעט און דערפער אין שרעקלעכע רוִינען, האָבן די פאַשיסטישע וואַנדאַלן פאַרכאַפּט טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרײַך, בעלגיע און אַנדערע לענדער.

פילנדיק זיך אומבאַשטראָפט מיצאַד די גרויסמאַכטן, האָבן זיי זיך אַרופגעוואָרפן אַף פוילן און אין מעשעך פון צוויי וואָכן פאַרטיליקט דאָס לאַנד, אויסגעגלײַכט וואַרשע מיט דער ערד, אויסגעבויט בליץ־שנעל אַף דער פוילישער און טשעכישער ערד טויט־לאַגערן, גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָריעס, און אינגיכן איז די גאַנצע וועלט געוואָרן אופגעטרייסלט, דערוויסנדיק זיך וועגן די טײַוולאָנישע טויט־פאַבריקן — אָשווענטשים, טרעבלינקע, מײַדאַנעק...

אַף יענער זײַט פון אונדזערע מײַרעוו־גרענעצן האָט געווילדעוועט דער שרעקלעכער הענקער אַדאָלף היטלער מיט זײַנע בלוטיקע כאַיאָלעס, אַף יענער זײַט מײַרעוו־גרענעצן האָט געהערשט טויט, אומקום.

די פאַשיסטישע קאָהאָרטעס זײַנען דערווײַל צו אונדז ניט געקראָכן. זיי האָבן געמאָלדן, אַז אַף אונדזער לאַנד וועלן זיי ניט גיין מיט קיין מילכאָמע.

פון די אָקופּירטע לענדער זײַנען צו אונדז געלאָפן טויזנטער בעזשענצעס, מע איז געלאָפן זיך ראַטעווען פון די נאַציסטישע טאַליאָנים.

דאָ, אַף דער ביראָבידזשאַנער ערד, ווי אין גאַנצן סאָוועטנלאַנד, האָט מען זיך פאַרנומען מיט בויען פאַבריקן, זאַוואָדן, פאַרפעסטיקן די קאָלווירטן, ראַטווירטן, מע האָט אַרויסגעקראָגן פון די ערד־טיפענישן רײַכטימער. מענטשן האָבן זיך פאַרנומען מיט זייערע אַרבעטן, מיט זייערע דײַגעס. מע האָט פאַרפעסטיקט די גרענעץ־וואַך, וויסנדיק, אַז דאָ ניט ווײַט געפינען זיך היטלערס פרײַנט — די יאַפּאַנישע סאַמורײַען.

פעסיע מאַזור האָט מיטן גאַנצן האַרצן געפילט, אַז עס רוקט זיך אָן א בייזע כמאַרע, און דאָך האָט זי זיך ניט געקאָנט צעשיידן מיט איר אַלטן טרוים: צופאָרן אין איר אַלטער היים. שויעל און די גוטע שכיינים האָבן זי געפּרוווט אָפּריידן, געייצעט אָפּלייגן די רײַזע אַף בעסערע צײַטן, ווער ווייסט, וואָס עס קאָן געשען אַף דער וועלט? זי שטייט אַף הינערשע פיס. פעסיע האָט אָבער פעסט באַשטימט בא זיך, אַז ווי נאָר זי וועט זיך ספּראַווען מיט דער פרילינג־אַרבעט אין סאָד און אין גאָרטן, כאַפּט זי זיך אַראָפּ קיין באַפּאָליע. זי וועט זיך דאָרטן ניט פאַרהאַלטן לאַנג.

שויעל האָט זי געקענט פאַר א גרויסער אַקשנטע, און דערצו נאָך איז זי א זעלבשטענדיקער מענטש. אַף דער פאַבריק איז זי צווישן די בעקאָוועדיקסטע אַרבעטערנס. ניין, דאָס איז שוין ניט יענע פעסיע, די שטוב־באַלעבאָסטע, וואָס געווען פריִער. איר זאָלסטו ניט אַרײַנשטעלן קיין פינגער אין מויל — זי וועט אים אָפּבײַסן!

שולאַמיס האָט מיט איין אויער דערהערט, וואָס די מאַמע האָט פֿאַרטראַכט. וואָס? זי קלײַבט זיך פֿאָרן קיין באַפּאַליע, אַהין, וווּ מע האָט אַמאָל געוווינט? נו, און זי, שולאַמיס, וועט בלײַבן דאָ? די מאַמע וועט זי ניט מיטנעמען מיט זיך? ניין, דאָס וועט ניט זײַן! אויב די מאַמע פֿאָרט, וועט זי אויך מיט איר פֿאָרן! זי איז נאָך געווען גאָר א קליינינקע, ווען מע איז אריבערגעפֿאָרן אַהער, און איצט איז זי שוין א גרויסע. זי וועט שוין אינגיכן אַלט ווערן צוועלף יאָר.

דער מײַ־כּוידעש האָט זיך אויסגעגעבן א וווּנדערלעך־שיינער און וואַרעמער. מיט אַלע קאָלירן פֿונעם רעגנבויגן האָבן זיך צעשפּילט די אַרומיקע סאָפּקעס. דער גאַנצער אַרום איז געווען באַצירט מיט צוויט פֿון די ביימער און גראָזן. אין די סעדער, אויף די פֿעלדער איז אין פֿולן גאַנג געווען די אַרבעט. פּעסיע איז ווייניק געשלאָפֿן, די גאַנצע צײַט געווען אויף די פֿיס, זי איז דערגאַן די יאָר שויעלן. ער האָט ניט שטאַרק געהאַלטן פֿונעם זאַסטעפּ, פֿון דער מאָטיגע. בײַ אים זײַנען געווען טויזנט וויכטיקערע דײַגעס אין קאָמבינאַט, אין קלוב לעבן דעם פֿאַרוואַלטער מוישע ראַבײנו, וועלכער האָט אים פֿאַרוואַלגערט מיט פֿאַרשיידענערליי איניאָנים. דאָך האָט זי אים געצוווּנגען אַרבעטן אויפֿן גאָרטן, אין סאָד, קעדײ ווען זי וועט זיך אומקערן פֿון דער היים, זאָל זי דאָ ניט טרעפֿן קיין כורבן. עס זאָל ניט גיין לעיִבעד איר פּיליאַריקע האָרעוואַניע אויפֿן שטיקל ערד.

און שויעל האָט זיך געמוזט אונטערגעבן.

נאָכן זון־פֿאַרגאַנג האָט ער פֿײַן באַגאָסן די געוויקסן, די ביימער, אויסגעיעט די ווילדגראָזן, אָנגעהאָדעוועט און אָנגעפּאָיעט די הינער, זיי פֿאַרטריבן אויף די סידעלקעס, דערנאָך צונויפֿגענומען אויפֿן ברעג טײַך די קאַטשקעס און גענדז, זיי זאָלן ניט נעכטיקן אונטערן פֿרײַען הימל...

מיטן דערנעענטערן זיך פֿונעם טאָג, ווען פּעסיע האָט געדאַרפֿט באַקומען אין פֿאַבריק דעם אורליב און זיך אוועקלאָזן אין ווײַטן וועג אַרײַן, האָט בײַ שויעלן שטאַרקער גענומען קלעמען דאָס האַרץ. עפּעס האָט עס אים אונטערגעזאָגט, אַז זי טאָר ניט פֿאָרן אַזוי ווײַט, דערצו נאָך מיט שולאַמיסן. און ער האָט איר געזאָגט, אַז ער וועט אויך פֿאָרן. איינע אַליין וועט ער זי ניט אָפּלאָזן. און ניט בלויז דערפֿאַר, וואָס זי געהערט ניט צו די גרויסע רײַזנדער, נאָר עפּעס איז שטאַרק אומרויִק אויף דער וועלט, עס שמעקט שטאַרק מיט פּולווער, אַלע טאָג קומען אָן פֿון דער וועלט שווערע יעדיִעס. אומעטום גיסט זיך בלוט. אין פֿאַרשיידענע עקן וועלט הערט מען דאָס געקלאַנג פֿון געווער. אַלע טאָג פֿאַרגייט די לעוואָנע אַזאַ רויטע, ווי זי זאָל זײַן אויסגעווייקט אין בלוט. און אַלטע מענטשן זאָגן דאָך, אַז אַזאַ לעוואָנע הייסט פּאַשעט — מילכאָמע...

פּעסיע האָט אָנגעקוקט דעם מאַן מיט א מאָדנעם בליק. וואָס האָט ער אויסגעטראַכט? וואָס קער זיך דאָ אָן די לעוואָנע מיצקעדערינען? וואָס איז דאָס פֿאַר באַבעמײַסעס? ערשט ניט לאַנג איז געקומען צו זיי אין צעך איינער א גרויסער מענטש, א גרויסער ווייסער אין פּאָליטיק און געליינט א לעקציע, אַז אונדזער רעגירונג האָט אונטערגעשריבן מיט די דײַטשן אַן אָפּמאַך, אַז מע וועט בעשום־אויפֿן ניט פֿירן קיין מילכאָמע צווישן זיך. ער האָט אַפֿילע באַוויזן א צײַטונג, ווּ עס איז געווען א גרויסע פֿאָטאָגראַפֿיע, ווּ עס שטייען אונדזערע און די דײַטשישע דיפּלאָמאַטן, און אַלע לאַכן אַזוי צופֿרידן, ווײַל מע האָט אונטערגעשריבן א שיינעם פֿרידן־אָפּמאַך. וואָס זשע דאַרפֿן מיר צוטראַכטן נאַרישקײַטן? די ענגלענדער און אַמעריקאַנער שלאָגן זיך מיט די דײַטשן, טאָ זאָלן זיי זיך שלאָגן געזונטערהייט, און מיר מישן זיך אין אַזעלכע איניאָנים ניט אַרײַן. מיר פֿירן ניט קיין מילכאָמע. אונדזערע דיפּלאָמאַטן, האָט געזאָגט דער לעקטאָר, האָבן זיך דערשלאָגן א סאַך — אָן שום מילכאָמע, פֿרידלעך, האָבן מיר באַפֿרײַט מײַרעוו־אוקראַיִנע און מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד, דערנאָך בעסאַראַביע און בוקאָווינע. מיט די פֿינער האָבן מיר אויך אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך און מע קאָן זײַן רויִק.

ער האָט זייער שיין גערעדט, דער לעקטאָר, א מעכײַע געווען אים צו הערן. און אויב עס וועט טאַקע זײַן אַזוי גוט, ווי יענער האָט געזאָגט, האָבן מיר ניט וואָס זיך זאָרגן פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג...

שויעל האָט זיך אײַנגעהערט אין דעם ווײַבס ווערטער, און דאָס פּאָנעם האָט זיך בײַ אים אויסגעצויגן פֿון פֿאַרוווּנדערונג: הערט נאָר! ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט, אַז פּעסיע זאָל אַזוי ריידן. כאָטש לאָז זי אַרויף אויף דער בינע און זאָל זי אויך ליייענען א לעקציע וועגן די דאָזיקע זאַכן...

און דאָך האָט דאָס האַרץ אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז אינגאַנצן ניט אַזוי. האָבן לעבן די לײַבלעכע גרענעצן אַזאַ טײַוול, ווי דעם פֿאַשיזם, היטלערן, זײַנע צעיושעטע באַנדעס, גאַרגלשנײַדער, איז ניט אַזוי פּראָסט. דער אומרו האָט אים ניט אופֿגעהערט טאָטשען, ווי א וואָרעם.

ער האָט דער פּלוינעסטע געזאָגט, אַז אַליין וועט ער זי ניט לאָזן אין אַזאַ ווײַטן און שווערן וועג. וויבאַלד אַזוי, וועט ער פֿאָרן צוזאַמען מיט איר.

— דו הערסט, מײַן טײַערער, — האָט פּעסיע געענטפֿערט, — איך וואָלט געווען שטאַרק צופֿרידן, ווען דו פֿאָרסט מיט אונדז. אָבער וויאַזוי קאָנען מיר ביידע מיטאַמאָל וואַרפֿן די אַרבעט, די שטוב, די באַלעבאַטישקײַט און היײַדאַ, אין וועג אַרײַן? עס וועט דאָך בײַ אונדז אַלץ גיין צו גרונט! עס וועט זײַן א שיינע יאַזדע און מיר וועלן האָנאָע האָבן, אַלץ זען, נאָכאַמאָל איבערלעבן, אָבער וואָס

װעט דאָ װערן מיט אונדזער שטוב, מיטן ביסל פֿאַרמעגן?.. איך האָב אַזױ שװער געהאָרעװעט אױפֿן גאָרטן, אין סאָד, װעט מײַן גאַנצע האָרעװאַניע ניט װערט זײַן אַ צעבראָכענעם דרײַער?

— מירן בעטן דאָװידקען און זלאַטקען...

— װאָס רעדסטו, נאַרישער מענטש! — האָט זי איבערגעשלאָגן, — דאָװידקע איז אַזױ פֿאַרנו־נען, און זלאַטקע אין שול... זײ האָבן ניט קײן צײַט, װען זיך אַרומקוקן. דערצו נאָך האָבן זײ צװײ קינדער...

— איך װעל בעטן זאַלמען דעם באָנדער, יאַשקען, זעלדען...

— װידער דאָס זעלבע! אַלע זײַנען פֿאַרנומענע מענטשן. יעדער אײנער האָט זיך זײַן פּעקל צאָרעס. װאָס זשע מײנסטו, אַז זײ זײַנען לײדיקגײער?..

אַ טראַכט געטאָן, האָט שױעל אַ קנײטש געגעבן מיט די אַקסלען, װי אײנער זאָגט: װאָס זשע, עפּשער ביסטו טאַקע גערעכט...

— איך װעל זיך לאַנג דאָרטן ניט פֿאַרזאַמען... איך האָב דאָרטן ניט װאָס צו טאָן. אַ קוק טאָן, װאָס טוט זיך דאָרטן, זיך זען מיט די באַקאַנטע און קרובֿים, אַרופֿגײן אױפֿן בעסױלעם, זיך פֿאַרנײגן פֿאַר אונדזערע עלטערן און קרובֿים און נעם גלײַך בילעטן אַף צוריק!

— נאָר עס װעט דאָך דיר זײַן שװער פֿאָרן אַזאַ לאַנגן װעג... — האָט ער געזאָגט, — דערצו נאָך מיט אַ קינד, מיט שולאַמיסן...

— נו, װאָס קאָן זיך מאַכן! מע װעט זיך יאַקאָס געבן אַן אײצע. מענטשן פֿאָרן דאָך. און אַף דער װעלט זײַנען פֿאַראַן גענוג גוטע מענטשן, מע װעט אונטערזאָגן, מיטהעלפֿן, געבן אַן אײצע. און כוץ אַלעמען, פֿאַרגעס ניט, שױעל, אַז מירן פֿאָרן מיטן קורירסקע, זעקס־זיבן מעסלעס אײנגאַנצן. ס'איז ניט יענע יאָרן, װען מיר זײַנען מיט דיר געפֿאָרן אַהער, זיך געשלעפּט, װי אַף אָקסן, העכער צװײ װאָכן צײַט... איצט מאַכט מען עס גיכער.

— פֿאַר די טעג װעסטו זיך אױך גענוג אָנמוטשען...

— נאָר עס גלוסט זיך צופֿאָרן אַהײם, אַז דאָס האַרץ גײט אױס. אַזאַ צײַט דאָרטן ניט געװען, און װער װײסט, צי איך װעל נאָכאַמאָל דאָרטן זײַן? עס גײט די צײַט, און מע װערט ניט יינגער... — פּעסיע איז שטיל געבליבן און זיך צעשײַנט: — יאָ, שיר ניט פֿאַרגעסן, איך װעל שיסן צװײ האָזן. איך װעל זײַן עטלעכע טעג אין באַפּאַליע. און אַזױװי מיר פֿאָרן דורך מאָסקװע, װעל איך זיך אַ ביסל אָפּשטעלן באַ אונדזער ליזען... איך האָב דאָך אַפֿילע איר פּראָפֿעסאָר ניט געזען. ניט שײן אַזױ... און שרײַבן שרײַבט זי אײן מאָל אין אַ פּורים...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אַ היפּשער אױלעם אַרױסבאַגלײט פּעסיען און איר צװעלפֿיאָריק מײדעלע, די מיזינקע שולאַמיס, אין װײַטן װעג.

װי שטענדיק אין אַזאַ פֿאַל, איז געקומען אַף זײַן מאַשין צו דער שטוב יאַשקע, זײַן טאַטע מיט דער מומע זעלדע, עס האָבן זיך אױפֿגעזעצט שױעל און דאָװידקע מיט די שװעסטערלעך, זלאַטקע מיט בײדע קינדער, נאָך עטלעכע לאַנדסלײַט, דאָס הײסט, יענע, װעלכע זײַנען אַהער געקומען פֿון באַפּאַליע.

מיט ראַש און געלעכטער, דערהױבענע און פֿרײלעכע, איז מען אװעקגעפֿאָרן צו דער סטאַנציע. דער אױלעם איז געװען מעקאַנע פּעסיען און שולאַמיסן. בעעמעס, װער פֿון די מענטשן האָט זיך ניט אױסגעבענקט נאָך דער געװעזענער װײַטער הײם? װעמען האָט זיך ניט געװאָלט כאָטש מיט אײן אױג אַ קוק טאָן, װאָס טוט זיך דאָרטן און װאָס טוען די אַלטע באַקאַנטע און פֿרײַנט? איצט איז שױן געװען מיט װאָס צו פֿאַרגלײַכן: די אַלטע הײם און די נײַע, װאָס איז אױפֿגעשטאַנען אין דער טײַגע אַף געװעזענע בלאָטעס, זומפּן, װילדע ערטער. סאַראַ גאַסן זײַנען אױסגעװאַקסן צװישן דער טײַגע אױפֿן ברעג פֿון דער בירע! אַ שפּאָגל־נײַע יונגע שטאָט מיט גאַסן, געסלעך און פּלעצער. אױסגעמאָסטעטע װעגן. שפּעט באַנאַכט, װען דער אַרום איז שװאַרץ, כאָטש אַן אױג נעם אַרױס, צעשפּילן זיך די עלעקטרישע לעמפּ, װעלכע באַשײַנען די גאַסן און פּלעצער. עס שײַנען די צעכן פֿון די פֿאַבריקן און זאַװאָדן, אַרטעלן און קראָמען. ניט יעדן גלײבט זיך, אַז פֿאַר אַזאַ קורצער צײַט האָט זיך אײַנגעגעבן אַזױפֿיל אױפֿטאָן.

אין דער מינוט, װען עס האָט זיך פֿונדערװײַטנס דערטראָגן דער הודאָק פֿונעם לאָקאָמאָטיװ און, אַ באַדעקטער מיט געדיכטן שטױב, איז צוגעגאַן צום פּעראָן דער עקספּרעס, װאָס שנײַדט דורך דאָס לאַנד פֿונעם אָקעאַן ביז מאָסקװע, האָט פּעסיע דערפֿילט, װי דאָס האַרץ האָט שטאַרקער גענומען קלאַפּן, זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרװאָס האָט אַ ביטערער קנױל גענומען שטיקן דעם האַלדז, און טרערן האָבן זיך גענומען אָנװיקלען אַף די אױגן. זי האָט אַלעמען באַטראַכט מיט איר פֿײַכטן בליק, און קײנער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרװאָס די מאַמע, אָט די פֿאַרהאָרעװעטע און גוטהאַרציקע פֿרױ, װאָס האָט קײנמאָל ניט געװוּסט פֿון קײן גרינג לעבן, האָט מיט װײטיק גענומען באַטראַכטן אַלע נאָענטע און פֿרײַנט, װאָס האָבן זי אַזױ ענג אַרומגערינגלט:

— פּעסיע, אַ גליקלעכן שליטװעגס!

— מאמעניו, זאָלסט זיך דאַרטן לאַנג ניט פאַרהאַלטן? מיר וועלן נאָך דיר בענקען...

— אַף זועמען לאָזסטו אונדז איבער?.. — האָט געפּרוּווט זיך כאַכמענען שויעל, נאָר גלײַך דערפילט, אַז איצט איז זיך כאַכמענען איז ניט צום אָרט. עפּעס אַ שווערער פאַרגעפיל האָט אים געגומען מאַטערן, זעענדיק די טרערן אַף דעם ווײַבס אויגן.

דאַווידקע האָט זי ארומגענומען:

— מאמע, וואָס וויינסטו? עס איז נאָך ניט שפּעט... עפשער וועסטו פאַרבלײַבן אַ היגע...

— טאַקע, מאַמינקע, — האָט איבערגעשלאָגן זלאַטקע, — עפשער פילט איר זיך ניט גוט, טאָ פאַרבלײַבט דאָ. איר וועט עפשער פאָרן אַ צווייט מאָל?..

— ניין, ניין! — האָט זיך צעבייזערט אַף אַלעמען שולאַמיס. — מיר וועלן פאָרן! אָט איז שוין דער צוג. מאַמע, קום גיכער, מיר זאָלן ניט פאַרשפּעטיקן! — און, געכאַפּט איר וואַליזקעלע מיטן פּו־טערנעם בערעלע, זיך געלאָזט צום וואַגאָן. און אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, קוקנדיק אַף דער שטרענגער שולאַמיס.

פעסיע האָט זיך צוגעשפּאַרט צום וואַגאָן־פענצטער, אײַנקוקנדיק זיך אין די ליבע פּנעמער, וועלכע האָבן פאַר איר דורכגעשוועבט און זיך דערווײַטערט. די טרערן האָבן געפלאָסן איבער אירע באַקן, און דאָס האַרץ איז פאַרקלעמט געוואָרן אַלץ שטאַרקער.

זי האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט זיך געלייגט אַזאַ שווערער שטיין אַף דער נעשאָמע? וואָס האָט זי אַזוי געדריקט און דערצאָרנט? איר איז געווען שווער זיך שיידן מיט איר נײַער היים, מיט דער ערד, וועלכע איז איר אַזוי ליב געוואָרן. אינגאַנצן עטלעכע יאָר, ווי זי האָט זיך מיט איר מישפּאָכע דאָ באַזעצט און די ערד איז איר געוואָרן אײַנגעבאַקן אין האַרצן, דאַכט זיך, מער פון דער אַלטער היים, ווו עס איז דורכגעגאַן איר לעבן.

שולאַמיס, וואָס איז געווען צוגעשפּאַרט מיטן עטוואָס קורנאָסע קיינעווודיק נעזל צו דעם צווייטן פענצטער און געקוקט, ווי עס לויפן פאַרבײַ סלופּעס, הײַזלעך, שפּײַכלערס, האָט שוין איצט מער ניט געזען, ווי די גרינע טײַגע. און דאָס איז איר ניט געווען אינטערעסאַנט, האָט זי זיך אָפּגע־רוקט פונעם פענצטער, צוגעלאָפן אַ פריידיקע און דערהויבענע צו דער מוטער, זי אָנגעכאַפּט פאָרן אַרבל און געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דערזען די טרערן אַף דער מאַמעס אויגן, זיך דערשראָקן, פאַר־לוירן, אויסגעצויגן דאָס פאַרברוינט שיין פּנעמל און זיך אָנגערופן:

— מאמע, וואָס וויינסטו? עס איז דאָך אַזוי גוט צו פאָרן! וואָס וויינסטו?

— איך וויין ניט, קינד מײַנס. דאָס ווייגט מײַן האַרץ...

שולאַמיס האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, פאַריכט די צוויי קונציק פאַרפּלאָכטענע צעפּלעך, אונטערגעבונדענע מיט רויטע סטענגעלעך. און מיטאַמאָל האָט זי זיך הילכיק פאַנאַנדער־געלאַכט, ארויסרופנדיק וווּנדער באַ די פּאַסאַזשירן, וועלכע זײַנען געזעסן ניט ווײַט.

— מאַמעניו, וואָס רעדסטו? שעמסט זיך גאָר ניט? וויאַזוי קאָן אַ האַרץ וויינען? אַ האַרץ האָט דען אויגן אַף צו וויינען?

— פרעג ניט, קינד מײַנס, פרעג ניט. וועסט אונטערוואַקסן, ווערן אַ גרויסע, וועסטו דעמלט וויסן. נאָר... זאָלסט עס קיינמאָל ניט וויסן, קינד מײַנס...

פעסיע איז אַרײַנגעגאַנגען אין קופּע און זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אַף איר פּאָלקע, צערוקט אין די זײַטן אירע זאַכן. דער רועך זאָל דאָס נעמען, וואָס קומט עס מיט איר פּאָר? אַזויפיל צײַט געטרוימט זיך דורכפאָרן אין דער אַלטער היים כאָטש אַף עטלעכע טעג, זיך קוים אויסגעקליבן, און אָט האָסטו דיר, עפּעס אַ שווערער פאַרגעפיל האָט געגומען אין קלעם דאָס האַרץ און הערט עס ניט אוף דריקן ביז ווייטיק. זי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס קומט עס מיט איר פּאָר? נאָר אַ טראַכט געטאָן, אַז זי מוז זיך נעמען אין די הענט — די שכיינים קוקן זי אָן מאָדנע, מיט טיפן מיטגעפיל, און זי האָט עס אַזוי ניט ליב, — האָט זי אויסגעווישט די טרערן. טאַקע, וואָס דאַרף מען איר מיט־פילן? וואָס זשע, זי זעט דען אויס אַזוי אומגליקלעך? דאַכט זיך, אַז זי האָט ניט קיין שום סיבע קלאָגן זיך אַף איר לעבן. זי האָט אַזאַ טײַערע שטוב, אַזעלכע טײַערע, האַרציקע קינדער, אייניקלעך, אַ טײַערן מאַן, וואָס פאַלט קיינמאָל ניט אַראָפּ באַ זיך און צעשיידט זיך זעלטן מיטן גוטמוטיקן שמייכל, מיטן וויץ, מיט דער כאָכמע.

ניין, זי האָט זיך לאַכלוטן ניט אַף וואָס צו קלאָגן! דערווײַל קאָן זי ניט האָבן קיין שום טײַנעס צו איר מאַזל. און אָט דאָס בייזע פאַרגעפיל, וואָס האָט זיך אַזוי פּלוצעם געיאָוועט צו איר, האָט ניט קיין שום גרונט. מע דאַרף זיך נעמען אין די הענט. מע דאַרף זיך שטאַרקן.

שולאַמיס האָט שוין, לאָזט זיך אויס, דערזען אין צווייטן עק וואַגאָן אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט אונטערגעטאַנצט, האַלטנדיק אין די הענט אַ גרויסע פּילקאַלירע פּילקע, האָט זי געכאַפּט איר בערעלע און אוועקגעלאָפן אַהין. אין אַ פּאָר מינוט ארום זײַנען די מיידעלעך שוין געווען באַקאַנט, נאָך מער, באַפרײַנדעט אַזוי, גלײַך מע וואָלט זיך געקענט וויפל צײַט. מע דערציילט זיך שוין, ווּהין מע פאָרט און צו וועמען.

מע האָט זיך שוין אױף אַ מינוטקעלע געביטן מיט די שפּילכלער און הילכיק געלאַכט.

דער צוג איז געגאַן שנעל, ווי הונדערט רוכעס וואָלטן אים אונטערגעיאָגט. און הינטער די וואַגאָן־פענצטער איז אַלץ געלאָפן די ווילדע טײַגע.

וואָס מער דער צוג האָט זיך דערנעענטערט צו מאָסקווע, אַלץ שטאַרקער האָט בײַ פעסיען געקומען נאַגן דאָס האַרץ, קלאַפּן שטאַרקער — אָט וועט זי זיך שוין אײַנגיכן באַגעגענען מיט דער טאַטער און מיט דעם אײניקל, וואָס זי האָט שוין אַזאַ צײַט ניט געזען!

דער רוער זאָל דאָס נעמען, מע ווינט אַזוי ווײַט אײנער פון אַנדערן און מע קען זיך ניט צונויפקומען, לעבן צוזאַמען, זיך זען אָפטער. אַזוי פרי איז ליזע אַוועק פון דער שטוב. ס'האָט זי פאַרטראָגן אין אויסרײַסעניש, זי האָט אַזאַ צײַט געוואָגלט פון איין עק לאַנד צום אַנדערן, ניט געוווּסט פון קיין רו, געפירט אַ ציגײַנערשן אָרט לעבן. ווי זשע דען האָט געקאָנט לעבן אַ ווײַב פון אַ קאָמאַנדיר, וואָס איז ניט בײַ זיך אין די הענט, וואָס מע שיקט אַלעמאָל אױף איין באַצירק, אױפן צווייטן? אָט איז אָנגעקומען אַ וויסט קוויטל, אַז דער מאַן איז געפאַלן אין שלאַכט פאַר דער וועלט־רעוואָליוציע, אויספּילנדיק זײַן הייליקן כויוו פאַרן אַרבעטער־קלאַס און פויערטום... און דו קאָנסט זיך ניט דערוויסן אַפילו, ווו זײַן געביין איז אַהינגעקומען, ווו איז זײַן קייווער, דאָס ווײַב און קינד זאָלן קאָנען קומען אַהין, זיך אויסוויינען.

יאָרן זײַנען געגאַן, און ליזע האָט געוווינט מיט איר קינד איינע אַליין, און צוריק מיט אַ צײַט האָט זי אָנגעשריבן אַ בריוול, אַז זי האָט פאַרבונדן איר גורל מיט אַ מענטשן, וואָס שאַנעוועט זי און מע לעבט שטיל און רויִק.

ווער איז דער מענטש? פונוואַנען? ווער איז זײַן טאַטע־מאַמע? דאָס האָט זי ניט געשריבן, נאָר געגעבן צו וויסן, אַז ער איז אַ פּראָפעסאָר, אַ געלערנטער, איז שטענדיק פאַרטאָן, פאַרנומען, גאַנצע טעג און נעכט זיצט ער איבער זײַנע ביכער און צייכענונגען, לערנט זײַנע סטודענטן בויען אײַזנבאַן־בריקן.

מער גאָרניט. וואָס און ווען — איז פאַר דער מאַמען אַ רעטעניש. דאָס האָט יענע איין מאָל אײַנגאַנצן אָנגעשריבן און דערנאָך אײַנגענומען וואַסער אין מויל.

פעסיע האָט פאַרגעדענקט, אַז דעם פּראָפעסאָר, דאָס הייסט, ליזעס נײַער באַשערטער, הייסט, דאַכט זיך, אויב דער זיקאָרן פירט זי ניט אונטער, בערנאַרד בענעדיקטאָוויטש... אַזאַ נאָמען! מע האָט זיך געמאַכט אַ טעווע ענדערן די נעמען, און יענע, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן געגעבן, טויגן, הייסט עס, אױף קאַפּאָרעס! ניט אַנדערש, ווי דער פאַרשוין האָט געדאַרפט הייסן בערל און דער טאַטע — בעניע... איז ער געוואָרן בערנאַרד בענעדיקטאָוויטש... — האָט געטראַכט פעסיע, און אַ געלעכטער האָט זי דורכגענומען, זי האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן.

וואָס פאַר אַ וועלט איז געוואָרן?!

זי דערמאָנט זיך, אַז פאַר דעם, ווי מע איז אַרויסגעפאָרן פון באַפּאָליע קיין ביראָבידזשאַן, איז געקומען צו פאָרן אין שטעטל דער באַרימטער ייִדישער טעאַטער פון מאָסקווע, ווו עס האָט געשפּילט אַ גאָלדענער אַרטיסט שלוימע מיכאָעלס. מע האָט געוויזן אַ ספּעקטאַקל פון שאָלעם־אַליכעמס לייצים. און אויב דער זיקאָרן פירט זי ניט אונטער, האָט ער געהייסן „דאָס גרויסע געווינס", אַ מײַסע, ווי אײנער אַן אָרעמער שנײַדער האָט געוווּנען אױף אַ לאָטערײַ־בילעט צוויי הונדערט טויזנט קאַרבן. איז דער שנײַדער — שימעלע סאָראָקער האָט מען אים גערופן — געוואָרן בײַ זיך גרויס און איבערגעדרייט זײַן נאָמען אױף סעמיאָן מאַקאַראָוויטש... און דער אוילעם האָט זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן פון געלעכ־טער — פון שימעלע איז געוואָרן סעמיאָן מאַקאַראָוויטש... מע האָט דעם נאַרישן שנײַדער אויסגע־לאַכט. און איצט מאַכט מען זיך אויך מעשוגע. פון בערל מאַכט מען בערנאַרד, פון בעניע — בענעדיקטאָוויטש...

נאָר מיילע, כאַפּט אים דער וואָטנמאַכער, — האָט פעסיע זיך געטראַכט. — זאָל ער הייסן, ווי ער וויל, דער פּראָפעסאָר, און זאָל ער גיין אַפילו אױפן קאָפּ, אַרט עס זי, ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי. זי וואָלט שוין אַ באַלן געוועזן זיך באַגעגענען מיט דער טאָכטער, מיט ליזען, זי זאָל כאָטש ניט איבער־קערן איר נאָמען פון ליזע אױף מאַגדאַלינע... ליזע, גלייבט די מאַמע, וועט ניט איבערדרייען איר נאָמען, זי וועט זיך ניט מאַכן נאַריש, זי וועט ניט איבערקערן דעם פעלץ. נאָר ווער ווייסט? שוין אַזאַ צײַט פון דער שטוב, אָפּגעריסן פון דער היים, פון די עלטערן. מאַלע וואָס פאַר אַזאַ לאַנגער צײַט קאָן טרעפן, וואָס עס קאָן ווערן מיט מענטשן! אָט איז דאָך געשען פאַר דער צײַט אַזוינס, וואָס אױף ליזען וואָלט זי קיינמאָל ניט געקאָנט גלייבן — זיך אויסגעזוכט אַ פּראָפעסאָר און כאַסענע געהאַט פאַר אים. זיך ניט געקאָנט צונויפגיין מיט אַ פּראָסטן יונגנמאַן אַזאַ, ווי זי? אין זייער מישפּאָכע זײַנען קיינמאָל ניט געווען ניט וואָס קיין פּראָפעסאָרן, נאָר אַפילו אַ לייִדע פעלדשער איז ניט געווען נאָענט...

שולאַמיסן איז שוין לאַנג נימעס־אומאָוועס געוואָרן פאָרן אַזוי לאַנג, מע זעט ניט קיין אָנהייב און ניט קיין סאָף. דאָס מיידעלע האָט שוין כאַראָטע געהאַט אױף דער גאַנצער געשיכטע מיטן פאָרן.

ווען זי ווייסט, אַז דאָס וועט דויערן אַזוי לאַנג, וואָלט זי זיך ניט געלאָזט מיט דער מאַמען אין אַזאַ ווײַטן וועג! עמעס, איר האָט זיך זייער געוואָלט זען די עלטערע שוועסטער, וועלכע זי האָט שוין קימאַט ניט געדענקט. עס האָט אונטערגעקויפּט דאָס, וואָס זי וועט קומען צו איר און פאַרברענגען אַ ביסל אין איר שטוב, זען מאָסקווע, דעם קרעמל. דאָס דאַרף דאָך זײַן וווּנדערלעך שיין! זי וועט פאַרשרײַבן, שולאַמיס, באַ זיך אין „טאָגבוך" אַלץ, וואָס זי וועט זען מיט אירע אויגן און דערנאָך, ווען זי וועט זיך אומקערן אַהיים, אין שול, וועט זי וועגן אַלץ דערציילן אויף אַ לינייקע באַ די פּיאָנערן. דער עלטסטער וואָזשאַטע אין שול, שורע אַליצקי, האָט איר עס פאַרזאָגט פאַר דעם, ווי זי האָט אַרויסבאַגלייט שולאַמיסן אין וועג.

אַלץ איז גוט, נאָר די קריזשעס טוען איר שוין וויי, שולאַמיסן, ליגן אויף דער באַנק, אונטערגעהאַלטן מיט די דלאָניעס דעם קאָפּ און זיך אײַנקוקן, וואָס עס טוט זיך פון יענער זײַט פענצטער. עס האָט זיך איר שוין געוואָלט עסן אויך, ווײַל דאָס, וואָס מע האָט באַוויזן מיטנעמען מיט זיך, האָט זיך שוין געענדיקט, און די מאַמע האָט מוירע געהאַט אַראָפּקריכן פונעם וואַגאָן, בייס דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. מאַלע וואָס עס קאָן געשען. די מאַמע וועט לויפן אין בופעט עפּעס אײַנקויפן, און דאָ וועט דער צוג אַוועקגיין. גיי דעריאָג אים!

און שולאַמיס האָט געטראַכט, וואָס זי וועט טאָן, ווען מע וועט קומען קיין מאָסקווע און זיך פאַרקלײַבן צו דער שוועסטער אין שטוב.

אַזוי האָט מען זיך אָפּגעמאַטערט נאָך אַ נאַכט, און גאַנצפרי איז דער צוג געקומען קיין מאָסקווע.

מע האָט גענומען די זאַכן און זיך געלאָזט נאָך דעם געדיכטן אוילעם, וואָס האָט פאַרלאָזט די וואַגאָנען. שולאַמיס האָט שטאַרק געהאַלטן די מאַמע פאַרן קליידל, מוירע האָבנדיק ניט אָפּשטיין פון איר. אין אַזאַ מישמאַש איז זיך ניט שווער פאַרלירן, און ווו וועסטו זוכן דאָ די מאַמע?

אָבער די מאַמע איז אין דער מינוט געווען פאַרנומען מיט גאָר אַנדערע דאגות. זי האָט אַלעמאָל אָפּגעשטעלט מענטשן, און זיך גענומען דערפרעגן באַ זיי, ווי מע דערקלײַבט זיך צו דער טאָכטער. דער אַדרעס, וואָס איז באַ איר געווען פאַרשריבן אויף אַ פּאַפּירל, איז געווען אַזאַ לאַנגער און פאַרפּלאָנטערטער, אַז מענטשן האָבן זיך אינעם פּאַפּירל לאַנג אײַנגעקוקט, געקנייטשט מיט די אַקסלען, געפרעגט באַ אַנדערע, געגעבן אייצעס, ווי עס וועט זײַן גרינגער זיך דערקלײַבן...

אַזויווי יענע, וועמען די מאַמע האָט אָפּגעשטעלט און זיך גענומען דערפרעגן האָבן געענטפערט ניט אינגאַנצן זיכער, האָט פעסיע באַשטימט אָפּזוכן אַ מיליציאָנער, עפשער וועט יענער זאָגן פּינקטלעך. נאָר ווי אַפּצולאָכעס, זײַנען אַזוי פרי קיין מיליציאָנערן אויף דעם פּלאַץ נאָך ניט געווען, די בודקע, וואָס האָט געקאָנט געבן אַ נייטיקע ספּראַווקע, איז נאָך אויך געווען פאַרמאַכט, עס איז אויסגעקומען אַ לענגערע צײַט זיך דרייען אויפן וואָקזאַל און זוכן דעם נעכטיקן טאָג.

די צײַט איז געגאַנגען. די זון האָט זיך שוין געיאַוועט און עס איז געוואָרן באַ שולאַמיסן פרייַלעכער אויפן האַרצן. עמעס, דער הונגער האָט זיך אַלץ שטאַרקער געלאָזט פילן, און דער איינציקער טרוים איז באַ איר איצט געווען — וואָס גיכער זיך דערקלײַבן צו דער שוועסטערס שטוב, אַריבערשפּאַנען איר שוועל, און אויפהערן זיך אַרומשלעפּן מיט די זאַכן איבערן וואָקזאַל און זיך דערפרעגן, וווּהין מע גייט?

אָבער גיין איז ניט אויסגעקומען. מע האָט געדאַרפט פאָרן. און ניט פּראָסט, נאָר צום אַלעם ערשטן זיך אַראָפּלאָזן אונטער דער ערד מיט אַ וווּנדערלעכן לייטער, איבער וועלכן מע האָט ניט געדאַרפט גיין, נאָר טאַקע פאָרן. דער גרויסער טומלדיקער אוילעם, וואָס האָט פאַרפולט דעם „גייענדיקן לייטער", און דאָס, וואָס די קרומע סטעליע איז אַזוי נידעריק געהאַנגען איבערן קאָפּ, די אומגעווייִנלעכקייט און סוידעסדיקייט פון דער אונטערערדישער וועלט, האָט אָנגעוואָרפן אויף שולאַמיסן אַזאַ פּאַכעד, אַז זי וואָלט זיך שוין געפילט גליקלעך, ווען זי רײַסט זיך אַרויס פונדאַנען. זי האָט די גאַנצע צײַט געקוקט אויף דער מאַמען, וואָס האָט אויך אויסגעזען אַזוי איבערגעשראָקן, ווי זי, שולאַמיס. נאָר שולאַמיס האָט געזען, אַז דער אוילעם פירט זיך דאָ גאָר געוויינלעך, פּונקט ווי אויבן, אויף דער זינדיקער ערד, — לאַכט, כאָכמעט זיך, לייענט צײַטונגען, ביכער, פאָרנדיק מיטן „לייטער" און זיצנדיק אין וואַגאָן. און ביסלעכווײַז האָט זי זיך, דאַכט זיך, אויך אָנגעהויבן פילן זיכערער, דער פּאַכעד איז צוביסלעך אָפּגעטראָטן.

ביז מע איז דערפאָרן צו זייער ווײַטער סטאַנציע, איז שולאַמיס שוין געזעסן אין וואַגאָן, אויף איר אָרט, אינגאַנצן רויִק, ווי זי וואָלט שוין דאָ געווען אַן אַלטע פּאַסאַזשירקע.

ווען זי וואָלט ניט געווען אַזוי הונגעריק, וואָלט איר ניט נימעס געוואָרן דאָ פאָרן אַ גאַנצן טאָג. עס איז איר דאָ געפעלן געוואָרן מיט יעדער מינוט אַלץ בעסער און שטאַרקער. נאָר אָט האָט די מאַמע זי אַ טאָרע געטאָן, אַז מע דאַרף זיך גרייטן פאַרלאָזן דעם וואַגאָן, און מע האָט זיך געלאָזט צו דער טיר.

אופגעהויבן זיך מיט דעם לייטער ארוף און דערזען די לעבעדיקע שײַן, די זון און אַן א שיר גרויסע הײַזער מיט הויכע שטאָקן — עפּעס גאָר אן אנדער וועלט, — האָט שולאמיס געמיינט, אז מע איז שוין אַף אן אָרט, מע דאַרף בלויז ארײַנגיין אין דער נאָענטער שטוב. נאָר א נעכטיקער טאָג! די מאַמע האָט אפּסנײַ ארויסגענומען דאָס פּאפּירל און אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן, וווּהין מע דאַרף זיך ווידער לאָזן, און מע האָט איר אָנגעוויזן אַף א טראַמווײַ. הייסט עס, אז מע איז נאָך אַלץ ניט געקומען אפן אָרט? געוויס. מע האָט נאָך לאַנג געדאַרפט זיך שלעפּן מיטן טראַמווײַ, און ביז מע האָט זיך דערקליבן צו ליזעס שטוב, איז שוין געווען האַלבער טאָג און די זון איז שוין געשטאַנען הויך איבערן קאָפּ.

מיט גרויסע צאָרעס האָט מען זיך דערקליבן צו דעם געגאַרטן הויז, זיך אופגעהויבן אפן פינפטן שטאָק, זיך אָפּגעשטעלט בא א געוויינלעכער טיר, אַף וועלכער עס האָט געשײַנט א קופּערנע טאַבליטשקעלע מיט אן אקוראַטן אָנשריפט: „פּראָפעסאָר בערנאַרד בענעדיקטאָוויטש ליפשיץ“.

פעסיע איז א פּאָר רעגעס געשטאַנען בא דער טיר, און א מיד שמייכעלע האָט זיך צעגאָסן איבער איר שטאַרק פאַרברוינט פּאָנעם, וואָס האָט נאָך פאַרהיט סימאָנים פון געוועזענער שיינקײַט און כיינעוודיקײַט. זי האָט פאַרוקט אונטער דער געקווייטלטער שוואַרצער פאַטשיילע די ערטערווײַז גראָווע האָר, זיך איבערגעוווּנקען מיט שולאמיסן, ווי זי וואָלט דערמיט געזאָגט, אז אַלע זייערע צאָרעס און מאַטערנישן זײַנען איבערגעבליבן הינטן, און מיט א קלאַפּנדיק האַרץ אָנגעקלונגען אין גלעקל.

עס איז דורכגעגאַנגען עטלעכע מינוט, און קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן אפן קלונג.

עפשער איז קיינער ניטאָ אין שטוב? — עס איז דאָך אינמיטן טאָג און אַלע זײַנען אַף דער ארבעט. איצט האָט זי זיך דערמאָנט, סאַראַ נאַרישקײַט מע איז באַגאַנגען, וואָס מע האָט ניט אָנגעשריבן דער טאָכטער, אז מע פאָרט, ניט געגעבן קיין טעלעגראַמע, ליזע וואָלט געקומען אפן וואָקזאַל באַגעגענען די מאַמע מיטן שוועסטערל.

פעסיע האָט ווידער געקלונגען, זיך אײַנגעהערט, צוטוליענדיק דעם אויער נעענטער צו דער טיר. און אָט האָט זיך, דאַכט זיך, דערהערט א שאַרקערײַ איבערן דיל. עס האָט זיך דערטראָגן פון אינווייניק א גראָבלעכע מאַנצבלשע שטים און א הוסט:

— ווער איז דאָרט?..

— עפנט, זײַט אזוי גוט... — האָט זיך צעשײַנט פעסיע, דערהערנדיק א לעבעדיקע שטים, — עפנט, זײַט אזוי גוט... דאָ וווינט ליזע?..

די טיר האָט זיך אַף א קייטעלע א ביסעלע געעפנט, און פעסיע האָט דערזען א דיקן, געזעצטן מאַנצבל מיט א קײַלעכיק פּאָנעם, א קורץ העלבלעך בערדל, וואָנצעס און א הוילן געגאָלטן קאָפּ, ווי א גרויסע פּילקע.

— דאָ וווינט פּראָפעסאָר בערנאַרד בענעדיקטאָוויטש ליפשיץ... — האָט זיך פון דער עטוואָס צעעפנטער טיר דערהערט אן אומצופרידן גראָבלעך קאָל, — עס איז אָנגעשריבן אפן טאַבליטשקעלע און מע קאָן איבערלייענען...

דער פאַרשוין האָט זיך אײַנגעקוקט אין דער פרוי און אינעם מיידעלע דורך זײַנע דיקע ברילן, וואָס זײַנען געהאַנגען אַף דער קורצער, עטוואָס פאַריסענער נאָז. ער האָט פאַריכט אַף די אקסלען דעם לאַנגן טונקעלן כאַלאַט, ניט אײַלנדיק אראָפּגענומען דאָס קייטעלע פון דער טיר, און זי צעעפנט.

— און ליזע... מײַן ליזע?.. — האָט מיט א פאַרלוירענער שטים איבערגעכאַזערט די מאַמע, — זי וווינט דאָ?

— ניין, ליזע וווינט דאָ ניט... — האָט ער איבערגעכאַזערט אומצופרידן, — דאָ וווינט פּראָפעסאָר בערנאַרד בענעדיקטאָוויטשעס פרוי, יעליזאַוועטע סאָלאָוונע...

פעסיע האָט א קנייטש געטאָן מיט די אקסלען און געוואָלט זאָגן „וואָס עס האָט זיך מיר געכאָלעמט די נאַכט, יענע נאַכט און אַלע נעכט פון א גאַנץ יאָר, אַף מײַנע סאָנימס קעפּ“, נאָר זיך אײַנגעהאַלטן.

— בא מיר האָט זי געהייסן ליזע... איך בין ליזעס מאַמע, און שולאמיס, — האָט זי א ווונק געטאָן אפן מיידעלע, — איז איר שוועסטערל... מיר קומען פון בירָאָבידזשאַן...

— וואָס? יעליזאַוועטע סאָלאָוונעס מוטער? וואָס זשע עפּעס אָן א קלונג? אָן א טעלעגראַמע?.. אויב איר זײַט יעליזאַוועטע סאָלאָוונעס מוטער, מעגט איר ארײַנגיין. ווישט גוט אויס די שיך... בא אונדז איז דער פאַרקעט אָנגעשמירט...

— איך זע, אז בא אײַך איז דאָ... — האָט פעסיע מיט מוירע אריבערגעשפּאַנט די שוועל, ארומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן, ניט וויסנדיק, וווּהין גיין ווײַטער.

— אוי, די פּראָווינץ, די פּראָווינץ... — האָט דער פּראָפעסאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ, אינגאַנצן ניט צופרידן מיט די אומגעבעטענע געסט, — געווען געדאַרפט אָנשרײַבן, אז איר ווילט קומען... געווען געדאַרפט געבן א טעלעגראַמע... איך וויים אפילע ניט, וואָס מע טוט מיט אײַך... איך בין א

מענטש א פּאַרנומענער. איך האָב קיין צײַט ניט פֿאַרנעמען זיך מיט געסט... און יעליזאַוועטע סאָר־לאַוונע... זי איז מיט איר טאָכטער אין א סאַנאַטאָריע און וועט זיך אומקערן אין צוויי וואָכן ארום... איר זײַט געקומען גאָר ניט אין קיין גינסטיקער צײַט... ווען איר שרײַבט אָן, וואָלט איך אײַך ניט געייצעט קומען. ניט גוט... ניט גוט...

פּעסיע איז דערציטערט געוואָרן. זי האָט אָפּגעמאָסטן דעם פּאַרשוין מיט א לאַנגן דורכדרינגענדיקן בליק, געוואָלט אים זאָגן אזוינס, ער זאָל עס פאַרגעדענקען אַף שטענדיק, נאָר זיך קוים איינגעהאַלטן. עס האָט זיך איר געוואָלט גלײַך אויסקערעווען און פאַרלאָזן די שטוב.

זיך באַגעגנט מיט איר בליק, דערזען איר אופגערעגטקייט, האָט ער זיך געכאַפּט, אז ער רעדט מיט ליזעס מוטער זייער ניט קאָרעקט, און געפּרווט ווערן עטוואָס ווייכער:

— וואָס שטייט איר בא דער שוועל, קומט אַרײַן... א שאָד, וואָס יעליזאַוועטע סאָולאַוונע איז נישטאָ... זי וואָלט זיך דערפרייט... קומט אַרײַן, וואָס שטייט איר... — האָט ער געוויזן אַף דער קיך. — גייט אַרײַן און רוט זיך אָפּ...

פּעסיע און שולאַמיס זײַנען אַרײַן אין קיך, געשטאַנען, ניט וויסנדיק, וואָס טאָן.

— יאָ, — האָט ער זיך געכאַפּט, — איר זײַט פונעם וועג... עפשער וועט איר טרינקען א גלעזל טיי?

שולאַמיס האָט אַף אים א מאָדנעם קוק געטאָן:

— טיי? איר ווייסט, פּעטערל, וויפל עס האַלט דער זייגער? בא אונדז אין דער צײַט עסט מען שוין לאַנג וואַרמעס...

— ניט „פּעטערל", נאָר בערנאַרד בענעדיקטאָוויטש, — האָט ער פאַריכט.

— איך פאַרשטיי, נאָר איך וועל, דאכט זיך, ניט פאַרגעדענקען אזא לאַנגן נאָמען...

— הייסט עס, קיין טיי ווילט איר ניט? — האָט ער א וויש געטאָן די וואָנצעס, — נו, אויב אזוי, וועט איר עפּשער...

ער האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפע א האַלב לעבל ברויט, א שטיקל וווּרשט און עס אוועקגעשטעלט אַפן קיך־טישל:

— איר זײַט אַליין שולדיק... ווען איר שרײַבט אָן, אָדער ווען איר קלינגט אָן, וואָלטן מיר זיך צוגעגרייט. און אזוי...

שולאַמיס האָט מיט פאַכעד און אומצוטרוי א קוק געטאָן אַף דעם ניט־העפלעכן מענטשן אינעם לאַנגן כאַלאַט מיטן מאָדנעם בערדל, וואָס האָט בא איר אַרויסגערופן געלעכטער, נאָר זי האָט ניט געוואַגט לאַכן. זי האָט א קוק געטאָן אַפן שטיקל וווּרשט, אַפן ברויט און ווידער אַראָפּגעשלונגען די סלינע. ווען דער פאַרשוין גייט אַרויס פון דער קיך און קוקט ניט אַף איר און אַף דער מאַמען מיט אזוינע אָנגעשטרענגטע אויגן, מיט וואָס פאַר א פאַרגעניגן וואָלט שולאַמיס זיך גענומען צום עסן!

פּעסיע האָט ניט געוואָלט ווײַזן, אז שולאַמיס און זי זײַנען שטאַרק הונגעריק, פון גאַנצפרי אָן גאָרנישט ניט געהאַט אין מויל, און זיך אָנגערופן:

— עפשער געפינט זיך ליזע ניט ווײַט?..

— יעליזאַוועטע סאָולאַוונע? ניין, זי געפינט זיך ווײַט פונדאַנען... אין צוויי וואָכן ארום דאַרף יעליזאַוועטע סאָולאַוונע זיך אומקערן אַהיים...

פּעסיע האָט מיט א שטאַרקן פאַרדראָס געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איך האָב זי אזוי געוואָלט זען... איך פאָר מיט שולאַמיסן אַהיים, קיין באָפּאַליע, וועט אויסקומען, זעט אויס, צוריקוועגס זיך בא אײַך אָפּשטעלן אַף א פּאָר טעג, זיך זען מיט דער טאָכטער.

דערהערט, אז די געסט פאָרן ווײַטער האָט בערנאַרד בענעדיקטאָוויטש זיך צעשײַנט.

— דאָס איז זייער גוט... אַף צוריקוועגס וועט זי שוין זײַן אינדערהיים, וועט זי אײַך אופנעמען... איך ביז א מענטש א שטאַרק פאַרנומענער און האָב ניט קיין איבעריקע פרײַע מינוט... עס וואַרטן אַף מיר סטודענטן...

— זאָלן זיי וואַרטן... — האָט פּעסיע איבערגעשלאָגן און געפּילט, ווי דער קאַס שטיקט זי. — איר ווייסט ניט, ווען ס'גייט דער צוג אַף וויניצע?..

— וואָס הייסט מיר ווייסן ניט? מיר וווינען דאָך ניט אין מידבער, מיר לעבן אין א ציוויליזירטער שטאָט... באַלד וועל איך זיך דערוויסן... מיר האָבן דאָך א טעלעפאָן, — און, אונטערטאַנצנדיק, איז ער אוועקגעלאָפן אין צווייטן צימער קלינגען.

אין א ווײַלע ארום איז דער פאַרשוין אַרײַנגעלאָפן, רײַבנדיק די הענט:

— איר ווייסט, איר האָט מאַזל!.. דער צוג גייט אין צוויי שאָ ארום! — איר וועט נאָך באַווײַזן, אויב איר וועט זיך אונטערײַלן. איך וועל אײַך באַלד דערקלערן, ווי מע פאָרט צום קיִעווער וואָקזאַל... איר לאָזט זיך אראָפּ פון די טרעפּ און גייט אַרויס אַף דער גאַס. גלײַך פאַרקערעוועט איר רעכטס. וועט איר דערזען דעם פערטן נומער טראַמווײַ... פאָרט איר פינף אָפּשטעלונגען. איר קריכט אַראָפּ, זעט איר פאַר זיך די מעטראָ־סטאַנציע. לאָזט איר זיך אַראָפּ און פאָרט גלײַך ביז דער לעצטער

סטאַנציע. דאָס איז די קיעווער. איר הייבט זיך אויף מיטן עסקאַלאַטאָר און זײַט גלײַך באַם צוג... פֿאַטערט ניט קיין צײַט, ווערט איר באַווײַזן...

ער האָט זיך אַ רעגע פֿאַרטראַכט:

— אױ, אַנטשולדיקט, איין ווײַליטשקע... איך האָב שיִר ניט פֿאַרגעסן... — און אַוועקגעלאָפֿן אין צווייטן צימער.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט אַ צופֿרידענער און אויפֿגעלייגטער, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ פּאָר פּאַפּירלעך:

— אָט, ביטע, נעמט... דאָס זײַנען טאַלאָנטשיקעס אױף דער מעטראָ... איצט זײַט איר שוין באַוואָרנט מיט בילעטן...

ער האָט אַ וויש געטאָן מיט אַ רויט טיכעלע דעם פֿאַרשוויצטן נאַקעטן קאָפּ, איבערגעפֿירט דעם בליק אױפֿן טישל, דערזען דאָס ברויט און דאָס שטיקל וווּרשט ניט גערירט, האָט ער געמאַכט אַ מינע פֿון באַליידיקונג:

— זעט נאָר, פֿאַרוואָס זשע האָט איר ניט אָפּגעגעסן? קיין טיי האָט איר ניט געוואָלט... ברויט אויך ניט... וווּרשט... יאָ, ווייסט איר וואָס, אָט ליגט דאָס מעסער, עפּשער ווילט איר אָפּשנײַדן אַ שטיקל און מיט זיך נעמען?.. אין צוג וועט איר קענען באַשטעלן טיי... אין די צוגן גיט מען איצט טיי די פּאַסאַזשירן...

— אַ גרויסן דאַנק, פּראָפֿעסאָר, פֿאַר אײַער גוט האַרץ. נאָר מיר ווייסן, וואָס מע גיט די פּאַסאַזשירן אין וועג. זאָרגט זיך ניט פֿאַר אונדז... מירן זיך אונדזער שטעטל באַשטיין...

און פּעסיע האָט גענומען די זאַכן אין ביידע הענט, אַ ווונק געטאָן צו דעם אַנטוישטן מיידעלע און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

— אַ שאָד, וואָס איר פֿאָרט אַזוי גיך אַוועק פֿון אונדז... — האָט ער געזאָגט, — איך וועל אָנשרײַבן יעליזאַוועטע סאָלאָוונען, האָט ניט קיין פֿאַריבל, אויב עס איז געווען עפּעס ניט אַזוי... איר זעט דאָך, דער פּאַרקעט איז אָנגעשמירט און איך האָב אײַך אַפֿילע ניט געקאָנט באַווײַזן אונדזערע צימערן... אױף צוריקוועגס זאָלט איר אומבאַדינגט צו אונדז אַרײַנפֿאָרן... אַפֿילע אױף אַ גאַנצן טאָג, אָדער אױף צוויי... אַ גוטן וועג אײַך... אַדיע! זעט, איר זאָלט, כאָלילע, ניט פֿאַרלירן די טאַלאָנטשיקעס אױפֿן מעטראָ...

פּעסיע האָט ניט געזען, ווי זי האָט זיך דערקליבן צו דער טיר. די אויגן זײַנען באַ איר געווען פֿאַרנעפּלט. דאָס האַרץ האָט געוויינט אין איר. ס'איז איר געווען אַ ביזע־ביזאָיען פֿאַר זיך, פֿאַר דער טאָכטער. עס האָט זיך עפּעס ניט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס איז ניט געווען קיין בייזער כאָלעם.

פֿאַרקערעוועט צו דער ברייטער גאַס, האָט זי אַ זוך געטאָן אױף די שילדן, ווו עס געפֿינט זיך אַ סטאָלאָווקע און פֿאַרקערעוועט אַהין. זי האָט געדאַרפֿט אָנהאָדעווען דאָס קינד און וואָס גיכער זיך דערקלײַבן צו דעם קיעווער וואָקזאַל.

און אין דער מינוט איז בערנאַרד בענעדיקטאָוויטש, אַ צופֿרידענער, וואָס ער האָט זיך אַזוי גיך און לײַטיש אָפּגעפּטערט מיט די אומגעבעטענע געסט, אַוועקגעגאַן אין קיך, אַ קוק געטאָן אױפֿן טישל, ווו עס איז געלעגן ניט גערירט דאָס האַלבע ברויטל און דאָס שטיקל פֿאַרטריקנטע וווּרשט, האָט ער דערזען באַנאַנד די פּאָר טאַלאָנטשיקעס, וועלכע ער האָט געגעבן יעליזאַוועטע סאָלאָוונעס מוטער, מע זאָל זי אַרײַנלאָזן אין מעטראָ... ער האָט זיי פֿאַרזיכטיק גענומען, אַקוראַט אַרײַנגעלייגט צוריק אין טײַסטער און אַ טראַכט געטאָן, אַז ער דאַרף מאָרגן פֿאָרן אין אינסטיטוט צו זײַנע געהויבענע קאָלעגן און סטודענטן, וועט ער ניט דאַרפֿן קויפֿן קיין נײַע בילעטן.

סאָף קומט

מײַן טאַטנס שטוב

ניט בלויז...

גװוען איז מער,
װי שװער,
גװוען
טויט־קאַלט.
װער באַהאַלט?
גװוען אויך הייס
ביז שוױיס.
אויך פּײַן
געשװאַרצט צומאָל עס האָט מײַן זײַן —
דאָך איך
ניט בלויז פאַר ברויט און זאַלץ
פלעג אָפּגעבן דיר ערלעך אַלץ.

מײַן באַגער

עס שטייט דײַן טאַטנס דירע שטאָלץ און פעסט,
שטענדיק גרייט איז זי באַגעגענען די געסט.

װען כאַפּסט אַ קלאַפּ, צי ס׳ליגט אַ שאָטן זיך
אויף דיר,
צו איר דו קומסט — און אָפן איז די טיר,
באַװאָרנט ביסט, אָן ספּייקעס גוט דו װייסט:
באַקומען װעסטו דאָרטן גלײַך אַ טרייסט.

מײַן שוירעש פון דער ערד איז אָפּגעװישט —
פּרוּװ זיך מאַטריִען זײַן און טרויער נישט,
ניט קימער זיך.

דעם טאַטנס אָװעס־הויז,
װי אַ מאַטאָנע כאַלעמט זיך מיר בלויז.
כ׳פאַרגעס צומאָל שוין, װוּ זי איז געװען,
און װיאַזוי איר כורבן איז געשען.

די קינדער און די אייניקלעך,
איך װיל,
ניט פילן זאָלן קיינמאָל, װאָס איך פיל,
זייער טאַטנס שטוב און זייער נעסט
זאָל װי דײַן טאַטנס דירע
גליקלעך זײַן און פעסט.

געפרוירענע פּיירעס

װאָרעם איז הײַנט.
די זון
לעקט מיט איר לאַנגער צונג
דעם בוים,
װאָס עטװאָס צעטומלט שטייט.

װאָלט זי נעכטן געשײַנט
אַזױװי איצט יונג...
זי איז ניט שולדיק,
יעדערער פאַרשטייט.

א פראָסט איז געווען —
האַלבנאַכט אומגעריכט אונדז געפּאַקט.
ס'טוט מיר אוואדע באַנג
מיט די אייגענע אויגן זען
דעם יאָך פון יענעם פּסאַק,
פון יענעם ניטגוטן געשאַנק.

הענגען שטיל
עפּל געפרוירענע הי
אַף צווייַגן געבויגענע שווער.
שרייַען דער בוים וויל:
פאַרפאַלן זייַן מי.
ווער וועט אים לייַען א קאָל?
ווער?

א מאָדנער געדאַנק

ס'האָט הייַנט א ביסעלע געועגנט.
ציגייַנער האָבן מיר באַגעגנט
אין אונדזער מאָסקווער געגנט.

ניט אַף קיין בויד, ניט אַף קיין פראָסטן וואָגן,
צופוס זיי גייען און אַף זיך זיי טראָגן
די בעבעכעס, וואָס זיי פאַרמאָגן.

אַזא מין גורל איז זיי שוין געגעבן:
זייַן נאַוונאַד דאָס גאַנצע לעבן.
איבער זיי אין הימל וואָלקנס שוועבן.

אויך איבער אונדז אָט יענע כמאַרעס יאָגן,
שוואַרצע, שווערע, שוואַנגערע — פאַרמאָגן
האָגלען אַף צו שמייַסן און צו צוואָגן.

מיר טראָגן ניט אַף זיך קיין שווערע זאַכן —
לייַכט צו גיין און א פּריוואַל צו מאַכן,
אָטעמען און זינגען, אָדער לאַכן.

געדאַנקען מאָדנע אינעם וועג פאַרפּלייצן:
נעם דאָס באַם לעבן בלויז, — מייַן אייצע, —
וואָס קאָן אַרייַנקריכן אין זעקל אַף דער פּלייצע.

די צווייטע סיבע

ס'וועט מיר פאַרפּאַסן ניט געלונגען
די ליד, וואָס קאָן אין דוירעס קלינגען,
וואָס מאַמעס באַ די וויגן זינגען,
אַזא, וואָס זאָל ביז מייַן לעווייַע
און נאָכדעם פריש זייַן, ווי א נייַע.
ווער ווייסט, ווו ווערטער באָרגן רייַפע?
ווער ווייסט, ווו פערזן זוכן שטייַפע? —
מיך אונטערדריקן די געדאַנקען.

נאָר א פּאָעט איך בין א סוואָרע:
ס'טוט ווי דאָס האַרץ פון יעדנס צאָרע,
קיין פרעמדע פּייַן כ'קאָן ניט פאַרבייַגיין,
און יעדע בייזקייַט איז מייַן דייַגע...
די צווייטע סיבע — אויך א קלאָרע —
פאַראַן:
דאָס האַרץ מייַנס פּאָשעט קראַנק איז.

דער זייכער

בלומען כ'פלעג איר מיט א צוגאָב שענקען —
צווישן זיי א ליד מייַנע פאַרהילן,
לייענען זי זאָל און פאַרגעדענקען
מייַנע אומבאַשיצבאַרע געפילן.

זי — געליבט די פאַרבן פון די קווייטן,
געטלעך פלעגן זיי קעסיידער שמעקן.
דאַך געהייסן, ווי ס'זאָל מיר ניט ווי טאָן,
אַלץ, וואָס כ'האָב געשריבן, גלייַך פאַרמעקן:
אין דער ליד איז שווער דעם רייעך שפּירן,

וואָסערדיק זי איז און אָן קאָלירן...
ניט די ווערטער, בלויז דער שמייכל אירער
איז געגנוג, פון זין אַראָפּצופירן.

יונגע יאָרן זייַנען אומגעקומען,
ס'האָט די צייַט די הויט פון זיי געשינדן.
שוין ניטאָ קיין זייכער פון די בלומען,
לידער אָבער אין זיקאָרן שווינדלען —
יענע, וואָס זי האָט אַמאָל פאַרטריבן,
יענע, וואָס איך האָב פאַר איר געשריבן.

א ייִדע זאָל ער ווערן

עס קאָן א סאַך מײַן אייניק,
אַף אַלץ איז ער א מאַזיק,
כאָטש אַלט ער איז נאָך ווייניק —
אוי, זאָל ער האָבן מאַזל.

אָך, איז ער א בעריע —
א מומכע און א מײַסטער,
אים זײַן מאַשינעריע
מונטערט און באַגײַסטערט.

איבער בערג און טאָלן,
אינעם שטויב פון טראַקטן
אַף באַראַזנעס די שמאָלע
הודיען זײַנע טראַקטאָרס.

אין די יאַמען טיפֿע,
איבער הויכע וועלן
שווימען זײַנע שיפֿן
שנייוויַיסע און שנעלע —

ס קאַכט און שוימט דאָס וואַסער
אין די שטראָמען קילע.
זײַנע — אַף די גאַסן
לײַכט-אויטאָמאָבילן.

טאָמער מוז איך פאָרן
אַף דער ארבעט דרינגענד
און איך שטיי פאַרלאָרן
דעמלט ברענגט מײַן יינגל —
דער געניטער יורעש —
מיר א וועטאַליאַטל

און באַפּוילט:
— אָן מוירע
זעץ זיך אינעם „זאַטל”...

ס׳קאָן א סאַך מײַן אייניק:
מײַסעס אויסנווייניק,
שוועבן אין די רוימען,
ווילדע טײַכן צוימען.

כ׳נעם אים אפֿן אקסל,
א קליינינטשקן און שטײַפֿן.
זאָל ער גליקלעך וואַקסן,
זאָל ער פריידיק רײַפֿן.

ס׳האַרץ געדולדיק צאַפּלט,
כ׳האָב אין וועג באַגערן
ביזוואַנען וואָס א קאַפּל:
ווען כ׳וועל אַמאָל ניט ווערן,
פון געגנעם טיף, אפּאַנעם,
כאָטש בעסער — פון גאַניידן,
דערזען איך וויל אים קאָנען
אַן אַלטן-אַלטן ייִדן,
מיט א באָרד א גרויער,
גרויסאַרטיקער און גרײַזער.

א ווונק טאָן אים אָן טרויער
כ׳וואָלט וועלן דאַן באַווײַזן.

און נאָכדעם ווײַטער וועבן
פון אייביקײַט דעם כאַלעם:
א ייִדעו!
ס׳הייסט — זײַן לעבן
איז דורכגעגאַן אין שאַלעם...

נאָטע לוריע

טעג און יאָרן

(אויטאָביִאָגראַפֿישע נאָטיצן)

6

אונטער דעם פֿרײַנטלעכן ווײַסרוסישן הימל

אין אַ שײנעם זוניקן אינדערפֿרי פֿונעם כּודעש יון 1922 בין איך, זיצנדיק מיטן טאָרבעלע אײַנגענורעט אויפֿן דאַך פֿון אַ צעקאָליעטשעטן געוועזענעם פּאַסאַזשיר־וואַגאָן, אָנגעקומען נאָך מײַן וואַנדערן אָן אַ בילעט און אָן אַ גראָשן געלט קיין מינסק, ווו עס האָט געוווינט מײַן טאַטנס עלטערער ברודער.

אויף דער שילד פֿון דער הויכער וואָקזאַל־געבײַדע איז מיט גרויסע אויסיִעס געווען אָנגעמאָלט דער נאָמען פֿון דער שטאָט אויף פֿיר שפּראַכן: ווײַסרוסיש, רוסיש, ייִדיש און פּויליש.

איך בין אַ פֿאַרשטויבטער אַראָפּגעקראָכן פֿונעם דאַך, לעבן וואָקזאַל זיך אײַנגעוואַשן, אויסגעפֿילעט דאָס צעקנייטשטע העמדל, פֿאַריכט אויפֿן קאָפּ דאָס אויסגעריבענע קאַרטוזל מיטן צעשפּאָלטענעם דאַשעק, און, אָן אָפּגעשוואַכטער, אַ הונגעריקער, פּאַמעלעך אַוועקגעשפּאַנט איבער דער אומבאַקאַנטער שטאָט אָפּזוכן די גאַס און דאָס הויז, ווו עס וווינט דער פֿעטער יאַנקעוו.

וועגן דעם פֿעטער האָב איך זיך פֿיל אָנגעהערט, נאָר קיינמאָל אים ניט געזען. איך האָב געוווּסט, אַז ער לײַדט פֿון פֿאַרשיידענע שוואַכקײַטן, אַז נאָך ייִנגלווײַז איז ער געווען אַ גרויסער מאַסמיד און שוין צו אַכצן יאָר באַקומען סמיכעס אויף ראַבאָנעס.

איך האָב היפּש זיך אַרומגעדרייט איבער די קרומלעכע געפּלאָנטערטע גאַסן און געסלעך מיט קאָלערליי קלייטן און קלייטלעך, פֿיל פֿון זיי באַהאַנגען מיט שילדן, אָנגעמאָלטע אין ייִדיש, ביז איך האָב אָפּגעזוכט אויף אַ שמאָל געמיין געסל דאָס הילצערנע נידעריקע הויז, ווו עס האָט געוווינט דער פֿעטער. פֿון דרויסן אונטערן אָפֿענעם הימל האָט געפֿירט צו אים אויפֿן צווייטן שטאָק אַ ברייטער פֿאַנאַנדערגעשאָקלטער לייטער. ווען כ׳האָב זיך אויפֿגעהויבן אויף די אונטערציטערנדיקע קרעכצנדיקע טרעפּלעך, איז מיר באַפֿאַלן אַן אומרויִקער געדאַנק, אַז מע וועט עפּשער גאָר ניט זײַן צופֿרידן, וואָס איך בין געקומען. אַ ווײַלע האָב איך זיך פֿאַרהאַלטן לעבן דער שמאָלער אָפּגעקראָכענער טיר, עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און מיט ניט זיכערע טריט אַריבערגעטראָטן די שוועל.

אין דעם נידעריקן, אויסגעקלעפּטן מיט אָפּגעבליאַקעוועטע טאַפּעטן, צימער איז געזעסן בײַ אַ געדעקטן טיש אויבנאָן אַ בלייכער, אַ קרענקלעכער, אין אַ טונקעלער יאַרמעלקע קענטיק דער פֿעטער רעב יאַנקעוו, אַרום אים — זײַנע דרײַ דערוואַקסענע זין, אַלע אין היטלען, און צוויי יונגע מיידלעך מיט ווײַסינקע טיכלעך אויף די קעפּ.

דערזען מיך שטיין בײַ דער טיר, האָט דער פֿעטער, פֿאַרהוסטנדיק זיך, שטיל אַ זאָג געטאָן:

— עטל, גיב עפּעס־וואָס דעם ייִנגל.

פֿאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 1 און נומ. 8, 1986, נומ. 1 און 10, 1987.

זײַן טאָכטער, א שלאַנק מיידל אין מײַן עלטער, האָט גענומען א שטיקל פּלאַדן פֿונעם טיש און זיך געלאָזט גיין מיט דעם צו מיר. אַף וואָס־וואָס, נאָר אַף אזא באַגעגעניש מיט די קרויווים האָב איך זיך ניט געריכט. זיי האָבן מיך אָנגענומען פֿאַר א בעטלער. איך האָב זיך שטאַרק פֿאַרלוירן, און ניט זײַענדיק אימשטאַנד אויסריידן א וואָרט, מיט די אָפּגעשוואָכטע פֿינגער ארויסבאַקומען פֿון דער שמאָלער קעשענע דעם טאַטנס בריוועלע און איבערגעגעבן דעם פֿעטער.

— ס'איז דאָך וויסט איר ווער? ס'איז דאָך מענאַכעם־מאַנדלס זינדל, — האָט דער פֿעטער, איבערלייענענדיק דאָס בריוועלע און באַקוקנדיק מיך, זיך אָנגערופֿן, — וואָס זשע שטייסטו לעבן דער טיר, באַרעכהאַבאָ, קום, קום ארײַן...

מײַנע שוועסטערקינדער, די באָכערים און די מיידלעך, האָבן זיך אופֿגעהויבן פֿונעם טיש, מיך ארומגערינגלט, פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿראַגן, און צופֿרידענע, וואָס איך האָב נאָך אזא לאַנגן און שווערן וועג בעשאָלעם זיך דערקליבן צו זיי, מיך אוועקגעזעצט, באַלד ווי איך האָב זיך ארומגעוואַשן, צום טיש. מע האָט מיך אָנגעהאָדעוועט מיט מײַכאָלים, וועלכע איך האָב שוין זייער לאַנג אין מויל ניט געהאַט, און אָנגעזאָגט, איך זאָל זיך פֿילן, ווי בא זיך אינדערהיים.

געלעבט האָט דער פֿעטער מיט דער מישפּאָכע גאַנץ פֿײַן. אַלע באָכערים האָבן געאַרבעט — דער ייִנגסטער, בערל, אַלס דערציִער אין א ייִדישן קינדערהיים, דער מיטלסטער, מוישע־מייער, אַלס כעזשבנפֿירער בא דער קעהילע, דער עלטסטער, דער דרײַ־און־צוואַנציקיאָריקער בענציִען — א לערער אין א ייִדישער אָנפֿאַנג־שול.

ניט געקוקט אַף דעם, וואָס מע האָט מיך גוט, זייער גאַסטפֿרײַנטלעך אופֿגענומען, האָט זיך מיר זייער ניט געוואָלט זיצן אַפֿילע קיין איין טאָג אַף די קרויווימס קעסט. אַף מאָרגן שוין, ווען די שוועסטערקינדער זײַנען זיך צעגאַנגען, די באָכערים אַף דער אַרבעט, די מיידלעך אין מאַרק, און דער פֿעטער איז געזעסן בא זיך אין דעם ענגן אַלקערל איבער א סייפֿער, בין איך שטילערהייט ארויס און זיך געלאָזט גיין איבער די גאַסן און געסלעך, באַהאַנגענע מיט שילדן אַף ייִדיש, לאַנג ארומגעבלאָנקעט, געזוכט, ווו קאָן מען זיך ערגעץ אָנדינגען, געפֿינען א וועלכע־ס'איז אַרבעט.

די דײַגע וועגן קריגן עפּעס אַן אַרבעט, פֿאַרדינען כאָטש א ביסל אַף דער הויצאָע האָט מיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער געדרופּעט. איך האָב געהאַט נאָך א דײַגע: אָנשרײַבן אַהיים כאָטש עטלעכע ווערטער, צו וויסן געבן וועגן זיך. צוליב דעם האָב איך געדאַרפֿט האָבן א קאָנווערט מיט א מאַרקע אָדער א קאַרטל. א קאַרטל האָט געקאָסט דרײַ קאָפּיקעס. און איך האָב קיין גראָשן ניט געהאַט. בעטן בא די קרויווים האָב איך ניט געוואַגט, זיך געשעמט.

אין איינעם אַן אינדערפֿרי, ווען אַלע האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן און זײַנען זיך צעגאַנגען, האָט מײַן שוועסטערקינד עטל נאָך דעם, ווי איך האָב צונויפֿגעלייגט די טפֿילן, אוועקגעשטעלט אַפֿן טיש מיר א טעלער מיט הייסע בולבעס, א שעלכל מיט פּוטער און א פֿעטן הערינג. עטל איז באַלד אוועק. דער פֿעטער איז געווען, ווי שטענדיק, בא זיך אין אַלקערל. איך בין פֿאַרבליבן אין צימער אַליין, און ס'איז מיר אופֿגעקומען מיטאָמאָל א געדאַנק פֿאַרהאַנדלען דעם זייער פֿײַנעם הערינג. דרײַ קאָפּיקעס וועט מען פֿאַר אים געבן, און פֿאַר אָט געלט וועל איך קאָנען קויפֿן א קאַרטל.

די קאַרטאָפֿל מיטן פּוטער האָב איך אופֿגעגעסן, דעם הערינג אײַנגעוויקלט אין א פּאַפּיר און אוועק מיט דעם אַפֿן מאַרק, וועלכער האָט זיך געפֿונען גאַנץ ווײַט, לעבן דעם קוידענעווער וואָקזאַל. איך האָב דאָרט לאַנג זיך ארומגעדרייט מיטן הערינג, ביז איך האָב געטראָפֿן א קוינע און פֿאַרהאַנדלט דעם הערינג פֿאַר דרײַ קאָפּיקעס. מער האָב איך ניט געבעטן. מיט די דרײַ קאָפּיקעס בין איך אוועק אַפֿן וואָקזאַל, געקויפֿט א קאַרטל און דאָרט גלײַך אַפֿן אָרט אָנגעשריבן אַהיים, צו וויסן געגעבן, אַז איך בין בעשאָלעם געקומען קיין מינסק צום פֿעטער. אַז מע האָט מיך זייער גוט אופֿגענומען און אַז דאָ ווייסט מען ניט פֿון קיין שום הונגער.

אַן אופֿגעלייגטער פֿון דעם, וואָס איך האָב אוועקגעשיקט דאָס קאַרטל אַהיים, בין איך ארויס פֿונעם וואָקזאַל, פֿאַרקערעוועט אַף דער גאַס, ווו עס וווינט דער פֿעטער, נאָר דערזען, ווי אַן עלטערער גראָוולעכער פּויער אין לאַפּטיעס מאַטערט זיך לעבן אַן אָנגעלאָדן וועגעלע, קאָן עס ניט ארויסשלעפּן פֿון א קאַנאַווקע, אין וועלכער עס האָט פֿאַרהריזניעט. איך בין צוגעגאַנגען, געהאָלפֿן אים ארויסשלעפּן דאָס גאַנץ שווערע וועגעלע און פֿאַרייִנס שוין אויך צונויפֿקלײַבן די קאַרטאָפֿל, וועלכע האָבן זיך אויסגעשאָטן פֿון די זעקלעך. א צופֿרידענער, וואָס איך האָב אים געהאָלפֿן, האָט דער פּויער זיך פֿאַנאַנדערגערעדט מיט מיר. זיך דערוווּסט, אַז איך בין געקומען פֿונעם הונגעריקן קאַנט און וויל זיך אָנדינגען אַף וועלכער־ס'איז אַרבעט, האָט ער מיר פֿאָרגעלייגט, איך זאָל גיין צו אים פּאַשען די קעלבלעך, העלפֿן אין דער ווירטשאַפֿט, ער וועט מיך באַזאָרגן מיט כאַרטש, מיט לאַפּטיעס, מיט אַלעם נייטיקן. געצייטעט טאַקע באַלד, ווי ער וועט פֿאַרקויפֿן די קאַרטאָפֿל, גיין צו אים אַפֿן כוטער. גיין גלײַך האָב איך ניט געקאָנט — געדאַרפֿט דאָך צו וויסן געבן וועגן זיך די קרויווים. אָפּגערעדט מיט אים, אַז איך וועל קומען מאָרגן.

דער פויער האָט מיר דערקלערט, וויִאזוי איך זאָל טרעפן צו אים. מע דאַרף אריבערגיין די בריק לעבן וואָקזאַל, פארקערעווען מיט דער קרומלעכן געסל אַף רעכטס, פארבײַגיין איין כוטערל, וועלכער געפינט זיך אַף א בערגל, א צווייט כוטערל נאָך דער באַלקע, און דאָס דריטע כוטערל, אויך אַף א בערגל, איז זײַנס.

אַז אופגעלעבטער, האָב איך זיך אומגעקערט צום פעטער, ווען אַלע זײַנען שוין געווען אין שטוב, געגעסן מיטיק, און מיט פרייד דערציילט, אַז איך האָב שוין זיך אײַנגעאָרדנט אַף ארבעט.

— אַף וואָס פאַר אַן ארבעט? — האָט בענציִען, דער לערער פון דער ייִדישער אָנפאַנג־שול, געפרעגט.

— בא א פויער, — האָב איך מיט א גרינג האַרץ געענטפערט.

— בא א פויער? — ער האָט פארווונדערט מיך אָנגעקוקט. — וואָס וועסטו טאָן בא אים?

— פּאַשען די קעלבלעך, העלפן באַארבעטן די ערד, — האָב איך מיט צופרידנקײַט געענטפערט.

— אויב אַזוי, אויב דו ווילסט בעעמעס ארבעטן אַפן פעלד, באַארבעטן די ערד, — האָט בענציִען זיך אָנגערופן, — קאָן איך דיר העלפן זיך אײַנאָרדענען אַף דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פערמע „קוראַסאָווטשינאַ“. די פערמע איז א גוטע, א מוסטערהאַפטע, און זי געפינט זיך נאָענט, זיבן ווערסט פונעם קוידענעווער וואָקזאַל. אַף דער פערמע וועט מען דיך באַזאָרגן מיט אַלץ, און דו וועסט קאָנען דאָרט זיך עפּעס אויסלערנען...

בענציִען האָט מיר געײַצעט מאָרגן אינדערפרי קומען אין דער ייִדישער סעקציע פונעם ביל־דונגס־אָפּטייל, ער וועט דאָרט זײַן און וועט וואַרטן אַף מיר.

ווען איך בין פּינקטלעך צען אַזייגער געקומען אַהין, האָב איך אים שוין דאָרט געטראָפן. ער האָט זיך דורכגערעדט מיט די מיטארבעטער און געהאָלפן מיר באַקומען גלײַך אַפן אָרט אַן אָפיציעלע אָנווײַזונג דעם פארוואַלטער פון „קוראַסאָווטשינאַ“, מע זאָל מיך פארעכענען פאַר א פער־מעניק.

דעם זעלבן טאָג בין איך אַוועק מיט דעם ברייט אויסגעפּאָרענעם וועג, וועלכער האָט זיך גע־שלענגלט צווישן צעבליטע קלעווער־פעלדער, דורך באַגרינטע באַלקעס און בערגלעך, קיין „קוראַ־סאָווטשינאַ“, און שוין פארבליבן דאָרט ארבעטן.

ווי קומט עס, אַז לעבן דער שטאָט מינסק זאָל זײַן אַזא ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמע?

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז די פערמע איז געשאַפן געוואָרן נאָך מיט היפּש יאָרן צוריק אַלס א מוסטערהאַפטע אַגראָנאָמישע שול פאַרן ייִדישן פויערטום, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט, אופגעקומען אַלץ מער און מער אין ווײַסרוסלאַנד.

א ייִדישע פויערטום איז שוין דעמאָלט אויך געווען אין אַנדערע קאַנטן, באַזונדערס אַף אוקראַיִנע.

אין דעם צווייטן באַנד „פונעם יאַריד“ שרײַבט שאָלעם־אַליכעם: „עס איז שווער זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר א ווענדונג וואָלט אָנגענומען די היסטאָריע פונעם ייִדישן פאָלק און וואָס פאַר א ראָליע מיר וואָלטן געשפּילט אין דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן פונעם לאַנד, ווען ניט די געוויסע „ווערעמענע פּראַווילעס“, וואָס דער מיניסטער איגנאַטיעוו האָט אָנגעכמאַרעט אַף די ייִדן, אַז זיי זאָלן ניט טאָרן זיצן אין די דערפער און ניט קויפן און ניט דינגען קיין ערד אַף צו באַארבעטן. איך זאָג עס דערפאַר, ווײַל אַזעלכע פעלד־באַלעבאַטים, ווי דער אַלטער לאָיעוו, זײַנען אין יענע געגנטן, ווי אויך אין אַנדערע פון דער געבענטשטער „טשערטאַ“, געווען ניט קיין זעלטנהײַט. באָהוסלאַוועו, קאַניעווער, שפּאָלער, רזשעווער, טאַראַשטשער, זלאַטאָפּאָליער, אומאַניער און נאָך א סאַך אַנדערע ייִדן האָבן זיך א לאָז געגעבן פון די קליינע שטעטלעך אין דאָרף אַרײַן, אָפּגעדונגען גרויסע און קליינע פּאָסעסיעס, גענומען אין דער אַרענדע פּריצישע פּאָלוואַרקעס, באַוויזן וווּנדער, געמאַכט פון שלעכטער ערד, פון פאַרלאָזענע כורוועס אַן עמעסן גאַניידן. דאָס איז ניט קיין איבערטרײַבונג, קיין גוזמע־זאַך“.

שאָלעם־אַליכעם באַשרײַבט, ווי לאָיעוו האָט ליב געהאַט און אָפּגעגעבן זיך אינגאַנצן צו פעלד־ארבעט: „עס איז ווערט געווען אָנצוקוקן אים אין א פרימאָרגן, אָנגעטאָן אין הויכע גלאַנצנדיקע באָטפאָרטן און אין א קורץ סאַמעטענעם רעקל ביז די קני, שטיין אַפן טויק בא דער דרעשמאַשין... און וואַרפן די סנאָפּעס אין קאַסטן אַרײַן, אָדער דרייען די „ווייעלקע“, אָדער וואַרפן מיט דער „רע־שעטע“. אומעטום איז ער געווען אַליין: באַם אַקערן, באַם זייען, באַם פּאָליען, באַם גראָבן, באַם שנײַדן, באַם אַרײַנפירן און ארויספירן די טוווּע, בא די פערד, בא די אָקסן, — אומעטום אַליין“. לאָיעוו, ווי שאָלעם־אַליכעם דריקט זיך אויס, איז געווען „אַן עמעסער פעלד־ארבעטער“. די פויערים האָבן „אָפנטלעך ארויסגעזאָגט, אַז בא דעם ייִדן דאַרף מען זיך גיין לערנען, ווי צו פירן די באַלע־באַטישקײַט, ווי צו באַארבעטן די ערד אַפן בעסטן שטייגער...“

די פערמע „קוראַסאָווטשינאַ“ איז געווען פאַר די ייִדישע פויערים אַזא שול. קרעפּטיקע, לעבנס־לוסטיקע יונגען פון פארשיידענע ייִדישע דערפער האָבן זיך געלערנט דאָ בא דעם גענייטן אַגראָנאָם כאַיִם ליובאָשיצן, ווי צו באַארבעטן די ערד אַפן בעסטן שטייגער מיט אַט די עטלעכע און דרײַסיק

פּערמעניקעס (אַזוי האָט מען אָנגערופן די יונגע ערדאַרבעטער) האָב איך גיך זיך באַפרײַנדעט. צוזאַמען מיט זיי באַאַרבעט די אַרומגערינגלטע מיט בערעזע און סאָסנע־וועלדלעך פעלדער, די קאַרטאָפל־און ברוקווע־גערטנער, דעם ראַכוועסדיקן סאָד מיט די ווײַניק־שמעקנדיקע אַנטאָנאָווער עפּל, צוזאַמען געמאָלקן די צוואַנציק פּאַראַדיסטע בעהיימעס, געבאָדן און געפּאַשעט די גרויסאַרטיקע בולאַנע און גניאַדע פערד...

געוווינט האָבן מיר, די עלטערע און דרײַסיק פּערמעניקעס, אַלע אין אַ גרויסן געדיכט־אַרומגעשטעלטן מיט קאַיקעס צימער אַפן צווייטן שטאָק פון דער צענטראַלער רויטגעמויערטער געבײַדע. אַפן ערשטן שטאָק איז געווען אַן אויסגעשטאַטער צימער פאַר די לימודים. אויבנאָן צווישן די צוויי הויכע פענצטער, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט אין פעלד, איז געהאָנגען אין אַ פײַנער ראַם לענינס פּאָרטרעט.

די לימודים האָט געפירט דרײַ מאָל אין וואָך צו צוויי שאָ אין אָוונט דער שטרענגער אַגראָנאָם און דרײַ מאָל אין וואָך דער גוטמוטיקער לערער פון דער מינסקער יידישער מיטלשול נאָוואָגרודסקי, וועלכן מע פלעגט ברענגען ספּעציעל פון דער שטאָט.

אַפן ברייטן, אַרומגערינגלטן פון אַלע זײַטן מיט בערעזעס, הויף זײַנען געווען קאַלערליי אַמבאַרן, שפּײַכלערס, שײַערן מיט טווע, טיפע קעלערס מיט גאָרטנוואַרג, מיט פּרוכט, מיט אַנדערן האָב־און־גוטס.

עטוואָס אין אַ זײַט, לעבן דער שטענדיק גרינער סאָסנע־אַלייע, זײַנען אין אַן איינשטאָקיקער הילצערנער געבײַדע געווען די קיך און דער עסצימער. די פּולבלעכע געמיטלעכע קעכן בראַכע עליע־וויגדערס (דער שוין ניט יונגער, זייער געלאַסענער עליע־וויגדער איז געווען דאָ דער פּיציכטלער) האָט אונדז געהאָדעוועט מיט קאַלערליי געשמאַקע מײַכאָלים. געהאָדעוועט צוזאַט. אויסער דעם, פלעג אַפן טיש שטענדיק זײַן פריש ברויט, שיסלען מיט סמעטענע, קריגלעך מיט מילך. עסט און טרינקט, וויפל עס גלוסט זיך.

איך האָב זיך געפילט, ווי אין גאַניידן. מיט פאַרגעניגן געאַרבעט אין פעלד, אַף די גערטנער, אין סאָד. צום האַרצן זײַנען מיר געווען די אויסטערליש שיינע לאַנדשאַפטן, די וועלדלעך אַף די דערבײַיִקע בערגלעך, דאָס שטיל פליסנדיקע זויבער טײַכל לעבן דער קלעווער־לאָנקע. דאָס האָט געפרייט. נאָר איינס האָט מיך געערגערט. איך האָב שטיל אין זיך איבערגעלעבט, וואָס די ווילדע דאָרפישע יאַטן, די האָרעפּאַשנע קאָמיוגיסטן זײַנען איבערצײַגטע אַפּיקאָרסים, היטן ניט אָפּ די יידישע מינהאָגים, דאַווענען ניט...

איך האָב געדאַוונט. יעדן טאָג. געדאַוונט בישטיקע. גאַנצפרי, פאַרן זון־אויפגאַנג פלעג איך אינדערשטיל זיך גיך אָנטאָן, גלײַך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער[1], אָפּגעזאָגט מודה אני לפנך[2] און אַוועקגעלאָפן צום דערבײַיִקן וועלדל און דאָרט צווישן די ברייט צעצווײַגטע ביימער, שטייענדיק מיטן פּאָנעם צו מיזרעך־זײַט, געדאַוונט שחרית[3]. בײַ יעדער מינדסטער מעגלעכקײַט האָב איך זיך געסטאַרעט אָפּהיטן די מינהאָגים, וועלכע זײַנען שטענדיק אָפּגעהיט געווען בײַ אונדז אין דער מישפּאָכע. פאַרן עסן האָב איך אויך דאָ געוואַשן די הענט, שטיל אין זיך געמאַכט אַ בראָכע המוציא לחם מן הארץ[4], נאָכדעם גענומען עסן. ווען איך פלעג אָפּעסן, פלעג איך אויך מאַכן אַ בראָכע, געבענטשט, געדאַנקט פאַר דער שפּײַז, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן. בײַנאַכט, לייגנדיק זיך שלאָפן, האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וועכעזשבן, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן פאַרן טאָג, עפּשער דערלאָזט אַ פעלער, עפּשער דאַרף איך עפּעס פאַריכטן. קעדײַ די כעוורע, וועלכע זײַנען געשלאָפן נאָענט לעבן מיר, זאָלן ניט הערן, האָב איך אינדערשטיל געשעפּטשעט, געלייענט קריאת שמע[5].

פון מײַנע שוועסטערקינדער אין מינסק, צו וועמען איך פלעג פון מאָל צו מאָל, זײַענדיק אין שטאָט, אַרײַנקומען, האָב איך זיך דערוווסט, ווען איז טישעבאָוו, ווען יאָמקיפּער. איך האָב דעמלט געפאַסט.

די פּערמע האָט זיך געפונען ניט ווײַט פון דער גרענעץ מיטן שליאַכטישן פּוילן. די סאָנים פונעם לענין־לאַנד האָבן דעמלט פאַרשפּרייט אַ פאַלשן בריוו פון דעם קאָמינטערן, אָרגאַניזירט פאַרשיידענע פּראָוואָקאַציעס, געהעצט פּוילן קעגן דער יונגער סאָוועטישער מעלוכע. די פּילסודסקיקעס האָבן אַריבערגעוואָרפן איבער דער גרענעץ אַף אונדזער טעריטאָריע דיווערסאַנטן, אונטערגעצונדן אין האָמעל דעם לעדער־זאַוואָד, אין מאָזיר — די ניי־פאַבריק, אין אָרשע — דעם עלעוואַטאָר, נאָענט פון דער פּערמע אַוועקגעלאָזט מיטן פײַער גראָטענע קאָרן־פעלדער.

---

[1] נעגל־וואַסער — אַ וואַש טאָן די הענט. אָן נעגל־וואַסער טאָר מען גאָרנישט ניט טאָן, ניט אָנרירן זיך צו קיין שום עסנוואַרג, צום פּאָנעם.
[2] מודה אני לפנך — אַ דאַנקבאַרקײַט, וואָס די נעשאָמע האָט זיך אומגעקערט.
[3] שחרית — די אינדערפרי׳עדיקע טפילע.
[4] המוציא לחם מן הארץ — אַ דאַנק פאַרן ברויט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַף דער ערד.
[5] קריאת שמע — אַ געבעט, אַז מע זאָל אײַנשלאָפן ווערן בעשאָלעם און אופשטיין בעשאָלעם.

אין אַראָפּגעקומענער מיליטערמאַן פון מינסק האָט צונויפגעזאַמלט אַלע פּערמעניקעס און געשאַפן אַן אָטריאַד טשאָנאָווצעס[1]. אין צוזאַמענווינונג בײַ אונדז האָט מען אויפגעשטעלט אַ פּיראַמידע מיט צען ביקסן. דער אָרגאַנאָם כאַיִם ליובאַשיץ, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן קעגן די פּילסודטשיקעס, האָט אונדז מושטרירט, געלערנט, ווי אַזוי זיך באַגיין מיטן געווער. פּונקט ווי אַלע פונעם אָטריאַד, האָב איך לויט דער ריי באַוואַכט בײַנאַכט מיט אַן אָנגעלאָדענער ביקס אונדזערע אַמבאַרן, שײַערס, שפּײַכלערס. דאָ בין איך געוואָרן אַף אַזאַ אופן אַ טשאָנאָוועץ.

אַף דער פּערמע האָב איך צום ערשטן מאָל איבערגעלייענט אַ ביכל, אַ קינסטלערישע ווערק.

אין האַלושקעס, אין הוליײַפּאָליע זײַנען בײַ אונדז אין שטוב געווען פאַרשיידענע רעליגיִעזע ספאָרים־כומאָשים, טאַנאַכן, געמאָרעס. עפּעס אַנדערש איז ניט געווען. דער לערער נאָוואָגרודסקי האָט מיר געגעבן שאָלעם־אַליכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס״. לייענענדיק דאָס פּרעכטיקע ווערק, האָב איך געלאַכט און געוויינט (ווי גאָרקי האָט געשריבן שאָלעם־אַליכעמען), געהאַט גוואַלדיקן פאַרגעניגן און געבעטן דעם לערער ברענגען נאָך ביכער.

אַף איינעם אַ לימעד האָט נאָוואָגרודסקי פאָרגעלייגט יעדן איינעם פון אונדז אָנשרײַבן אַף איין זײַטל פון אַ העפט וועגן דעם לעבן אַף דער פּערמע. איך האָב עס גרינג אָנגעשריבן. דער לערער האָט די העפטן צוגענומען. אין אַ וואָך אַרום, אין אָוונט, האָט ער בעשאַסן לימעד מיט צופרידנקײַט געזאָגט, אַז אין דעם הײַנטיקן נומער פון דער מינסקער יִדישער קאָמיוגישער צײַטונג „יונגער אַרבעטער״ איז אָפּגעדרוקט מײַן שריפטלעכע אַרבעט אונטערן נאָמען „אַף די פעלדער״. איך בין די נאַכט ניט געשלאָפן. קוים דערלעבט, עס זאָל אָנהייבן שאַריִען אַף טאָג, אינדערגיך אָפּגעדאַוונט און צופוס אַוועקגעײַלט מיטן ברייט אָפּגעפּאָרענעם וועג קיין מינסק. די רעדאַקציע פון דער צײַטונג „יונגער אַרבעטער״ האָט זיך געפונען אין צענטער אַף דער קאָמסאָמאָלסקער גאַס. דערבײַ איז לעבן אָט דער געבײַדע אַף דער וואַנט אויסגעקלעפּט געווען די פרישע צײַטונג. מיט אַן אומרויִק האַרץ האָב איך באַלד דערזען דאָרט אין סאַמע מיט אַ קעפּל, אָפּגעדרוקט מיט גרויסע שוואַרצע אויסיִעס, „אַף די פעלדער״. אַ פאַרקישעפּטער, האָב איך זיך אײַנגעקוקט אין די דרײַצן אָפּגעדרוקטע שורעס מיטן אונטערשריפט „נאָטקע לוריע״. געלייענט עס, נאָכאַמאָל געלייענט און ווידער געלייענט. אײַנגעאָטעמט מיט פאַרגעניגן דעם שאַרפן גערוך פון דער טיפּאָגראַפישער פאַרב, וואָס האָט געטראָגן פון אָט די שורעס.

איך בין היפּש געשטאַנען דאָרט, נאָכדעם זיך געלאָזט גיין איבער די דערבײַיִקע צענטראַלע גאַסן, ווּ עס איז אויך געווען אויסגעקלעפּט דער „יונגער אַרבעטער״, און ווידער מיט באַוווּנדערונג געלייענט מײַן ערשט „ווערק״...

מיט אַ גוטן געפיל האָב איך זיך אומגעקערט אַף דער פּערמע. געאַרבעט, זיך געלערנט, געשריבן. אינגיכן האָט די צײַטונג „יונגער אַרבעטער״ אָפּגעדרוקט מײַן נאָטיץ „מיט דער ביקס אַף דער וואַך״, און נאָכדעם, עטוואָס שפּעטער, אַ גרעסער אַרטיקעלע „אונטער דעם פרײַנטלעכן ווײַסרוסישן הימל״.

נאָך די שמועסן, וועלכע דער אָרגאַנאָם און דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קעמערל כאַיִם ליובאַשיץ האָט מיט מיר געפירט אין מעשעך פון פיל כאַדאָשים, און נאָך דעם, ווי איך האָב זיך אָנגעלייענט מיט וויסנשאַפטלעכע בראָשורן, בין איך, אַרבעטנדיק שוין העכער אַ יאָר אַף דער פּערמע, אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג, געוואָרן אַן אַקטיווער קאָמיוגיסט.

בעשאַס עס פלעגט מיר אויסקומען צו זײַן אין מינסק, פלעג איך געוויינלעך זיך אַרײַנכאַפּן צו די שוועסטערקינדער. איצט, שוין אַ מיטגליד פונעם קאָמיוג, האָב איך אויפגעהערט אַרײַנקומען צו זיי, קעדיי זיך ניט טרעפן מיט דעם זייער פאַנאַטיש־פרומען פעטער רעב יאַנקעוו. נאָר דאָך, ווען איך האָב לאַנג ניט געהאַט פון די עלטערן קיין ענטפער אַף מײַנע בריוו, בין איך, זײַענדיק שאַבעס אינדערפרי אין מינסק, צוגעפאָרן רײַטנדיק (שאַבעס טאָר אַ גלויביקער ניט פאָרן רײַטנדיק) צום פעטערס געמיינער וווינונג, אַראָפּגעשפּרונגען פונעם אָגער, צוגעבונדן אים צום סלופּ לעבן דעם הילצערנעם טויער. מיט דער זיכערקײַט, אַז דער פעטער איז איצט אין בעסמעדרעש און איך וועל טרעפן עמעצן פון די שוועסטערקינדער, בין איך אַרופגעלאָפן אַף די טרעפּ מיט אַ נאַקעטן קאָפּ, אָן אַ היטל (אַ גלויביקער טאָר ניט גיין מיט אַ נאַקעטן קאָפּ). אַרײַנגייענדיק אין צימער, האָב איך, אומדערוואַרט פאַר מיר, געטראָפן שטיין בײַם פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום טויער, ווּ עס האָט זיך געפונען מײַן פערד, ניט דאָס שוועסטערקינד, נאָר דעם אויסגעדאַרטן קרענקלעכן פעטער (דער פעטער רעב יאַנקעוו פלעגט פאַסטן, כוץ די אײַנגעשטעלטע טאַנייסים־טעג, אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק). מיך דערזען, איז ער געוואָרן שרעקלעך בלייך און מיט אַן אונטערציטערנדיקער שטים דערצאָרנט אַ פרעג געטאָן:

---

[1] טשאָנאָווצעס — Части особого назначения

— דו ביסט געקומען צו מיר מיט אַ ביקס צי אָן אַ ביקס?!

ניט אָנהייבנדיק צו פֿאַרשטיין, וואָס ער איז אויסן, האָב איך, אַ קנייטש געבנדיק מיט די אַקסלען, שמייכלענדיק שטיל געענטפֿערט:

— אָן אַ ביקס...

— אָן אַ ביקס?.. איז פֿאַשאָל וואָן!.. — האָט ער, נאָך מער בלייך ווערנדיק, אויסגעשריִען, אַ טופּע געטאָן מיטן פֿוס, — וואָן!.. פֿאַשאָל וואָן פּונדאַנעו!..

מער בין איך אין פּעטערס שטוב ניט געווען.

און ס'האָט מיר באַנג געטאָן.

ס'האָט בעעמעס באַנג געטאָן, וואָס איך האָב מיט מײַן אויפֿירונג מעצאַער געווען, באַליידיקט, פֿאַרשאַפֿט פּײַן דעם זייער שוואַכן קרענקלעכן פּעטער...

7

מיר זײַנען די יונגע גוואַרדיע

קימאַט אָנדערהאַלבן יאָר האָב איך טאָג־אײַן, טאָג־אויס געאַרבעט, געהאָרעוועט אויף דער פֿערמע. אין האַרבסט 1923 האָט דער אַגראָנאָם כאַים ליובאַשיץ מיר געצייצעט גיין זיך לערנען אין דעם מינסקער יידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום. איך האָב אים געפֿאָלגט, אָנגעגעבן אַ מעלדונג, און נאָך די עקזאַמענעס האָט מען מיך אָנגענומען אויפֿן ייִנגערן צוגרייטונגס־קורס. קינדוויײַז, בעשאַס דער מאַכנאָווושטשינע, און נאָכדעם, בעשאַס דעם שרעקלעכן הונגער, האָב איך אין אַ שול זיך ניט געלערנט. קיין שום בילדונג ניט באַקומען. ס'איז דעמלט ניט געווען דערבײַ.

אין מינסקער יידישן פּעדטעכניקום האָבן זיך געלערנט עטלעכע הונדערט יאַטן און מיידלעך פֿון פֿאַרשיידענע שטעטלעך. דער מערסטער טייל פֿון זיי האָבן פֿאַרענדיקט יידישע מיטלשולן. געווען אויך אַזעלכע, ווי איך, וועלכע האָבן קיין מיטל־בילדונג ניט געהאַט. געוווינט האָבן מיר אין דער דרײַגאָרנדיקער צוזאַמענוווינונג אויף דער געדיכט באַגרינטער קאַרל מאַרקס־גאַס צו פֿינף־זעקס סטו־דענטן אין איין צימער. ניט רײַך. אָבער פֿריילעך. לעבעדיק. צוזאַמען געגרייט די לימודים. געפֿירט הייסע פֿאַרכאַפּנדיקע שמועסן, געזונגען, געטרוימט וועגן דעם, אַז אויף דער גאַנצער וועלט זאָל זײַן ראַטנמאַכט. אַ טײַערע, אַ ראָמאַנטישע צײַט געווען!..

בעשאַס די מײַ־ און אָקטיאַבער־יאָמטויווים האָבן מיר אין שטרענגע רייען דעמאָנסטרירט מיט טראַנספּאַראַנטן אויף יידיש איבער די מינסקער גאַסן און געזונגען הויך אויפֿן גאַנצן קאָל „מיר זײַנען די יונגע גוואַרדיע". די קליינבירגער, די נעפּמאַנעס האָבן געקוקט אויף אונדז קרום. נאָר מיר האָבן געשפּאַנט מיט פֿאַרהויבענע קעפּ. מיר האָבן געגלייבט, געווען איבערצײַגט, אַז אונדז געהערט די צוקונפֿט...

איך האָב פֿאַרגעזעצט שרײַבן. אָפּגעדרוקט אַ פֿאַרצייכענונג „וועגן דער שוואַרצכיינעוודיקער און אַזעלכע, ווי זי".

בײַ דער צײַטונג „יונגער אַרבעטער", וועלכע עס האָט רעדאַגירט די פֿלאַמענדיקע קאָמיוגיסטקע סאָניע פֿרײַ (איר עמעסע פֿאַמיליע איז געווען „ראַבינער", און געשטאַמט האָט זי פֿון אַ ראַבאָנישער מישפּאָכע), האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ גרופּע אָנפֿאַנגער, יונגע כעווריע, וועלכע האָבן מיט זייערע ווערק אין אַ געווויסער צײַט אַרום פֿאַרנומען אַ בעקאָוועדיק אָרט אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור — בוזי אָליעווסקי, שמואל העלמאָנד, מענדל ליפֿשיץ, ריווקע רובין, יישׂראָל סערע־בריאַני, מוישע־אַרן העלמאָנד, יאַשע גאָלדמאַן, זוזיע וויטענזאָן און מיישקע טייף. דער זיבעצניאָריקער מיישקע טייף האָט דעמלט געאַרבעט אויף אַ טאַפּעטן־פֿאַבריק און זיך געדרוקט אין די היגע מינסקער יידישע צײַטונגען „דער וועקער" און „יונגער אַרבעטער". ברייט זײַנען שוין באַוווּסט געווען די שורעס פֿון זײַן ליד: „גענוג געזונגען „העמערל", גענוג „געזאַלצט אַ יאַם"[1], איך דאַרף איצט גיין אין קע־מערל אַ צווײַג פֿון נײַעם שטאַם".

מיר, די יונגע, זײַנען געוואָרן באַפֿרײַנדעט צווישן זיך, געפֿרייט זיך מיט יעדנס נײַ ווערק, מיט יעדנס דערפֿאָלג. האַלטנדיק זיך פֿאַר די העגט, האָבן מיר געמאַכט די ערשטע ניט־דרייסטע טריט אין דער ליטעראַטור. מיישקע טייף, אונדזער וואָזשאַק, איז געווען טיף פֿאַרינטערעסירט, מיר זאָלן

[1] „העמערל", „געזאַלצט אַ יאַם" — ווערטער פֿון אַ פֿאַרעלטערטער ליד.

שרײַבן, מיר זאָלן זיך דרוקן, מיר זאָלן מיט דער צײַט ארויסלאָזן א זאמלונג. ער האָט יעדן פון אונדז, דערין אויך מיר, צוגעגעבן מוט:

— שרײַבט, שאפט, מיט פאפיר באַזאָרג איך, און איר שרײַבט...

מיר האָבן געשריבן, און ווען עס האָט אויסגעפעלט פאפיר, פלעגן מיר גיין צו מיישקע טייפן אַף דער אלטער טאפעטן־פאבריק.

מיישקע טייפן פלעגן מיר דאָרט טרעפן אינעם פארפלעקטן מיט קאָלערליי פארבן קאָמבינעזאָן בא דער כריפענדיק־רוישנדיקער מאשין, אַף וועלכער עס האָבן זיך געדרוקט די טאפעטן. א צופרידענער, וואָס מיר נייטיקן זיך אין פאפיר — א סימען, אז מיר שרײַבן, — פלעג ער צונויפקלײַבן ארום דער מאשין קאָלערליי פארבראקירטע שטיקער טאפעטן־פאפיר און מיט דער ברייטער האנט גע־געבן אונדז.

— קיין פאפיר זשאלעוועט ניט, שרײַבט, — פלעג ער אונדז אָנזאָגן, — מיט פאפיר, זײַט זיכער, וועל איך אײַך שטענדיק באַזאָרגן...

דאָס שרײַבן האָט מיר פארשאפט פארגעניגן, אָבער נאָך מער דאָס לייענען. מיט פארכאפונג האָב איך איבערגעלייענט שאָלעם־אַליכעמס „טעוויע דער מילכיקער”, יִיצכאָק־לײבוש פּערעצעס „באָנציע שווײַג”, מענדעלע מויכער־ספאָרימס „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי”, דאָוויד בערגעלסאָנס „נאָך אלעמען”, פערעץ מארקישעס „פוסט־און־פאס”, איזי כאריקס „מינסקער בלאָטעס”. איך בין גע־ווען פארגאפט פון אָט די ווערק, און מיר האָט זיך זייער געוואָלט זען אָן עכטן שרײַבער. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אז א שרײַבער זעט אויס ניט ווי אלע, אינגאנצן אנדעריש, אז א שרײַבער איז אָן אויסערגעוויינלעכער, ווונדערלעכער מענטש...

אין איינעם א זוניקן טאָג האָט מיר אָפּגעגליקט. איך האָב אַף דער קאָרל מארקס־גאס, ניט ווײַט פון אונדזער צוזאמענוווינונג, פלוצלינג דערזען גיין דעם באוווּסטן דיכטער איזי כאריקן. איך האָב אים גלײַך דערקענט לויט די פאָטאָגראפיעס. האלטנדיק זיך עטוואָס אין א זײַט, בין איך, א פארקישעפטער, אים נאָכגעגאנגען, געקוקט די גאנצע צײַט אַף אים, ביז ער איז אפּן ראָג ארײַן אין דעם פיליאל פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע.

ס'איז בעפיירעש געווען א גליקלעכער טאָג בא מיר. איך האָב צום ערשטן מאָל געזען א שרײַבער...

און אין עטלעכע כאדאָשים ארום האָבן אַף די מינסקער גאסן זיך באוויזן אויסטערלישע אפישן. מיט זייער גרויסע אויסיעס איז אַף זיי אָפּגעדרוקט געווען בלויז צוויי ווערטער: „עס פאָרט...”. ווער פאָרט, איז ניט אָנגעוויזן געווען. בא די אפישן האָט זיך געקליבן אָן עולעם. איך בין אויך געווען. קיינער האָט ניט אָנגעהויבן צו פארשטיין, ווער פאָרט, ס'איז געווען א רעטעניש. אין צוויי טעג ארום זײַנען אויסגעקלעפט געוואָרן פרישע אפישן. אויך מיט גרויסע אויסיעס: „עס פאָרט מא...”. אין א טאָג ארום האָבן פארביטן די ביז־איצטיקע אפישן נײַע: „עס פאָרט מאיא...”. און ענדלעך — גאָר א גרויסע אפישע: „עס פאָרט מאיאקאָווסקי...” אַף דער אפישע איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז אין גרויסן שטאָטישן קלוב (אין דער געבײַדע פון דער געוועזענער כאָר־שול) וועט פאָרקומען איין־און־איינציקער ליטעראַרישער אָוונט, אַף וועלכן עס וועט ארויסטרעטן דער בארימטער פּאָעט וולאדימיר מאיאקאָווסקי. בילעטן אין קאסע.

די יעדיע האָט אונדז, די מיטגלידער פון דער ליטעראַרישער גרופּע „יונגער ארבעטער”, איבער־ראשט. מאיאקאָווסקי וועט הײַנט ארויסטרעטן!.. וואָס זשע טוט מען, מיר זאָלן אים זען, מיר זאָלן אים הערן? דער ליטעראַרישער אָוונט איז געווען א געצאָלטער, און קיין געלט האָט קיינער פון אונדז, סטודענטן, ניט געהאט. דער איינציקער פארדינער איז געווען דער מעכאניקער פון דער טא־פעטן־פאבריק מיישקע טייף...

מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזט צו אים. געטראָפן. נאָר ביז מיישקע טייף האָט געקראָגן געלט אַף בילעטן פאר אונדז אלעמען, איז די קאסע שוין געווען געשלאָסן. אלע בילעטן זײַנען געווען אויסגעפארקויפט. מיר זײַנען פארבליבן שטארק דערצאָרנט.

— זאָרגט זיך ניט, — האָט מיישקע טייף אופגעלעבט, ווי עס וואָלט אופגעבליצט בא אים א גליקלעכער געדאנק, זיך אָנגערופן, — לאָמיר צוגיין אין רעדאקציע. מיר וועלן זיך דערוויסן, ווו מאיאקאָווסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

אין דער רעדאקציע פון דער צײַטונג „יונגער ארבעטער” האָבן מיר בא סאָניע פרײַ זיך דער־וווּסט, אז מאיאקאָווסקי איז שוין געקומען און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דעם שענסטן האָטעל פון דער שטאָט — „איירָאפּע”. מיר האָבן גלײַך אוועקגעאײַלט אהין. מיישקע טייפן האָט דאָרט געלונגען אָנקלינגען פערזענלעך מאיאקאָווסקין און באקומען א דערלויבעניש ארײַנגיין צו אים אין נומער. מיר, די גאנצע כאָפטע, זײַנען געבליבן שטיין אין דרויסן, געוואַרט לעבן האָטעל אַף מיישקען. אומ־געקערט האָט ער זיך א לויכטנדיקער, דערציילט מיט גרויס פרייד, אז מאיאקאָווסקי האָט אים גוט אופגענומען, מיט אינטערעס זיך פּאַנאנדערגעפרעגט וועגן אונדזער יונגער ליטעראַרישער גרופּע,

װעלכע שרײַבט אױף ייִדיש, געזאָגט, מיר זאָלן װאַרטן אױף אים אַכט אַזײגער אין אָװנט באַם אַרײַנגאַנג אין קלוב. ער װעט הײסן אַרײַנלאָזן אונדז אָן בילעטן.

מיר זײַנען געװען באַם אַרײַנגאַנג, פֿאַרשטײט זיך, א סאַך פֿריִער. אָן אױפֿגעלעבטער אױלעם מיט בילעטן איז דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ אונדז דורך דער קאַליטקע פֿונעם הױכן אײַזערנעם פּאַרקן, געײַלט זיך פֿאַרנעמען זײערע ערטער אין דעם גרױסן זאַל. מיר האָבן געװאַרט, געצײלט די מינוטן. איך האָב זײער איבערגעלעבט, זיך באַאומרויִקט, צי װעט דער באַרימטער דיכטער בעעמעס אױספֿילן זײַן צוזאָג, צי האָט ער ניט פֿאַרגעסן.

פּינקטלעך אַכט אַזײגער האָב איך אים דערזען. א הױכער, א שטאַלטנער, האָט ער מיט ברײטע טריט געשפּאַנט צום אַרײַנגאַנג. מײשקע טיף האָט גלײַך זיך באַגריסט און אָנגעװיזן אױף אונדז. מאַיאַקאָװסקי האָט געװאָרפֿן א פֿרײַנטלעכן בליק אין אונדזער זײַט און א זאָג געטאָן די בילעטיאָרן, מע זאָל אונדז אַרײַנלאָזן.

דער גרױסער העל־באַלױכטענער זאַל איז געװען איבערגעפּאַקט און פֿאַרפֿולט מיט א יאָמטעװדיק־אױפֿגעלעבטן טומל. מיטאַמאָל איז געװאָרן אױסערגעװײנלעך שטיל. מאַיאַקאָװסקי האָט זיך באַװיזן אױף דער בינע. באַם סאַמע ראַנד איז ער געבליבן שטײן מיט ברײט צעשטעלטע פֿיס און מיט א מעכטיק הילכיקער שטים געמאָלדן:

— איך בין מאַיאַקאָװסקי, איך בין רעדאַקטאָר פֿון לעף[1], איך בין א פּאָעט, — און ער האָט גלײַך אָנגעהױבן לײענען אױף אױסװײניק זײַן ברײט באַװוסטן „לעװי מאַרש"[2]. דער זאַל האָט זיך צעהילכט מיט רױשנדיקע הײסע אַפּלאָדיסמענטן.

צװײ שאָ האָט געהילכט אין זאַל מאַיאַקאָװסקיס שטים. צװײ שאָ האָב איך מיט אױסערגעװײנלעכער פֿרײד געהערט דעם מערקװירדיקן דיכטער. צװײ שאָ האָב איך ניט אָפּגעפֿירט אױף קײן אײן רעגע די אױגן פֿון מאַיאַקאָװסקין.

ער איז דעמאָלט אַלט געװען אײן און דרײַסיק יאָר.

האָט מיר דעמאָלט דען געקאָנט קומען אױפֿן זינען, אױפֿן געדאַנק, אַז אין פֿינף יאָר אַרום װעט אָט דער װוּנדערבאַרער דיכטער, דער מעכטיקער טריבון אַזױ אומגעריכט, אַזױ אומדערװאַרט, אַזױ אומגלײבלעך באַגײן זעלבסטמאָרד און איך, א דערשיטערטער, װעל אים זען אָן אַרומגערינגלטן מיט טרױעריקע בלומען־קראַנצן אין מאָסקװער שרײַבער־הױז אױף װאָראָװסקי־גאַס בעשאַס זײַן לעװײַע...

איך און מײַנע כאַװײרים פֿון דער גרופּע „יונגער אַרבעטער" זײַנען לאָהעט געװען צו יעטװי־דער קולטור־דערשײַנונג. מיר האָבן ניט דורכגעלאָזט קײן אײן ליטעראַרישן אָװנט, אױף װעלכע עס האָבן געלײענט זײערע װערק די פֿאָלקס־דיכטער פֿון װײַסרוסלאַנד יאַנקאַ קופּאַלאַ, יאַקוב קאָלאַס, דער באַװוּסטער װײַסרוסישער פּראָזאַיִקער זמיטראָק ביאַדוליאַ (סאַמויִל פּלאַװניק). פֿיל מאָל זײַנען מיר געװען אױף די טשיקאַװע פֿאָרשטעלונגען אינעם מינסקער יונגן ייִדישן טעאַטער, װעלכן עס האָט געשאַפֿן דער אָריגינעלער רעזשיסער ראַפּאַלסקי. געװען צװישן די ערשטע, װעלכע האָבן געהאַט די מעגלעכקײַט הערן אין ייִדישן קלוב אױף לעבינס נאָמען פֿינף געצײלטע מינוט דורך די אָנגעטאָנענע טרײַבלעך אױף די אױערן א ראַדיאָ־טראַנסלירונג (א ראַדיאָ־טראַנסלירונג איז דעמאָלט געװען אָן איבעראַשנדיקע דערשײַנונג). מיט אָפּשײַ האָבן מיר באַזוכט די אײנשטאָקיקע באַשײדענע הילצערנע געבײַדע אױף דער קימאַט עק־שטאָטישער שטילער גאַס, װוּ עס איז אין 1898 יאָר פֿאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון רסדאַפּ, געװען אַלע צוזאַמען אין דעם װײַסרוסישן מעלוכע־טעאַטער אױף דעם גלענצנדיקן ספּעקטאַקל „קאָװאַל װאַיִעװאָדאַ". ביז איצט האָט זיך מיר פֿאַרגעדענקט דער טיפּזיניקער סיוזשעט: אױף זײער א רײַכער פּאָסעסיע האָבן לוסטיק געהוליעט זעלבסטצופֿרידענע פּריצים. קעדײ נאָך פֿרײלעכער זיך פֿאַרװײַלן, האָבן זײ באַפֿױלן ברענגען דעם קאָװאַל. מע האָט אים, דעם זײער קרעפֿטיקן שמיד, שטאַרק אָנגעשיקערט און אומגעצױמט שפּאַסנדיק איבער אים, מיט כױזעק אָנגעהױבן אים רופֿן „װאַיִעװאָדאַ". און ער איז באַ זיך זיכער געװאָרן, אַז ער איז װירקלעך א װאַיִעװאָדאַ, און אָנגעהױבן װילד קאָמאַנדעװען איבער די פּריצים...

אין אײנעם א װאָכעדיקן טאָג, בעשאַס עס האָבן זיך פֿאַרענדיקט די לימודים אין טעכניקום, האָב איך און שמועל העלמאַנד זיך דערװוּסט, אַז די װעלטבאַרימטע טענצערן אײסעדאָראַ דונקאַן איז געקומען קײן מינסק און מאָרגן טרעט זי אַרױס. דער קאָנצערט װעט פֿאָרקומען אינעם זאַל פֿון דער געװעזענער כאָר־שול, װוּ מיר זײַנען שױן אײן מאָל געװען בעשאַס דאָרטן איז אַרױסגעטראָטן מאַיאַקאָװסקי. קײן געלט אױף בילעטן האָבן מיר, װי דעמאָלט, איצט אױך ניט געהאַט. נאָר דעמאָלט האָט אונדז אָפּגעגליקט. מײשקע טיף האָט זיך געװענדט פּערזענלעך צו מאַיאַקאָװסקין. צו מאַיאַקאָװסקין האָט דער געװאַגטער מײשקע טיף זיך נאָך געקאָנט װענדן, אָבער צו אײסעדאָראַ דונקאַן?..

---

[1] לעף — לינקער פֿראָנט פֿון קונסט.

[2] „לעװי מאַרש" — „לינקער מאַרש".

וואָס זשע טוט מען? איך און שמועל העלמאַנד האָבן, ניט געקוקט אויף אַלץ, דאָך זייער געוואָלט זײַן אויפֿן קאָנצערט פֿון דער אויסערגעוויינלעכער טענצערן. נאָר וויאַזוי?

נאָך לאַנגע טראַכטענישן און איבערטראַכטענישן האָט דער אימפּעטפֿולער שמוליק (אַזוי האָבן מיר אים גערופֿן) פֿאָרגעלייגט זיך דורכגיין צו דער געוועזענער כאָר־שול, דאָרט אויפֿן אָרט וועלן מיר עפּשער עפּעס צוקלערן. מיר זײַנען אַוועק.

די אײַזערנע קאַליטקע איז ניט געווען פֿאַרשלאָסן, דער אַרײַנגאַנג אין הויף — אָפֿן. דאָרט האָט מיט אַ בעזעם זיך געײַסעקט די אַלטיטשקע אופּראַמערן. מיר זײַנען פֿרײַ זיך דורכגעגאַנגען איבער דעם גרויסן הויף און אין סאַמע סאָף דערזען אַ שוין עטוואָס אויסגעקרימט הילצערן שטעלכל. עס איז געווען ניט פֿאַרשלאָסן, דאָרט האָט זיך געוואַלגערט פֿאַרשיידענע ברוכוואַרג.

— אַלץ איז אין פֿולער אָרדענונג! — האָט שמוליק, ווי זײַן טעווע איז, באַגײַסטערט אויסגערופֿן, — מאָרגן וועלן מיר זײַן אויף אײַסעדאָראַ דונקאַנס אַרויסטרעטונג...

אויף מאָרגן גאַנצפֿרי האָבן מיר אַוועקגעאײַלט צו דער געוועזענער כאָר־שול. די קאַליטקע פֿון דעם הויכן אײַזערנעם פּאַרקן איז געווען פֿאַרשפּאַרט. קיינער איז אויפֿן הויף און דערבײַ ניט געווען. שיר ניט צערײַסנדיק דאָס אָנטאָן, זײַנען מיר קוים אַריבערגעקראָכן דעם שטעכיקן פּאַרקן און זיך פֿאַרקליבן טיף אין הויף אינעם פֿאַרלאָזענעם הילצערנעם שטעלכל. איך און שמוליק זײַנען דאָרט אָפּגעזעסן — ניט געגעסן, ניט געטרונקען — אַ גאַנצן טאָג, ביזן אָוונט, ביז עס האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל. ווען די בילעטיאָרן האָבן אָנגעהויבן אַרײַנלאָזן דעם עולם מיט בילעטן דורך דער אײַזערנער קאַליטקע אין הויף אַרײַן, זײַנען מיר אַרויס פֿון דער באַהעלטעניש און צוזאַמען מיט דעם דורכגעקאָנטראָלירטן עולם אַרײַן אין דעם פֿײַערלעך העל־באַלויכטענעם זאַל...

שוין אַוועק העכער זעכציק יאָר, ווי איך בין געווען אויף אײַסעדאָראַ דונקאַנס אַרויסטרעטונג, נאָר ביז איצט זע איך בוילעט: האַלטנדיק אין די שיינע הויך אויסגעשטרעקטע הענט אַ לײַכט פֿלאַטערנדיקן רויטן שאַרף, טאַנצט זי פֿלאַמענדיק, אַ באָרוועסע, אַ לופֿטיקע, אַ שטראַלנדיקע, דעם „אינטערנאַציאָנאַל"...

ס'איז דעמלט געווען אַ גליקלעכער טאָג אין מײַן לעבן. אין יענער צײַט, אין דער יוגנט, זײַנען געווען אַ סך גליקלעכע טעג. אַ באַזונדערס גליקלעכער טאָג — ווען איך האָב אָנגעשריבן אַ דערציילונג. די דערציילונג „ווער איז ער?". וועגן לענינען. די דערציילונג איז געפֿעלן געוואָרן די מיטגלידער פֿון דער גרופּע „יונגער אַרבעטער", און מיר האָט זיך זייער געוואָלט, זי זאָל אָפּגעדרוקט ווערן אין דעם פֿײַנעם יוגנטלעכן זשורנאַל „יונגוואַלד", וועלכער איז כוידעשלעך דערשינען אין מאָסקווע. נאָר שיקן די דערציילונג אין „יונגוואַלד" אונטער מײַן נאָמען האָב איך ניט געוואַגט. אין זשורנאַל איז אויף דער לעצטער זײַט שטענדיק געווען אַ הומאָריסטיש „פּאָסטקעסטל", אין וועלכן עס פֿלעגן שאַרף אויסגעלאַכט ווערן די אַוטאָרן פֿון ניט־דרוקפּעיִקע טאַלאַנטלאָזע ווערק. זײַענדיק ניט זיכער, אַז איך וועל מיט מײַן דערציילונג ניט אויסגעלאַכט ווערן אין דעם הומאָריסטישן „פּאָסטקעסטל", האָב איך אונטערגעשריבן ניט מײַן נאָמען, נאָר דעם נאָמען פֿון מײַן ייִנגערן שוועסטערל פֿייגל לוריע. מיט אַן אומרויִקן געפֿיל האָב איך געוואַרט אויף יעדן נײַעם נומער פֿונעם זשורנאַל, און אומגעהײַער גרויס איז געווען מײַן פֿרייד, ווען איך האָב דערזען אין אים אָפּגעדרוקט אויף אַ גאַנצער זײַט די דערציילונג „ווער איז ער?".

ס'איז געווען מײַן ערשטע געדרוקטע דערציילונג, נאָר אָן מײַן אונטערשריפֿט. אַלס אַוטאָר איז אָנגעוויזן געוואָרן פֿייגל לוריע... (סאַכאַקל אין עטלעכע יאָר אַרום, אין 1927—1928, האָט מיר אָפּגעגליקט צו זײַן פּאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פֿון אָט דעם אינהאַלטסרײַכן יוגנט־זשורנאַל. איך האָב אינעם „פּאָסטקעסטל" דעמלט געענטפֿערט העפֿלעך, טאַקטיש יעדן אַוטאָר, דערין אויך די מעכאַברים פֿון די ניט־דרוקפּעיִקע, טאַלאַנטלאָזע ווערק. קיינעם ניט אויסגעלאַכט. קיין שום אַוטאָר, כאָלילע, ניט באַליידיקט.)

מיר, די מיטגלידער פֿון דער ליטעראַרישער גרופּע, פֿלעגן פֿון מאָל צו מאָל זיך צונויפֿקלײַבן בײַ אונדזער וואָזשאַק, בײַ מײשקע טייפֿן, אינדערהיים, אין דעם אַלטן הילצערנעם שטיבל. מע האָט געלייענט נײַ־געשאַפֿענע ווערק, לעבעדיק זיי באַהאַנדלט. מײשקע טייפֿס טאַטע פֿלעג פֿון מאָל צו מאָל אויך אַרײַנשטעלן אַ וואָרט. איין אַרויסזאָגונג זײַנע האָט זיך מיר ביז איצט פֿאַרגעדענקט. „אַ שרײַבער, — האָט ער געזאָגט, — דאַרף פֿאַרמאָגן ניט איין טאַלאַנט, נאָר צוויי טאַלאַנטן. איין טאַלאַנט — אויף שאַפֿן גוטע ווערק, און אַ צווייטן טאַלאַנט — אויף צו פֿאַרגינען זײַן כאַווער, וועלכער האָט דערפֿאָלג אין זײַן שאַפֿונג..."

מיר האָבן פֿאַרגינט איינער דעם אַנדערן, געפֿרייט זיך מיט יעדנס דערפֿאָלג.

די ווערק פֿון דער מינסקער ליטעראַרישער גרופּע „יונגער אַרבעטער" האָבן אײַנגיכן אַרויסגערופֿן אַן אינטערעס בײַ די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער און קריטיקער. די גוט איליוסטרירטע ליטעראַרישע בײַלאַגע פֿון דער צענטראַלער ייִדישער טעגלעכער צײַטונג „דער עמעס", וועלכן עס האָט

רעדאַגירט דער אָנגעזעענער קריטיקער מוישע ליטוואַקאָוו, האָט אָפּגעגעבן אויף אירע זײַטן א בעקאַוועדיק אָרט דער שאפונג פון מײשקע טייף, שמואל העלמאַנד, בוזי אַליעווסקי, מענדל ליפשיץ, זוזיע וויטענזאָן... וועגן די לידער איז געזאָגט געוואָרן, אז זיי צייכענען זיך אויס מיט פרישקײַט און פּאָעטישער אייגנאַרטיקײַט. א גוטע אָפּשאצונג האָבן באַקומען די פּראָזאַישע ווערק, דערין מײַן נײַע דערציילונג „צײַטן בײַטן זיך". מיר האָט זיך זייער געוואָלט, אז אָט די דערציילונג זאָלן לייענען מײַנע עלטערן, די גאַנצע מישפּאָכע, וועלכע איז אריבערגעפאָרן פון הוליײַפּאָליע, פון דעם הונגעריקן קאַנט, צו אונדזערע קרוויוים קיין ווײַסרוסלאַנד, זיך באַזעצט אין דעם באַוווּסטן שטעטל ליאַדי. (וועגן אָט דעם שטעטל איז פאַראַן א ליד „מעסטעטשקאָ ליאַדיניו", פון דעם שטעטל שטאַמט דער אָנגעזעענער שרײַבער רוווּן ברײַנין, וועלכער האָט זיך באַזעצט נאָך אין דער יוגנט אין אַמעריקע, אהער פלעגן זיך צונויפפאָרן א סאַך כסידים, ווען דאָ האָט זיך געפונען דער ליובאַוויטשער רעבע שנייערסאָן.)

אין אָנהייב זומער, באַלד ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קאַניקולן, זײַנען די סטודענטן פונעם טעכניקום זיך צעפאָרן אין די נאָענטע און ווײַטע שטעטלעך, אהיים צו די עלטערן. איך האָב אויך זייער געוואָלט פאָרן צו די עלטערן און גלײַכצײַטיק זיך געזעגענען, צי זאָל איך עס טאָן. דער פעטער רעב יאַנקעוו האָט דאָך געוויס אין זײַנען בריוו געגעבן צו וויסן אַלץ וועגן מיר. מיט מײַן קומען קאָן איך מעגלעך פאַרשאַפן אַגמעסנפעש דעם טאַטן, דער מישפּאָכע. געזעגנט זיך, געזעגנט און סאָפּקאָלסאַף געגומען אַן אומזיסטיקן ליטער[1] און אוועקגעפאָרן מיט דער באַן ביז דער סטאַנציע קראַסנאָיע. פון דאָרט בין איך מיט א ליאַדיער באַלעגאָלע אויפן פאָראָם אריבערגעשווומען דעם דניעפּער און אין א שאָ ארום געווען אויף א קרומלעכער שטילער גאַס בא דעם קליינעם הילצערנעם שטיבל, אין וועלכן עס האָבן געוווינט מײַנע עלטערן. מיט א טיאַכקענדיק הארץ האָב איך אריבערגעטראָטן די שוועל. ס'האָט מיך זייער באַאומרויִקט, צי דער טאַטע וועט וועלן לײַדן, וואָס איך בין געקומען. דער טאַטע, וועלכער האָט פאַר דער צײַט, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, זיך היפּש געעלטערט, האָט מיך דאָפּקע אויפגענומען ליבלעך, מיט קיין איין וואָרט מיר אין גאָרנישט ניט אויפגעוואָרפן. אין הארצן האָט ער מעגלעך איבערגעלעבט, ער האָט דאָך געהאַט גאָרניט קיין גוטע גרוסן וועגן מיר פונעם פעטער רעב יאַנקעוו. נאָר ער האָט עס מיט גאָרנישט ניט ארויסגעוויזן. צוזאַמען מיט דער מאַמען, מיט כײַע־כאַנען און פייגעלען איז ער צופרידן געווען, וואָס איך בין געקומען.

אין א ייִדיש שטעטל בין איך געווען דאָס ערשטע מאָל. אַלץ איז דאָ פאַר מיר געווען נײַ און אַלץ איז מיר געפעלן געוואָרן — די אָראָפּבאַרגיקע גאַסן און געסלעך מיט הילצערנע טראָטואַרן, די קאָלעריי געפאַרבטע הײַזער מיט צוגעפוצטע גאַנעקעס, דער טומלדיקער מאַרק־פּלאַץ מיט פאַרשיידענע קלייטלעך, דער הויכער פײַערלעשער־טורעם, די וואַסערמיל באַם רוישיק פליסנדיקן טײַכל. אומעטום, ווו ס'איז מיר אויסגעקומען צו זײַן — אויף דער פּאָטשט, אין פאַבריקמאַכערסקע, אין שנײַדער־אַרטעל, אין שוסטער־אַרטעל, אין קירזשנער־אַרטעל, אויף א פּיאָנערן־זאַמלונג, אינעם שטעטלדיקן ראַט, האָט מען גערעדט אויף א ריינער ייִדישער שפּראַך.

שאַבעס פאַרנאַכט פלעג די שטעטלדיקע יוגנט ארויסגיין שפּאַצירן אויף דער ברייטער הויפּט־גאַס. די סטודענטקעס און סטודענטן, וועלכע האָבן שטודירט אין פאַרשיידענע שטעט — אין מינסק, מאָסקווע, סמאָלענסק, לענינגראַד — און זײַנען געקומען קאַניקול־צײַט צו די עלטערן, האָבן זיך געהאַלטן געווײנלעך באַזונדער. באַזונדער האָבן זיך געקליבן די קאָמיוגיסטן, די שטעטלדיקע האַרעפּאַשנע יוגנט — די שנײַדערס, שוסטערס, קירזשנער, שמידן, בלעכער. מיר האָבן זיך גיך באַפרײַנדעט, צוזאַמען פאַרבראַכט און געגומען גרייטן א יוגנטלעכן קאָנצערט — „א יאָמטעוו־טאָג אין ליאַדי", וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיטן לידל:

ס'איז הײַנט א נײַע צײַט:
רויטאַרמייער, ראַטנמאַכט.
אוועק די פינצטערע יאָרן,
מיר זײַנען פרײַ געוואָרן,
שער און אײַזן, סערפּ און האַמער
זײַנען לײַט געוואָרן...

כאָטש די אָנגעפאָרענע סטודענטן האָבן געשטאַמט פון געוועזענע באַלעבאַטישע מישפּאָכעס, איצט לישענצעס, האָב איך זיי אויך אײַנגעלאַדן אויף די רעפּעטיציעס, און זיי האָבן גערן מיטגעהאָלפן גרייטן דעם קאָנצערט. ס'איז דעמלט געווען פאַר זיי ניט קיין גרינגע צײַט. אין די הויכשולן איז

---

[1] א ליטער — מע פלעגט די סטודענטן ארויסגעבן אזא טאַלאָן אויף פאָרן אומזיסט מיט דער באַן.

געגאנגען א שטרענגע רייניקונג און דער זאַקעוואטער פּינסקעטאָר שמערקע פירקעשמאטיק, וועלכער פלעג אף יעדער פאַרזאַמלונג ארויסטרעטן מיט פלאַמיקע רעוואָליוציאָנערע רעדעס, האָט געשיקט מעסירעס אין די אינסטיטוטן, ווו די ליאַדיער סטודענטן האָבן געלערנט, געפאָדערט, מע זאָל זיי אויסשליסן אלס פרעמדע עלעמענטן.

זיי האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זייער איבערגעלעבט.

א מעסירע האָט ער אוועקגעשיקט אויך אף דער זייער שיינער סטודענטקע פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, אין וועלכער איך האָב אין דער ערשטער רעגע, ווי איך האָב זי געזען, זיך פאַרליבט (איר טאטע, דער גאַבע אין בעסמעדרעש, איז געווען דריבער א לישענעך). זי האָט געהייסן אידע. אידע מירער. און געיאָוועט האָט זי זיך אין מײַן ראָמאַן „די געשיכטע פון א ליבע”, וועלכן איך האָב אָנגעשריבן אין העכער פופציק יאָר ארום, אונטערן נאָמען יעכעוועד פעווזנער. און כאָטש אינעם ראָמאַן זײַנען ניט אָנגערופן די עמעסע נעמען און ס׳איז ווײַט ניט געמאָלט פּינקטלעך די געשיכטע פון אָט דער ליבע און וועגן אלעם איבעריקן, האָב איך נאָכן דערשײַנען פונעם בוך אין רוסיש באַקומען א באַגײַסטערטן בריוו פון דער געוועזענער סטודענטקע, איצט פּראָפעסאָר פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט אידע איסאַקאָוונא מירער. זי שרײַבט מיט גרויס פרייד, אז זי האָט, לייענענדיק, זיך דערקענט אינעם ראָמאַן.

אגעוו, וועגן שמערקע פירקעשמאטיקן, וועלכער האָט געשיקט א מעסירע אף איר. אויך אף מיר האָט ער אוועקגעשיקט א מעסירע, אז איך בין ארונטערגעפאלן אונטער דער ווירקונג פון פרעמדע עלעמענטן, פאַרלוירן די וואכזאמקײַט, זיך באַפרײַנדעט מיט א טאָכטער פון א לישענעך. ער וואָלט מיסטאמע נאָך געשריבן און געשריבן, נאָר מע האָט אנטפּלעקט, אז ער האָט צוגעייגנט א גרויסע סומע מעלוכיש געלט, און אים ארײַנגעזעצט אין קוטוזקע.

די עלטערן מײַנע האָבן געלעבט גאַנץ געמיין. די פאַרדינסטן פון די שטונדן, וועלכע דער טאטע האָט געגעבן עטלעכע באַרמיצווע-ייִנגלעך (געלערנט מיט זיי כומעש און טאנאך), זײַנען געווען קנאַפּע. קליין איז געווען כײַע-כאַנעס פאַרדינסט אין דעם ערשט אָרגאַניזירטן זאָקן-אַרטעל. פייגעלע האָט געהאָלפן דער שוואכער מאַמען. איך האָב זיך געסטאַרעט אויך מיט עפּעס-וואָס באַהילפיק זײַן דער מישפּאָכע און טאָגטעגלעך עטלעכע שאָ געשלעפט שווערע זעק מיט טוווּע אין דער הייך אף דער צווייגאָרנדיקער וואַסערמיל, וואָס האָט זיך געפונען אראָפּ דער הויפּט-גאַס בא דעם רוישיק פּליסנדיקן טײַכל. אומקערנדיק זיך פון דער מיל, פלעג איך ברענגען אין שטוב א פאַרדינט זעקעלע מעל. דעם טאַטן איז עס געווען צום הארצן. ער האָט געהאלטן, אז יעדער מענטש דאַרף ארבעטן. נאָך אין קאַלאָניע האָב איך געהערט פונעם טאַטן: „בזעת אפּעך כי תאכל לחם” — מיטן שווייס פון דײַן פּאָנעם זאָלסטו עסן דאָס ברויט.

אינדערהיים האָט מען געפײַערט אלע ייִדישע יאָמטויווים. געפײַערט שיין. און ווען עס האָט עפּעס-וואָס אויסגעפעלט, האָט דער טאַטע גוטמוטיק געזאָגט: „הוה שמח בחלקך” — זײַ צופרידן מיט דעם, וואָס דו האָסט...

אינדערפרי און פאַרנאַכט פלעג דער טאַטע גיין אין בעסמעדרעש דאַווענען. אין אָוונט האָט ער בא א קליין לעמפל, וואָס איז געשטאַנען אפן טיש אין ווינקל פון דעם שוואַך באלויכטענעם צימער, ארײַנגעקוקט אין א סייפער, פון מאָל צו מאָל פאַרפירט מיט מיר א געמיטלעכן שמועס. זיך פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פערמע, ווו איך האָב אָפּגעארבעט העכער אָנדערהאַלבן יאָר, וועגן דעם ייִדישן פעדטעכניקום אין מינסק, וואָס דערלערן איך דאָרט, מיט וועמען באַוועז איך זיך, צו וואָס שטרעב איך...

— איך האָב אין דײַן עלטער געשטרעבט זײַן א ראָוו, געלערנט אין א יעשיווע. פיר יאָר ניט געווען בא די עלטערן, געגעסן קעסט, — האָט דער טאַטע, א רײַב געבנדיק דעם הויכן בלייכן שטערן, שטיל געזאָגט. — איצט איז די צײַט אַן אַנדערע. צײַטן בײַטן זיך, און מענטשן בײַטן זיך. אָבער אין אלע צײַטן דאַרף דער מענטש זײַן א מענטש, אַן ערלעכער, א יוישערדיקער, א גוטער מענטש...

ער האָט אף א ווײַלע זיך פאַרטראַכט, א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער שיינער באָרד, אין וועלכער עס האָבן זיך באַוויזן פיל גראָוועהאָר, און עטוואָס אַנבייגנדיק זיך נעענטער צו מיר, געזאָגט:

— מיר, גלויביקע, היטן אָפּ די הייליקע געבאָטן פון דער טוירע: לוי סירצאַך — זאָלסט ניט הארגענען, לוי סיגנויוו — זאָלסט ניט גאַנווענען, לוי סינויף — זאָלסט ניט פירן קיין אויסגעלאַסן לעבן, לוי סאַאַנע בערייאַכאָ אד שעקער — זאָלסט ניט זײַן קיין פאַלשער איידעס... זײַנען עס דען ניט קיין גוטע געבאָטן?.. פאַרוואָס איז צווישן יונגעלײַט פאַרשפּרייט געוואָרן זנוס, אויסגעלאַסנקײַט, ניט קיין גוטע מידעס? — האָט דער טאַטע געפרעגט און אליין געענטפערט, — ווײַל מע האָט ניט קיין גלויבן. א מענטש דאַרף האָבן א גלויבן; ס׳פאַרהיט פון זינדיקן, פון טאָן שלעכטס, פון באַגיין אוולעס, באַהויכט דעם מענטשן צו טאָן גוטס, זײַן ערלעך. מיר, וועלכע גלויבן אין יענער-וועלט,

איז דאָך בעסער פון אײַך. מיר האָבן א פערספּעקטיוו, און איר? קיין שום פּערספּעקטיוו, ווי בעהיי־מעס, לעהאוודל. איר באַרויבט דאָך זיך אַליין... ס'איז מיר א ראַכמאָנעס אף אײַך...

אונדזער ניט לײַכטער שמועס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. צום סאָף האָט דער מידער טאַטע מיר געזאָגט:

— סטאַרע זיך טאָן גוטס, ווען דו קענסט, וויפל דו קענסט. אויב דו האָסט צוגעזאָגט עמעצן באַהילפיק זײַן, זע, מע זאָל ניט דאַרפן דיר דערמאָנען וועגן דײַן צוזאָג, און אויב מע דאַרף עמעצן העלפן, לייג עס ניט אָפּ אף שפּעטער. טו עס גלײַך. געדענק עס...

איך האָב עס פאַרגעדענקט אפן גאַנצן לעבן.

דער קאָנצערט „א יאָמטעוו־טאָג אין ליאַדי", וועלכן איך האָב מיט דער דאָרטיקער יוגנט צו־געגרייט, איז אַדורך בא א פולגעפּאַקטן קלוב מיט דערפאָלג.

אין סאָף אווגוסט, ערעוו דעם נײַעם לערניאָר, האָב איך זיך געזעגנט מיט דעם פאַרטרויערטן טאַטן, מיט דער פאַרווייַנטער מאַמען, מיט כײַע־כאַנען און פייגעלען, מיט מײַנע נײַע כאַווײרים — די שטעטלדיקע ווילע קאָמיוגיסטן און צוזאַמען מיט די סטודענטן און סטודענטקעס אוועקגעפאָרן, איבערגעלאָזט דאָס שטעטל, וואָס איך האָב ליב געקראָגן...

(פאָרזעצונג קומט)

איבערזעצונגען

יורי גריבאָוו

סיבעליִוס

סיבעליִוס בא די פֿינער איז ווי בא אונדז פּושקין. גרויסע מענטשן זײַנען שטענדיק אינטערעסאַנט ניט בלויז מיט זייערע שאַפֿונגען, נאָר אויך מיט זייער לעבן, שטייגער, מיט די ערטער, ווו זיי האָבן געוווינט, אָדער פּאַשעט פֿאַרבראַכט.

יאַן סיבעליִוס האָט דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט זײַנעם אָפּגעלעבט אין אײַנאָלע. אײַנאָלע איז ניט קיין שטאָט, ניט קיין דאָרף, און אַפֿילע ניט קיין כוטער. אײַנאָלע אויף רוסיש קלינגט ווי א וווינונג אָדער ווי א הויז, וואָס געהערט צו אײַנאָ. אַזוי האָט מען גערופֿן סיבעליִוסעס פֿרוי.

נאָך אין מײַן פֿריִערדיקן באַזוך פֿון פֿינלאַנד האָט זיך מיר זייער געוואָלט זײַן אין אײַנאָלע. נאָר ס'האָט זיך עפּעס ניט באַקומען. דאָס מאָל אָבער האָט דעם באַזוך אין סיבעליִוסעס הויז פֿאָרויסגעזען די פּראָגראַם, און מיר האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם דאָזיקן טאָג...

פֿון העלסינקי ביז אײַנאָלע איז אַן ערעך פֿערציק קילאָמעטער. געשווינד טראָגט זיך די מאַשין איבער דער אויטאָסטראַדע. רעכטס און לינקס בערעזע־וועלדלעך, געלע און גרינע פֿעלדער־פּאַסן. געל — דאָס איז די צײַטיקע טווע, בישכיינעס — לאַנקעס גרינע, ווו עס פּאַשען זיך רינדער. סאָף אויגוסט, נאָר עס איז וואַרעם, ווי אין סאַמע זומער. די שטאַמען פֿון אַלטע־אַלטע סאָסנעס, הויכע און מעכטיקע, ציִען זיך צום הימל. ס'שמעקט מיט סמאָלע און מיט שוואָמען, און אַזאַ שטילקײַט, וואָס קלינגט מאַמעש אין די אויערן...

אָט די שטילקײַט, שיינקײַט און נאָך די אָפּגעזונדערטקײַט האָבן פֿאַרכאַפּט סיבעליִוסן, ווען ער האָט אַמאָל מיט זײַנעם א פֿרײַנט געמאַכט א שפּאַציר אויף ליזשעס.

— אָט ווו מע דאַרף וווינען! — האָט אויסגערופֿן דער קאָמפּאָזיטאָר. — די שטאָטישע האַוועדיקײַט שטערט מיר...

געווען איז ער דעמלט אַכט און דרײַסיק יאָר אַלט. ער איז שוין געווען באַוווּסט אין א סאַך אייראָפּעיִשע לענדער. זײַנע סימפֿאָניעס האָבן געקלונגען אין די בעסטע זאַלן, אַרויסגערופֿן באַגײַסטערונג. ער האָט דער ערשטער פֿאַרלייגט א ברייטן וועג פֿאַר דער פֿינישער מוזיקאַלער קונסט. סיבעליִוס האָט ליב געהאַט „קאַלעוואַלע“, געשעפּט די מעלאָדיעס פֿון דער פֿאָלקס־טיפֿקײַט און מיט רעכט געקאָנט זאָגן וועגן זיך, באַניצנדיק די ווערטער פֿון דער פֿאַרצײַטיקער סאַגע:

איך האָב פֿאַר זינגער דעם וועג געעפֿנט,
אין וואַלד די צווײַגן כ'האָב צערוקט,
אין געדיכטעניש א סטעזשקע דורכגעהאַקט,
אַן אויסגאַנג דער צוקונפֿט כ'האָב געגעבן...

אַזוי לאַנג ווי ס'האָט זיך געבויט אײַנאָלע, האָבן די סיבעליִוסעס געוווינט אין א שכיינעסדיקן דאָרף. קוים אָבער איז פֿאַרטיק געוואָרן דער ערשטער שטאָק, האָט די מישפּאָכע, וואָס איז אויסער זיי בײדן באַשטאַנען נאָך פֿון דרײַ טעכטער, זיך באַלד אַריבערגעצויגן אויפֿן באַרג. סיבעליִוס האָט קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטן. אין אָט דעם שטראַליקן נאָדל־וואַלד האָט זיך אים גוט געאַרבעט. אין די נײַע באַדינגונגען איז בא אים גיך געגאַנגען די דריטע סימפֿאָניע. ס'האָבן זיך אָנגעצייכנט אויך אַנדערע ווערק. ער האָט זעלטן זיך געזעצט צום קלאַוויר. די מוזיק איז געבוירן געוואָרן און זיך געשליפֿן אין זײַן טאַלענטירטן קאָפּ. ער איז געגאַנגען מיטן שטעקן איבער די זוניקע פֿעלדער, בא די וואַלד־ראַנדן, לענגאויס דעם אָזערע־ברעג, וועלכער איז געלעגן אונטן באַם סאַמע באַרג־אָפּריס, און שטילע קלאַנגען, אימפּעטדיקע דערהויבענע מעלאָדיעס, זינגעוודיקע רונעס, פֿאַרענדיקטע אַקאָרדן האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון זײַן

נעשאָמע. דערנאָך האָט ער, ניט צוגייענדיק צום אינסטרומענט, אריבערגעטראָגן זײַן מוזיק אויף פּאַפּיר. סיבעליוס האָט געאַרבעט, ווי אַ שרײַבער. אַזאַ איז געווען זײַן סטיל. אויפן קלאַוויר האָט אויסגעצייכנט געשפּילט אײַנאָ, אויך די אונטערוואַקסנדיקע טעכטער. און ער האָט ליב געהאַט זיי הערן...

אין דער יוגנט האָט סיבעליוס געטרוימט צו ווערן אַ פידלער, און ניט פּאַשעט אַ פידלער, נאָר אַ ווירטואָז. אויך אויף דעם געביט האָט ער אַ סך דערגרייכט. ער איז אָבער אַוועק מיט אַן אַנדער וועג. די איבערגעלאָדנקייט מיט פאָלקס־מעלאָדיעס, מיטן גײַסט פון זײַן היימלאַנד האָט זיך אַרויסגעריסן, געזוכט אַן אויסוועג אין אַנדערע פאָרמען. דער נאַציאָנאַלער עפּאָס גייט אַדורך אין אַלע זײַנע סימפאָניעס. ער האָט געשריבן קאַמער־ און פאָרטעפּיאַנאָ־מוזיק, וואָקאַלע ווערק, כאָר־לידער.

זײַן גאַנץ לעבן האָט סיבעליוס זיך אינטערעסירט מיט רוסישער קונסט, באַרײַכערנדיק זיך מיט איר. טשײַקאָווסקי, רימסקי־קאָרסאַקאָוו, גלאַזונאָוו, רעפּין, גאָרקי — צו אַט די קינסטלער האָט ער געפילט אַ באַזונדערע סימפּאַטיע. ער האָט נאָכגעשפּירט נאָך דעם מוזיקאַלישן לעבן אין אונדזער לאַנד אויך שפּעטער. און נאָך דער מילכאָמע, אָנגעהויבן פונעם פינף־און־פערציקסטן יאָר, האָט ער אָפט אויפגענומען בײַ זיך סאָוועטישע געסט, קאָמפּאָזיטאָרן און אַרטיסטן, זיך איבערגעשריבן מיט זיי...

אין אײַנאָלע איז אַלץ אַזוי, ווי ס'איז געווען בײַ זייער לעבן. יעדע זאַך אויף איר אָרט. ווען דו גייסט איבער די ראַכוועסדיקע צימערן, ווו אַלץ איז הילצערן און טרוקן, געמיטלעך, כאַפּט אַרום אַזאַ געפיל, גלײַך אָט־אָט וועט אויף דער שוועל זיך באַווײַזן סיבעליוס אַליין אָדער זײַן אײַנאָ. דאָס הויז איז אַ צווייששטאָקיקס. אויבן דרײַ צימערן, און אונטן פיר, ניט רעכענענדיק אַ גרויסע קיך און אַ צימער פאַר אַ דינסט, אַ זאַל, עסצימער, ביבליאָטעק, אַן אַרבעטס־קאַבינעט און שלאָפצימער. אין זאַל שטייט אויף אַן אָנזיכטלעך אָרט דער ראָיאַל פון דער מאַרקע „סטייוויי". אויף דער וואַנט הענגט אַ בילד, וואָס שטעלט פאָר דעם טויט פון אַ קינד. די סיבעליוסעס האָבן איבערגעלעבט אַ צאָר, בײַ זיי איז געשטאָרבן אַ קליינינקע טאָכטער...

אין דער ביבליאָטעק, לינקס פון דער טיר, שטייט אַ שטול, אַ קליין טישל און אויף אים אַ ראַדיאָ־אויפנעמער. דאָס איז סיבעליוסעס באַליבט אָרט. ער איז דאָ לאַנג זיך פאַרזעסן, געהערט און געהערט מוזיק. אַ רייכערער איז ער געווען אַ ליידנשאַפטלעכער, כאָטש די דאָקטוירים האָבן אים געזידלט דערפאַר. ווען סיבעליוס איז אַלט געוואָרן נײַנציק יאָר, איז צו אים אַרײַנגעקומען אַ באַקאַנטער דאָקטער, קעדיי אויסצושרײַבן רעצעפּטן, און געזאָגט, קוקנדיק אויף אַ גרויסן ציגאַר, וועלכן דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אַרויסגענומען פונעם שאַכטל:

— רייכערן, פאָטערל, טאָרט איר אײַנגאַנצן ניט!

— צוואַנציק דאָקטוירים האָבן דאָס מיר געזאָגט, — האָט, באַהאַלטנדיק דעם שמייכל, געענטפערט סיבעליוס. — זיי, די שרעקער, זײַנען שוין ניטאָ אויף דער וועלט, און איך רייכער אַלץ צוביסלעך, רייכער...

די קיך אין הויז איז געמאַכט געוואָרן פויעריש. אַ סך אָרט פאַרנעמט דער אויוון, ענלעך אויף אַ רוסישן. אין אים האָט מען געבאַקן געבעקס און ברויט. אײַנאָ איז געווען אַ וווּנדערלעכע באַלעבאָסטע, זי האָט אַלץ געקענט טאָן מיט געניטשאַפט: אָפּרייניקן דעם ערד־שעטעך פון שטיינער און אַלערלײַ־פאַרוואַקסונג, פאַרפלאַנצן אַ סאָד און אַ גאָרטן. עפּלביימער, וועלכע זי האָט אויסגעהאָדעוועט, האָבן אויף אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג באַקומען צוויי הויכע פּריזן. זי אַליין האָט געמאַכט די צייכענונגען פאַר אַ באָד, פאַר אַן אָראַנזשעריי.

איך קוק זיך אויפמערקזאַם אײַן אין דער פאָטאָגראַפיע פון אָט דער אַרבעטזאַמער פרוי, אַן אָפּשטאַמיקע פון אַן אינטעליגענטער, באַוווּסטער מישפּאָכע, באַמיִענדיק זיך צו פאַרשטיין איר כאַראַקטער. אַ זייער עלעגאַנטע, אירע צעוואַקסענע האָר שטרענג פאַרקעמט, די הענט צאַרטע, מוזיקאַלע. זי האָט ליב געהאַט איר יאַן. און ער האָט עפּשער מער נאָך זי ליב געהאַט. ניט אומזיסט האָט ער זײַן וואַלד־ווילע אָנגערופן אײַנאָלע. אָט די קעגנזײַטיקע ליבע, אַרבעט, פולשטענדיקע האַרמאָניע האָבן פאַר ביידן געשאַפן די מעגלעכקײַט פאַר אַ לאַנג לעבן. סיבעליוס איז געשטאָרבן אין אָקטיאַבער 1957 אין עלטער פון איין און נײַנציק יאָר. אײַנאָ האָט אים איבערגעלעבט אויף צוועלף יאָר, ניט דערצייענדיק דרײַ יאָר ביז צו די הונדערט. זיי זײַנען באַערדיקט איינער לעבן דעם אַנדערן, אונטער איין פּליטע. די פּליטע דוכט זיך אַ בראָנזעווע, און אויף איר אַ גרויסע אויפשריפט: „יאַן סיבעליוס". און עטוואָס נידעריקער, אין רעכטן ווינקל, איז אויסגעקריצט מיט דריבנע אויסיעס איין וואָרט: „אײַנאָ". מע זאָגט, אַז דאָס איז געווען איר פאַרלאַנג אַזוי אויסצופאָרמירן די פּליטע. ניט ווײַט פונעם קייווער איז געוואַקסן אַ ווילדער פלוימענבוים. ער האָט אינגיכן אײַנגעדאַרט, ניט קענענדיק אַריבערטראָגן דעם פאַרלוסט פונעם באַלעבאָס און פון אײַנאָלע, וועלכע האָבן זיך אָפט אָנציקט מיט זײַן ראָזעווער בליונג.

מע האַלט, אַז פאַר די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר פון זײַן לעבן האָט סיבעליוס קיין שום באַדײַטנדיקס ניט געשאַפן. ער איז ביכלאַל אַנשוויגן געוואָרן. אַ „רעטעניש־דיק שווײַגן" — אַזוי האָט מען וועגן אים גערעדט אין פינלאַנד. אַזאַ „צושטאַנד" קומט פאָר צומאָל בײַ גרויסע קינסטלער. נאָר, זעט אויס, קיין שום רעטענישדיק שווײַגן איז עס ניט געווען. סיבעליוס האָט שטענדיק געשאַפן, ביזן לעצטן אָטעם־צוג. ער אַליין אָנערקענט אין

זײַן טאָגבוך: „קאָן זײַן, אז מער פון אלץ האָב איך ארײַנגעלייגט מי אין יענע ארבעטן, וועלכע זײַנען קיינמאָל ניט פארענדיקט געוואָרן". אָט די אנערקענונג פון דעם גרויסן קאָמפּאָזיטאָר רעדט וועגן שטרענגקײַט צו זיך, וועגן פאראנטוואָרטלעכקײַט צו עכטער פאָלקס־קונסט. קאָן זײַן, אז ער האָט ניט געוואָלט פארמינערן זײַן ניוואָ. בעסער שווײַגן, איידער זאָגן שלעכט... ניט בא יעדן קלעקט מוט אף דעם. בא סיבעליוסן האָט געקלעקט. זײַן האנט האָט ניט אָנגעשריבן קיין איין שוואכע נאָטע. פון זײַן נעשאָמע זײַנען ניט דערגאנגען צו אונדז קיין שום פוסטע קלאנגען. ער האָט געטאדלט יעטווידע מאָדערניסטישע אָפּנייגונג אין דער קונסט. צוויי יאָר פארן טויט האָט דער גרויסער סיבעליוס אין א געשפרעך מיט אראם כאטשאטוריאנען געזאָגט מיט הומאָר: „ווער עס שרײַבט מוזיק מיטן קאָפּ, ווער מיט די פיס, און ווער מיטן הארץ..."

מיר האָבן לאנג שפּאצירט איבער אײַנאָלע, איבער אירע שאָטנדיקע אלייען און שמאָלע סטעזשקעס, וואָס שלענגלען זיך דורך געדיכטן פּאפּאָראָטניק, דורך בריסלענע לאָנקעס און סאָסנע־וואלד. ס'האָט זיך געוואָלט נאָר שווײַגן. הילכיקע קלאנגען זײַנען דאָ געווען איבעריק...

אומקערנדיק זיך קיין מאָסקווע, האָב איך געשטעלט אפן דיסק סיבעליוסעס פּלאטע, וואָס מע האָט מיר געשענקט אין העלסינקי. „אײַנאָלע" — אזוי הייסט די פּלאסטינקע. איך האָב געהערט דעם קאָמפּאָזיטאָרס לעבעדיקע שטים. זי איז געלאסן און טויבלעך. סיבעליוס האָט עפּעס דערקלערט. און דערנאָך האָט זיך א גאָס געטאָן זײַן ריינע ליכטיקע מוזיק. א פארקלערטע און פארכאפּנדיקע. און איך האָב ווידער דערזען אײַנאָלע, דערזען פינלאנדס טײַכן און אָזערעס, איר באשיידענע נאטור, איר האָרעפּאשנע פאָלק. געזען און געטראכט וועגן דעם, וואָס פאר א וווּנדער עס איז טאלאנטפולע מוזיק, וועלכע רופט צו גוטס, צו שאָלעם און גליק. זי קען ניט קיין גרענעצן. זי דערנעענטערט פעלקער. מוזיק דארף מען ניט איבערזעצן אף אנדערע שפּראכן, ווי א ווערק פון א שרײַבער. זי איז פארשטענדלעך אָן אן איבערזעצונג. זי פילט אָן די נעשאָמע אין איין אויגנבליק. באזונדערס אזא מוזיק, ווי עס האָט געשאפן יאן סיבעליוס, דער אומשטערבלעכער קאָמפּאָזיטאָר.

דער טײַך „קניאגיניא"

צווישן קאָסטראָמא און יאראָסלאוול, באם פארצײַטיקן דאָרף לעוואשאָוואָ, פליסט א טײַכל מיט ניט קיין געוויינלעכן נאָמען — קניאגיניא, אף ייִדיש — די פירשטן. צופאָרנדיק צו אָט דעם אָרט און דערזעענדיק א שילד מיט אן אויפשריפט, הייבן מענטשן אָן זיך ארומקוקן און זוכן מיט די בליקן עפּעס זעלטענע, אויסטערלישע שיינקײַטן. נאָר גאָרניט ווארפט זיך אין די אויגן, אלץ ארום איז באשיידן. א לאָנקע, אף וועלכער עס פּאשעט זיך א קעלבל. א בערגל, אָפּגעברענט פון דער אווגוסט־היץ, און הינטערן בערגל זעען זיך אָן פלויטן ארום גערטענער, דעכער פון הײַזער, א שארפע שפּיל פון א גלאָקן־טורעמל. אומבאמערקט איז אויך דאָס טײַכל. א פארוואקסנס מיט זומפּגראָזן, באהאלט עס זיך, ווי שעמעוודיק, צווישן אירע שטיילע ברעגן. גיכער שוין א דאָרפיש יאָסעמל, איידער א פירשטן...

מײַן באקאנטשאפט מיט דער קניאגיניא האָט זיך אָנגעהויבן פון א טאָפּאָגראפישער מאפּע. געווען איז עס באלד נאָך דער מילכאָמע. אונדזער דיוויזיע האָט מען פון דײַטשלאנד אריבערגעוואָרפן אין די אויבערוואָלגישע וועלדער. מיר האָבן געוואָרט אף דעם פאנאנדערפאָרמירן און זיך דערווײַל פארנומען מיט לערנען. און צווישן אלע קעגנשטאנדן איז געווען בא מיר דער סאמע באליבטער — גיין לויטן אזימוט. אין די אָוונטן, ווען עס האָט זיך אײַנגעשטילט דער טומל אין אונדזער באָכערישן אָפיצערישן שטיבל, האָב איך ארויסגענומען פונעם פלאנשעט די מאפּע, זי צעשפּרייט איבערן גאנצן טיש און אויסגעוויילט דעם פאָרשטייענדיקן מארשרוט, איבערכאזערנדיק מיט האנאָע פארשיידענע נעמען: ליכאָבראזאָוואָ, שײַקינאָ, זוואָן. דעמלט איז מיר אויפגעפאלן דאָס טײַכל קניאגיניא. א דין שלענגעלע האָט זיך געוויליעט אין אייבערשטן ווינקל פון דער מיליטער־מאפּע, אוועקגייענדיק ערגעץ אין די וועלדער, צו דעם בייג פון דער וואָלגע.

— קניאגיניא! — האָב איך פריידיק אויסגערופן און גענומען וועקן מײַן כאווערל דעם לייטענאנט לעשקאָ באָריסאָוו.

אײנײנעם מיט אים האָבן מיר אויסגעארבעט א פלאָן, וויאזוי צו פארניכטן א „פײַנטלעכן" דעסאנט. אין דעם ראיאָן פונעם טײַכל קניאגיניא. מיר האָבן וועגן דעם ראפּאָרטירט דעם קאָמבאט, און אפן אנדערן טאָג האָבן מיר שוין דורכגעמאכט אונדזער האסטיקן מארש צו דעם אָרט, ווו עס דארף פאָרקומען די „שלאכט". אין יענעם הארבסט האָבן פרי זיך אָנגעהויבן די קעלטן. געכאפּט פון נאכטישע פרעסטלעך, איז די ערד געווען מאמעש פארשטיינערט. מיט א גלאָזיקן קלאנג האָט זיך געבראָכן אונטער די פיס דאָס דינע אײַז, פארגיסנדיק די לוזשעס מיט וואסער. ערטערווײַז האָט

מען ניט באַוויזן נאָך אַראָפּצונעמען דאָס קרויט, און די צײַטיקע היפּטלעך האָבן זיך געווײַסלט אין פֿאַרטאָגיקן נעפּל.

אַריבערשפּרײַזנדיק די באַלקע, אַ באַוואַקסענע מיט דריבנער אָלכע, זײַנען מיר אַרויס צו דעם דאָרף גומנישטשי. און טייקעף האָט אַף אונדז אַ ווייע געטאָן מיט רויך פֿון געהייצטע אויוונס. די סאָלדאַטן זײַנען אַנשטילט געוואָרן. אַלעמען האָט זיך, זעט אויס, וואָס גיכער געוואָלט צו זייערע היימען. זיי האָבן דאָך אַזויפֿיל וועגן שוין אויסגעשפּאַנט. און מיר האָט זיך אויך דערמאָנט מײַן קינדהײַט, דאָס לײַבלעכע דאָרף. בא אונדז זײַנען אויך, ווי דאָ, אין גומנישטשי, געשטאַנען הינטער די גערטענער סטויגן שטרוי, און מיר, ייִנגלעך, האָבן געמאַכט אין זיי נאָרעס, אין וועלכע ס׳האָט שטענדיק געשמעקט מיט הייסן זוניקן זומער...

צוויי מעסלעס האָבן מיר זיך „געשלאָגן” לעבן דער קניאַגיניאַ. און ניט נאָר מיר אַליין איז אַרײַן אין דער נעשאָמע אָט דאָס היימלעכע, פֿאַרקלערטע טײַכל. דאָס וואַסער אין אים איז געווען קאַלט און דורכזיכטיק. אײַנזאַמע בלעטלעך זײַנען געפֿאַלן פֿון די בײַברעגיקע בעריאָזקעס און שטיל געשווּמען מיטן שטראָם, אין די באַלקעס איז געשטאַנען אַ צונטער־רויטע ריאַבינע און פֿונווײַטן געווען ענלעך אַף אַ פֿלאַמיקן שײַטער.

בא דער קניאַגיניאַ, דאַכט זיך, אין קוליקאָוואָ אָדער אין פּאַגאָסט, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אַף נאַכטלעגער. האַלב אויסגעליידיקט און אָרעם זײַנען דעמלט געווען די היגע דערפֿער. פּאָשעטלעכע בלייכע פֿאָטאָגראַפֿיעס, אײַנגעראַמטע, האָבן אומעטום אַראָפּגעקוקט פֿון די הילצערנע ווענט: אַ פֿאָטער, אַ מאַן, זין... מיט אַ צײַט צוריק האָבן זיי נאָך אַלע דאָ געלעבט, און אָט זײַנען זיי שוין נישטאָ און וועלן קיינמאָל מער ניט זײַן. איבערן גאַנצן לאַנגן מילכאָמע־וועג האָבן זיך געצויגן זייערע ברודער־קוואָרים. און די אַלטיטשקע אַנע, וואָס האָט אונדז אַרײַנגעלאָזט אין איר כאַטקע, הערט ניט אויף צו גלייבן, אַז עמעצער פֿון אירע קרויווים וועט זיך נאָך „אומקערן”.

— אַ גאָט איז פֿאַראַן, צי ניט? — ווענדט זי זיך צו אונדז, גרייטנדיק צום טיש. — ער זעט, אָדער ער זעט ניט?

איך און לעשקאָ לאָזן זיך ניט אַרײַנציִען אין קיין שום שמועס וועגן גאָט און צעבינדן וואָס שנעלער די זעקלעך מיט פּראָדוקטן. די אַלטיטשקע האָט ניט קיין שטיקל ברויט. ס׳איז פֿאַראַן קאַרטאָפֿל, שוואָמען, קרויט, נאָר „דאָס ברויט האָט מען נאָך יענע וואָך אויפֿגעגעסן”. פֿונעם שכייניש הויז איז געקומען אַ קוק טאָן אַף די מיליטערלײַט די זיבניאָריקע נאַטאַשע. נאַטאַשעס פֿאָטער איז געפֿאַלן אין דער מילכאָמע, איר מוטער האָט מען געשיקט אַף אַ כוידעש פֿאַרגרייטן טאָרף, און דאָס מיידעלע וווינט מיט איר שוועסטער אַליע, וועלכע איז נאָך קיין גאַנצע עלף ניט אַלט. גיט די באָבע אַנע אַכטונג אַף די קינדער.

— די מיידלעך דאַרפֿן ביידע איבעראיאָר גיין אין שול, — זיפֿצט די אַלטיטשקע, — און זיי האָבן אײַנגאַנצן איין פּאָר אונטערגענייטע וואַלענקעס...

איך האָב געהאַט עטלעכע טרוקענע געבעקסלעך, וואָס מע האָט אונדז צוגעגעבן צום אָפֿיצערישן פּאַיאָק, און איך האָב זיי דערלאַנגט נאַטאַשען. זי האָט אָפֿן אָרט געוואָלט אײַנבײַסן איין לעקעכל, נאָר זיך באַטראַכט און עס באַהאַלטן אין קעשענע.

— איך וועל בעסער אינדערהיים עסן, — האָט זי געזאָגט, באַשײַנענדיק אונדז מיט אַ קייענוודיקן שמייכל. — איינס וועל איך אַליען געבן און איינס דער מאַמען...

גלײַך מע וואָלט מיט עפּעס אַ שאַרפֿער קיילע מיר אַ ריס געטאָן אין האַלדז. אײַנהאַלטנדיק מיט שווערקײַט די טרערן, האָב איך אַ גלעט געטאָן נאַטאַשען איבער אירע פֿלאַקסענע האָר, דאָס מיידעלע האָט זיך פֿאַרטרוילעך צוגעטוליעט צו מיר, און אַף איר דינעם העלדזל האָט געשלאָגן אַ בלויער אָדער. און קעדיי וואָס גיכער זיך באַפֿרײַען פֿון דעם אָנגעלאָפֿענעם ראַכמאָנעס־געפֿיל, האָב איך גענומען אויספֿרעגן בא דער אַלטיטשקער, פֿאַר וואָס זייער טײַכל האָט אַזאַ קלינגענדיקן נאָמען.

— דאָ גייט אָט אין וואָס, — האָט אַ דערפֿרייטע זיך אָפּגערופֿן די אַלטיטשקע. — פֿון לעניגראַד איז געקומען צו אונדז אַ געלערנטער, אַ קאַנדידאַט פֿון וויסנשאַפֿטן, זאַמלען טשאַסטושקעס, און אַלע אונדזערע אַלטע לײַט האָט ער אויסגעפֿרעגט וועגן דער קניאַגיניאַ. ווען זשע איז עס געווען? מיך האָט מען אין יענעם האַרבסט באַלוינט מיט אַ פֿאַטעפֿאָן פֿאַר גרינוואַרג. צוויי יאָר פֿאַר דער מילכאָמע. אָט ווען דאָס איז געווען. ער האָט אַלץ געוואָלט זיך דערוויסן, צי איז ניט פֿאַראַן ערגעץ אינדערנאָענט אַ גוט, ווו עס האָבן פֿריִער פֿירשטן און גראַפֿן געלעבט. און די מאַנצבלען האָבן אים געגעבן אָנצוהערן: פֿון אַ פֿאַרקערטער זײַט, כאַווער געלערנטער, נעמסטו זיך פֿאַר דער זאַך. ניט לעקאָוועד עפּעס אַ פֿירשטן איז דאָס טײַכל אָנגערופֿן אַזוי, נאָר צוליב זײַן שיינקײַט. פֿריִער, ווען דער טײַך איז ברייטער געווען, איז דאָ אומעטום טשעריאָמוכע געוואַקסן, איבערן סאַמע וואַסער אַראָפּגעהאַנגען און ווי אין אַ שפּיגל אינעם טײַכל זיך געשפּיגלט. אָט דעמלט איז געבוירן געוואָרן דער נאָמען. אַלע דערציילן אַזוי. איך האָב נאָך פֿון מײַן זיידן דאָס געהערט, און ער פֿון זײַן זיידן... יעדן געפֿעלט זי, אונדזער קניאַגיניאַ. ווער עס האָט זי כאָטש איין מאָל געזען, קאָן זי שוין ניט פֿאַרגעסן...

דעם רייִנעם עמעס האָט געזאָגט די אַלטיטשקע אַנע. וווּהין דער גוירל זאָל מיך ניט געוואָרפֿן, אומעטום האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם טײַכל קניאַגיניאַ. קוידעמקאָל שטעלט זיך אַוועק

פאַר די אויגן מײַן אייגן דאָרף, און באַלד באַווײַזט זיך די קניאַגיניא. איר אומגעגנט איז איינמאָליק. אַן אנדערס מאָל כאַפּסטו זיך אויף אינמיטן נאַכט אין אַ האָטעל פון עפּעס אַ פרעמד, ווײַט לאַנד, באַנעמסט ניט טייקעף, וווּ דו געפינסט זיך, דאָס האַרץ קלעמט פון בענקשאַפט, און דו קאָנסט שוין מער ניט אײַנשלאָפן. ליגסטו פּאָשעט און טראַכסט, שטעלסט זיך פאָר די ערטער דײַנע, די רוסישע, די מעכײַעדיקע און וואַרעמהאַרציקע מענטשן אונדזערע. און די געדאַנקען, גלײַך ווי אַ גוטע רפואה, באַרויִקן דיך און ברענגען פרייד...

אין יעדער באַליביקער צײַט פונעם יאָר, בײַ יעדער געלעגנהײַט באַמי איך זיך פאַרקערעווען צו דער קניאַגיניא. זי איז וווּנדערלעך סײַ פרילינג, סײַ זומער, באַזונדערס אין דער ערשטער העלפט סענטיאַבער, ווען אומעטום גראָבט מען דאָ קאַרטאָפל, איבער די פעלדער ציִען שאַרן פון בושלען, און ווײַסער שפּינגעוועב הענגט אָף די אָפּגעוועלקטע פּאָלין־שטענגלעך. און אין לעוואַשאָוואָ, יאַדראָוואָ וועט מען אומבאַדינגט זיך באַרימען, אַז גראָד אין אָט דער צײַט האָט דאָ ליב געהאַט צו שפּאַצירן מיט זײַן ביקסל דער דיכטער נעקראַסאָוו. און כאָטש וועגן דעם איז אין ערגעץ ניט געשריבן, גלייבט מען אָפּן וואָרט. און עפּשער איז טאַקע בעעמעס דער גרויסער דיכטער געווען אָף געיעג בײַ דער קניאַגיניא?

אַ סאַך האָט זיך אין די היגע ערטער געביטן, און אַ סאַך זעצט פאָר זיך בײַטן. אין לעוואַשאָוואָ איז איצט אַ גרויסער סאָווכאָז, אומעטום שטייען נײַע, וווּיל־אײַנגעאָרדנטע הײַזער. דער סאָווכאָז קאָרמעט די שטאָטישע מיט גרינוואַרג, מילך, ברויט. איצט איז בײַ דער קניאַגיניא נישטאָ קיין איין הויז, וווּ עס זאָל ניט שטיין קיין טעלעוויזאָר, טײַער מעבל, און ווען עמעצער דערציילט דער יוגנט וועגן יענעם נאָכמילכאָמעדיקן האַלב־הונגעריקן לעבן, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט מײַנע באַקאַנטע, די אַלטיטשקע אַנע, נאַטאַשע, איר שוועסטערל אָליע און אַנדערע אײַנוווינער, גלייבט זיך זיי עפּעס יאָ און עפּעס ניט. אַוודאי איז זיי זייער שווער צו פאַרשטיין, ווען זיי זײַנען זאַט, גוט אָנגעטאָן, גייען אין קולטור־הויז, וואָס אַזעלכע פאַרמאָגן ניט אַפילו אייניקע געגנטלעכע שטעט. דאָ איז אַן אייגענער מוזיקאַלער אַנסאַמבל, אַ ליבהאָבערישע קינאָ־סטודיע „זשאַוואָראָנאָק”, אַ כאָר, פאַרשיידענע אַמאַטאָרישע קרײַזלעך...

נאָר פאַראַן אָף דער קניאַגיניא אויך פאַרלוסטן. דאָס טײַכל האָט היפּש אויסגעטריקנט, נאַקעטלעך זײַנען געוואָרן אירע אַמאָל אַזוי פּרעכטיקע ברעגן. פיש זײַנען קימאַט פאַרשוווּנדן.

אינמיטן זומער איז עפּעס קאַליע געוואָרן בײַ מיר די שטימונג, די אַרבעט איז ניט געגאַנגען, און איך האָב באַשלאָסן אין אַן אָפּרו־טאָג זיך אַראָפּכאַפּן צו דער קניאַגיניא. ס'זײַנען אַדורך וואַרעמע שלאַקסרעגנס, די גראָזן זײַנען געשטאַנען הויכע ביזן גאַרטל, און איך בין שטיל געגאַנגען לענגאויס דעם טײַכל און דעם וואַלד. אַ ווינטל האָט שטיפעריש געשפּילט מיט די בלעטער פון יונגע אָסינע־ביימער. גרינע קעפּלעך פון גלעקלעך־בלומען האָבן זיך ווי געבוקט פאַר דער זון. אַלערלייִקע ווילד־דופטיקע גראָזן האָבן מיט אַ בונטן פילפאַרביקן טעפּיך באַדעקט די פּליינען, יאַר־שיפּויִם, וועלדלעך. שווערע בינען האָבן זאַכלעך געזשומעט איבער די העלע בלומען־בלעטלעך. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די לאָנקעס זײַנען שוין איבערגעשטאַנען און עס איז צײַט צו קאָסען, נאָר איינער אַ פאַסטעך הינטערן אַלטן אויסהאַק־פּלאַץ האָט מיר דערקלערט:

— מע דאַרף נאָך צוואַרטן אַ מין וואָך, זעסט, די קערנער פון די גראָזן האָבן זיך נאָך ניט אָפּגעשיט...

בײַם ראַנד פונעם אָלכע־וועלדל, צערוקנדיק מיט די הענט דעם געדיכט פאַרצווײַגטן דורכגאַנג, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט צום טײַכל, אין פּאָנעם האָט געשלאָגן אַ קילקײַט, דער ריי־עך פון סמאָראָדינע און באַגולניק האָט פאַרקלאָפּט די אַלע אַנדערע ריחות. דער דנאָ דאָ איז געווען אויסגעבעט מיט שטיינדלעך, און ס'האָט געמורמלט, געריזלט איבער אים קרישטאָל־ריין וואַסער. איך האָב אויסגעטאָן די שיך און בין אַריבערגעגאַנגען דאָס טײַכל. די טיפקײַט אָף דעם אָרט האָט ניט דערגרייכט אַפילו ביז די קני. נאָענט לעבן דער סטעזשקע האָבן זיך געשוואַרצט שפּורן פון אַ שײַטער. אין אָוונט האָט מיסטאַמע עמעצער געקאָכט דאָ פיש־יויך אָדער פּאָשעט געשמעקט...

דאָ פיש־יויך אָדער פּאָשעט געגעכטיקט בײַם פײַער. איך האָב זיך צוגעזעצט אָף אַן איבערגעקערטן בוים און אויסגעטאָן דאָס העמד. אַ שטילקײַט האָט געקלונגען אין די אויערן. און אינײינעם מיט די מאָנאָטאָנע קלאַנגען איז געפלאָסן אַ דערהויבענע מוזיק. נאָר דאָס האָט זיך פּאָשעט אויסגעדאַכט, ווי אין אָט די שורעס:

> און קיין נעגינע איז ניטאָ, נאָר איך הער לאַנג
> פון אומזיכטבאַרע זינגער אַ כאָר־געזאַנג...

אין האָב געהערט די שטילקײַט און געפילט אַ מעכײַעדיקע באַרויִקונג. זי האָט, ווי לופט, זיך אַרײַנגעגאָסן אין מײַן נעשאָמע. און ס'זײַנען אָפּגעפאַלן אַלע קלייניקײַטן, אַלע אָנגעווייטע אומגערעכטע אוולס. פונדאַנען, פון אָט דעם קליינעם טײַכל, האָט אַלצדינג עפּעס ווי אַנדערש אויסגעזען — באַדײַטנדיקער, ריינער און טיפער. דאָס איז דאָס געפיל פונעם היימלאַנד. הייליק און גרויס איז עס. אָן דעם איז שווער ערנסט צו לעבן.

יעלענא מאַקאַראָווא

דרײַנגענדיקער רעמאָנט

ווינטער, באם יאם איז ווינציק ארבעט. ווער דארף אין אזא צײַט א שוסטער? יאַקאָוו דער שוסטער האָט אוועקגעשטעלט דעם טשײַניק אַף דער עלעקטרישער פּליטקע, גענומען פון דער אונטערשטער פּאָליצע די איינציקע פּאָר שטיוועלעך, וואָס זײַנען דאָרטן געשטאַנען. פּונקט נעכטן האָט זיי ארײַנגעטראָגן א סאָלידער מאנצבל, אין די איצטיקע מאָדערנע, ווי מע רופט עס, „דובליאָנקעס", ער איז געוויס פונעם שרײַבער־הויז. אין אומסעזאָנער צײַט דערקענט מען באלד א שרײַבער. זומער ווייסטו ניט, ווער עס איז א שרײַבער, ווער עס איז א ליינער, אָבער ווינטער זעט מען עס גלײַך. יאַקאָוו האָט אָנגעטאָן א שווארצן פארטעך, פארפּארעט טיי און, כליאָבענדיק פון א גרויס קענדל, באטראכט די שטיוועלעך. פײַנע שטיוועלעך, מיט א שמאָלן קליינעם טראָט, אַף א דין קנאפּעלע, אָבער געטראָגן האָט זיי ניט קיין אקוראטע מאמזעל. די קנאפּל זײַנען ארומגעריסן, די נעזלעך צעצאראפּעט, עפּשער וווינט זי אין דער הויפּט־שטאָט, ווו מע טרעט איינער דעם אנדערן אַף די פיס.

יאַקאָוו האָט אוועקגעשטעלט די שטיוועלעך אַף דער פּאָליצע, ווו ער דערלויבט ניט קיינעם פון די קליענטן, זיי זאָלן דאָרט אוועקלייגן זייער שוכווארג אין די שמוציקע פּאָליעטילענאָווע זעקעלעך. ער האָט גענומען פונעם ווארשטאט א סאַמעטענע טיכעלע, אויסגעווישט די שטיוועלעך די נעז. דורכן פענצטער האָט ער געזען די סוווענירקלייט „בורשטין". איצטער איז דאָרט גאנץ ליידיק, אין אזא צײַט מאכט מען ניט דעם פּלאן. ס'איז, ווי מע זאָגט, א טויבע צײַט, ס'איז דאָך פּעווראל. פונעם יאם בלאָזט, ס'איז אזש א צוגווינט אין די דירעס, אָט, נאָך דעם צוגווינט, פאָרן עס טאקע אהער די שרײַבער. זיי פּאקן זיך ארײַן אין שפּערישן אָפּרו־הויז און מע שרײַבט טאָג און נאכט.

ווי נאָר יאַקאָוו טוט א טראכט וועגן די שרײַבער, קאָכן אין אים די דאָמים. וואָס האָט ער קעגן זיי, ער האָט שוין! ער האָט א גוטן צאָן קעגן זיי. יאַקאָוו האָט ארײַנגעקוקט אין שפּיגל, אויסגעשטשירעט די ציין און באוויזן דעם שפּיגל די אונטערשטע גאָלדענע קאָראָנקעס, ווײַל די אונטערשטע ציין האָבן זיך גענייטיקט אין א גאָלדענעם פּארקן. די טורמע, ווו ער איז געווען, האָט אויסגעווײַסט זײַן פײַערדיקע פּאטלע, ס'איז געוואָרן א מעשונעדיקע פּאטלע, א קאָליר פון געלכל מיט ווײַסל, די פינגער זײַנען אים פארגרעבט געוואָרן, די דלאָניעס געוואָרן ווי שטיינערנע. יאַקאָוו האָט אָנגעטאָן די שטיוועלעך אַפן קאַפּול.

וויפל מינוט דארף געדויערן, ביז מע שמידט אונטער א פּלוי? מיט א צײַט צוריק וואָלט אפילע א זשאָנגליאָר מעקאנע געווען יאַקאָווס בעריעשע הענט, אויך איצטער האָט ער געארבעט גאנץ שפּאָרעוודיק, אין א סעזאָן פלעג ער אויספּארטיקן פערציק פּאָר נאבאָיקעס, און איצט ווילט זיך אים אפילע קיין איינע ניט מאכן. ער האָט פארלוירן דעם כיישעק צו דערוף. זומער איז אַן אנדער צײַט, רעדסט זיך דורך מיטן קליענט, ער זאָגט דיר א וואָרט, גיסטו אים צען רעשט, ארבעט איבערן קאָפּ. די שרײַבער לויפן אהער, ווי בינען אַף האָניק, אָבער די שרײַבער גופע גיבן קיין האָניק ניט.

ס'האָט א סקריפּע געטאָן די טיר, און א פרויען־שטים האָט דורכגעצווישטערט:

— מײַן מאן האָט דאָ נעכטן...

יאַקאָוו האָט זי איבערגעשלאָגן:

— קיין מאנצבל איז דאָ ניטאָ, כאָטש דאָס איז געווען אײַער מאן.

די פרוי האָט פארגעזעצט:

— מײַן מאן האָט דאָ נעכטן געבראכט שטיוועלעך.

יאַקאָוו האָט אויפגעהויבן די אויגן, אָנגעקוקט די פרוי און גלײַך פארשטאנען, אז זי דערקענט אים ניט. דאָס איז קיין וווּנדער ניט, צוואַנציק יאָר איז ניט איין טאָג, דריי אהין, דריי אהער, די טורמע בײַט איבער א מענטשן, קיין נײַע ציין וואקסן דאָרטן ניט אויס און עס ווערט אָפּגעווישט פונעם פּאָנעם דער שמייכל.

— אָט זײַנען דאָך די שטיוועלעך! — האָט זיך דערפרייט די פרוי. — זיי זײַנען שוין פארטיק?

זי האָט זיך אוועקגעזעצט, פאַנאַנדערגע־שפּיליעט דאָס אייבערשטע קנעפּל אפן געלן פעלצל און באַמערקט:

— בײַ אײַך איז אַזוי געמיטלעך.

— אַלץ פאַרן ווילטיק פונעם קליענט. עפּ־שער ווילט איר טיי, בײַ אונדז איז דאָס אַרײַנ־געטראָגן אין פּרייסקוראַנט.

— אַ דאַנק, איך וועל זיך ניט אָפּזאָגן.

יאַקאָוו האָט אויסגעטאָן דעם פאַרטעך, אוועק־געשטעלט דעם טשײַניק אַף דער פּליטקע און איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי:

— מײַן אייפּעלע, מײַן פייגעלע, מײַן ברע־קעלע.

— ניט שוין זשע ביסטו דאָס, — האָט די פרוי אויסגערופן, זיך אופגעהויבן פון אָרט, נאָר יאַקאָוו האָט געזאָגט:

— זעץ זיך, ביסט ניט אַף אַ דעמאָנסטראַ־ציע, און איך בין ניט קיין מאַרשאַל. זאָג מיר, דער, וואָס האָט געבראַכט די שטיוועלעך, איז דער זעלבער טיפּ, בײַ וועמען איך האָב דיך אַרויס־געריסן? ער איז אַ שרײַבער?

— פונוואַנען ווייסטו?

— כ'האָב דאָס איבערגעלייענט אַף די זוילן פון דײַנע שטיוול, מײַן אייפּעלע, — האָט יאַקאָוו קלוימערשט געוויצלט זיך און האָט זי ווידער אָנגעקוקט.

זי האָט זיך ניט געביטן, זי איז געווען שיין, און זי איז איצטער אַ קראַסאַוויצע, זי האָט באַר אָנגעטאָן אַ לענגער קליידל, אָנשטאָט יענעם, אין וועלכן זי פלעג טאַנצן אַף ייִדישע כאַסענעס. איצטער איז דאָך אַזאַ מאָדע, די קלייד זאָל זײַן לענגער פונעם מאַנטל.

— וויפל צוקער דיר אַרײַנלייגן אין דער טיי?

— מע דאַרף קיין צוקער ניט.

— גיסט אַכטונג אַף דײַן פיגורקע?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן. יאַקאָוו האָט אוועק־געשטעלט אַנטקעגן איר אַ גרויס קענדל טיי און האָט אַ טראַכט געטאָן: „פאַר אַזאַ דאַמע דאַרף מען אַ שיין טעפּעלע".

— דו אײַלסט זיך?

— ניין, ניין, באַאומרויִק זיך ניט.

ער האָט זיך ניט באַאומרויִקט, זי דאַפקע יאָ. דאָ האָט זי מיט איין האַנט אַרומגעכאַפּט איין קני, דאָ אַ צווייטע.

— דײַן מאַמע לעבט נאָך?

— זי לעבט, און זי דערמאָנט דיך אָפט.

— כ'וואָלט זי געוואָלט זען, אויב עס איז מעגלעך.

— פאַרוואָס ניט, אַפילע באַלד, אויב דו ביסט דאָ אַף לאַנג.

— ניין, אין אָוונט פאָרן מיר אוועק.

— אין דער הויפּט־שטאָט?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. יאַקאָוו האָט באַמערקט עטלעכע באַזילבערטע הערעלעך אין איר שוואַרצער פּאַטלע. אַך, וואָס דאָס זײַנען געווען פאַר אַ האָר! דאָס איז געווען אַ פּאַטלע פון דינסטן שמעקנדיקן שפּינוועבס, אירע שמאָלע ברעמען זײַנען געווען שוואַרץ און הויך געצייכנט איבער די אויגן. זי האָט באַמערקט:

— איך מוז זײַן צו מיטיק, ניט שפּעטער פון האַלב דרײַ.

— וועסט ניט פאַרשפּעטיקן, ס'וועט באַלד זײַן פאַרטיק, — האָט יאַקאָוו פאַרזיכערט.

— ווי האַלט איצטער מיט דײַן יווועליר־אַרבעט? געדענקסט ווי דײַן מאַמע פלעג זאָגן: „האָרכט, וואָס זי דאַרף! מאָסקווע דאַרף זי, וואָס האָסטו דאָרטן פאַרלאָרן אין דער שטופּעניש? מיט יאַקאָוון וועסטו זײַן פון קאָפּ ביז די פיס אין גאָלד. מײַן עלטערע טאָכטער, יאַקאָווס שוועסטער, ניי־טיקט זיך אין גאָרניט".

יאַקאָוו האָט דאָס געהערט, צוגעקלאַפּט די נאַבאַיקעס, און זי האָט אַלץ געצוויטשערט:

— כ'וועל ניט פאַרגעסן, ווי דו האָסט מיך אָוועקגעגאַנוועט פון דער כאַסענע, און די מאַמע האָט געטײַנעט: „מײַן זון קוקט ניט אַף קיין פרויען, ער קוקט אַף גאָלד. איך זאָג אים: מײַן זון, ס'איז צײַט, זאָלסט כאַסענע האָבן. ענטפערט ער מיר: כ'האָב געשטעלט אַ כופּע מיט גאָלד, איצטער ביסטו אונדזערע גאָלדענע".

— ס'איז פאַרטיק, וועסט אָנטאָן?

יאַקאָוו האָט געהאָלפן יעווען אָנטאָן די שטיוועלעך, זי האָט זיך אַ האָר ניט געביטן. ער האָט געהאָלפן אויסטאָן די זאַמשענע שטיוועלעך, אין וועלכע זי איז געקומען, און האָט זי געמור־סערט:

— זאַמשענע שטיוועלעך דאַרף מען האַלטן אַף פאַרע, דערנאָך אויסווישן מיט אַ ווייך שמאַט־קעלע, זיי זײַנען דאָך אויך צעפּאָרן, מע דאַרף זיי פאַריכטן.

— אַן אַנדערס מאָל.

— פאַרוואָס אַן אַנדערס מאָל, כ'וועל דאָס מאַכן אויסגעצייכנט, דאָס איז דאָך אויך דרינ־גענדיקער רעמאָנט, — און יאַקאָוו האָט איר דער־לאַנגט אַ רובל, — וועסט עס געבן דײַן מאַן.

— וואָס רעדסטו, פאַרוואָס באַליידיקסטו מיך?

ער האָט צעריסן דעם רובל אַף ברעקלעך און האָט אַ וואָרף געטאָן צו אירע פיס.

— אָט דאָס איז שוין אינגאַנצן נאַריש, וואָס מיסטיקסטו מיט געלט, דאָס האָט געקאָנט צוניץ קומען...

— דו וווינסט, ווי פריִער, אין ריגע?

— ניין, איצטער איז אונדזער דירע באַם יאַם, אין שטאָט קאָן די מאַמע ניט אָטעמען, — האָט יאַקאָוו קלאָר געמאַכט.

— פאַרוואָס האָסטו געביטן דײַן אַרבעט?

— און דו האָסט ניט געביטן דייַן ארבעט? — האָט יאקאָוו איראָניש באמערקט, — דו זאמלסט מאטעריאַל פאר דייַן מאַן? אָדער דו האָסט זיך אַליין אָנגעשטעקט מיט שרייַבערייַ?

מער האָט יאקאָוו גאָרניט געזאָגט, ער האָט שוין פארטיק געמאכט די זאמשענע שטיוועלער, זיי פארוויקלט אין א צייַטונג און ארייַנגעלייגט אין באַרדאָוון קוישל, וואָס איז געווען פון איין קאָליר מיט יעוועס קלייד.

ס'איז אים ניט ווייַט אויסגעקומען צו גיין, קיין ריגע איז ער איצטער געפאָרן זעלטן, קיין פרייַנט האָט ער דאָרטן ניט געהאט, אַף צו האָבן נייַע פרייַנט איז אים שוין געווען שפעט, איצט איז יאקאָוון אַלץ געווען צו שפעט.

אַף זומער האָט ער פארדונגען א האַלבע שטוב און פלעג אזוי מיד ווערן פון די דאטשני־קעס מיט זייערע טומלדיקע קינדער, מיט דער שטופערייַ אין קיך, נאָך ס'איז געווען קעדייַ צו לייַדן, ס'איז געווען א געהעריקע האכנאָסע און גוט צוניץ געקומען. יאקאָוו האָט געהאט פלימע־ניקעס, פלעגט ער זיי גאַנץ אָפט ארויסהעלפן. אז מע האָט, איז פארוואָס ניט? שלעכט איז, אז דאָס געלטעניו איז ניטאָ...

זיי זייַנען ארויסגעגאנגען צום יאם, דער ווינט האָט זיי אונטערגעטריבן. יעווע איז געגאנ־גען ווי ס'געהער צו זייַן — די הענט אין די קעשענעס. דערזען א טורניק אפן ברעג יאם, איז זי צוגעלאָפן, האָט זיך אייַנגעקלאמערט און איז אַף אים געבליבן הענגען, הוידענדיק מיט די פיס. זי האָט זיך א האָר ניט אומגעביטן, געווען רירעוו־דיק און שטיפעריש. יאקאָוו וואָלט שוין אזוי ניט געקענט — זיך פאנאנדעריאָגן, אונטערשפרינגען און זיך האַלטן פארן טורניק, עפעס־וואָס איז אין אים אוועקגעשטאָרבן, און אין איר איז דאָס „עפעס־וואָס" געבליבן לעבן, כאָטש איר מאן איז נאָר א שרייַבער און ניט קיין יוועליר.

יעווע איז אראָפגעשפרונגען פונעם טורניק, האָט פאריכט דאָס קליידל און געלאָזט וויסן:

— דאָ איז ניט שלעכט צו וווינען, איך וואָלט געוואָלט...

— כ'וואָלט זיך ניט אָפגעזאָגט פון מייַן פאָרשלאָג, דאן ביסטו אנטלאָפן צום שרייַבער, און איך בין אזא מין מענטש, אז אזא פאָרשלאָג מאַך איך איין מאָל, איין מאָל אין מייַן לעבן.

יאקאָווס הילצערנע שטוב איז געשטאנען אין די דיונעס, ארומגערינגלט מיט סאָסנעס. זיי זייַנען ארייַנגעגאנגען, ס'האָט געארבעט דער טעלעוויזאָר, באם טעלעוויזאָר אַף א שטול איז געזעסן יאקאָווס מאמע. א דיקע, צעשווומענע, ווי א שטיק אופגעגאנגען טייג.

— מאמע, גיב א קוק, דו קענסט דאָס מיידל, דו געדענקסט זי? דאָס איז דאָך מייַן געוועזענע קאַלע!

די מאמע האָט א קנייטש געטאָן מיט די פלייצעס און ווידער געקוקט דעם טעלעוויזאָר.

— איצטער פארגעסט זי אַלצדינג, קיין אייַנהאָרע גענוג יאָרן, — האָט יאקאָוו אין דער שטיל געזאָגט.

יעווען האָט זיך אויסגעוויזן, אז זי איז ער־געץ אין א שפייַכלער, וואָס איז פול מיט קישנס און פערענעס. דאָ איז געווען קיל, נאָר ס'איז ניט געווען, מיט וואָס צו עטעמען.

— דו רייכערסט? — האָט יעווע געוואָלט וויסן.

— ניין, כ'האָב קיינמאָל ניט גערייכערט, נאָר אויב דו ווילסט רייכערן, קום אין קיך.

אין קיך איז געווען ניט צוגעקליבן. איצטער האָט זיך אים געוואָלט, אז יעווע זאָל וואָס גיכער אוועקגיין, ער האָט זי ניט געוואָלט זען, ער האָט עס ניט געדאַרפט.

יעווע האָט א טראכט געטאָן: „אזא אָפגע־לאָזנקייַט, זיי האָבן געהאט אזא גרויסארטיקע דירע אין צענטער פון דער שטאָט, מיט א פיאַ־נינע, אַף וועלכער דער פארליבטער כאָסן האָט געשפילט „האווע־נאגילע", „זיבן פערציק", און זייַן שוועסטער, דאָס פעסעלע מיט אירע גוידער־לעך, האָט אים אונטערגעהאָלפן מיט דער קלינ־גענדיקער שטים. דערנאָך איז דער כאָסן אוועק שלאָפן צו דער שוועסטער, און זייַן מאמע האָט געקודאכטשעט ווי א הון: „דארפסט זיך פאריכטן, דארפסט האָבן א גוטן אויסזען, דארפסט אכטונג געבן אפן פאסאָן, איצט, אז מע זאָל דיר קויפן שניט אַף איין קליידל, קאָן מען דיך דרייַ מאָל דערין ארומוויקלען. מייַן יאקאָוו, — כ'האָב דיר שוין געזאָגט, — אַף קיין פרויען האָט ער ניט געקוקט, דער דאשעק איז אַלעמאָל געווען אראָפ־גערוקט איבער די אויגן. אוי, מייַן פייגעלע, מייַן מיידעלע, דו וועסט מיט אים האָבן א לעבן — אַף אַלע מייַנע ליבע געזאָגט געוואָרן, וועסט זייַן ווי אונטער א גאָלדענער וואנט".

— ענדיק רייכערן, און וועסט גיין. געדענק, וואָס איך האָב דיר געזאָגט וועגן זאמשענער שוכווארג, זאָלסט זיי האַלטן אין אָרדענונג. טאָ־מער וועסטו דארפן זוילן אָדער פאריכטן די קנאפל, — מיטן גרעסטן פארגעניגן, אַלעמאָל וועל איך פאר דיר מאכן.

ער האָט נאָכגעקוקט, ווי זי גייט אוועק, ווי עס קלאפן די קנאפעלעך מיט די נייַע נאבאָיקעס און האָט אין געדאנק באגיטיקט זייַן ארבעט.

מוישע האָט זיך ארייַנגעשטעלט. יאקאָוו האָט ניט געקאָנט שווייַגן.

— דאן בין איך געווען א צעפלאמטער סטויג היי, טראָג צו א שוועבעלע — און איך ווער פאר־ברענט ביז א האָר. כ'בין געווען א הויכער, מיט

בלויע אויגן. וואָס קוקסטו אויף מיר, מוישע? ס׳איז ניטאָ וואָס צו קוקן, איך בין געווען א מאנצבל פון אכט און צוואנציק יאָר, ס׳איז געווען דער עמעסער פלאם, קיין איין פרוי... אלע האָבן געזאָגט — אזוי קאָן מען ניט, דאָס איז קעגן דער נאטור, נאָר איך האָב די נאטור אָפּגעהיט, כ׳האָב זי ניט געוואָלט צעטרענצלען.

יאקאָוו האָט זיך צוגעגאָסן בראנפן, מוישע דער קאליקע פון דער שכיינישער זייגערמאכערײַ האָט ניט געטרונקען, ער פלעגט ארײַנגיין צו יאקאָוון גלאט אזוי, נאָך דער ארבעט. מוישע האָט דרײַסיק יאָר געארבעט אין א זייגערמאכערײַ, אלעמען האָט ער דאָ געקענט ווי די צען פינגער, נאָר קיין כאווערשאפט מיט קיינעם ניט געמאכט. יאקאָוו איז אים געפעלן געוואָרן. יאקאָווס מאמע האָט אים דעמלט געבעטן, ער זאָל זיך אײַנשטעלן פאר איר זון, ווען מע האָט איר אומשולדיק קינד ארײַנגעהאקט אין טאקעלאזשקע. מוישע האָט ניט זייער געגלייבט דער מאמען, ער האָט כוישעד געווען, אז מע האָט יאקאָוון גענומען ניט גאָר אומזיסט. וואָס דאַרטן זאָל ניט זײַן, נאָר ס׳האָט זיך פון דער גאנצער גווירעשאפט אויסגעלאָזט א טײַך. מע האָט גערעדט, אז בא זיי איז געווען די סאמע רײַכע שטוב, איצט האָבן זיי זייער אויסקומעניש אין דער־אַ הילצערנער שטוב, וואָס זעט אויס ווי א שײַער. מע האָט גערעדט פארשיידענע זאכן. ס׳איז געווען א קלאנג, אז מע האָט אים אָפּגעקלאפט די אינגעווײדן אין טורמע. נאָר דער „אוגראָזיסק" האָט גאָרנישט ניט געפונען, און מע האָט אים געגעבן אָט דאָס זיצעניש אין טורמע נאָר ווײַל מע איז אויף אים אין קאס געוואָרן. מוישע האָט שוין עפּעס געזען אין לעבן, דערפאר האָט ער גיכער געגלייבט זיך, ווי פרעמדע צינגער. ער האָט געזען, אז יאקאָוו איז א מענטש מיט א גוט הארץ, גיט אכטונג אויף דער מאמען, רײַסט ניט קיין הויט פון די דאטשניקעס פאר זײַן ארבעט, און נאָך אזא געהויבענער יוּוועליר־ארבעט איז ער נעבעך געוואָרן א פּראָסטער שוסטער. ער איז נידעריק געפאלן. זײַער נידעריק, נאָר בעסערע ווי זײַנע, וועסטו דאָ בא קיינעם ניט געפינען. מוישע האָט געטראָפן יאקאָוון שיקער, ער האָט געזען, אז יאקאָווס אויגן זײַנען רויט, און די באקן זײַנען אויך ווי בורעקעס, ניט קיין מאנצבל, נאָר א גרימצאָרנדיקער בוהײַ. אין אזא צושטאנד קאָן מען ניט איבערלאָזן א מענטשן אליין. מוישע געדענקט זייער גוט, ווי ער האָט זיך צו אכצן יאָר געפילט, בייס ער איז פארוווּנדעט געוואָרן אפן פראָנט, ער האָט זיך דאן געוואָלט לאָזן א קויל אין קאָפּ, ער האָט געטראכט — ווער דארף אים איצטער האָבן, ניט קיין פיש און ניט קיין פלייש. מיסטאמע איז ער געווען פארוווּנדעט אין אזא אָרט, נאָר זײַן פרײַנט איזיע, וואָס איז דערנאָך אומגעקומען, האָט צו אים געזאָגט: „מוישע, האָב גאָט אין הארצן, קאָנסט ניט צונעמען דאָס לעבן בא זיך, ווײַל ניט דו אליין האָסט עס זיך גענומען". פּראָסטע ווערטער, נאָר זאכלעכע, צו דער צײַט געזאָגטע. און אָט לעבט מוישע, ס׳קומט א קליִענט, קוקט ער ניט אויף זײַן פיגור, נאָר אפן זייגער, וואָס ער האָט פאריכט, ער נעמט צו די ארבעט און זאָגט א דאנק.

— דארפסט ארויסגיין אויף דער פרישער לופט, — האָט שטיל געזאָגט מוישע צו יאקאָוון.

— דו געדענקסט, מוישע, מיט צוואנציק יאָר צוריק איז גאנץ ריגע געווען אונדזערע מיטן יאם איניינעם, מע האָט געמאכט אזעלכע כאסענעס, אז מע האָט געקאָנט דערזען די עלטער־עלטערבאָבע.

— איך זאָל געדענקען, ווענענס כאסענע ס׳איז דאן געווען? עס זײַנען געווען עפּשער הונדערט מענטשן, אן אָרקעסטער, מע האָט געטרונקען און געגעסן, און די קלעזמאָרים האָבן געשפּילט... אלע פלעגן זיך פאנאנדערוקן, מע פלעגט מאכן אן אָרט פאר דעם אייפעלע אין קורצן קלייטעלע, זי האָט אזוי געטענצלט, אז ס׳האָבן זיך געזען די ווײַסע טרוסיקעס, און די האָר — שווארץ זײַד, נאקעטע הענט, ס׳האָט מיך א שלאָג געטאָן אין סאמע הארצן...

— קיין מוזיק האָט מער ניט געשפּילט, נאָר קיינער איז זיך ניט פאנאנדערגעגאנגען, מע האָט געווארט. איך בין צוגעגאנגען צו איר, כ׳האָב איר געגעבן די האנט, כ׳האָב ניט געוואגט צו פרעגן, מיט וועמען זי איז געקומען, איר האנט איז געווען אזוי הייס, קיין איין רינגעלע אויף די פינגער. כ׳האָב אראָפּגענומען פון מײַן האלדז דאָס גאָלדענע קייטעלע און האָב ארופגעוואָרפן איבער איר קאָפּ מיט די האָר אויף איר האלדז. זי האָט פארוווּנדערט געקוקט אויף מיר, און מענטשן האָבן אויך געקוקט. כ׳האָב באקומען מוט, שטעלסט זיך פאָר, מוישע, דאָס קייטעלע האָט קוים דערגרייכט ביז מײַן העמדל, און בא איר איז געווען אזוי לאנג, קימאט ביזן קליידל, אויב מע קאָן עס אזוי אָנרופן, דאָס יובקעלע איז געווען אזוי קורץ, אז מענטשן האָבן זיך געשעמט צו קוקן אויף דעם. איך האָב געטאנצט מיט איר, אלע האָבן געקוקט, און איך האָב געפילט אזוי, ווי דאָס וואָלט זײַן אונדזער אייגענע כאסענע, ס׳איז זיך צונויפגעקומען אזא אוילעם! באם טיש זײַנען מיר אויך געזעסן איינער לעבן אנדערן, ס׳איז געווען זומער, ס׳איז געווען הייס, זי איז געווען פארברענט פון דער זון, די הויט אפן נעזל האָט זיך געשיילט און ס׳האָבן ארויסגעקוקט עטלעכע זומער־שפּרענקעלעך. איך האָב בא איר דאן א פרעג געטאָן, מיט וועמען איז זי געקומען. זי האָט באקוקט די טישן און געוויזן מיט א פינגער — אָט מיט יענעם — אויך מיר א מענטש! מיט איין פינגער ווער איך פארטיק מיט אים. איך האָב זייער געוואָלט, זי זאָל זיך אָנשיקערן, דאן

וואָלט געוועזן גרינג זי אוועקצופירן. בייס עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די טענץ, בין איך צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער און איר געזאָגט: „פיר אוועק פונדאַנען יענעם טיפּ, דאָס איז איר מאַן". דו קענסט אים דאָך, מוישע. מײַן שוועסטער, גאָט זאָל איר געבן געזונט, פלעג קיינמאָל גאָרניט פרעגן — געזאָגט און געטאָן! מיר טאַנצן, כ'האָב זיך אַזוי צעהיצט, נאָר איך האָב זיך געזאָגט: „שטיי, יאַקאָוו, אַכט און צוואַנציק יאָר האָסטו געלעבט און געליטן, וואַרט נאָך א ביסעלע, טשעפּע זי ניט, מיט קיין פינגער זאָלסטו זי ניט אָנרירן. טאָמער רירסטו זי אָן, ווערסטו פאַרברענט".

מיר האָבן זיך ווידער געזעצט צום טיש, און איך האָב צו איר געזאָגט: „מײַן פייגעלע, מײַן אייפּעלע, מײַן ברעקעלע..." זי האָט מיך אָנגעקוקט און אויסגערופן: „איך ווייס, וואָס אַזוינס איז אייפּעלע און פייגעלע, נאָר וואָס איז אַזוינס ברעקעלע, ווייס איך ניט". „ברעקעלע איז זייער, זייער א קליינטשיק מיידעלע". גערופן האָט מען זי יעווע, אויף ייִדיש — כאַווע, קימאַט ווי כאַווע־נאַגילע, אַזוי האָט זיך אַלץ צונויפגעפּאַרט. ענדלעך, איז געקומען די מאַשין, כ'האָב צונויפגענומען אַלעמען — די מאַמע, דעם טאַטן, די באָבע, די שוועסטער מיטן מאַן. מיר האָבן אַרומגערינגלט יעווען, זי האָט זיך אַזש פאַרלוירן. די מאַמע האָט צו איר געזאָגט: „איצטער ביסטו אונדזערע".

— ניין, איך קאָן ניט, מײַן טאַטע איז אין מאָסקווע.

— געפונען א טערעץ, דער טאַטע וועט זײַן אין ריגע.

כאַווע האָט א כליפּע געטאָן, אָבער מײַן טאַטע האָט זי געטרייסט:

— ס'וועט זײַן גוט, דו וועסט אַרומגיין אין גאָלד.

בקיצור, מע האָט זי אײַנגערעדט, מיר פאָרן, אין מאַשין איז פינצטער, איך זיץ אַנטקעגן איר, אירע אויגן זײַנען אויסגעלאָשן. דאָס איז גאָרניט, זי וועט זיך צוגעוווינען, וועט זי ליב קריגן. פרויען זײַנען געשטאָרבן צוליב מיר, נאָר מיך האָט עס ניט געאַרט, איך האָב געוואַרט. נאָר גלייב מיר, מוישע, כ'האָב ניט געוואָלט קיין קאָרבאָנעס, איך האָב געוואָלט עמעסע ליבע. מע איז געקומען אין שטוב, ס'האָט זיך אָנגעהויבן. אַלע ריידן זי אײַן, מע זאָגט איר צו גאָלדענע בערג, און זי שטייט אויף איריקן, זי דאַרף נאָר מאָסקווע. איך בין נאָכדעם געווען אין מאָסקווע, דאָרטן קאָן מען דען עפּעס געפינען? גאָרנישט וועסטו דאָרטן ניט געפינען. כ'בין אומגעפאָרן אין מעטראָ און געטראַכט: „אין דר'ערד איז א שיין לעבן, אָן א שיר מירמלשטיין, ווען וועט שוין זײַן א שיין לעבן אויף דער ערד?" טרינק טיי, מוישע. איך האָב געקוקט אויף איר און געברענט, כ'האָב געוואָלט, אַז אַלע קרויווים זאָלן זי צורו לאָזן, מיר וואָלטן זיך אָן אייצע געגעבן אָן זיי, נאָר איך וואָלט פאַר זיך ניט אָרעוו געווען! זי איז געזעסן, די פּיס צונויפגערוקט, אירע קני האָבן געציטערט. דערזען אַזאַ זאַך, האָב איך זיך געזעצט צו דער פּיאַנע, כ'האָב געשפּילט, און אין מיר האָט געברענט א העליש פײַער, כ'האָב מוירע געהאַט א קוק צו טאָן אויף איר. כ'האָב געשפּילט און געטראַכט: אָדער זי, אָדער קיינער אויף דער וועלט ניט! מאָסקווע, סיביר — אָבער נאָר מיט איר. מײַן שוועסטער איז אַרײַנגעגאַנגען, האָט אַרײַנגעטראָגן פלאַטפּאַרמעס, געדענקסט, ס'איז געווען אַזאַ מאָדע אויף שיך. כאַווע האָט אָנגעמאָסטן די שיך און האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט: צוויי שיפן, באַ איר איז דאָך א קליין פּיסל.

איך האָב פאַרמאַכט די פּיאַנע, כ'האָב איר געווונטשן א גוטע נאַכט און בין אוועקגעגאַנגען. איך געדענק ניט, ווי איך האָב דערלעבט ביז אײַנדערפרי. די שוועסטער האָט מיר געצייצט: „נעם א דוש, דאָס העלפט..." א האַלבע נאַכט בין איך געשטאַנען אונטערן דוש, ס'האָט ניט געהאָלפן. אַלעמאָל האָב איך געקאָנט אײַנשטילן דעם יעיצערהאָרע, דאָס מאָל ניט. כ'געדענק ניט, ווי איך האָב זיך אָנגעטאָן, בין אוועק אפן מאַרק, כ'האָב געקויפט רויזן איניינעם מיטן עמער. אין א טאַקסי בין איך אוועקגעפאָרן צו דער מאַמען, כ'האָב גלײַך דערהערט, ווי זי צוויטשערט. ס'איז ניט שלעכט, האָב איך א טראַכט געטאָן. כ'בין אַרײַנגעגאַנגען, אוועקגעשטעלט דעם עמער מיט די רויזן באַ אירע פּיס. ווען איך האָב אופגעהויבן די אויגן, האָב איך דערזען, אַז דאָס גאָלדענע קייטעלע, וואָס איך האָב איר געשענקט, איז ניטאָ אויף איר האַלדז. „אייפּעלע, פאַרוואָס האָסטו אַראָפּגענומען דאָס קייטעלע?" זי האָט געשוויגן, די מאַמע האָט מיך אוועקגעפירט אין צווייטן צימער, האָט מיר אָנגעזאָגט א גוטע בסורע: „זי האָט א כאָסן אין מאָסקווע".

— אין מאָסקווע?

— ניין, כ'האָב געהאַט א טאָעס, אין ריגע. כ'האָב געהערט, ווי זי האָט גערעדט מיט אים אין טעלעפאָן.

כ'האָב זיך ניט געקאָנט אופהייבן פונעם דיוואַן.

— זי האָט דיך אָפּגענאַרט! — האָט אויסגעשריִען מוישע.

— זי האָט מיך ניט אָפּגענאַרט, איך האָב דאָך באַ איר ניט געפרעגט, זי האָט א כאָסן, צי ניט? איך האָב גוט געוווּסט — א כאָסן איז ניט קיין מאַן, דעם כאָסן וועל איך אָפּראַמען. איך בין א דערצויגענער מענטש, איך וועל זי ניט גיין צווינגען, ווײַל אין דעם מאָמענט האָב איך זיך אײַנגאַנצן ניט געפילט, איך בין געווען ווי אין קינאָ. „קום, — האָב איך געזאָגט צו איר. — איך גיב דיך אוועק פון האַנט צו האַנט".

מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען. ס'איז געווען קיל. זי האָט געציטערט, און איך האָב געציטערט, זי

איז געווען אַזוי קליין, זי האָט מיר קוים גע־
גרייכט ביזן אַקסל. מיר זײַנען געגאַנגען פּוואָ־
ליע. פֿאַר מיר איז דאָס געווען ווי אַ טויט־אור־
טייל. און זי איז געגאַנגען צום באָסן: „טו אַ
טראַכט — אַ מענטש, וואָס האָט געטאַנצט אויף אַ
באַסענע, ווייסט עפּשער וואָס ער דאַרף".

— באָם זיידן, דעמלט האָט נאָך דער זיידע
געלעבט, האָט זי זיך צעוויינט, דערנאָך האָט זי
אויסגעווישט די אויגן. אַזאַ לאַנגע צײַט איז
אַוועק, צוויי לעבנס, אָבער איך געדענק דאָס
זייער גוט. איך געדענק, ווי מיר שטייען באָם
ווינקל גאַס און זי ווישט מיט די דלאָניעס די
אויגן. צו אונדז איז צוגעגאַנגען אַ מאַנצבל,
כ'האָב זיך פֿאַרוווּנדערט: ניט שוין זשע איז דאָס
איר כאַסן? כ'האָב זי געוואָלט אַרײַנכאַפּן אין די
אָרעמס און אַנטלויפֿן מיט איר. אַ שיינער כאַסן —
מיט צוואַנציק יאָר עלטער פֿון איר און מיט אַ
בײַכל...

— דאָס איז ער? — האָב איך געפֿרעגט.

יאָ.

— אויף וואָס דאַרפֿסטו אים?

— איך האָב אויף אים ראַכמאָנעס.

— און אויף מיר האָסטו קיין ראַכמאָנעס ניט?

— איך האָב אויף דיר אויך ראַכמאָנעס, נאָר
איך קאָן דאָך ניט כאַסענע האָבן פֿאַר ביידע.
כ'האָב זי אונטערגעשטופּט אין רוקן, און זי
איז אַוועק.

— האָסט זי ניט געדאַרפֿט אָפּלאָזן, — האָט
אַ זיפֿץ געטאָן מוישע.

— פֿאַרשטיי מיר, איך בין דאָך געווען אַ
שטאָלצער מענטש. ווען זי וואָלט געזאָגט, אַז זי
גייט צו איר געליבטן, וואָלט איך נאָך עפּעס גע־
טאָן, נאָר באַליידיקן אַן עלטערן מאַנצבל מיט אַ
בײַכל?..

איך האָב געקענט איינע אַ באַנדע אַרום
פּולווער־טורעם, כ'האָב זיי געגעבן אַ טויזנטער
און געזאָגט: „געפֿינט זי".

זיי האָבן געפֿינען, דאַן האָב איך זיי געזאָגט:
„איך גיב אײַך צען מאָל אַזויפֿיל, אויב איר וועט
זי צוגאַוועגען. טאָמער וועט ער זיך אַרײַנמישן,
לאָזט, ער זאָל אײַך אַ ביסל ערגעץ אַ צעראַפּע
טאָן, און דערנאָך מאַכט אים קאַלט. זי זאָלט איר
מיט אַ פֿינגער ניט אָנרירן".

— האָסט געקאָנט גיין אויף אַזאַ זאַך? —
האָט מוישע געפֿרעגט.

— כ'האָב געקאָנט. אַלץ האָב איך דאַן גע־
קאָנט. הער, שלאָג מיך ניט איבער. און אָט איז
מײַן פֿייגעלע, אינמיטן העלן טאָג גייט זי אַרויס
פֿון שטוב, זיי טוען זיך אויף איר אַ וואָרף, כאָטש
איך האָב געזאָגט, מע זאָל זי ניט אָנרירן. ער
לויפֿט אַרויס, דערלאַנגט איינעם און דעם צווייטן,
און דאָ קומט צו פֿאָרן די מיליציע און פֿירט
אַלעמען אַוועק. איך בין דאָרטן ניט געווען, נאָר
איך ווייס, אַז זי האָט גענומען צוויי בילעטן ביז
מאָסקווע. איך בין געפֿאָרן אַהין, נאָר וואָס קאָנסטו
געפֿינען אין אַזאַ מין ווירוואַר? וויפֿל איז דער
זייגער, מוישע?

— האַלב זיבן.

— זעקס דרײַ און דרײַסיק גייט אַוועק דער
צוג.

— וואָס רעדסטו, יאַקאָוו, דו פֿאָרסט ווידער
קיין מאָסקווע?

נאָר יאַקאָוו האָט געשוויגן. ער האָט זיך
צוגעשפּאַרט מיטן שטערן צום וואָרשטאַטל און ווי
געאָטעמט מיט לעדער און מיט זאַמש...

דער צוג האָט געריררט.

— וואָס קוקסטו אין פֿענצטער? — האָט
געפֿרעגט דער מאַן בײַ דעם ווײַב.

— גלאַט אַזוי, — האָט זי געענטפֿערט.

ער האָט אַרומגענומען אירע אַקסלען.

— איך בין אַזוי גליקלעך מיט דיר, — האָט
ער געזאָגט.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט צוטרוי,
אַ טרייסל געטאָן מיט די אַקסלען, זיך באַפֿרײַט
פֿון זײַנע הענט און איז אַרײַן אין קופּע. ווען דער
מאַן וואָלט דאָ ניט געזעסן, וואָלט זי דערציילט
דער אַלטער מיט דער אַלטיטשקער, וואָס זײַנען
געווען אין קופּע, וועגן איר מאַן.

— ווען איך וואָלט געווען איר מאַן, וואָלט
איך איר ניט געלאָזט רייכערן, — האָט געזאָגט
די אַלטיטשקע, — אַ פֿרוי דאַרף ניט שמעקן מיט
רויך.

יעווע האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ
פּעקל סיגאַרעטן, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם,
ווידער אַרײַנגעלייגט אין קעשענע. ס'האָט זיך איר
פּלוצעם דערמאָנט, ווי פֿאַרגרעבט יאַקאָווס הענט
זײַנען מיט די קורץ־געשוירענע נעגל. מיט אַזעל־
כע הענט קאָן מען האַלטן קאַכיקע וואַסער.

— איך וויל אַזוי אַ טרונק, — האָט זי גע־
זאָגט.

דאָס איז פֿון אײַער רייכערן, — האָט
באַמערקט די אַלטיטשקע.

כאַווע איז מאַסקים געווען.

— אַך, מײַן פֿייגעלע, — יאַקאָוו האָט אַ
גלעט געטאָן די מאַמע אין באַק. — ס'איז אונדז
ניט שלעכט זאַלבעצווייט.

— דו ביסט שיקער יאַקאָוו.

— איך בין שיקער, מאַמע, נאָר מיר איז
פֿריילעך. זעסט, מאַמינקע, ס'איז אונדז ניט אומע־
טיק זאַלבעצווייט.

— האָסט ווידער גאָרנישט פֿאַרדינט.

— כ'האָב פֿאַרדינט, כ'האָב פֿאַריכט צוויי
פּאָר שטיוועלעך.

— שוין איינמאָל אַ פֿאַרדינסט, — האָט
באַמערקט די מאַמע און ווידער געקוקט דעם
טעלעוויזאָר.

יאקאָוו האָט אָנגעצונדן אַלע קאָנפּאָרקעס, וואָרעם די שטוב האָט זיך אויסגעקילט. פון צווישן די סאָסנעס האָט געלויכטן די לעוואָנע, דער ווינט האָט געבלאָזט, שישקעס זײַנען געפאַלן פון די יאָדלע־צווײַגן. יאקאָוו האָט ארויסגעטראָגן דעם עמער מיסט און האָט עס אויסגעשאָטן אָפּן סמיטניק, דערנאָך האָט ער איבערגעקערט דעם עמער און זיך געזעצט אַף אים. ער האָט געקוקט אין דער ווײַטקײַט פונעם יאם, אַפּן אײַז, וואָס האָט געגלאַנצט באם ברעג, ס׳איז אים געווען רויִק אַף דער נעשאָמע. אָט אַף יענעם טורניק האָט זיך געהוידעט דאָס ברעקעלע, ס׳האָבן זיך געזען די נײַע נאבאָיקעס אַף אירע שטיוועלעך, און דאָס איז געווען זייער שיין. ער האָט גוט אויסגעקליבן, און דער געדאנק האָט מער ניט געברענט אין אים ווי א העליש פײַער, ווי דאַן, ווען זי איז געזעסן אין קיך.

יאקאָוו האָט אָנגענומען א הויפן שניי, צוגעטראָגן צום מויל, ס׳איז גיך צעגאנגען געוואָרן אין מויל. ער האָט צוגעדריקט דאָס היטל צו די אויערן, דער ווינט זאָל עס ניט אוועקטראָגן, און האָט געקוקט ווי אַן אייגענע קינאָ. ס׳האָט א סקריפּע געטאָן די טיר, זי האָט צו אים געזאָגט א וואָרט, ער האָט געענטפערט צען ווערטער, האָט זי געבעטן זיצן. זי האָט זיך געזעצט, פאנאנדערגעשפיליעט דאָס אייבערשטע קנעפּל פונעם מאנטל. דערנאָך האָט ער געקוקט אַף אירע האָר און דערזען עטלעכע באזילבערטע גלאנצנדיקע הערעלעך אין איר שווארצער פאטלע... דאָס איז געווען אויסגעצייכנט גוט...

יאקאָוו איז מיטן עמער אוועק צו דער שטוב. מיט א פוסטן עמער איז א שלעכטע באגעגעניש, נאָר אין אזא צײַט האָט קיינער ניט געזאָלט אנטקעגנקומען. עפּעס האָט א שורשע געטאָן, ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, געוויס האָט זיך אים אויסגעוויזן, כא־כא־כא, און דאָס, וואָס עס ווײַזט זיך אויס, דערצו נאָך באנאכט און צווישן סאָסנעס, איז טאקע אזיוווי א כאָלעם.

כראָניק

אין קאפּוליער קאנטקענטעניש־מוזיי שאפט זיך א מענדעלע־עקספּאָזיציע

צוערשט איז געווען א בריוו אין אונדזער רעדאקציע. דער דירעקטאָר פונעם קאפּוליער ראיאָנישן קאנטקענטעניש־מוזיי וואלענטינע לעאָנידאָוונא שוראקאָווא האָט געשריבן:

„אין צוזאמענהאנג מיטן 150־טן געבורטסטאָג פון מענדעלע מויכער־ספאָרים, וועלכער איז אָפּגעמערקט געוואָרן אין דעקאבער 1986, איז גוואלדיק אויסגעוואקסן דער אינטערעס צו זײַן לעבן און שאַפונג.

שאָלעם־יאנקעוו אבראמאָוויטש (מענדעלע מויכער־ספאָרים) איז אונדזער לאנדסמאַן, אין קאפּוליע איז ער געבוירן געוואָרן, פארבראכט זײַנע קינדער־ און יוגנט־יאָרן. קאפּוליע שילדערט ער אין זײַן אויטאָביאָגראפיש ווערק „שלוימע רעב כאַימס” און אין אנדערע שאפונגען. ווי אונדז איז באוווסט, האָט ער ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן זיך אינטערעסירט מיט זײַן היימשטעטל, כאָטש געלעבט האָט ער ווײַט פונדאנען.

אוואדע איז א גרויסע אוולע, וואָס ביז איצט אין אין אונדזער מוזיי ניט פאראן קיין עקספּאָזיציע, געווידמעט דעם גרויסן לאנדסמאן. צום באדויערן, האָבן מיר ניט אין אונדזער רעשוס גענוג מאטעריאלן צוליב דעם. אלץ, וואָס איז געווען אין שטאָטישן מוזיי, איז פארניכטעט געוואָרן בייס דער פאשיסטישער אָקופּאציע. דעריבער ווענדן מיר זיך צו אײַך מיט א ביטע: אויב איר האָט ביכער, זשורנאלן, פאָטאָגראפיעס, איליוסטראציעס, אנדערע דאָקומענטן וועגן מענדעלען, זאָלט איר אונדז צושיקן”.

די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד” האָט גלײַך זיך אָפּגערופן אַף דער ווענדונג פונעם קאפּוליער מוזיי. קיין קאפּוליע זײַנען אָפּגעשיקט געוואָרן עטלעכע פעקלעך מאטעריאלן. איצט ווערן זיי באארבעט.

ניט לאנג צוריק האָט דער דירעקטאָר פונעם מוזיי וואלענטינע שוראקאָווא באזוכט אונדזער רעדאקציע. ס׳איז געגאנגען א רייד וועגן שאפן א ברייטע עקספּאָזיציע, געווידמעט דעם לעבנסוועג און דער שאפונג פונעם גרויסן שרײַבער. אין גאנג פון דער אָנזאמלונג פון נײַע עקספּאָנאטן קאָן די דאָזיקע עקספּאָזיציע זיך פארוואנדלען אין א באזונדערן מוזיי.

די געבײַדע פונעם קאפּוליער מוזיי רעמאָנטירט זיך איצט. עס וואָלט געווען געוווּנטשן, אז אין דער אָנזאמלונג פון מאטעריאלן פארן קאפּוליער מוזיי זאָלן זיך אײַנשליסן וואָס מער קולטור־טוער — שרײַבער, קינסטלער, היסטאָריקער, זשורנאליסטן.

מענדעלעס לאנדסלײַט האָבן זיך גענומען פאר א בעקאָוועדיקער, זייער וויכטיקער ארבעט. לאָמיר זיי העלפן אין דער פארווירקלעכונג פונעם גרויסן אופטו!

אלעקסאנדער גערצבערג

„ווי מענדל וועט זאָגן...“

דער מאָסקווער גאַסעט פלעגט אָפּט קומען אַף גאַסטראָלן קיין קיִעוו. דאָס יאָר 1939 איז ניט געווען קיין אויסנאַם. בייס אונדזער אָנקום איז, ווי שטענדיק, פאָרגעקומען אַפּן וואָקזאַל אַן אימפּראָוויזירטער מיטינג לעקאָוועד דעם ייִדישן טעאַטער. שלוימע מיכאָעלס האָט באַגריסט די קיִעווער פרײַנט. עס שטייט מיר פאַר די אויגן זײַן פעסט־געבויט געשטאַלט, אין א ווײַס העמדל. די ברייטע קרעפּטיקע הענט שאַפן אויסדריקלעך דעם באַרימטן „אײַזן־בעטאָנענעם“ זשעסט, וועלכער ווערט באַגלײַט מיט די קלוגע רייד, וואָס ענטפערן פאַרפריִער אַף אַלע מעגלעכע פראַגן פון דער אַודיטאָריע. עס שפילט אַן אָרקעסטער. ס׳איז יאָמטעוודיק...

נאָך דעם באַגעגעניש־ריטואַל האָט מען די עלטערע אַקטיאָרן אָפּגעפירט אין האָטעל, און אונדז, דאָס יונגוואַרג, האָט מען געשטעלט אַף פּריוואַטע דירעס.

מײַן באַלעבאָס איז געווען א שווײַגער, נאָר, ווי עס מאַכט זיך אָפּט אומדערוואַרט, זייער א ליבלעכער און צוגעלאָזטער מענטש. האַגאַם קיין שמייכל אַף זײַנע ליפּן האָב איך ניט באַמערקט, פאַרקערט — זײַן פּאָנעם מיט טיפע קנייטשן האָט אויסגעזען שטרענג און פאַרזאָרגט, האָט ער מיך נאָך ניט איין מאָל פאַרכידעשט מיט דעם, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו פירן א שמועס וועגן פאַרשיידענע פראַגן און ניט גלאַט אַזוי, נאָר מיט ברען. אָט פון אים, פון דעם באַיאָרטן אוקראַיִנער, האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט דעם נאָמען — כאַטאַיעוויטש.

— הערט א העפקיירעס, — ער האָט זיך געקאָכט, — כאַטאַיעוויטשן באַשולדיקט מען אין שעדיקערײַ! מענדעל (אַזוי האָט ער געזאָגט — Мендэль) איז א סוינע פון פאָלק! דאָס האַרץ איז גרייט צו פּלאַצן פון אַזא שענדלעכן בילבל! ער האָט קלוימערשט פאַרזייט די פעלדער אין א סאָווירט מיט ציבעלעס?! מיר האָבן דאָך אים גוט געקענט, אים און זײַנע געהילפן. איך וואָלט געגעבן דעם קאָפּ, אַז מענדעל איז אומשולדיק!

אין יענער צײַט איז דאָס געווען א מעסירעס־נעפעשדיקע אַרויסזאָגונג. די ווערטער פון דעם דאָזיקן גרויסמוטיקן באַצאַרנטן מענטשן טראָג איך אין האַרץ ביז הײַנט.

דער XX צוזאַמענפאָר פון קפּסס האָט ווידער אופגעשטעלט דעם גוטן נאָמען פון די פּאַרטיי־ און מעלוכע־טוער — די אויסגעפּרוּווטע, טרײַע לענינצעס, וועלכע זײַנען געפאַלן א קאָרבן פון אומבאַגרינדעטע בילבולים און רעפּרעסיעס, און איינער פון זיי איז געווען מענדל כאַטאַיעוויטש.

...ער האָט זיך געוואַלגערט אין א נאַסן פינצטערן קעלער. געוואַלגערט א האַלב־טויטער. האַלב? — יאָ, ניט אינגאַנצן קיין טויטער. פאַרשטייט זיך, ניט אינגאַנצן, אַניט וואָלט ער דאָך ניט געפילט דעם ווייטיק. עס זאָגט זיך אַזוי — „ווייטיק“, נאָר דאָס וואָרט איז צו שמאָל און צו קורץ, עס זאָל אויסדריקן זײַן צושטאַנד. ער ליגט א נאַסער און צעפלעטשטער, ווי אונטער א ריזיק־שווערער לאַסט, וואָס דריקט אים צו דער ערד און ער קאָן פון אונטער איר ניט אַרויסקריכן, ער איז אָנמעכטיק דאָס צו טאָן. און די אייוורים זײַנע — שטײַף אָנגעצויגענע, ווי א פעל אַף א פּויק, און צוגעקלאַפּט מיט צוועקעס, איין קליינער ריר — און די צוועקעס בײַסן זיך אײַן אין לײַב, דער גאַנצער קערפּער פיבערט אוף.

עס שווימט אוף אין זיקאָרן דער „פאַרהער“: מע האָט אים געפּײַניקט, לאַנג געשלאָגן מיט א רעוואָלווער איבערן קאָפּ, געשלאָגן מיט די געפּוצטע שטיוול, מיט די אָפּצאַסן איבער די זײַטן, איבער דער פאַרבלוטיקטער ברוסט, איבער דער צעקאַליעטשעטער האַנט און אַלץ געשריגן „זשידאָווסקאַיאַ אַטראָדיאַ!“. ער האָט געשוויגן. ער האָט זיך פאַרוואָרט אפילע צו קרעכצן. צערייצטע, ווי די הינט, האָט שוים געשפּריצט פון זייערע מײַלער. און געפּאָדערט האָבן זיי איין זאַך: ווו האָט מען אים געהיילט די ווונדן, ווער זײַנען די מענטשן? נעמען, פאַמיליעס! זיי ווילן אויסראָטן די סאָוודעפּישע זאַראַזע, די כאַמען און די זשידעס!

— וואַרט נאָר, גאָספּאָדאַ, — האָט איינער פון די קאַטן א ווונק געטאָן צו די איבעריקע, — באַלד וועט ער באַקומען לאָשן, — און אים אַרײַנגערוקט א קאַלט רעוואָלווער־רערל אין מויל אַרײַן, — אָט טייקעף לאָז איך אָפּ דאָס רעוואָלווער־צינגל...

מער געדענקט ער גאָרניט, ווײַזט אויס, פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזײַן.

נאָך דעם, ווי די סאַמאַרער באָלשעוויקעס האָבן ליקווידירט דעם בונט פון די אַנאַרכיסטן־מאַקסימאַליסטן, האָט אַף דער שטאָט זיך אָנגערוקט א מער גרויזאַמע געפאַר — דער ווײַס־טשעכאָסלאָוואַקישער קאָרפּוס. מע האָט שנעל אָרגאַניזירט אַרבעטער־דרוזשינעס צום באַשיצן די

מ. כאַטאַיעוויטש

שטאָט. ער, מענדל כאַטאַיעוויטש, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס שטאַב־שעף פון דער שטאָט־שוץ.

דעם 8 יול 1918 האָט זיך דער טשעכאָסלאָוואַקישער קאָרפּוס אַרײַנגעריסן קיין סאַמאַרע. צו אים זײַנען צוגעשטאַנען באַנדעס ווײַסגוואַרדייער, און אין שטאָט האָבן זיך צעפלאַקערט הייסע שלאַכטן. די קויכעס זײַנען געווען ווײַט ניט קיין גלײַכע: פון איין זײַט — די דיסציפּלינירטע, גוט באַוואָפנטע טשעכן מיט די ווײַסגוואַרדייער, פון דער אַנדערער זײַט — עטלעכע קליינע מיליטער־טיילן און די שלעכט־באַוואָפנטע און ווייניק־געשולטע אַרבעטער. און דעריקער — עס האָבן געפעלט דערפאַרענע קאָמאַנדירן. די באָלשעוויקעס האָבן געליטן גרויסע פאַרלוסטן און זיך צוריקגעצויגן. אין איינער א הייסער גאַסן־שלאַכט איז כאַטאַיעוויטש שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, ס'האָט אים געטראָפן א קויל אין דער ברוסט און אין דער רעכטער האַנט. אַלפּי נעס האָט אים געראַטעוועט די פרוי פונעם באָלשעוויק מ. סאָסניצקי און אים באַהאַלטן בא זיך אין שטוב. ער איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. אין אָוונט האָבן אים עטלעכע דרייסטע מיידלעך אָפּגעטראָגן און געהיים באַהאַלטן אין א פּריוואַטן... קימפּעט־הויז. דאָרט האָט אים אין מעשעך פון צוויי כאַדאָשים זאָרגפעליק געהיילט דער דאָקטער א. וואָלאָסאָוו.

די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט, ס'האָט זיך אָנגעהויבן א געיעג נאָך קאָמוניסטן. כאַטאַיעוויטש האָט געמוזט בײַטן די באַהעלטעניש. נאָר אין גאַס האָט מען אים דערקענט און געבראַכט צו שלעפּן אין דעם קאָנטער־אויסשפּיר.

אין צען יאָר אַרום וועט ער אַף אַן אָוונט פון דערמאָנונגען געבן א באַריכט וועגן דער דעמלטיקער טראַגישער סיטואַציע, אָפּן און אומבעראַכמאָנעסדיק אַנאַליזירן די סיבעס פונעם דורכפאַל, די פעלערן, וואָס די באָלשעוויקעס זײַנען דאַן באַגאַנגען.

ווי קומט ער אין דער דאָזיקער נאַסער לאָך געדענקט ער ניט. איצטער מוטשעט אים ניט אַזוי דער ווייטיק, ווי דער דאָרשט. כאָטש א טראָפּן וואַסער! ער האָט זיך גאָר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אַזא מוירעדיקן דאָרשט. נאָר ערגעץ טיף אינווייניק פינקלט א פײַערל פון ניצאָכן־פרייד: ער האָט ניט פאַראַטן. ניט די כאַווירים און ניט זיך אַליין! ער האָט געזיגט! — דאָס האָט אים געשטאַרקט, און ער האָט געפונען נאָך איין נעכאָמע: ער איז נאָך פעיִק צו טראַכטן!

דער הענקער האָט דאָרט געגוואַלדעוועט „סאָווּדעפּיע"? — די סאָווּדעפּיע לעבט! אין אונטערערד, נאָר זי לעבט — דאָס ווייסט ער געוויס. און מיר וועלן נאָך זען, גאָספּאָדאַ, ווער — וועמען! קאָן זײַן, אַז ער, מענדל כאַטאַיעוויטש, וועט דאָס שוין ניט זען: מע וועט אים אַרײַנשלײַדערן אין „טויט־צוג" — אַזא רעציכע האָבן זיי צוגעטראַכט, די צערייצטע קאָנטרע, קעדיי מאַכן א סאָף צו די פאַרוווּנדעטע באָלשעוויקעס.

נאָר געטראָפן האָט אַנדערש. דער טורמע־אופזער, א גרויסער מומכע אין אַזעלכע זאַכן, האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַף דעם צענערעקטן כאַטאַיעוויטשן — „דער דאָזיקער וועט מער פון דרײַ טעג ניט שטינקען אַף דער וועלט, וואַרפט אים אַרײַן אין באַראַק צו די פאַרוווּנדעטע". ער האָט ניט דערשאַצט מענדל כאַטאַיעוויטשעס שטאַנדהאַפטיקײַט. א פאַרפײַניקטער, האָט ער דאָך געפונען אין זיך קויעך דורכצופירן אַן אַגיטאַציע צווישן זײַנע כאַווירים און זיי דערמוטיקט צו שטעלן אַן אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד דער עוואַקואַציע אין „טויט־צוג". דער דאָזיקער עפּיזאָד איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר כאַטאַיעוויטשעס גאַנצן לעבנסוועג.

אין אָקטיאַבער 1918 זײַנען די אינטערווענטן אין פּאַניק געלאָפן פון סאַמאַרע. זיגרײַך האָט אָנגעגרײַפט די רויטע אַרמיי. כאַטאַיעוויטש איז נאָך דרײַ כאַדאָשים געלעגן אין שפּיטאָל. א ביסל געקומען צו־זיך, האָט ער ווידער מיטן גאַנצן ברען פאָרגעזעצט זײַן אַרבעט.

און אַרבעט איז געווען א סאַך — דרינגענדע, וויכטיקע און הייסע אַרבעט. צו יענער צײַט איז כאַטאַיעוויטש אַלט געווען 25 יאָר... נאָר וואָס פאַר א יאָרן!

מענדל כאַטאַיעוויטש איז געבוירן געוואָרן אין 1893 אין אַן אָרעמער מישפּאָכע אין דער שטאָט האָמעל. זײַן פאָטער איז פרי געשטאָרבן, און די מאַמע מיט פיר קינדער זײַנען געבליבן, ווי אַפּן וואַסער. דער דאַלעס איז געווען נאָך שווערער, שרײַבט כאַטאַיעוויטש אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע, פון דעם, וואָס די מאַמע האָט זיך באַמיט ניט אַרויסווײַזן פאַר מענטשן זייער אָרעמקײַט. מענדל

האָט זיך ביז 14 יאָר געלערנט אין כיידער. איינצײַטיק געדינט אין א קלייט פאר א שיק־ייִנגל. נאָר וואָס איז דער טאכלעס? דאָס געזינד הונגערט. און ער האָט באשלאָסן: צײַטונגען! ער וועט פארקויפן צײַטונגען, פריִער איז ער געווען אן עקספּעדיטאָר, איצטער וועט ער מיט דער הילף פון קרויווים ווערן אן „אייגנטימער" פון א צײַטונג־קיִאָסק.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון זײַן פּאָליטישער טעטיקײַט. עס האָבן אים באזוכט מענטשן, זייער אינטערעסאנטע מענטשן (ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, סאָציִאליסטן פון דעם אונטערערדישן פּאָלעסיער קאָמיטעט רסדאפּ). זיי האָבן זיך גענייטיקט אין רעוואָליוציִאָנערער ליטעראטור. בא אים האָט מען געקאָנט קויפן די לעגאלע צײַטונג „זוועזדא" און שפּעטער די „פּראווּדא", וועלכע עס האָט רעדאגירט וו. אי. לענין. די „מענטשן" האָבן זיך איבערצײַגט, אז דעם באָכער קאָן מען געטרויען, און זײַן קיִאָסק האָט זיך פארוואנדלט אין א סקלאד פון קאָנספּיראטיווע דרוק־מאטעריאלן. פארשטייט זיך, אז אליין האָט ער דאָס אלץ געלייענט מיט פארכאפּטן אָטעם.

זײַן „האנדל" האָט שוין ארויסגערופן פארדאכט, שפּיקעס האָבן זיך ארומגעדרייט ארום זײַן „געשעפט". עטלעכע אונטערזוכונגען און א שטרענגער פארהער אין זשאנדארמעריע האָבן אים אָבער ניט אָפּגעשראָקן. נאָר דאָס „געשעפט" האָט ער געמוזט פארלאָזן און גענומען באהערשן די פּראָפעסיע פון א ציין־טעכניקער.

אין 1913 איז דער צוואנציקיאָריקער כאטאיעוויטש אָנגענומען געוואָרן אין די רייען פון רסדאפּ. אלס א מער צוגעגרייטער האָט מען אים אויסגעווילט פארן אָנפירער אין איינעם פון די אונטערערדישע קרײַזלעך — ער האָט געלערנט מענטשן און נאָך מער זיך אליין.

אין 1914, ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, האָט די רעוואָליוציִאָנערע באוועגונג אין רוסלאנד אָנגענומען א קאָלאָסאלע קראפט: בלויז אין מעשעך פון דעם ערשטן האלבן יאָר האָבן אין די שטרײַקן אָנטיילגענומען אָנדערהאלבן מיליאָן ארבעטער. אין מײַ כוידעש האָט אין באקו אויסגעבראָכן א מעכטיקער שטרײַק (50 טויזנט מאן), וועלכן עס האָבן סאָלידאר אונטערגעהאלטן פּעטערבורג און מאָסקווע און א ריי אנדערע שטעט פון רוסלאנד, צווישן זיי אויך האָמעל. כאטאיעוויטש איז באופטראָגט געוואָרן צו דרוקן אַף א העקטאָגראַף פלוגבלעטלעך מיט אן אופרוף שטיצן די פאָדערונגען פון די באקוער פּראָלעטאריער. די זשאנדארמען האָבן אויסגעשפּירט און געכאפּט דעם „שולדיקן". כאטאיעוויטשן האָט מען געמישפּעט און פארשיקט אַף דרײַ יאָר קיין מיזרעך־סיביר, אין דעם בײַ־אנגארער קאנט. אין דער פארשיקונג איז ער ניט געזעסן מיט פארלייגטע הענט — ער האָט זיך געלערנט. געלערנט און דאָרשטיק געשפּירט נאָכן קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג. אין פעוורואל 1917, ווען מ׳האָט אראָפּגעוואָרפן דעם קייסער, איז ער באפרײַט געוואָרן.

אין אָנהייב מארט איז מענדל כאטאיעוויטש שוין אין פּעטראָגראד און ווארפט זיך ארײַן אין ווירבל פון די געשעענישן. אַף פילצאָליקע מיטינגען און פארזאמלונגען פון ארבעטער און סאָלדאטן קלערט ער אויף די ליניע פון די באָלשעוויקעס, פארטיידיקט זי הייס קעגן די אָנפאלן פון די מענשעוויקעס און עסערן. אין סאָף מארט שיקט אים דער צק פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי אַף ארבעט אין זײַן געבורט־שטאָט האָמעל.

וואָס פאר א פּארטיי־טוער איז ער געווען, איז צו זען פון אזא פאקט. אין פּעריִאָד פון דער צוגרייטונג צו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט אין צק פון דער פּארטיי עקזיסטירט א צעטל פון די זיכערסטע און פעסטע באָלשעוויקעס. אין דעם דאָזיקן צעטל, וואָס עס האָבן ספּעציִעל געפירט יא. מ. סווערדלאָוו און יע. ד. סטאסאָווא, איז פארשריבן די פאמיליע כאטאיעוויטש און אָנגעוויזן זײַן פערזענלעכער אדרעס אין האָמעל: האָספּיטאלנע, 51 (איצט טראָגט די גאס דעם נאָמען פון כאטאיעוויטשן).

אין האָמעל פירט ער איינעם מיט אנדערע כאווײרים א שארפן קאמף קעגן דער אזויגערופענער „פארייניקטער סאָציִאל־דעמאָקראטישער אָרגאניזאציע", וועלכע איז באשטאנען דעריקער פון מענשעוויקעס. ער האלט, אז „ס׳איז ניט דערלאָזבאר צו זײַן אין איין אָרגאניזאציע מיט די מענשעוויקעס". לויט זײַן איניציִאטיוו ווערט דעם 6 אפּרעל צונויפגערופן אן אָרגאניזאציִאָנעלע פארזאמלונג פון די באָלשעוויקעס. זיי זײַנען אינגאנצן 30 מאן, נאָר די צאָל איז שנעל אויסגעוואקסן — אין מײַ זײַנען זיי שוין 200 און אין אָקטיאבער — א מאָנאָליט פון 800.

די באָלשעוויקעס פירן א ברייטע אגיטאציע צווישן די ארבעטער און פויערים, צווישן די סאָלדאטן פונעם האָמעלער גארניזאָן. די ארבעט איז א באזונדערס שווערע, מאכמעס דעם, וואָס די מענשעוויקעס און עסערן האָבן א סאך מער געלט־מיטלען, פארבינדונגען, בעסער צוגעגרייטע פּראָפּאגאנדיסטן, און די באָלשעוויקעס האָבן אפילע ניט קיין פּאפּיר. כאטאיעוויטש און זײַנע כאווײרים גאנדין און לעפּלעווסקי טרעטן ארויס צו 2—3 מאָל אין טאָג פאר מאסן ארבעטער און סאָלדאטן.

דעם 28 אווגוסט, בייס דעם בונט פונעם גענעראל קאָרנילאָוו, אָרגאניזירט כאטאיעוויטש א מיטינג אין שטאָטישן פּארק. נאָך זײַן ארויסטרעטונג פארשרײַבן זיך צענדליקער סאָלדאטן אין דער רויטער גווארדיע. די באָלשעוויקעס גרינדן א קאָמיטעט פאר באשיצן די שטאָט. דער קאָמיטעט שטעלט פאנאנדער באוואָפנטע אָטריאדן אַף דער אײַזנבאן־ליניע און אפן טעלעגראַף. מיליטערישע פּאטרולן באוואכן די וועגן, קעדיי זיכערן די פארבינדונג פון דער הויפּט־קאָמאנדשאפט מיט דעם דאָרעם־מײַרעוודיקן פראָנט.

אין רעזולטאט פונעם העלדישן קאמף האָבן די באָלשעוויקעס געוווּנען די מערהײַט ארבעטער און סאָלדאטן אַף זייער זײַט.

אין סאָף אָקטיאבער קומט פאָר אין האָמעל א זיצונג פונעם שטאָטישן סאָוועט. די באָלשעוויקעס שטעלן די פראגע וועגן איבערגעבן די גאנצע מאכט די סאָוועטן. די באשטימונג איז אָנגענומען. כאטאיעוויטש ווערט אויסגעווילט אלס שטעלפארטרעטער פונעם פּאָרזיצער פונעם שטאָטישן פאר־

טײ־קאָמיטעט און גייט ארײַן אין באשטאנד פונעם גובקאָם.

נאָר ניט לאנג איז אים אויסגעקומען צו ארבעטן אין זײַן היימשטאָט. אין מארט 1918 האָבן האָמעל אָקופּירט די דײַטשישע כאיאָלעס. דער צק רקפּ(ב) שיקט מ. כאטאיעוויטשן אַף ארבעט קיין סאמארע (איצט — קויבישעוו). דאָ איז ער פאַרזיצער פונעם שטאָטישן פארטיי־קאָמיטעט און מיטגליד פונעם גובקאָם. אינײנעם מיט די סאמארער באָלשעוויקעס וו. וו. קויבישעוו און יע. ס. קאָגאן פירט ער א פארביטערטן קאמף קעגן די מענשעוויקעס, עסערן און אנארכיסטן־מאקסימאליסטן.

דעם 17 מײַ 1918 האָבן די אנארכיסטן אופגעהויבן א באוואָפנטן בונט (די געלעגנהײַט, וואָס די אנארכיסטן האָבן צוליב דעם אויסגעניצט, איז געווען, ווי כאטאיעוויטש האָט אָפן אנערקענט, די פעלערהאפטע באשטימונג פון די באָלשעוויקעס — רעקוויזירן אלע פערד בא די שטאָטישע באלעגאָלעס). צו דעם בונט זײַנען צוגעשטאנען פארשיידענע פינצטערע פארשוינען פון דער קרימינעלער וועלט. כאטאיעוויטש האָט אקטיוו זיך באטייליקט אין דער ליקווידאציע פונעם בונט. דעם קאמף מיטן ווײַס־טשעכאָסלאָוואקישן קאָרפוס, אין וועלכן כאטאיעוויטש איז שווער פארוווּנדעט געוואָרן, האָבן מיר באשריבן אין אָנהייב פון אונדזער דערציילונג.

נאָכן געזונט ווערן ארבעט כאטאיעוויטש א קורצע צײַט אין האָמעל — פאַרזיצער פון אוקאָם (אויעזד־קאָמיטעט). אין אווגוסט 1919 איז ער ווידער אין סאמארע — אין באשטאנד פון גובקאָם־ביוראָ פון דער פארטיי.

אין מײַ 1920 שיקט אים די פארטיי אַפן פראָנט פונעם בירגערקריג. ער איז באשטימט פארן שעף פונעם פאָליט־אָפּטייל אין דער לעגענדארער 21־טער דיוויזיע (4־טע ארמיי). אינײנעם מיט דער דיוויזיע, וועלכע האָט אין באשטאנד פון די רויט־ארמייִשע טיילן צעשמעטערט די ווײַספּאָליאקן, האָט מ. כאטאיעוויטש דורכגעמאכט דעם גאנצן זיגרײַכן מארש ביז ווארשע.

נאָכן בירגערקריג קערט ער זיך אום פונעם פראָנט צוריק קיין סאמארע.

כאטאיעוויטש האָט דאָ געטראָפן א שווערע לאגע: אין רעזולטאט פון דעם, וואָס א גרויסע צאָל באָלשעוויקעס זײַנען געווען אַפן פראָנט, איז די פארטייִשע ארבעט געווען אָפּגעשוואכט. באלעבאטעוועט האָט דאָ די „ארבעטער־אָפּאָזיציע“. אַף דעם גובערניִאלן צוזאמענפאָר האָבן די פאַרטרעגער פון דער אָפּאָזיציע סאבאָטירט די באשלוסן פונעם X צוזאמענפאָר פון רקפּ(ב). קעגן זיי איז שארף ארויסגעטראָטן כאטאיעוויטש. זײַן פאַרטראָג האָט ער פארענדיקט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „די פּאַראנענע דאָ עכטע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן ניט פארלאָרן זייער רעוואָליוציִאָנערן געוויסן און געזונטן פארשטאנד, דארפן אָנהייבן אן אומבעשאָלעמדיקן קאמף פאר געזונט מאכן די פארטייִשע און סאָוועטישע אָרגאניזאציעס אין דער גובערניע“. וו. וו. קויבישעוו, וועלכער איז דאן געקומען קיין סאמארע מיט דער אופגאבע צו אופקלערן די באשלוסן פונעם פארטיי־צוזאמענפאָר, האָט אַף א שטאָטישן פארטיי־אקטיוו געזאָגט: „דער סאמארער פארטיי־אָרגאניזאציע האָט אָפּגעגליקט מיט דעם, וואָס כאטאיעוויטש האָט זיך אומגעקערט פונעם פראָנט גראָד צו דער צײַט. ער האָט אויסגעצייכנט אָרגאניזירט די פארטיידיקונג פון לעניִנס שטאנדפונקט“.

באָלשעוויסטישע פרינציפּיִעלקײַט און א קאָנקרעטער צוגאנג צו דערלייזן פראגן, גרייטקײַט קעסיידער זיך לערנען בא די פּאָשעטע פאָלקסמאסן און א קלאָרער געזונטער פארשטאנד האָבן ארויסגערוקט מענדל כאטאיעוויטשן אין די ערשטע רייען פון די פארטייִשע אָנפירער.

אין משך פון די יאָרן 1924—1928 ארבעט ער אין אָדעס (אינסטרוקטאָר פון רקפּ(ב)) און אין טאטאריע (סעקרעטאר פון קאנטקאָם פון דער פארטיי).

אין 1928 ווערט מענדל כאטאיעוויטש אויסגעוויילט אלס סעקרעטאר פון מיטל־וואָלגער קאנטקאָם פון דער פארטיי. מע האָט געדארפט זײַן זייער א ווײַטזיכטיקער מעלוכע־טוער, קעדיי אין 1928 פאָרויסזען און מעלדן, אז דער דאן אָפּגעשטאנענער בײַוואָלגער קאנט וועט ווערן איינער פון די מעכטיקסטע אינדוסטריִעלע ראיאָנען אין ראטנפארבאנד. דערבײַ איז באוווּסט, אז כאטאיעוויטש האָט פײַנט געהאט פוסטע אלגעמיינע פראזעס און צוזאָגן. ער האָט שטרענג געפאָדערט קאָנקרעטע פראקטישע אופטוען סײַ פון זיך אליין, סײַ פון זײַנע מיטארבעטער.

די פארטיי און מעלוכע האָבן הויך אָפּגעשאצט די טעטיקײַט פון מענדל כאטאיעוויטשן. אין 1935 איז ער באלוינט געוואָרן מיטן לעניִן־אָרדן.

אין יענער צײַט (1933—1937 יאָר) האָט כאטאיעוויטש געארבעט אלס ערשטער סעקרעטאר פון דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנטקאָם פון דער פארטיי. די געגנט, וואָס האָט דאן אין זיך אײַנגעשלאָסן אויך זאפּאָראָזשיע, האָט זיך גערעכנט פאר איינער פון די אָפּגעשטאנענע אין געביט פון דער לאנדווירטשאפט. מ. כאטאיעוויטש אנטוויקלט א שטורמישע טעטיקײַט. זײַנע טעכטער — נינע און ראדע, וועלכע לעבן איצט אין קיִעוו, דערציילן, אז „דער טאטע האָט אין יענער צײַט געארבעט בוכשטעבלעך באטאָג און באנאכט. אינדערהיים האָבן מיר אים קימאט ניט געזען. זען דעם טאטן אין שטוב איז געווען פאר אונדז א גרויסער יאָמטעוו“.

קוידעמקאָל האָט ער דערלערנט גענוי אלע באזונדערקײַטן און פּראָטים פון דער אגראָטעכניק, די פראגן פון רענטאבלקײַט און מאטעריעלער פארינטערעסירטקײַט. ער געפינט זיך טאָגטעגלעך אין דער געדיכטעניש פון די מאסן, האלט זיך אן אייצע מיט אלעמען, ווער עס קאָן נאָר געבן עפּעס נוצלעכס.

איינצײַטיק האָט ער ארויסגעוויזן א טיפע פאָטערלעכע זאָרג וועגן דעם לעבן פונעם פּאָשעטן פויער. מיר ווילן דאָ ברענגען אן עפּיזאָד, וואָס האָט מיך פערזענלעך אופגעטרייסלט מיט דער עכטער מענטשלעכקײַט און דרייסטקײַט פון כאטאיעוויטשן. אָט וואָס עס דערציילט א קאָלווירטניק פון דניעפּראָפּעטראָווסטשינע, איינער פון די אמאָליקע יִדישע קאָלאָניסטן:

— דאָס איז געווען אין אָנהייב 1933. איך

האָב דאַן פאַרוואַלטעט מיט אַן עלעוואַטאָר, וווּ עס איז געלעגן פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער דער זריזע־פאָנד פאַרן ראַיאָן. אין דער געגנט האָט געהערשט אַ שרעקלעכער הונגער. און געליטן פון הונגער האָבן גראָד יענע, וועלכע האָבן אויסגעפילט די ברויט־פאַרגרייטונג. אין איינעם אַ טאָג האָט זיך צו מיר אויפן עלעוואַטאָר אַרײַנגעשטעלט דער כאַווער מענדל, אַזוי האָבן אים אַלע גערופן, מיט נאָך צוויי כאַווירים, מיר געגעבן די האַנט און פאָרגעשטעלט די צוויי, וואָס זײַנען געקומען מיט אים:

— דאָס זײַנען אַגראָנאָמען. מיר זײַנען געקומען צו אײַך, קעדיי אַלע אינאיינעם אָפּקלײַבן זוימען, וואָס טויגן ניט צום פאַרזיי, און צעגעבן די הונגערנדיקע פּויערישע פאַמיליעס.

איך בין פאַרציטערט געוואָרן:

— איר ווייסט דען ניט, כאַווער כאַטאַיעוויטש, אַז פאַר אַזאַ זאַך וועט מען מיך צעשיסן?!

— יאָ, — האָט ער געענטפערט, — ניט נאָר אײַך. כאַטאַיעוויטשן וועט מען אויך צעשיסן, און די צוויי כאַווירים אויך, נאָר מיר וועלן ראַטעווען פון הונגער אַ סאַך מענטשן מיט ווײַבער און קינדער פון הונגער־טויט.

בײַ די ווערטער „אַ סאַך מענטשן“ האָט ער האַסטיק אַ וואָרף געטאָן די פּאַראַליזירטע רעכטע האַנט אויפן טיש און אין טאַקט געקלאַפּט איבער איר מיט דער לינקער, אַזאַ טעווע האָט ער געהאַט, ווען ער האָט געוואָלט עפּעס אונטערשטרײַכן. איך האָב געקוקט אויף דעם דאָזיקן מענטשן, אויף זײַן אַנטשלאָסענעם האַרטן בליק און... אַ מאַכשאָווע איז מיר דורכגעפלויגן: „יאָ, אָט מיט אַזאַ פּאַרשוין קאָן מען אָן פּאַכעד גיין אין פײַער אַרײַן“. מיר האָבן זיך גענומען פאַר דער אַרבעט, און אין מויעך האָט געקלאַפּט: „מיט ווײַבער און קינדער“...

אין 1934 האָט כאַטאַיעוויטש אײַנגעלאַדן צו זיך אין געגנטקאָם 37 „זיידעס“, דערפאַרענע ערד־אַרבעטער, און זיך מיט זיי באַראַטן וועגן אַ ריי פראַגן: אין וועלכן טערמין לוינט אָנהייבן דעם פאַרזיי פון די ווינטער־טוווּעס? וויאַזוי בעסער צו באַאַרבעטן די זומער־זוימען צום פאַרזיי? וויאַזוי קאָן מען העכערן די אַקערונג־קוואַליטעט? זייער אויפמערקזאַם האָט כאַטאַיעוויטש אויסגעהערט די וועטעראַנען און, סומירנדיק דעם שמועס, געגעבן פעסטע פּינקטלעכע אָנווײַזונגען.

די באַוואָנצלטע אַלטע אוקראַיִנער (אויף געוויס קינדס־קינדער פון די זאַפּאַראָזשיער סעטשעוויקעס) האָבן געשאָקלט מיט די גראָווע קעפּ און אַרויסגעזאָגט די ווערטער, וואָס זײַנען געוואָרן אין דניעפּראָפּעטראָווסקשטשינע אַ שעם־דאָוואָר: «Як Мендель скаже, так і буде!» (ווי מענדל וועט זאָגן, אַזוי וועט זײַן). אַזוי פּאָפּולער און באַליבט איז געוואָרן כאַטאַיעוויטש בײַם פאָלק. דער פאַרזיי איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ מאַקסימאַלער אָרגאַניזירטקייט און ענערגיע. אין איניקע פאַלן האָט כאַטאַיעוויטש אָנגעווענדט אין דער פאַרזיי־קאַמפּאַניע אַוויִאַציע (די העכערע אינסטאַנצן האָבן זיך צו דעם באַצויגן סקעפּטיש). ער אַליין איז קעסיידער געווען אין פעלד אינאיינעם מיט די פּויערים. געאַרבעט האָט מען איבער די קויכעס.

די גערעטעניש איז געווען אַן אומגעזעענע. אין דניעפּראָפּעטראָווסק איז פּאָרגעקומען אַ יובלדיקער קאַרנאַוואַל. נאָר כאַטאַיעוויטשן האָט שוין געקיימערט אַן אַנדער זאָרג. אין אַן ענגן קרײַז פון זײַנע נאָענטסטע פרײַנט, צווישן וועלכע עס זײַנען בײַגעווען די שרײַבער מייער אַלבערטאָן, אַלעקסאַנדער בילינאָוו, דער פּאָעט מאַרק שעכטער און איינִיקע פון זײַנע אומדירעקטע געהילפן, האָט ער זיך געטיילט מיט זײַנע שווערע מאַכשאָוועס.

— איך קאָן ניט מאַסקים זײַן מיט אַזאַ אומגערעכטיקייט: לויט דער אָפיציעלער אינסטרוקציע, איז שטרענג פאַרבאָטן אַרויסגעבן די פּויערים טווּע ביזן סאָף פון דער ברויט־פאַרגרייטונג־קאַמפּאַניע. וואָס זשע וועלן זיי עסן, די שעפער פון דער גערעטעניש?

און ער האָט, ווי שטענדיק, גענומען אויף זיך די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און באַפוילן אַרויסגעבן אַלס אַוואַנס פאַר די אַרבעטסטעג 15 פּראָצענט פון דעם, וואָס עס קומט אין סאַכאַקל יעדערן קאָלווירטניק. פאַרשטייט זיך, אַז מע איז עס אים ניט מויכל געווען. ער איז עקסטרע אַרויסגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע און האָט באַקומען אַ שטרענגן אויסרייד מיט אַ וואָרענונג.

וועגן דער פילזײַטיקייט פון זײַנע אינטערעסן, וועגן זײַן ענערגיע פון אַן אַגיטאַטאָר זאָגט איידעס כאַטאַיעוויטשעס ליטעראַרישע יערושע: אין דער מאָסקווער אַלפאַרבאַנדישער לענין־ביבליאָטעק געפינען זיך העכער זעכציק זײַנע ביכער און בראָשורן איבער פראַגן, אָנהייבנדיק פון פּאַרטיי־בויונג, לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, פּלאַנירונג און ענדיקנדיק מיט פראַגן פון ליטעראַטור.

פון זײַנע אַרויסטרעטונגען זעט מען, ווי טיף עס האָט אים באַאומרויִקט די העפקערדיקע באַציִונג צו אָרנטלעכע מענטשן, דאָס באַשמוצן איניקע אומשולדיקע כאַווירים. נאָך דער פּאַרטיי־רייניקונג אין דער געגנט (1935 יאָר) האָט כאַטאַיעוויטש געשטעמפּלט מיט שאַנד יענע טוער, וועלכע וואַלגערן אין איין קופּע „אונדזעריקע און פרעמדע“... אַזוי קאָנען האַנדלען נישטיקע טשינאָווניקעס, וואָס סטראַכירן בלויז זיך אַליין, קעדיי אין געוויסע פאַלן צו זאָגן: אַהאַ, איך האָב דאָך געוואָרנט“.

ווי עס דערציילן זײַנע טעכטער, האָט זייער פאָטער וועגן די דאָזיקע אָנגעווייטיקטע פראַגן ניט איין מאָל געשריבן צו סטאַלינען און קיראָוון...

מ. כאַטאַיעוויטש האָט אָנטיילגענומען אַלס דעלעגאַט אין אַלע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, אָנהייבנדיק פון דעם VIII. אויפן XV צוזאַמענפאָר (1927 יאָר) ווערט ער אויסגעוויילט אַלס קאַנדידאַט און אויפן XVI (1930 יאָר) — אַלס מיטגליד פון צק פון דער פּאַרטיי.

אויף דעם XIII צוזאַמענפאָר פון קפּ(ב)או (1937 יאָר) וויילט מען אויס מ. כאַטאַיעוויטשן פאַר אַ מיטגליד פון ביוראָ און צווייטן סעקרעטאַר פון קפּ(ב)או.

מענדל כאַטאַיעוויטש איז געווען אַ טיףאיבערצײַגטער קאָמוניסט־לענינעץ, און זײַן אומגעוואַקלטן גלויבן אין אויפבוי פון סאָציִאַליזם האָט ער איבערגעגעבן אַלעמען, ווער ס'האָט מיט אים אינאיינעם געאַרבעט, געקעמפט, געבויט.

מארק װאַרשאַװסקיס זינגלידער

כּאַשעװע רעדקאָלעגיע פֿון „סאָװעטיש היימלאַנד"!

אין בעט אײַך פֿאַרעפֿנטלעכן טעלעגע לידער פֿונעם פֿאָלקס־דיכטער מארק װאַרשאַװסקי. אין די לעצטע יאָרן רעדט מען באַ אונדז װעגן א זשאַנער פֿון דער מאַסן־עסטראַדע, װעלכער רופֿט זיך אָן „אױטאָר־זינגליד" („אַװטאָרסקאַיאַ פּעסניאַ"). װאָס עס באַטײַט, אַז אַ באַגאַבטער פֿאָלקס־מענטש שרײַבט אָן די װערטער און די מוזיק פֿון אַ ליד, און ער זינגט זי אַלײן פֿאַר דעם עולם. טאַקע אַזאַ באַגאַבטער מענטש איז געװען מ. װאַרשאַװסקי. װעגן אים האָט געשריבן שאָלעם־עליכעם, — אױב איך האָב קײן טאָעס ניט, אין דער פֿאַרעדע פֿון אַ בוך פֿון זײַנע לידער. דער עלטערער דאָר יידישע לײענער געדענקט נאָך „אױפֿן פּריפּעטשעק ברענט אַ פֿײַערל", „אַ פֿרײלעכס", „דער זײדע מיט דער באָבע". אָבער װאַרשאַװסקיס בוך איז דערשינען מיט אַ יאָר 70 צוריק, און ס'װילט זיך װידער דערהערן אָט דאָס עטװאָס נאַיװע דיכטערישע װאָרט.

יאַקאָװ פּילשטיין
כאַרקאָװ

מאַרק װאַרשאַװסקי

די װעלט

קוקט אײַך צו צו דער װעלט צו דער שײנער:
זי איז יונג, און זי שײנט און זי בליט!..
שױן באַזונגען די װעלט האָט ניט אײנער
אין זײַן פֿרײלעכער, רױשנדער ליד.

פֿון איר טיף ביז די ליכטיקע שטערן
גײט אַ פֿרײלעך געזאַנג אױף דער װעלט:
בערג און טאָל גיסן פֿרײדפֿולע טרערן,
יעדעם בײמעלע פֿרײט זיך און קװעלט!..

און דו זון גײט דאָ קײנמאָל ניט אונטער,
און זי קוקט פֿון דעם הימל אַראָפּ...
בלומען בליִען אי זומער, אי װינטער,
און די צװײַגן זײ װיאַנען ניט אָפּ...

דער מענטש לעבט זיך אין פֿרײד, אין נעכאָמע:
אָט דערױף איז דאָס לעבן געשטעלט...
אױ, די װעלט איז אַ יונגע נעשאָמע,
װײַל ס'איז יעדע נעשאָמע אַ װעלט!..

די באָבע

כ׳ליג און טראַכט
טאָג ווי נאַכט
גאָט זאָל מיך דערהערן —
ביסט שוין באַלד
צוואַנציק אַלט,
צײַט א כּאָסן ווערן.

אונדזער שטאָט
איז א סאָד,
וואַקסן דען ניט בלומען?..
קלײַב דיר אויס
פון זיי א רויז
מיר צוליב, בינ׳אָמין.

צירעלע,
מירעלע,
גאָלדענע צוויי קינדער:
גיטעלע,
ריטעלע —
כ׳זאָג דיר: גאָר א װוּנדער.

פּערעלע,
שערעלע —
גאָר צוויי שיינע טויבן!
פּעסעלע,
גנעסעלע —
וואָס איז דאָ צו קלײַבן?

כאַנעלע,
ברײַנעלע —
אוי א דימענט יעדע...
ראָכעלע,
בראָכעלע —
הימל־שטערן ביידע!

כינצעניו,
שפּרינצעניו —
קענען נאָר געפעלן!
ריקעלע,
מיקעלע —
פאַרן קייסער נאָר צו שטעלן!

כ׳ליג און טראַכט
טאָג און נאַכט:
וואָס איז דאָס מיט דיר, בינ׳אָמין?
ביסט שוין באַלד
צוואַנציק אַלט —
און ביסט א באָכער נאָך, בינ׳אָמין?

אונדזער שטאָט
איז א סאָד
פון הוילע שיינע בלומען...
קלײַב דיר אויס
פון זיי א רויז
מיר צוליב, בינ׳אָמין!

די זון

די זון איז אופגעגאַנגען,
עס שײַנט אין יעדן אָרט...
מיט הימלשע געזאַנגען
פליִען פייגל דאָ און דאָרט!
הער! זיסע לידער קלינגען —
זיי נעמען דאָס האַרץ ארויס...
זיי קלינגען, זיי באַזינגען
די וועלט ווי זי איז גרויס!

ווי זאָל די זון ניט שײַנען,
די פייגל זיך ניט פרייען:
גאָט פירט אונדז אויס פון דאַנען,
אויס טרערן, אויס געוויין!
די הענט שוין אופגעבונדן...
צעבראָכן ליגט די קייט...
דער גאָלעס איז פאַרשוווּנדן!
פאַרשוווּנדן צאַר און לייד!

ביזוואַן די זון וועט זינקען —
דערלאַנגט דעם בעסטן ווײַן!
לעכאַיִם וועל איך טרינקען:
לאָז גאָט מאַצליִעך זײַן!
לעכאַיִם, אונדזערע ברידער!
לעכאַיִם, אונדזערע פרײַנט!
קלינגט הויך, קלינגט הויך, איר לידער
אַף טאָמיד אַזוי ווי הײַנט.

די זון איז אופגעגאַנגען,
זי שײַנט אין יעדן אָרט...
מיט הימלשע געזאַנגען
פליִען פייגל דאָ און דאָרט!
הער! זיסע לידער קלינגען —
זיי נעמען דאָס האַרץ ארויס...
זיי קלינגען, זיי באַזינגען
די וועלט ווי זי איז גרויס!

דער ווינטער

אוי, העלפט מיר, קינדער, אונטער, —
קיין קויכעס איז ניטאָ...
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ!

ער פרעגט קיינעם קיין דייעס,
ער קומט ווי צו זיך אהיים,
מיט דער ווײַסער באָרד און פּייעס,
מיט דער ווײַסער, גרויסער ברעם.

דורך טאָל און וועלדער יאָגט ער
געהויקערט צו דער ערד;
מיט זיך א בעזעם טראָגט ער —
און קערט, און קערט, און קערט!

מיט שניי געבעט די פעלדער,
פארפרוירן שטייט דער וואלד,
די פעלדער און די וועלדער
זיי ברומען: קאַלט... ס'איז קאַלט...

אין בעט ליגט קראנק מײַן שיינדל,
מיט איר דאָס קליינע קינד...
ניטאָ אין שטוב קיין שפּענדל,
אין פענצטער ווייַנט דער ווינט...

ער שווײַגט, דער אַלטער זיידע,
ער מאכט זיך ניט פון דעם;
ער לאַכט אין די פויסטן ביידע
און שאָקלט מיט דער ברעם...

ער וויל קיינעם ניט שוינען,
כאַטש שרײַ, כאַטש וויין אַן שיר...
ווו צאַר און עלנט וווינען,
דאַרט קלאַפּט ער אין דער טיר.

אוי, העלפט מיר, קינדער, אונטער, —
קיין קויכעס איז ניטאָ...
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ!

פון שאָלעם-אַלייכעמס פּאָרעדע צו דער צווייטער אופלאגע פון דער זאמלונג „ייִדישע פאָלקסלידער"[1]

דאָס איז געווען מיט א יאָר 14—15 צוריק אין א געשפרעך מיט א געשווירענעם אדוואָקאט אין קיִעוו דערציילט מיר דער דאָזיקער אדוואָקאט א מײַסע, אז יענע וואָך איז ער געפאָרן מיט זײַנעם א קאָלעגע, אויך א געשווירענער אדוואָקאט, מ. מ. ווארשאווסקי, פון קיִעוו קיין וואסילקאָוו אין געריכט ארײַן, האָט אים אָט דער ווארשאווסקי דעם גאנצן וועג געזונגען ייִדישע לידלעך אין „זשארגאָן", נאָר אזעלכע, וואָס צעגייען זיך מאמעש אין אלע אייורים. באזונדער איז אים פארבליבן אין טאם א לידל, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„אוי, מאכט כאנצי בולקעס!
אוי, באקט זי בייגל!.."

— וועמענס לידלעך זײַנען דאָס? ווו קריגט מען זיי און ווו זײַנען זיי געדרוקט?

— זײַנע אייגענע לידלעך, אין ערגעץ ניט געדרוקט. ער אליין מאכט די לידער, ער אליין באשאפט די מוזיק צו זיי און ער אליין זינגט זיי, — אלצדינג אליין.

— סטײַטש, וואָס זשע שווײַגט איר? גיט אים אהערצוצו, אָט דעם פויגל!

און ס'איז אים געבליבן, אז אין א פרײַען טאָג ברענגט ער מיר אים צו פירן.

דער נאָמען ווארשאווסקי איז מיר געווען באַקאנט פון לאנג אין קיִעוו. דאָס איז געווען א געשווירענער אדוואָקאט, א טיפּ פון יענעם מין געשווירענע אדוואָקאטן, וואָס כאפּן ניט קיין שטערן, קנאקן ניט, לאָזן זיך ניט הערן אויף דער וועלט, זיצן זיך שטיל אין זייער קאבינעט, קוקן לאנג-לאנג ארויס אויף א קליִענט, נאָר אז דער קליִענט איז געקומען, איז ער שוין זיכער, אז ער האָט געטראָפן ניט צו קיין אדוואָקאט, וואָס קוקט אים אין דער האנט ארײַן און שאצט אים די קעשענע, נאָר צו א פרײַנט, צו א ברודער, וואָס וועט אים אויסהערן ווי א פרײַנט און באהאנדלען ווי א ברודער.

פארשטייט זיך, אז אזעלכע מענטשן פלאָגן זיך זייער גאנץ לעבן, פירן א ביטערע מילכאָמע, קומען קוים-קוים אויס מיטן שטיקל ברויט און ווערן געעלטערט פאר דער צײַט.

אויף ווארשאווסקין איז דאָס אָבער געווען שווער צו דערקענען. דאָס איז געווען א פארשוין א לעבעדיקער, אן עמעסער קאסרילעק — אן אָרעמס

[1] די פאָרעדע איז פארעפנטלעכט אין אָדעס, 1919.

טאַנכום דער טרובאַטש

כ׳וויל אײַך דערציילן אקוראט
טאקע מיט גרויס אַכאַטע,
ווי כ׳האָב געדינט פאר א סאָלדאט
אין דער ערשטער ראָטע.

טראַם! טראַם! א יונגאטש
בין איך געווען מיט ביינער,
מע האָט מיך געמאכט פאר א טרובאטש,
איך האָב געשפּילט ווי קיינער.
טרא־טא־רא־רא! טרא־טא־רא־רא!
איך האָב געשפּילט ווי קיינער.

כ׳וויל אײַך זאָגן, ס׳איז ניט גרינג
אַף דער טרובע צו טרובען:
דאָ מוז מען פארשטיין זיך אפן וווּנק,
און גוטע אויערן האָבן.

טראַם! טראַם! צו מאכן „פּוי!”
כ׳לעבן איז א סאַך גרינגער:
דאָ מוז מען שפּילן אָט אזוי —
און מאכן מיט די פינגער.
טרא־טא־רא־רא! טרא־טא־רא־רא!
און מאכן מיט די פינגער!

איך וויל ניט פארלייקענען פאר אײַך,
איך פלעג מיך פריילעך פילן,
אז איך פלעג שטיקלעך גאָר א סאַך
אַף מײַן טרובע שפּילן.

טראַם! טראַם! אין ערשטן ריאַד
פלעג דער קאָמאנדיר מיך שטעלן.
אז איך פלעג שפּילן אפן פּאראד,
פלעג דער קאָמאנדיר אָנקוועלן.
טרא־טא־רא־רא! טרא־טא־רא־רא!
פלעג דער גענעראַל אָנקוועלן!

אז די דיוויזיע טיילט זיך אָפּ אַף צוויי
גארניזאָנען גרויסע,

און פריילעכס, און צווישן כעוורע געשווירענע אדוואָקאטן — די נעשאָמע, קיין אָונט, קיין יאָמטעוו, קיין קערמעשל איז זיך ניט באגאנגען אָן מארק מארקאָוויטשן, וואָרעם מארק מארקאָוויטש ווארשאווסקי האָט געהאט א באזונדערן טאלאנט אַף צו פריילעך מאכן דעם עוילעם מיט זײַנע אויסגעצייכנטע הומאָריסטישע עקספּראָמטן אין ריימען, וואָס ער האָט אײַך געקאָנט, ווען איר ווילט, צוטראכטן צו יעדן איינציקן נאָמען און מיט דער בעסטער כאראקטעריסטיק אָפּשילדערן אײַך א מענטשן אין דרײַ־פיר ווערטער.

קופּערניק[1] מיט זײַנע גלענצנדע רעדעס און ווארשאווסקי מיט זײַנע עקספּראָמט־קופּלעטן האָבן געשעמט אין שטאָט, אוןביידע זײַנען געווען באַליבט אין אלע אינטעליגענטישע קרײַזן פון קיעווער ראיאָן. נאָר אז דער זעלבער ווארשאווסקי קאָן אויך יידישע לידלעך מאכן אין „זשארגאָן” — דאָס איז מיר אפילע אַף די געדאנקען ניט געקומען. מע קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלן, מיט וואָס פאר א נײַגעריקײַט איך האָב ארויסגעקוקט אַף ווארשאווסקין מיט זײַנע לידלעך.

די עטלעכע טעג זײַנען אריבער — מע האָט מיר געבראכט דעם פויגל.

א מענטש פון אריבער פופציק, קורצער ווּקס מיט קורצזיכטיקע, נאָר שמייכלענדיקע און א סאַך ריידנדיקע אויגן, גוט געפּאקט, אָן אָפּגעטראָגן רעקל מיט א ביסל אויסגעריבענע עלנבויגנס, אָן אלטגעזעסענער שניפּס, א גיך גענגל, א שיין קאָל און א שטארק הילכיקער געלעכטער — אָט דאָס איז ווארשאווסקיס פּאָרטרעט.

דער גאסט האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן, זיך אוועקגעזעצט צום פּאָרטעפּיאַן און גענומען זינגען און זיך אליין אקאָמפּאנירן זײַנע שיינע לידער מיט אזויפיל הומאָר און געפיל און מיט אזא שיינער, הארציקער שטימע, אז איך האָב אים פּאָשעט ארומגעכאפּט קושן:

— גאזלען! פארוואָס לאָזט איר ניט אָפּדרוקן די דאָזיקע לידער? ווען איך זאָל ניט וויסן, אז דאָס זײַנען אײַערע אייגענע, וואָלט איך געמעגט שווערן, אז איך האָב זיי אמאָל געהערט זינגען פון מײַן מאמען!

אזויפיל פאָלקסטימלעכקײַט האָט זיך געפונען אין די ווערטער און אזויפיל פּראָסטקײַט אין זייערע מעלאָדיעס!

דער געדאנק פון לאָזן דרוקן די לידער איז אָבער געווען פון ווארשאווסקין אזוי ווײַט, אז ער האָט גאָרניט געוואָלט הערן דערפון. און דערצו האָט ער זיך מיר מוידע געווען, אז כאָטש ער האָט אמאָל געשטודירט אין דער ראבינער־שול (אין זשיטאָמיר), האָט ער ייִדישקײַט געלערנט אזוי ווינציק און פארגעסן אזויפיל, אז ס׳איז אים שווער אפילע אָנצושרײַבן זײַנע לידער אַף פּאפּיר.

---

[1] לעוו קופּערניק (1845—1905) — א באוווּסטער אדוואָקאט און פּובליציסט.

און דער גענעראַל טוט א געשריי:
„ספּראַווא ווזוואָדאָם סטראָיסיאַ!״

טראַם! טראַם! דאָ פאַלט אַרײַן
די טרובע מיט א קאָל פון אײַזן,
און איר העלפט אונטער דער באַראַבאַן,
ווי זינגערלעך דעם כאַזן.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
ווי זינגערלעך דעם כאַזן!

אויף די מאַניאָווערס איז אַזוי שווער
גלײַך ווי אין א מילכאָמע:
סאָלדאַטן לויפן אַהין און אַהער
פּינען מיט דער נעשאָמע...

טראַם! טראַם! דער מוזיקאַנט
טאָר זיך ניט זײַן טויע:
דער גענעראַל טוט א מאַך מיט דער האַנט,
שפּילט ער שוין „ק׳אַטבאָיו״.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
שפּילט ער שוין „ק׳אַטבאָיו״!

אַמאָל מוז מען שלאָגן גאָר דעם פײַנט,
הינטערווײַלעכס איז גלײַכער...
די סאָלדאַטן מיט דער ביקס אין דער האַנט
לייגן זיך אויף די בײַכער...

טראַם! טראַם! מ׳האָט אָנגעגרייט
גאַנצע פעסער מיט פאַרעך;
דער גענעראַל הייסט שפּילן
שטילערהייט,
מע זאָל ניט הערן קיין שאָרעך!
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
מע זאָל ניט הערן קיין שאָרעך!

דאָ לאָזן זיך די סאָלדאַטן פון דעם אָרט
גלײַך צו דער אַטאַקע...
באָמבעס, קוילן, דאָ און דאָרט,
ס׳איז א מוירע טאַקע!

טראַם! טראַם! פון אויבנאָן
שפּיל איך און גיי אין פײַער,
פאַלן וועל איך לעבן דער פאָן,
וואָרעם זי איז מיר טײַער!
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
וואָרעם זי איז מיר טײַער!

נאָך דער מילכאָמע אַרום שוועס
האָב איך מיך אַהיים דערקליבן,
אַז ראָכל האָט דערזען, אַז איך בין אָן א פוס,
איז זי כאַלאָשעס געבליבן.

טראַם! טראַם! ביטע ווײַן,
ראָכעניו מײַן לעבן!
דו זעסט דאָך צו, אַז גאָט אַליין
האָט געראַטעוועט מײַן לעבן!
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
האָט געראַטעוועט מײַן לעבן!

אוי, וויינען, ראָכעלע, איז מיאוס,
לאָז איבער די טרערן אויף מאָרגן:
צי מיט א פוס, צי אָן א פוס —
דערפאַר וועט גאָט שוין זאָרגן.

א פריילעכס

די מעכוטאָנים גייען,
קינדער,
לאָמיר זיך פרייען —
שאַט נאָר שאַט!
דער כאָסן איז נאָר א וווּנדער —
שפּילט א וויוואַט דעם כאָסנס צאַד.

אָט גייט דער פעטער
קאָנע
מיט דער מומע כאַנע —
שאַט נאָר שאַט!
דאָס איז די בעסטע מאַטאָנע,
שפּילט א וויוואַט דעם כאָסנס צאַד.

דעם כאָסנס שוועסטער
פריידל
נעמט זי אַרײַן אין רעדל —
שאַט נאָר שאַט!
זי דרייט זיך ווי א דריידל —
שפּילט א וויוואַט דעם כאָסנס צאַד!

רעב עליע, דעם כאָסנס
פעטער
דאָס בײַכל גלעט ער —
שאַט נאָר שאַט!
ער איז פעטער פון אַלע פעטע —
שפּילט א וויוואַט דעם כאָסנס צאַד!

אָט גייט דער מעכוטן
מינדיק
מיט וואָס האָבן מיר פאַרזינדיקט —
שאַט נאָר שאַט!
ער בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק —
שפּילט א וויוואַט דעם כאָסנס צאַד!

נעמט בא די הענט אײַך
אַלע!
דער כאָסן מיט דער קאַלע —
שאַט נאָר שאַט!
גאָט זאָל זיי זײַן מעמיילע —
דעם כאָסנס און דער קאַלעס צאַד...

*———

וולאַדימיר טיכווינסקי

וועקט ניט די געליבטע

רעבּ עקיבא האָט געזאָגט: שיר־השירים איז קודעש־קעדאָ־שים, און די גאַנצע וועלט איז ניט ווערט דעם טאָג, ווען דער דאָזיקער בוך איז געגעבן געוואָרן...

1

— אוי, ווען ער וואָלט מיך טרייסטן מיט די ליפּן זײַנע!

אַט די ווערטער און דעם געקלאַנג פון קושן הערט שולאַמיס בייס מע פירט זי צו דעם מײַלעך אירן — צו שלוימען. די באַלקנס פון לעוואַנאָן־צעדער, די ווענט פון געטעסעטע שטיינער דריקן אף איר. זי באַטראַכט די גינגאָלדענע זון דורך די פענצטער. געמאַכטע פון קופּער באַפּוצונגען אינעם פּאַלאַץ, — פּאַלמעס און ליליעס, — בוקן זיך צו איר, מילגרוים־עפּל קײַקלען זיך אנטקעגן. און דורך די אוזאָרן פון דער באַצירונג טריפן די ווערטער:

— פאַנג מיך, מיר וועלן לויפן נאָך דיר...

— דער ווייגערוך פון דײַנע פײַנע איילן מאַכט דײַן נאָמען געגליכן צו אויסגעגאָסענעם מויר. דעריבער האָבן דיך אַזוי ליב די יונגפרויען!

ווי צוויי רייען פּאַלאַץ־פענצטער, אויסגעשטעלט איינע קעגן דער אַנדערער, ציען זיך די יונג־פרויען צו דער זון, צום מײַלעך, פאַרזיכערנדיק:

— אופריכטיק האָט מען דיך ליב...

„מע האָט דיך ליב! מע האָט דיך ליב!“, — רופט זיך אָפּ אין הארצן בא דעם מיידל מיט שרעק און זיסן פאַרגעפיל. און ס'דוכט זיך שוין איר, אַז דאָס שעפּטשעט זי זעלבסט, שטעלנדיק שטילע טריט איבער די מאַסיווע ברעטער פונעם דיל:

— דער מײַלעך האָט מיך ארײַנגעבראַכט אין זײַן פּאַלאַץ, מיר וועלן זײַן אַנציקט און זיך פרייען מיט דיר, מירן געדענקען דײַן צערטלעכקײַט מער, איידער דעם ווײַן!

„פאַנג מיך, פאַנג מיך, צי מיך צו“, — שושקען איידעלע כיטאָנען ארום און ארום און אנטרינען, אופליִענדיק אין רוים, אין פלאַם פון דער לופט, וועלכע עס האָבן צעגליט די אַנגסטן פון לײַדנשאַפט.

בייס די שאָמרים האָבן געבראַכט צו פירן צום מײַלעך די יונגע שולאַמיס, א פאַרוויקלטע אין א גראָבן טעפּיך, זײַנען בא אים געווען, ווי מע גיט איבער, זעכציק מאַלקעס, אכציק קעפּסווײַבער און אָן א שיר יונגפרויען, און מע פלעג איבערגעבן פון מויל צו מויל:

„געווען זײַנען בא אים זיבן הונדערט ווײַבער און דרײַ הונדערט געליבטע; און ארײַנגעצויגן אין זנוס האָבן די פרויען דאָס הארץ זײַנס“.

ווען מע האָט אין פּאַלאַץ געבראַכט שולאַמיס, האָט דער מײַלעך, ווי א שווערד פון שיידל, זיך ארויסגעריסן פון די אָרעמס פון א ברוינהויטיקער הויכער פרוי מיט האַרטע געקרײַזלטע האָר, און צוויי קליינטשקע עלאַסטישע אַדאַליסקעס האָבן זיך פלינק אָנגעבויגן צום שויס זײַנעם.

— דער ווייגערוך פון דײַנע גוטע איילן...

וו. טיכווינסקי

שלוימע זעצט זיך צום טיש — צו דער גרויסאַרטיקער סודע, און די קנעכט האָבן צוגעפירט צו אים שולאַמיס, אַראָפּגעשלעפּט פון איר אָנגעצייגט קעפּל דעם בורנוס, און א רויטער פלאַם האָט פאַרבלענדט שלוימעס אויגן. דער מיילעך האָט געוואָלט אויס־שטרעקן די הענט, קעדיי אָפּהאַלטן די קנעכט, זיי ניט לאָזן אַראָפּצוּרײַסן פון שולאַמיס די אייבערשטע קליידער, נאָר די געטרײַע פלינקע דינער האָבן שוין אַלץ זייערס אופגעטאָן אין איין אויגנבליק — און שלוימע האָמעלעך דערזעט אנטקעגן זיך שטיין א מיידעלע, א קינד מאַמעש, דורכן שפּאַלט פונעם כיטאָן איז אומעגלעך אָנצוטאַפּן אַפילע מיט די אויגן אירע פּיצינקע בריסטלעך, געגליכענע צו ניט־רײַפע עפּעלעך. נאָר אָט טוט ווי א נעפּל א שוויבל אַראָפּ שולאַמיסעס לעצטער צודעק, און זי באַווײַזט זיך א שטאָלטנע, ווי א לולעוו. דער לולעוו הייבט זיך אָן צווישן די בריסט־אַפּלען און צעשפּאַלט דעם הויפּן ווייץ אפן קאָפּ מיט א צאַרטן שרונט. דאָס מיידל פירט צונויף די דינע הענט און זאָגט צו די אַדאַליסקעס:

— קוקט ניט אַזוי אָפּ מיר, וואָס איך בין ברויז, די זון האָט מיך פאַרברענט: די זין פון מײַן אייגענער מאַמע זײַנע אין קאַס געוואָרן אָפּ מיר, אוועקגעשטעלט מיך היטן די ווײַנגאָרטנער — מײַן אייגענעם ווײַנגאָרטן האָב איך ניט געהיט...

„זי האָט ליב! — טוט א קלער שלוימע האָמעלעך, — זי האָט ליב עמעצן, שטאַרק האָט זי ליב, פונקט אַזוי ווי ער, שלוימע, האָט אַליין אַמאָל ליב געהאַט, אוויסאַגאָן פון סונאַמיטיאַן ליב געהאַט, מיט דער ערשטער ליבע זײַנער ליב געהאַט".

— זאָג מיר דו, וועמען עס האָט ליב די נעשאָמע מײַנע, ווו פּאַשעסטו דײַן טשערעדע? די אייגענע מאַמע און יענער, וועמען עס האָט ליב שולאַמיסעס נעשאָמע, זײַנען זייער ווײַט פונדאַנען, ניט דערלאַנגען זיי מיט דער האַנט, נאָר שולאַמיס ציט זיך צו זיי, ווענדט צו זיי איר שטיל קאָל, איר שעפּטשערײַ:

— זאָג מיר דו, וועמען עס האָט ליב די נעשאָמע מײַנע, ווו פּאַשעסטו? ווו רוסטו אָפּ אין האַלבטאָג?

דערהערנדיק דאָס, צעלאַכט זיך די בליִענדיקע שיינהײַט, די מאַלקע, און ס׳טוט א שמייכל די וואָלקנדיקע שוין אַצינד געליבטע אוויסאַגא:

— אויב דו, די שענסטע צווישן די פרויען, ווייסט עס ניט, איז גיי צו דײַנע שאָף...

און די אַדאַליסקעס צעגראַגערן זיך, ווי גענדז:

— די שענסטע צווישן די פרויען! אויך מיר די שענסטע!

דער מיילעך אָבער שטעלט זיי אָפּ מיט א קורצן זשעסט, און אַלע ווערן מיטאַמאָל אַנשוויגן. שלוימע לאָזט זיך אַראָפּ פון די טרעפּ, אויסגעזױגטע פון שטיינער און צעדער־קלעצער, ווישט אויס די באָרד זײַנע, וועלכע איז נאָך ערשט ניט לאַנג געווען א פעכיק־שוואַרצע, ווי א ראָב, אָבער איצט איז זי שוין באַפּוצט מיט שנייווײַסע לעמעלעך, און זאָגט:

— דו ביסט געגליכן צו מײַן שקאַפּעלע אין פאַרעס רײַטוואָגן...

ער גייט אַרום און אַרום דעם מיידל, מעסטנדיק זי מיט זײַן שאַרפן בליק, קיצלט זי מיט די אויגן, און ס׳זעט אויס, פונקט ווי א שטראָמעלע וואָלט דורכגעריזלט איבערן אויסבייג פון איר פּלייצע און איבער אירע פיס. און עס פאַרגלוסט זיך איר פּלוצעם א פיר טאָן מיט די לענדן, ווי דער שקאַפּע אין פאַרעס רײַטוואָגן, אויסבייגן דעם פוס אין דער קני און א שפּאַן טאָן אנטקעגן דעם מיילעך. און זי טוט א הייב דעם שאַרפן קין צו אים... דער מיילעך רירט זיך צו מיט די פינגער צו איר אויער, און זי גלײַכט זיך אויס, פונקט ווי א בליץ וואָלט דורכגעבויערט איר ברוסט, אָנציִענדיק זי, ווי א בויגן־שנור, וואָס איז גרייט אַרויסלאָזן די פײַל.

— מאָלע קיין זײַנען דײַנע באַקן און דער האַלדז, וואָס איז באַצירט מיט שנירלעך טײַערע פּערל און גאָלדענע קייטלעך, — באַטראַכט דער מיילעך דאָס מיידל. — מיר וועלן דיר מאַכן גאָלדענע אוירינגלעך מיט זילבערנע פּליטערלעך...

— א מויר־בינדל איז דער געליבטער מײַנער לעם מײַנע בריסט, — ענטפערט אָפּ שולאַמיס. עס דוכט זיך איר, אַז זי פאַלט אין אָפּגרונט און טשעפּעט זיך אָן מיט אירע אומבאַהאָלפענע הענט אין דעם ווײַטן געליבטן אירן, וואָס איז געבליבן דאָרט, אינדערהיים, אין די ווײַנגאָרטנער פון וואַאל־האַמאָן, צווישן די באַלזאַם־בערג.

און אָט דערזעט שולאַמיס, ווי אין דעם פּאַלאַץ, וווּ זי שטייט הויל־קאַטויל פֿאַר דעם מײלעך־יִסראָעל און פֿאַר די ירושלאַיִמער ווײַבער, גייט אַרײַן ער — איר געליבטער, אַן איידעלער, ווי אַ מוילעד, אַ שלאַנקער, ווי אַן אָנגעצויגענער יעגער־בויגן, קומט אַרײַן אַזוי שטיל, אַזוי פֿאַרהילט, אַז קיינער, כּוץ איר, שולאַמיס, באַמערקט ניט, וויִאַזוי ער איז אַרײַנגעקומען.

— אוי, ווי שיין ביסטו, געליבטער מײַנער.

ווי דורך אַ נעפּל, טוט זי אַ זײַטיקן קוק אויף דעם שמאַראַגד, וועלכן דער מײלעך טראָגט אונטער צו אירע אויגן אויף זײַן פֿינגערל, און זעצט פֿאָר צו שעפּטשען:

— און אונדזער בעט איז גרינס...

זי זעט, ווי דער מײלעך דערנעענטערט זיך צו איר, שווער טרעטנדיק איבער די קיפּאַריסענע דיל־ברעטער, אָבער זי שעפּטשעט ניט צו אים, נאָר צו יענעם, דעם רויע־ווײַנע־נירע, דעם פֿאַרבאָרגענעם פֿאַר אַלעמען, אויסער איר. זי שעפּטשעט צום געליבטן:

— דער דאַך איבער אונדז — זײַנען די צעדערס, די סטעליעס — קיפּאַריסן...

און ס׳דוכט זיך איר, אַז זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף די הענט פֿונעם געליבטן דאָרט, אינעם טאָל, און די צעדערס מיט די קיפּאַריסן פֿאַרהילן זיי, באַהאַלטן זי אויס פֿונעם מײלעך, וועלכער שטייט דאָ, דערנעבן.

ווער זשע נעמט זי אַרום מיט קרעפּטיקע הענט — דער געליבטער צי דער מײלעך? און זי שעפּטשעט:

— ווי אַן עפּלבוים צווישן די ביימער אין וואַלד, איז מײַן געליבטער צווישן די יונגלינגען...

ערגעץ ווײַט־ווײַט, דאָרט, וווּ שולאַמיס האָט איבערגעלאָזט דאָס האַרץ, שטייט איר געליבטער — אַ בליִענדיקער עפּלבוים, נאָר זײַן שאָטן דערגרייכט מיט די צווײַגן — די הענט זײַנע — צו שלוימע האַמעלעכס פּאַלאַץ.

— דערקוויקט מיך מיט עפּל־זאַפּט, וואָרעם איך בין קראַנק פֿון ליבשאַפֿט!

אַ געקרײַזלטע אַדאַליסקע וועמענס האָר זײַנען געגליכן צום מײלעכס באָרד, טראָגט אונטער אַ בעכער צו די העל־רויטע מיידלשע ליפּן, און שולאַמיס פֿאַרכלינעט זיך מיט דעם פֿאַרשיקערנדיקן זאַפֿט, זי טוט זיך אַפֿילע אַ וואַקל. די אַדאַליסקעס, אַלע אינאיינעם, דעכען מיטאַמאָל אַרויס מיט זייער סאַרפֿעדיקן אָטעם: נו, שוין, שולאַמיס איז אויף דעם מײלעכס העסע־בעט נידערגעלייגט, און אויפֿגעהויבן וועט זי ווערן מיט דער מײלעכס מעכטיקער האַנט, ווי אַלע זיי דאָ אינעם קייסערס פּאַלאַץ, אינעם הודיענדיקן האַרעם.

2

אָבער שלוימע האַמעלעך איז ניט אַזוי בלינד, ווי די לײַכטזיניקע יונגפֿרויען, און ער קלערט, שמועסנדיק מיט זיך אַליין: „דרײַ זאַכן זײַנען פֿאַראַן אויף דער וועלט, אומפֿאַרשטענדלעכע פֿאַר מיר, און די פֿערטע קאָן איך אויך ניט באַנעמען: דעם אָדלערס וועג אין הימל, דעם וועג פֿון דער שלאַנג אויף אַ שטיין, דעם וועג פֿון אַ שיף אין יאַם און דעם וועג פֿון אַ מאַנצבל צו דעם האַרץ פֿון אַ פֿרוי“. אַך, ווי ער, שלוימע, האָט יונגערהייט ליב געהאַט אַוויסאַגאַן פֿון סונאַמיטיאַן. דאָס מיידל איז געווען זייער שיין, נאָר אויף איר האָט געהאַט די שליטע זײַן פֿאָטער, דאָוויד האַמעלעך, זי האָט געהערט צו אים, זי איז נאָך אים נאָכגעגאַנגען, מיט אים געלעגן. און ביזוואַנען זי האָט אים געוואַרעמט די אַלטע פֿיס, האָט אויף איר אין פֿאַדערצימער געוואַרט דאָווידס בכאָר — אַדאָניאַ. ווען נאָכן טויט פֿונעם אַלטן מײלעך איז דער נײַער מיט גאָטס ווילן געוואָרן זײַן ייִנגערער זון — שלוימע, האָט אַדאָניאַ געבעטן בײַ דער מוטער ווירסאַוויִאַ דאָס איין־און־איינציקע — אַוויסאַגאַן פֿון סונאַמיטיאַן פֿאַר אַ ווײַב.

שלוימע איז דעמלט שטאַרק אין קאַס געוואָרן און האָט געזאָגט צו דער מוטער:

— פֿאַרוואָס ווילסטו, אַז אַדאָניאַ זאָל באַקומען אַוויסאַגאַן פֿון סונאַמיטיאַן? בעט פֿאַר אים אויך דאָס קיניגרײַך, ער איז דאָך מײַן עלטערער ברודער...

און שלוימע האַמעלעך באַפֿוילט:

— הײַנט דאַרף אַדאָניאַ שטאַרבן.

און אַדאָניאַ איז געשטאָרבן. דערמאָנט האָט זיך וועגן דעם שלוימע אַצינד, קוקנדיק, ווי שולאַמיס ליגט אויף דעם קיניגלעכן געלעגער, אַ צוגעדעקטע מיט אַ כּיטאָן, און דאָס צאַרטע צווײַג גלעט איר לײַב, פּונקט ווי אַ ווינט אין אַ טאָל צווישן בערג. נאָר ניט געוווּסט האָט דער מײלעך, אַז זי, שולאַמיס, זעט אין דער ווײַטער ווײַט בערג, איבער וועלכע עס שפּרינגט געגליכן צו אַ יונגן הירש, איר טײַערער געליבטער. אָט גייט ער צו צו דער וואַנט פֿון שלוימע האַמעלעכס פּאַלאַץ, וועלכן זי, שולאַמיס, זעט בוילעט סײַ פֿון דרויסן, סײַ פֿון אינעווייניק, און זיך זעט זי, ווי זי ליגט אויף דעם געלעגער אונטערן כּיטאָן, און דעם מײלעך, אָן אָנגעבויגענעם איבער איר.

— וועקט ניט און באומרויִקט ניט די געליבטע! וועקט ניט און טשעפּעט ניט! — באַפֿוילט שלוימע די מאַלקעס מיט די קעפּסווײַבער, און זיי שווימען ערגעץ אַוועק מיט געווירצטע טענץ זייערע און לײַדנשאַפֿטלעכע באַוועגונגען. און עס זעט ניט שולאַמיסעס איליוזאָרישער געליבטער, ווי מע רײַסט אַראָפּ פֿון איר די בגדים, ווי זי בלײַבט הויל־נאַקעט אונטער דעם מײַלעכס בליק, ווי זי פֿאַלט אַרײַן אין דעם מײַלעכס הענט, אונטערגעבנדיק זיך ניט דעם קויעך זײַנעם, נאָר זײַן מעכטיקן פֿײַערדיקן בליק, וועלכער האָט שוין געשטעלט אויף די קני פֿיל פֿרויען און קעפּסווײַבער.

ווירדיק האָט מען דיך ליב, שלוימע!

דאָרט, אויף יענער זײַט פּאַלאַץ־פֿענצטער, האָט זיך אין דעם טונקל געוואָרענעם הימל אָנגעצויגן, ווי אַ יעגער־בויגן, דער מוילעד:

— ס׳איז געקומען די צײַט פֿון געזאַנג!

3

די צײַט פֿון זינגען איז געקומען. שוין אַ היפּש שטיקל צײַט האָט זיך שולאַמיס צוגעקוקט צו די פֿרויען, וואָס גייען פֿאַרבײַ דעם ווײַנגאָרטן און שאָקלען מיט די לענדן אין אײַנקלאַנג צו זייערע טריט — און אַ לײַדנשאַפֿטלעכע זיסקײַט צעפֿליסט זיך איבער אַלע גלידער אירע, ווען אָט די פֿרויען גייען מיט זייערע געליבטע אין שאָטן פֿון פֿעלדזן אין די בערג, אין די שפּאַלט־טאָלן. שטאָלץ זײַנען דערהויבן זייערע העלדזער איבער די אַקסלען, זיי שפּאַנען פֿאַרזיכטיק־לײַכט, עס זאָל זיך ניט צעפֿליסקען דאָס טײַערסטע, וואָס דער אייבערשטער האָט זיי געגעבן.

— זאָל מײַן געליבטער קומען אין גאָרטן זײַנעם, און זאָל ער געניסן פֿון די זיסע פּיירעס, — טרוימט ווידער און רופֿט שולאַמיס.

— איך בין אַרײַנגעקומען אין גאָרטן מײַנעם, שוועסטער, קאַלע! איך האָב אָנגעקליבן מויר מיט געווירצן מײַנע. עפֿן די טיר, שוועסטער! — אַזוי רופֿט זיך אויף דער געליבטער נאָענט הינטער די פֿענצטער־גראַטעס.

ער רופֿט אָן שולאַמיס — קאַלע. פֿון איין דאָרף שטאַמען זיי. צוזאַמען מיט אירע ברידער האָט ער איין ווײַנגאָרטן באַוואַכט. אַוועק וואָלט שולאַמיס מיט אים אין די באַרג־שפּאַלטן, אין שאָטן פֿון פֿעלדזן. זײַנע הענט וואָלטן געגלעט אירע אַקסלען, איבערלאָזנדיק אויף איר ברוינער הויט ראָזעווע ברענענדיקע פֿלעקן. און אָט לאָזן זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער זײַנע דינע הענט...

נאָר עפּשער זײַנען דאָס גאָר ניט זײַנע, נאָר דעם מײַלעכס קרעפֿטיקע הענט, און דאָס זאָגט ער, דער מײַלעך:

— ביסט מאָלע כיין, געליבטע מײַנע, און קיין איין פֿלעק איז אויף דיר ניטאָ...

ראָזעווע פֿלעקן צעפֿליסן זיך אויף שולאַמיסעס פֿאַרברוינטער הויט, שפּורן פֿונעם קיניגלעכן בראָטנדיקן בליק. צי עפּשער גאָר פֿונעם געליבטנס ווערטער, וועלכע בעטן:

— לאָז מיך אַרײַן, ווײַל דער קאָפּ מײַנער איז אינגאַנצן באַדעקט מיט טוי, און די לאָקן מײַנע — מיט באַנאַכטיקער פֿײַכטקײַט.

פֿריידיק איז אויף דער נעשאָמע בײַ שולאַמיס — עס איז דאָך געקומען דער, וועמען זי, די נעשאָמע אירע, האָט ליב, זי איז פֿריידיק און פֿול מיט אומרו, נאָר שלוימעס מעכטיקער קערפּער פֿאַרשטעלט אַפֿילע אין טרוים דעם שלאַנקן פּאַסטעך. שלוימע האַמעלעך קיצלט זי מיטן בליק פֿון אונטער געדיכטע ברעמען, אַרײַנדרינגענדיק אונטערן לײַכטן שלייער, וואָס פֿאַרדעקט איר לײַב, און ס׳וועט איר ניט געלונגען אויסבאַהאַלטן זיך פֿונעם מײַלעך. ענטפֿערט זי איר געליבטן, וועלכער שטייט הינטערן פֿענצטער און וועמענס קאָפּ איז מיט קאַריקן טוי באַדעקט:

— איך האָב אַראָפּגעצויגן מײַן קלייד, ווי־אַזוי זאָל איך עס אָפּסנײַ אָנטאָן?

און זי ציט און ציט אויף זיך דעם שלייער, פֿאַרדעקנדיק דאָס לײַב, די אומשעמעוודיקע בריסט, וועלכע האָבן זיך אינדערפֿרי אַזוי בוילעט אַרויסגעשטעלט אַנטקעגן דעם מײַלעכס בליק. ניט זיכער זאָגט זי:

— איך האָב אויסגעוואַשן מײַנע פֿיס, קאָן איך דען זיי ווידער פֿאַרשמוציקן?

שולאַמיס גליטשט זיך אַוועק מיטן געדאַנק אירן, שלײַכט זיך אַרויס מיטן האַרץ, ווו באַנאַנד מיט איר געליבטן האָט זיך באַזעצט דער וווּנדערשיינער שלוימע האַמעלעך, אָפּשטופּנדיק אין דער נעשאָמע דעם פֿראַכפּולן געליבטן. און ניט דאָס איז וויכטיק, וואָס דעם מײַלעכס האַנט האָט זיך צוגערירט צו שולאַמיסעס באַקן, נאָר דאָס, וואָס דער מײַלעך האָט אָנגערירט איר האַרץ.

דער געליבטער האָט דערפילט דעם גערענגל אין איר האַרצן, אַנטשיידן אויסגעשטרעקט די האַנט דורך אַ שפּאַרונע. און אויפגערעגט איז געוואָרן שולאַמיס. זי איז אויפגעשטאַנען, ביכדיי אַרייַנצולאָזן דעם געליבטן אירן, באַגאָסן די הענט און די אַקסלען מיט מויר פונעם פלעשל, וואָס עס האָט איר געשענקט דער מיילעך: עס זאָל דעם געליבטן זייַן זיסער זי אַרומצונעמען. שולאַמיס איז אויפגעשטאַנען, קעדיי אויפצושליסן די טיר און אַרייַנלאָזן דעם געליבטן, און פון אירע הענט האָט אָף דעם הענטל פונעם שלאָס געטריפט די מויר. שולאַמיס האָט אויפגעעפנט דעם געליבטן, אָבער ער איז ניטאָ, ער האָט זיך ניט דערוואַרט. ער האָט ניט געוואָלט וואַרטן, ביזוואַנען זי וועט אָנטאָן דעם כיטאָן. ער האָט ניט געוואָלט וואַרטן, ביזוואַנען עס וועט געלייזט ווערן זייַן גורל, און איז נעלעם געוואָרן.



שולאַמיס האָט פאַרלוירן די נעשאָמע — געזוכט דעם געליבטן און ניט געקאָנט אים געפינען. זי האָט אים גערופן — אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגערופן. אינעם באַנאַכטיקן הימל, יעדערער אַן און פאַר זיך, זײַנען געשוואומען — דער דינער מוילעד און די צאַרטע אַכטשפּיציקע פּלאַנעטע.

4

שולאַמיס שלאָפט, עס וואַכט אָבער איר האַרץ. אָט לויפט זי פלינק אַראָפּ איבער די טרעפּ פונעם פּאַלאַץ. אָט לויפט זי אַרויס פונעם טויער אויפן פּלאַץ פון דער גאַס פון יערושאָלאַיִם. די שאָמרים, וואָס היטן די וואַנט, באַגעגענען זי. עפּעס אַ קלײניקײַט, פונעם מײַלעכס פּאַלאַץ איז באַנאַכט אַרויסגעלאָפן אַ יונגפרוי, די אַקסלען אירע פינקלען רופנדיק אונטער דער לעוואָנע. זי איז אַנטלאָפן פונעם מײַלעך, פון שלוימען, פון זײַן בעט.

די שאָמרים, וואָס היטן די וואַנט, פאַרהאַלטן שולאַמיס, שלאָגן זי. מע רײַסט אַראָפּ פון איר דעם שלייער, און ס'איז נישטאָ ניט דער מײַלעך, ניט דער געליבטער אין דער האַלב־פינצטערניש, זיי זאָלן זיך פאַר איר אײַנשטעלן. שווײַגט די אַנטלאָפענע אין דער אַרומרינגלונג פון די שאָמרים. און איינער פון זיי צעלאַכט זיך הייזעריק און רופנדיק אין דער נאַכטיקער שטילקײַט. און שולאַמיס דערפילט פּלוצעם, ווי די קעלט הייבט אָן קריכן איבער איר פּלייצע — דאָס האָט דער שוימער זי אַ גלעט געטאָן. און שולאַמיס ווערט פאַרגליווערט: געווען איז פאַרכאַסמעט איר קוואַל, פאַרשלאָסן איר ווײַנגאָרטן, דער ברונעם פאַרהאַקט. געוווּסט האָבן וועגן דעם דער ווײַטער געליבטער, וועלכער האָט ראַכמאָנעס געהאַט אויף איר אין די שטילע אָוונטן אונטערן שאָטן פונעם באַרג־פעלדז, און דער מײַלעך, וואָס האָט זיך צו איר, צו שולאַמיס, אַפילע מיט דער באָרד ניט צוגערירט.

און אָט טוט זיך אַ שטופּ עפּעס אין איר פאַרשלאָסענעם ווײַנגאָרטן, אין פאַרהאַקטן ברונעם, פאַרכאַסמעטן קוואַל — טוט זיך אַ שטופּ און שטעלט זיך אָפּ. עמעצער דערשטיקט איר פאַרלײַכטערטן זיפץ. הייס און ביטער איז איר געוואָרן, אומהיימלעך, פּריקרע. דערמאָנט האָט זי זיך אין די אינדער־פריִענדיקע קעפּסווײַבער אַרום שלוימע האַמעלעך...

ווען דער שוימער פון די וואַנט הייבט אויף פאַר די האָר שולאַמיסעס קאָפּ, קוקט פון איר פּאָנעם אַרויס אַן אָפענע העל־רויטע וווּנד. אָבער באַלד גייט צו אַ צווייטער... און ווידעראַמאָל דערמאָנט זי זיך אין שלוימע האַמעלעכס אַדאַליסקעס. נאָר איצט איז שוין אויף זייער אָרט אַליין זי, שולאַמיס, און מעלאָכים, וואָס האָבן איבער איר שליטע, זײַנען פאַראַן אָן אַ שיר. און שולאַמיס פאַרגעסט וועגן דעם ווייטיק אין די שאַרפע קני, וועלכע אָט קוועטשן זיי זיך אײַן אין די גאַסן־שטיינער, אָט טוען זיי אַ פלי אין דער לופט. זי ציטערט, אומקערנדיק זיך פון דער פאַרגעסנהײַט, שעפּטשעט:

— איך באַשווער אײַך, אוי, איר, טעכטער פון יערושאָלאַיִם, איר וועט געפינען מײַן געליבטן, זאָלט איר אים זאָגן... וואָס וועט איר אים זאָגן? איך בין קראַנק! פון ליבשאַפט בין איך קראַנק!

און פון אויבן, דורכן שווערן אָטעם, טריפן אָפּגעריסענע ווערטער:

— מיט וואָס איז דײַן געליבטער בעסער פון אַנדערע... אוי, דו, שענסטע צווישן די פרויען?

— מײַן געליבטער איז זויבער־ווײַס און פאַרברוינט, — דערמאָנט זיך שולאַמיס אין דעם צאַרטן פּאָנעם פון איר באָכער. — די לאָקן זײַנע, שוואַרצע, ווי ראָבן, כוואַליען זיך...

אין וועמענס לאָקן דערמאָנט זיך שולאַמיס — אינעם געליבטנס צי אין שלוימע האַמעלעכס?

— די ליפּן זײַנע — זיסקײַט, אינגאַנצן איז ער — מילדקײַט. אָט ווער עס איז דער געליבטער מײַנער. איך געהער צום געליבטן!

נאָר דאָ פאַרשטעלט פּלוצעם שלוימע האַמעלעך איר געליבטן. עמעצער פון די היטער פון דער וואַנט טוט זי אַ הייב אויף פון די קני און קושט אירע בלוט־רויטע ליפּן. די נאַכט־וועכטער לאָזן אָפּ שולאַמיס. זי גייט אויף צוריק צום מײַלעכס פּאַלאַץ, און דער מילכוועג אין הימל צעשיידט ווי אַ ראַקעטע דעם בענקענדיקן מוילעד מיטן צאַרטן שטערן. און ווען שולאַמיס קערט זיך אום צו שלוימע האַמעלעך, שעפּטשעט זי קוים, ווי פון היץ:

— איך געהער מײַן געליבטן, און ער געהער מיר... ער פּיטערט צווישן די ליליִעס... איך געהער מײַן געליבטן!

דער גרויסער מײַלעך אײַלט זיך ניט, דערנעענטערט זיך ניט צו שולאַמיס, ער זאָגט בלויז:

— דו ביסט פּרעכטיק, געליבטע מײַנע!

און ס'האָט אַ ציטער געטאָן שולאַמיס, גלײַך דאָס האָט איר אײַנגערוימט איר געליבטער — דער צאַרטער, דער ווײַטער. ניט געוווּסט האָט זי, ניט געהאַט קיין אָנונג, אַז אַלע פאַרליבטע אין דער וועלט, אָנהייבנדיק נאָך פון אָדעמען און כאַווען, שווערן זיך אין ליבע מיט איינע און די זעלבע

װערטער. נישט פֿאַרשטאַנען האָט שולאַמיס, אַז דאָס װענדט זיך צו איר ניט דער געליבטער, אַז דאָס רעדט דער מײלעך:

— װי צװײ העלפֿטלעך פֿון אַ מילגרױם־עפּל זײַנען די בעקלעך דײַנע אונטער דײַנע לאָקן...

5

עפּל... מילגרױמען... לױט דער מעסירע, איז די מוטער פֿונעם גאָט אַטיסאַ־נאַן טראָגעװדיק געװאָרן מיט אים, צוליגנדיק צו דער ברוסט אַ רײַפֿן מילגרױם... און אָט דוכט זיך שױן שולאַמיסן, אַז דער מײלעך רירט זיך צו צו אירע בריסט מיט זײַנע גרױסע הײסע דלאָניעס. און אים, דעם מײלעך, דוכט זיך, אַז אין זײַנע דלאָניעס פֿלאַקערן שולאַמיסעס קלײניטשקע בריסט, זילבערנע שלענגלעך גליטשן זיך אַרױס פֿון אונטער אירע קני און לאָזן ניט, מע זאָל זײ כאַפּן מיט די הענט.

פֿיל װײַבער — הױכע און שלאַנקע, דיקע, מעכטיקע אין זײער פֿולקײַט, און מיניִאַטיורע, װי סטאַטועטקעס, װײַסע און שװאַרצע, געלע און אַש־בלאָנדע, האָבן געװעקט לײַדנשאַפֿט בײַ שלױמע האַמעלעך. געװען איז ער קלוג און געקאָנט אָפּזוכן בײַ יעדערער פֿון זײ איר, בלױז איר אײגנטימלעכן כײן. אײניקע — קלײניטשקע און בײגעװדיקע — פֿלעגן מיטאַמאָל, אומגעריכט זיך געבן אַ הײב אױף, גלײַך זײ װאָלטן געהאַט בעדײַע אַראָפּצושלײַדערן דעם רײַטער, װי די שקאַפֿעס אין טאַבון, װעלכע מע האָט אין אַן אומופֿלערלעכן שטראָם געטריבן דורך זײַן קיניגרײַך אױף צו פֿאַרקױפֿן אין פֿרעמדע מעקומעס. זײערע דינע לענדן, פּונקט װי מאַנדל־בײנדלעך, פֿלעגן זיך פֿון די הענט אַרױסגליטשן, װען ער האָט זײ פֿלאַמיק אַרומגענומען, קעדײ געניסן פֿון זײער שמאָלקײַט. אין די דיקע פֿלעג ער זיך אײַנקלאַמערן, דערפֿילנדיק דעם פֿאַרגעניגן פֿון די לײַדנשאַפֿטלעכע בײגונגען פֿון זײערע לײַבער, װען זײ האָבן געדולדיק געװאַרט, דער מײלעך זאָל זיך אָנזעטיקן אין דער לײַדנשאַפֿט זײַנער. פֿיל הענט, קלײנע און גרױסע, דינע און פּוכקע, האָבן געשטרעבט מיטהעלפֿן שלױמען אין זײַן לײַדנשאַפֿט, אים אַרײַנציִען אין זיך, פֿאַרסאַרפֿען, װי אַינװײניק װאָלט געטליִעט אין זײ פֿײַער. שמאָלע און פֿלאַכע, קײַלעכדיקע און אױסגעצױגענע פּענעמער פֿון די יונגפֿרױען פֿלעגן דערנאָך אַרײַנקוקן אין װוּנדערשײנעם געזיכט פֿונעם מײלעך — צי האָט ער זיך אָנגעזעטיקט, און צי קאָן מען אים אױפֿהײבן צו אַ נײַער לײַדנשאַפֿט?

און דער מײלעך האָט שױן פֿון אונטער די צוגעמאַכטע אױגנלעפֿלעך געזען נײַע יונגפֿרױען, אָן אַ שיר — שטילע און זיסע, אומגעצױמטע און האַכנאָעדיקע. גיריק איז געװען דער מײלעך אין זײַנע טײַנוגים, און דאָס אױג זײַנס דאָס ניט־געזעטיקטס האָט שױן אָפּסנײַ אַרײַנגעקוקט אין די בערג, אין די טאָלן און װײַנגערטנער, װוּ עס זײַנען שױן אונטערגעװאַקסן פֿרישע יונגפֿרױען, װוּ אױף די פּיטער־לאָנקעס פֿלעגן אַרומיאָגן, װי סערנעס, מײדעלעך־דערװאַקסלינגען, ניט װױסנדיק, אַז עס װעט שױן אָט־אָט קומען די צײַט און מעכטיקע הענט פֿון די שאָמרים װעלן זײ אַרופֿװאַרפֿן פּאַפּערעק די זאָטלען און אװעקפֿירן אין דער װײַטער שטאָט יערושאָלאַיִם, אין דער שטאָט פֿון שלױמע האַמעלעכס רום און לײַדנשאַפֿט. און װאָס מער שלױמע האָט געלעבט אױף דער װעלט, אַלץ מער און מער שקאַפֿעס האָט ער אײַנגעשפּאַנט און זײַן האַרעם־װאָגן. און געװאַרעמט האָבן דאָס געלעגער פֿונעם קיניג, װאָס איז עלטער געװאָרן, שױן ניט בלױז אײן אַװיסאַגאַ, װי אַמאָל די זקײנישע פּיס פֿון זײַן טאַטן — דאָװיד האַמעלעך, נאָר צװײ צי דרײַ יונגפֿרױען פֿלעגן איבערפֿלעכטן זײערע בײגעװדיקע לײַבער, װי מיט צװאַנגען, װעלכע האָבן געדרעגט דעם מײלעכס לײַדנשאַפֿט און זי ניט געלאָזט זיך אײַנשטילן ביז ער, דער קיניג, פֿלעג ניט דערפֿילן זײַן טײַנעג, ביז עס פֿלעג אים מאַכמעס דעם װערן גרינג אױף דער נעשאָמע. קײן מאָס אין די טײַנוגים האָט דער מײלעך ניט געװוּסט. װען מע לײגט אַװעק אױף אײן װאָגשאָל זײַן אױג, אױף דער צװײטער — אַ גאָלדשטיק, װאָלט די װאָגשאָל מיטן אױג איבערגעװױגן. און װען ער װאָלט אַ װאָרף געטאָן אױף דער װאָגשאָל זײַן גאָלדענע קרױן, װאָלט סײַװי דאָס אױג זיך אַרױסגעװיזן שװערער, װײַל דאָס אױג איז גיריק און ניט געזעטיקט, ס'איז אים אַלץ װײניק, אַפֿילע דער גאַנײדן. און ליב געקראָגן האָט דער מײלעך אַ סאַך פֿרעמדלענדישע װײַבער, װעגן װעלכע דער ריבױנעשעלױלעם האָט געװאָרנט די בנײ ייִסראָעל:

— גײט ניט צו זײ, און זאָלן זײ צו אײַך ניט קומען, קעדײ ניט אָפּװענדן דאָס האַרץ אײַערס צו זײערע געטער.

שלױמע האָט אָנגעהױבן דינען אַסטאַרטען, דעם אָפּגאָט פֿון סידאָן, און מילכאָמען, דער מיִעסקײַט פֿון עמױן, און כאַמיסן, און װאַאַלן, און מאָלאָכן, און אַנדערע. און ער האָט זײ אױסגעבױט טעמפּלען.

6

און אוועקגעפירט האָט דער מיילעך זײַן שולאַמיס אין אַסטאַרטעס טעמפּל. דאָרט האָבן יונגפרויען געפרעגט, קוקנדיק אַף שולאַמיס:

— ווער איז זי, די וווּנדערשיינע, ווי די לעוואָנע?

— קוק זיך אַרום, שולאַמיס, קוק זיך אַרום! — האָבן גערופן די יונגפרויען פון הינטער די מעכטיקע טולן פונעם מיילעכס פּרײַנט.

שולאַמיס הייבט פאַרזיכטיק אויף אירע דינע פיס, מוירע האָבנדיק אָנצוטרעטן אַף אָט דעם טעפּיך פון לעבעדיקע גופים, הייבט אויף די פיס, צו וועלכע עס פויזעט אַ מויעוויטישע שיינהײַט.

— ווי פּראַכטפול זײַנען דײַנע פיס אין סאַנדאַלן, אוי, דו, טאָכטער יִכעסדיקע! — בוקט זיך צו איר די קנעכטין פון מויעוו און לאַשטשעט זיך צום מיילעך. און שלוימע טוט אַ פיר מיט דער דלאָניע איבער איר מאַטאָווער הויט, וואָס איז באַשמירט מיט דופטיקע אייל, איבער די אויסבייגן פון אירע לענדן, און שולאַמיס זעט, ווי עס בייגט זיך דער גוף פון דער קנעכטין נאָך די באַוועגונגען פונעם מיילעכס האַנט. און שולאַמיס שעפּטשעט:

— איך ווייס ניט, וויאַזוי די נעשאָמע מײַנע האָט זיך צוגעצויגן צו די וועגענער פון די אַדלשטאַמיקע פונעם פאָלק מײַנעם...

און זי דערזעט זיך, אַז אײַנגעשפּאַנטע אינעם מיילעכס רײַטוואָגן, באַנאַנד מיט אָט דער רויטלעך־ברוינער קנעכטין פון מויעוו, און זי שטעלט זיך פאָר, ווי זי, שולאַמיס, פאַלט צו צו די פיס פונעם קיניג אײַנײַנעם מיט אָט דער גניאַדער פון מויעוו, און ער, דער מיילעך, טוט מיט אַ ברייטן זשעסט אַ ריס אַראָפּ דאָס לײַכטע צײַג פון איר, און איבער איר דערהייבט זיך שלוימעס סצעפּטער, וואָס וועט באַלד אַ פאַל טאָן אַף איר, אַף איר פּרעכטיקן גוף.

— דײַן בויך איז ווי אַ קײַלעכיקער בעכער, וואָס איז טאָמיד אָנגעפילט מיט דופטיקן ווײַן, — קלעפּט זיך צו דער מיילעך מיט די אויגן צו שולאַמיסעס שמאָלן גוף, נאָר מיט די הענט גלעט ער דעם קײַלעכיקן, ווי אַ קופּערנע פאַן, בויך פון דער מויעווער קנעכטין. און שולאַמיס ציטערט אויף, זי וויגט זיך, גלײַך דאָס צערטלט דער מיילעך ניט עמעצן מיט דער האַנט זײַנער, ניט די מויעווער קנעכטין, נאָר טאַקע זי, שולאַמיס.

— דײַן בויך איז ווי אַ הויפן ווייץ, אַן אַרומגעצוימטער מיט רויזן, — רעדט שווער אַרויס שלוימע, צעשאַרנדיק מיט די פינגער די בלומען, און שעפּט אָן אַ זשמעניע קערנער. אַמאָל, נאָך יונגערהייט, אַרומגערינגלט מיט קעפּסווײַבער, האָט ער, שלוימע, אַזוי זיך געקוויקט מיט אַוויסאַגאַן, וועלכע איז געלעגן צופוסנס בײַ דאָוויד האַמעלעך.

און ער, שלוימע, רעדט, דוכט זיך, ניט וועגן איר, ניט וועגן שולאַמיס:

— דער האַלדז דײַנער איז ווי אַ טורעם פון העלפאַנדבײן!

און אויפגעציטערט ווערט שולאַמיס, ווי אַ בויגנשנור וויברירט איר דינער האַלדז. פון אַ זײַט זעט זי, ווי דער קיניג שטופּט אָפּ פון זיך די מויעווער קנעכטין, און יענע פאַלט צופוסנס פון די פרײַנט זײַנע, און מער איז קיינער שוין ניטאָ צווישן אים, דעם קיניג, און איר, שולאַמיס. זי פילט, ווי עס שלעפּט זי אַראָפּ־צו דאָס שווערע בלוט אירס אײנצײַטיק מיט דעם, ווי שלוימעס פרײַנט פאַלן אַרום און אַרום דער מויעווער. און שלוימע האַמעלעך טוט אַ שפּאַן צום מיידל, זאָגט פאַרסאָפּעטערהייט:

— די האָר דײַנע אָפּן קאָפּ זײַנען ווי פּורפּור...

העל־רויט שימערירן אינעם בלויִלעכן נעפּל פונעם פּאַלאַץ שולאַמיסעס האָר און גאָרנישט, כאָטש זיי, זעט ניט דער קיניג, העל־רויט שימערירן די האָר פונעם מיידל, און דאָס שוואַרצס ווערט פאַרביטן אַף ווײַס.

— ווי פּרעכטיק, ווי צוציִענדיק ביסטו, געליבטע מײַנע, מיט דײַן זענפטיקײַט! — רופט אויס דער מיילעך, צומאַכנדיק די אויגן מיט די הענט זײַנע. די קנעכטין פון מויעוו איז שוין אינגאַנצן אײַנגעשלונגען געוואָרן אין דער קרעכצנדיקער טונקלקײַט פונעם טעמפּל, און דאָס שוואַרצס ווערט פאַרביטן מיט ווײַס: עס שטייט אין שטראַלן פון דער שײַן די קלאָר־העלע שולאַמיס און הערט אַ קאָל — דאָס קאָל פון איר ווײַטן געליבטן. „שטיי אויף, געליבטע מײַנע, פּרעכטיקע מײַנע, קום אַרויס!” אָבער ניין, זי וועט ניט קאָנען אַרויסגיין פונדאַנען, שולאַמיס וועט ניט אַרויסגיין. זי טרוימט, און די יונגפרויען שטופּן דערבײַ זי אונטער צו שלוימען, צורירנדיק זיך צו איר מיט זייערע צעפלאַמטע גופים.

— אָט דער שטאַלט דײַנער איז צו אַ טייטלבוים געגליכן! — שטרעקט אויס צו שולאַמיס זײַנע הענט שלוימע, און ער פאַרקלעמט די פינגער זײַנע אין אַ פויסט, ווײַל ער איז ניט בעקויעך בײַקומען דעם מעהאַלעך צו איר, אַן עלנבויגן די גרויס. — כ'וואָלט אַף דעם טייטלבוים אַרופגעקלעטערט...

עפּעס טוט שווער א הילך אין שולאַמיסעס אינווייניק, אַראָפּלאָזנדיק זיך און וועקנדיק ליידנ־שאַפטלעכע זיסקייט.

— כ'וואָלט זיך פאַר די צווייגן פון אָט דעם טייטלבוים אָנגעכאַפּט...

שלוימעס הענט — אַלץ נעענטער און נעענטער צו שולאַמיס.

— די ליפּן דיינע זיינען, ווי אויסגעצייכנטער וויין! — שעפּטשעט דער קיניג גלייך אין שולא־מיסעס ליפּן. און עס פּויזעט, ס'דרינגט אריין אין גוף שלוימעס שעפּטשעריי, מיט די לעצטע קוויכעס פאַרטיידיקט זיך שולאַמיס, זי שרייט, פול מיט ייעש:

— איך געהער צום פריינט מיינעם! קום, געליבטער מיינער, לאָמיר ארויסגיין אין פעלד, לאָמיר אין די דערפער אריינגיין! קאַיאַר לאָמיר גיין אין די ווייַנגערטנער, לאָמיר א קוק טאָן, צי עס האָבן זיך שוין צעשפּראָצט די ווייַנטרויבן־לאָזעס, צי די קנאָספּן זיינען צעעפנט...

און עס זעט שוין נישט שולאַמיס ניט דעם מיילעך, וועלכער הערט ניט אויף ארומצונעמען מיט זיינע הענט, ניט די טאַנצנדיקע מויעוועד פרויען, ניט דעם מיילעכס גרעפּצנדיקע פריינט און שטיינערזאַמלער, וועלכע שטעכן דורך מיט שטעקנס די שטיקלעך פלייש, וואָס זיינען אָנגעוואָרפן אויף פּויקן. דאָרט, אין די ווייטע בערג, האָבן שוין די מאַנדראַגאָרן אָנגעלאָזט ווירלריך, און שולאַמיס רייסט זיך אהין.

דערנעבן איז ער, שלוימע, וועלכער פאַרקלעמט איר שטאָלט און רעגט זי, און פון אויבן, געגליכן צום מוילעד, שיינט איר כאָסן. און זי טוט טפילע, ניט ווייסנדיק, וויאַזוי מאַכן שאָלעם מיט דעם אַלץ.

— אָ, ווען דו וואָלסט מיר געווען א ברודער, וואָס האָט געזויגן מיין מאַמען! דעמלט וואָלט איך דיך געקושט, באַגעגענענדיק אין גאַס, און קיינער וואָלט מיך פאַר דעם ניט געזידלט.

און שולאַמיס קושט דעם מיילעך.

און עס זעט שלוימע, ווי אין הימל פאַרוואַנדלט זיך דער בלאַסער מוילעד אין א העלער זון, אין וועמענס שטראַלן עס ווערט אָפּגעבליאַקעוועט אפילע ער — דער מיילעך. און שולאַמיס זעט, ווי זי שווימט — א צאַרטער שטערן, אַנשפּאַרנדיק זיך אויף דער זון מיט אירע פאַרבאַרגענע שטראַלן. און עס ווערן אנציקט מענטשן און כייעס:

— ווער איז עס די, וואָס גייט אויף פונעם מידבער, אָנגעלענט אויף איר געליבטן?

און שלוימע פאַרשטייט, ווער עס גייט אויף פונעם גרויסן הימלשן מידבער, און צו וועמען שולא־מיס שעפּטשעט:

— לייג מיך ארויף, ווי א שטעמפּל, אויף דיין האַרץ, ווי א קדושן־פינגערל אויף דיין האַנט. וואָרעם די ליבע איז אַזוי שטאַרק, ווי דער טויט.

שלוימעס שווערד לאָזט זיך אַראָפּ, ניט קאָנענדיק אנטקעגנשטיין דער גרויסער מאַכט פון ליבע, און עס צעלויפן זיך די יונגפרויען מיט די צעלאָזטע האָר, און די פריינט, און די שטיינערזאַמלער.

און גאָט זאָגט פון דעם הימל:

— הויכע וואַסערן קאָנען ניט פאַרלעשן די ליבע, און טייכן זיינען ניט אימשטאַנד צו פאַר־פלייצן זי!

און דער גאַנצער טעמפּל ווערט מיטאַמאָל ווי א קאַלע, וועלכע האָרכט, וואָס עס זאָגט דער כאָסן אין הימל.

7

דער קלוגער מיילעך פאַרשטייט, אַז עס וועט זיך אים ניט איינגעבן צו שעפּן ווייַן פונעם פאַר־כאַסמעטן קוואַל. ווייל גאָט האָט געגעבן שלוימען זייער א שטאַרקן סייכל, א ברייטן פאַרשטאַנד, ווי זאַמד אפן ברעג יאַם אָפּגעהויבן האָט זיך שלוימע מיט זיין כאָכמע איבער אַלע אונטערטעניקע זיינע. געווען איז א ווייַנגאָרטן בא שלוימען אין וואַאַל־האַמאָן. האָט ער אָפּגעגעבן אָט דעם ווייַנגאָרטן די שאָמרים, יעדערער פון די היטער האָט געדאַרפט ברענגען פאַר די פּיירעס פונעם ווייַנגאָרטן טויזנט גילדן.

— מיין ווייַנגאָרטן איז קעסיידער מיט מיר! — שרייט שולאַמיס פון שלוימעס פּאַלאַץ, און איר קאָל צעשאַלט זיך איבער בערג, איבער מידבאַריעס, איבער יאַרהונדערטער. און ווי דערהערנדיק אָט דאָס קאָל פונעם הימל, האָבן זיך צעשוואַרצט אונטן אויף דער ערד שולאַמיסעס ברידער:

— מיר האָבן א קליינע שוועסטער, זי האָט נאָך ניט קיין בריסט. וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אונדזער שוועסטער, ווען מע וועט איר א שידעך ריידן?

8

ניטאָ באַם מײַלעך קײן דײַגעס, װי בײַ שולאַמיסעס ברידער, אָבער שולאַמיס איז ניט זײַנע, האָגאַם זי איז נאָך אַלץ אין זײַנע הענט. ער װאָלט באַפֿױלן אױסצוהאַקן אַלע בײמער אין זײַן קיניגרײַך אױף צעדער־ברעטער, דאָס גאַנצע זילבער װאָלט ער אַװעקגעגעבן אױף אױסצובױען פּאַלאַטעס פֿאַר שולאַמיס, ער הערט זיך אָבער צו צו דעם, װאָס גאָט זאָגט:

— װער עס װאָלט געצאָלט אַפֿילו מיט זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן פֿאַר ליבע, װאָלט ער אָפּגעװאָרפֿן װערן מיט פֿאַראַכטונג!

„מיט פֿאַראַכטונג... אָפּגעװאָרפֿן װערן! אָפּגעװאָרפֿן...״ — הערט שלוימע די דונערנדיקע װערטער און בלײַבט שטײן אױג אױף אױג מיטן אײבערשטן, און שלוימע פֿאַרשטײט: גאָט האָט אים געגעבן דאָס קיניגרײַך פֿאַר זײַן קלוגשאַפֿט און פֿאַרן פֿאַרנונפֿט, און ער װעט אָפּנעמען אַלץ, װאָס ער האָט געגעבן, אױב ער, שלוימע, װעט פֿאַרלירן זײַן קלוגשאַפֿט און דעם סײכל, אױב ער װעט זיך אָפּנײגן מיטן האַרץ פֿונעם ריבױנעשעלױלעם. און געזאָגט האָט דער אײבערשטער, קוקנדיק אױף די יונגפֿרױען מיט צעלאָזטע האָר, אױף די מײדלעך צװישן דעם מײַלעכס פֿרײַנט און שטײַערזאַמלער:

— דערפֿאַר, װאָס עס טוט זיך בײַ דיר אַזעלכס און דו האָסט ניט אָפּגעהיט מײַנע געבאָטן און מײַנע געזעצן, װעלכע איך האָב דיר אָנגעזאָגט, װעל איך צונעמען בײַ דיר דאָס קיניגרײַך און כ׳װעל עס אָפּגעבן דעם קנעכט דײַנעם!

און שלוימע פֿאַרשטעלט די ניט־אָנגעזעטיקטע אױגן זײַנע מיט דער דלאָניע. ער איז ניט בעקױעך אױסצוהאַלטן די געטלעכע שײַן — אַרײַנעמען אין זיך די גאַנצע פֿולקײַט פֿון גאָט, װי די גאַנצע װעלט, װוּ עס האָבן זיך איבערגעמישט גוטס און שלעכטס, און שלעכטס האָט פֿאַרנומען דעם אױבנאָן. און ער צעשרײַט זיך פּלוצעם מיט אַ דינינק, געגליכן צו אַ מײדלש, קאָל:

— כ׳פֿאַרמאָג זעכציק װײַבער און אַכציק קעפּסװײַבער און יונגפֿרױען אָן אַ שיר, נאָר זי איז די אײנציקע!

און ס׳האָט זיך אַ שלענגל געטאָן די קײט, װעלכע באַהעפֿט דעם ערדישן מײַלעך מיטן הימלשן, װײַל דעם מענטשנס נעשאָמע איז אַ מאָקעם־מיקלעט פֿון דער העכסטער װעלט, און ניט בלױז גאָט װירקט אױף דעם מענטשן, נאָר אױך דער מענטש מיט זײַנע טועכצן װירקט אױף דעם אײבערשטן. און דערזען האָט גאָט די נאַקעטע שולאַמיס אינעם טעמפּל בײַ די פֿרעמדגלײביקע, אַ דרעמלענדיקע צװישן די מױדן מיט צעלאָזענע האָר, און דעם מײַלעך דערזען, אָן אָנגעבױגענעם איבער איר:

— טײַבעלע מײַנס, זױבערע מײַנע!

שלוימע שטײט אָנגעבױגן איבער שולאַמיס פֿאַרומערט, װײַל ער האָט פֿאַרשטאַנען: זי האָט די װערטער זײַן ליבע, און ער האָט זי ליב געקראָגן, אָבער ער האָט ניט די װערט, מע זאָל אים ליב האָבן, און זי האָט אים ניט ליב. און געזאָגט האָט גאָט, אַ װײך געװאָרענער, דעם מײַלעך שלוימע:

— אין די טעג דײַנע װעל איך דאָס ניט טאָן.

שלוימע נײגט זיך אָן נאָך נעענטער איבער שולאַמיס, און דאָס װידערקאָל צעטראָגט די ליבע־װערטער זײַנע אױסער די װענט פֿונעם פּאַלאַץ, איבער בערג און מידבאָריעס, דורך יאָרהונדערטער:

— דײַנע צײן זײַנען אַזױװי אַ סטאַדע אָפּגעשױרענע שאָף, װאָס איטלעכע געװינט צװילינגען און קײן יאַלעװע צװישן זײ זײַנען ניטאָ.

ס׳צעטראָגט שלוימעס װערטער דאָס געטרײַע װידערקאָל — ענדערט ניט קײן קלאַנג, קײן שורע, טראָגט זיך אַװעק אױסער די װענט פֿונעם קיניגלעכן פּאַלאַץ, איבער בערג און מידבאָריעס, דורך יאָר־הונדערטער:

— קײן יאַלעװע צװישן זײ זײַנען ניטאָ!

און געזאָגט האָט גאָט פֿון זײַן הײך:

—כ׳װעל אָפּנעמען ניט דאָס גאַנצע קיניגרײַך. אײן שײװעט װעל איך געבן דײַן זון, לעשעם דאָװידן... פֿרוכפּערט זיך און מערט זיך!

און שלוימע האַמעלעך דערמאָנט זיך, װיאַזױ ער פֿלעג ליגן אױף זײַן ציגנאָװקע, און יונגפֿרױען אָן אַ שיר — שװאַרצע און װײַסע, געלע און אַש־בלאָנדע — האָבן אים בײַ זײַן צופֿוסנס אַרומגערינגלט װי לעבעדיקע בלומען־בלעטלעך, ציִענדיק זיך מיט די ליפּן צו זײַן סצעפּטער, װעלכער איז געװען שטאָלץ דערהױבן איבער אַלץ. דערנעבן פֿלעג די מאַלקע שװאָ געהײמניספֿול שמײכלען און אַרופֿלײגן אירע קאַלטע הענט אױף די צעהיצטע אַקסלען פֿון יעניקע, װער עס האָט זיך געצױגן אין לײַדנשאַפֿט,

מעהאנע זײַענדיק זיך און דעם מײלער. אומאָפּװענדלעך פלעג די מאַלקע קוקן אויף דעם פּרעכטיקן געזיכט שלוימעס און אופּציטערן מיט איר ציכטיקן און קאַלטן גוף.

און דערמאָנענדיק זיך אין דעם, האָט שלוימע מיט די לעצטע קויכעס זיך א ציִ געטאָן צו שולאַמיס, געקוקט אזוי, אז זי האָט זיך צעקרעכצט אין שלאָף, און געזאָגט:

— נייג אָפּ די אויגן פון מיר, ווײַל עס באומרויִקט מיך!

שולאַמיס שלאָפט, נאָר איר הארץ וואכט.

זי האָט זיך אָפּגעקערט פונעם מײלער און א שעפּטשע געטאָן אין דרעמל:



— לויף, געליבטער מייַנער, און זייַ געגליכן צו א סערנע אָדער צו א יונגן הירש!

און אויסגעבויגן האָט זיך אין הימל, אָן אומזיכטבארער אַף דער ליכטיקער שייַן, דער הימלשער כאָסן, געגליכן צו א הירש. מאכמעס דער קלוגשאפט זייַנער, האָט שלוימע האמעלעך געוווּסט פון פּאַרויס, וואָס גאָט גרייט, און ער האָט געזאָגט שמייכלענדיק:

— וועקט ניט אוף די געליבטע...

ער שטרעקט אויס די מעכטיקע הענט זייַנע צו שולאַמיס און ווערט פארשטארט איבער איר:

— זאָל זי שלאָפן... ביזוואַנען...

קינסטלער — מ. גערצאַווסקאַיא

נאָך איין וואַריאַציע אַף דער אייביקער טעמע

וולאַדימיר טיכווינסקיס ווערק „וועקט ניט די געליבטע" איז ניט פּאַשעט א פּרווו קינסטלעריש צו רעסטאַווירן דעם קורצן היסטאָרישן פּעריאָד פון יענער ווייַטער עפּאָכע, וועלכער איז פאַרגעגאנגען דער יערידע פון דער אוראַלטער יידישער מעלוכע. אָט דער ניט לאַנגדויערנדיקער צייַטאָפּשניט איז באַוווּסט בא די אנאַלן־שרייַבער אַלס קימאַט די איינציקע „מאַזלדיקע" טקופע אינעם פּאָלקס־לעבן, אַלס די צייַט פון שלוימע האמעלעכס רעגירן. אָבער אינײנעם מיט דער שעפע און פאַרהעלטניסמעסיקער רו האָבן אָט די יאָרצענדליקער געבראַכט מיט זיך מאָראַלישע דעגראַדאַציע, אויסגעלאַסנקייַט און פאַלונג פון הויכע אידעאַלן. און ווי קימאַט קעסיידער, האָט זיך די דעמאָראַליזאַציע אָנגעהויבן „פון אויבן", „פונעם קאָפּ". אין דעם סייפעך מעלאָכים א ווערט געזאָגט, אַז שלוימע האמעלעך „האָט געהאַט זיבן הונדערט ווייַבער און דרייַ הונדערט קעפּסווייַבער, און אָט די פרויען האָבן אַרייַנגעצויגן אין זנוס זייַן האַרץ... און אוועק איז שלוימע צו דער געטן אשטוירעס, דעם אָפּגאָט פון צידאָן, צו מילכאָמען, דעם אָפּגאָט פון אמוין. און געטאָן האָט שלוימע האמעלעך אומגינציקס בא גאָט פאַר די אויגן, ניט פולקום געפאָלגט נאָך דעם ריבוינעשעלוילעם, ווי דאָוויד, דער טאַטע זייַנער. דאָס האָט דעמלט שלוימע אויסגעבויט א בימע כאַמאָסן פון מויאָוו, א מיזבייעך אפן בארג לעם יערושאָלאַיִם, און מאָלאָכן פון אמוין. אזוי האָט ער געטאָן פאַר אַלע זייַנע פרעמדלענדישע ווייַבער, וועלכע פלעגן רויכערן ווייַרעך און שעכטן קאָרבאָנעס לעטויוועס זייערע אָפּגעטער".

ניט שטעלנדיק פאַר זיך קיין ציל שרייַבן עפּעס־וואָס אין היסטאָרישן זשאנער, ווענדט זיך וולאַדימיר טיכווינסקי צו דער פאָרם פון א ליבעפּאָעמע, צום באַרימטן „שיר־האשירים". אַף זייַן אייגענעם שטייגער אינטערפּרעטירט ער דעם פּילבאַדייַטנדיק סיוזשעט פון דער פּאָעמע איר שפּראַך, אָנפילנדיק די פאָרם פונעם ווערק מיט אַן אינהאַלט, וואָס שטעלט איבער, אפן ערשטן בליק, בלויז דראַמאַטורגיש די אקצענטן. דער מעכאַבער וויקלט פרייַ פאַנאַנדער די שטייַף צונויפגעפּרעסטע, ווי רויזנבלום־קנאָספּן עמאָציאָנאַלע, כושימדיקע, אָפן עראָטישע געשטאַלטן. דערבייַ פירט ער דורך פאַרביק, ניט־מענטאָריש, אָבער לאַכלוטן צילגעווענדט, זייַן אקטועלן געדאַנק וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקייַט פונעם מענטשן פאַר זייַן עקזיסטענץ, פאַר זייַנע אופטוען אַף דער וועלט.

און איבער דער דעוויז פונעם אוראלטן פארפאסער איז — „ליב האָבן און האנאָע האָבן", קלינגט דער רוף פונעם היינטצייטיקן שרייבער: „זאָלסט די ווערט זיין, מע זאָל דיך ליב האָבן". דאָס איז א רוף צום מענטשן פון אונדזער צייט, וועמענס לעבן־אַנשויונג איז איצט שוין גאָר ניט אזוי שטראַלנדיק און איינהייטלעך נאָך דעם, וואָס ער האָט וועגן זיך, אלס מענטש, זיך דערוווּסט פאר די דריי טויזנט יאָר, וועלכע טיילן אים אָפּ פונעם אוראלטן דיכטער און פון די ערשטע „לייענער", אָדער צוהערער פון „שיר־השירים".

דאָס געזאָגטע וואָרט פלעגן די ייִדן שעצן העכער איידער דאָס געשריבענע. וועגן דעם איז אינעם ערשטן שמועל־בוך אָנגעוויזן אזוי: „צי דען זיינען די קאָלערלייִקע קאָרבאָנעס, וועלכע ווערן געבראַכט לעקאָוועד אים, אזוי אָנגענעם פאר גאָט, ווי דאָס אויסהערן זיין וואָרט?" אין אָט דעם אָפּגעבן די בכוירע דעם געזאָגטן לעגאַבע דעם געשריבענעם דריקט זיך אויס, אויף אַן איבערגעבראָכענעם אופן, דער פילדוירעסדיקער נאָמאַדיזם בא די ייִדן.

טיכווינסקיס שלוימע האַמעלעך, אַן איבערגעזעטיקטער מיט לעבן און מיט אַלע זיינע זיסקייטן, בלייבט שטיין אין פולקומער אָפּהענטיקייט אויף דער שוועל פון ליבע — פון ליבע אַן קעגנליבע. ער פארשטייט, אז קיין שום רייכטימער און יעיצערהאָרע וועלן ניט א קער טאָן צו אים דאָס האַרץ פון דער יונגער שולאַמיס. און די גאַנצע אומזיסטיקייט, פאַרגענגלעכקייט, זינדיקייט, אומהייליקייט פונעם לעבן דערזעט ער מיט זיין גייסטיקן בליק.

אין דער סיוזשעטישער טראַקטירונג פון דער פּאָעמע באַזירט זיך וו. טיכווינסקי אויף דעם, אז „שיר־השירים" — דאָס איז אַן איינהייטלעך ווערק, ניט קיין ציקל לידער, ווי אייניקע קלערן. דערביי שטיצט ער זיך, און דאָס איז גאַנץ באַשיימפּערלעך, אויף דעם פאַרגעלייגטן אין פאָריקן יאָרהונדערט מיצאַד ערנעסט רענאַנען פּלאַן פון רעסטאַווירן, אזוי צו זאָגן, דעם אורפּאַנגלעכן טעקסט, וועלכער איז, לויט רענאַנס מיינונג, צעשטערט געוואָרן, צעשאָטן געוואָרן און נאָכדעם ווידער צונויפגעזאַמלט געוואָרן אָן קיין שום פּלאַן און לאָגישקייט. רענאַן לייגט פאָר זיין ווערסיע פון דער אורשפּרינגלעכער קאָמפּאָזיציע פון דער פּאָעמע אין דער פאָרם פון א דראַמאַטורגישער ליברעטאָ, אין וועלכער שולאַמיס איז א יונגע פויערטע פון שולעם, א יעסוימע, וועמען איינער פון שלוימע האַמעלעכס אַטריאַדן האָט אַרויסגעגאַנוועט און אָפּגעגעבן אין קיניגלעכן האַרעם. צווישן די פּערזאָנען אין דער ליברעטאָ איז פאַראַן א פּאַסטעך, שולאַמיסעס געליבטער, וועלכער קומט אויף אין אירע זעונגען.

רענאַן האָט בעלי־סאָפּעק געוווּסט וועגן דער אייגנטימלעכער פאַר די אוראַלטע ייִדן אייגנשאַפט צו טרוימען אין דער וואָר, טרוימען מיט אזא מין קראַפט פון דאַכטונג (ס'איז אפילע פאַראַן א טערמין: „קויעך־האַדימיען"), אז דער טרוים פלעג פארבלענדן די וואָר. דער גאַנצער טאַנאַך און יענע זייטלעך פונעם עוואַנגעליום, אויף וועלכע עס פיגורירן ייִדן, זיינען איבערפולט מיט פילצאָליקע ביישפּילן וועגן דעם: אַווראָמס כאָלעם וועגן צעדער און טייטלבוים (לויטן אַפּאָקריף, וועלכער איז געפונען געוואָרן אין קומראַן); יאַנקעווס לייטער; יויסעפס כאַלוימעס; מוישע ראַבייענוס זעונגען; די זעונגען פון די נעוויִים, און צווישן זיי — די פולקום טראַדיציאָנעלע פאר די ייִדן אין דעם היגזיכט זעונגען פון יעזוסן פון נאַזאַרעט. א מענטשן א טרוימער פלעג מען רופן באַל־כאָלעם, דערביי האָבן די באַל־כאַלוימעס ניט נאָר „געזען", נאָר דאָס „געזעענע" פאַרווירקלעכט אין זייער טאָגטעגלעכן עמפּיריש לעבן, ווי לעמאָשל, דער זעלבער יויסעף אָדער דאַניעל. אזא מין פעיִקייט צו „זען" אָדער צו „הערן" איז באַוווּסט אויך בא אַנדערע פעלקער, מיר ווייסן וועגן סאָקראַטס „דיימאָן", וועגן אַלעקסאַנדער מאַקעדאָנסקיס כאַלוימעס, וועגן די „קולעס", וועלכע עס האָט געהערט זשאַנאַ ד'אַרק, וועגן דזשאָרדזש וואַשינגטאָנס באַרימטער זעונג.

דער געדאַנק וועגן „טרוימערייַ" איז דאָ געבראַכט געוואָרן צוליב דעם, אז דער לייענער זאָל, אַריינצייענדיק זיך אין וו. טיכווינסקיס נאָוועלע, ניט איבערפּלאָנטערן די רעאַלע פּערסאָנאַזשן מיט די געשפּענסטלעכע, ער זאָל פארשטיין, אז שולאַמיס לעבט אין א צעצווייטער וועלט. אזוי איבערלייענען דעם ביבלישן טעקסט האָט דער שרייבער, נאָך רענאַנען, געהאַט, פאַרשטייט זיך, רעכט, און אַלע אַרויסדרינגענדיקע פון דעם קאָמפּאָזיציאָנעל־סיוזשעטישע רעפאָרמאַציעס שטעלן זיך פאַר אַלס פולקום דערלאָזבאַרע. מע דאַרף אָבער באַמערקן, אז אין זיינע האַשאָרעס שטיצט זיך וו. טיכווינסקי אויף דעם קאַנאָנישן טעקסט פון דער רוסישער ביבל, וועלכע איז ניט טאָמיד אַדעקוואַט דעם אָריגינאַל, און דאָס פירט ניט בלויז צו פעלערן, נאָר באַגרענעצט אויך — וואָס עס איז וויכטיקער! — די צאָל וואַריאַנטן פון עמעסדיקע אויסטייטשונגען.

אזוי, לעמאָשל, שטייט אין דער רוסישער ביבל (12:6): „כ'ווייס ניט, וויִאזוי די נעשאָמע מיינע האָט מיך געצויגן צו די קאַמפּס־וואָגנס פון די אָנגעזעענע מענטשן פון מיין פאָלק". אין אָריגינאַל איז אזוי: „לא ידעתי נפשי שמתני מרכבות עמי נדיב". דאָס הייסט, אז עס גייט א רייד ניט וועגן די „אָנגעזעענע מענטשן פונעם פאָלק", נאָר וועגן א גאַנץ קאָנקרעטער פּערזאָן — אַמינאַדיוו אָדער אַמינאָדיב... און אָט וואָס עס ווייזט זיך אַרויס: אינעם סייפער מעלאָכים א ווערט געזאָגט, אז דעם מאַן פון שלוימע האַמעלעכס טאָכטער האָט מען גערופן בען־אַווינאַדאַוו! דאָס קאָן אַרופירן אויף א גאַנצער ריי ניט־טראַדיציאָנעלע געדאַנקען. אגעוו, אָט דער שלוימע האַמעלעכס איידעם ווערט אָנגערופן בא וו. טיכווינסקין מיטן נאָמען דאָראָם, כאָטש דאָראָם, פּינקטלעכער נאַפאַר־דאָראָם, האָט זיך גערופן דאָס אָרט, פונוואַנען דעם קייסערס איידעם איז מעכוייעוו געוועזן צונויפזאַמלען עסנוואַרג און צושטעלן עס אויפן קיניגלעכן טיש אין מעשעך פון א גאַנצן כוידעש — דערפאַר זיינען אזעלכע צושטעלער בא

שלוימען געוועזן צוועלף, לויט דער צאָל פון די כאַדאָשים אין יאָר.

פאַרלויפנדיק דעם וועג די מעגלעכע פאַרוואָרפן דעם אוטאָר אין דעם, אַז ער איז צופיל פאַרכאַפּט מיט מאָלן עראָטישע סצענעס, וועל איך באַמערקן, אַז... דאָס האָט בעפּיירעש פּאַרויסבאַשטימט די טעמע פון דער נאָוועלע, און דער מעטאָד פונעם קינסטלער איז — ניט איבערדערציילן, נאָר שילדערן, וואָס עס איז דער עכטער מעטאָד פון קונסט. כוץ דעם, איז ווינטשנסווערט נעמען אין אַכט, אַז די סאַמע עראָטישע בילדער און פּראַזעס אין דער נאָוועלע — דאָס זייַנען שורעס פונעם אָריגינאַל, ציטירטע אָן גענדזנפיסלעך און מייַסטערהאַפט אַרייַנגעוועבטע אינעם אוטאָרישן טעקסט. בעעמעס, אַ הייַנטצייַטיקער שרייַבער וואָלט זיך מיסטאַמע ניט דערוועגט צו זאָגן אַזוי פּראָסט און „נאַטוראַליסטיש": „כ'וואָלט אַף דער פּאַלמע אַרופגעקראָכן, אָנגעכאַפּט זיך פאַר אירע צווייַגן; און די בריסט דייַנע וואָלטן געווען אָנשטאָט אַ הענגל ווייַנטרויבן". דער פאַרצייַטיקער טוישעוו פון דער וואַרעמער, איבערגעפולטער מיט ווילגערוך פּאַלעסטינע האָט ניט מאָראַליזירט אַרום זייַנע געפילן.

רעב אַקיווע האָט געזאָגט: „שיר־האַשירים איז קוידעש־קעדאָשים, און די גאַנצע וועלט איז ניט ווערט דעם טאָג, ווען דער דאָזיקער בוך איז געגעבן געוואָרן". הייַנט־צו־טאָג, מיט אונדזער ראַציאָנאַליסטישן, אייראָפּעצענטריסטישן באַוווּסטזייַן, האָבן מיר שוין אָנגעוווירן אָט דעם גראָבן און ראַפינירטן, אומיטלבאַרן און איידל־קאַזויִסטישן אופנאַם פון דער וועלט, אָבער געדענקען, אַז גראָד אין אַזאַ מין וועלט האָבן עקזיסטירט וו. טיכווינסקיס פּערסאָנאַזשן, זייַנען מיר מעכויִעוו.

כוץ דעם געזאָגטן, דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז וו. טיכווינסקיס ווערק — דאָס איז ניט קיין איבערזעצונג, זאָל זייַן אַפילע אַ פרייַע, ניט קיין איבערדיכטונג אָדער רעקאָנסטרוקציע פון „שיר־האַשירים". דאָס איז אַ פולקום זעלבשטענדיק ווערק, וואָס ניצט בלויז אויס די קאַנווע פון דער ביבלישער פּאָעמע, ווי עס פלעגן אויסגענוצט ווערן אַנצאָליקע מאָל די סיוזשעטן פונעם צוגעשמידטן פּראָמעטיי אָדער פון דעם וואַנדערנדיקן אוליסן.

אַגעוו, „שיר־האַשירים" פאַרמאָגט ניט ווייניקער, איידער די אַנטישע סיוזשעטן, שפּעטערדיקע וואַריִאַציעס און אויסטייַטשונגען, פּאָעטישע און פּראָזאִישע פאַרפאַסונגען לויט זייַנע מאָטיוון, דירעקטע אָדער אומדירעקטע רעמיניסצענצן און פרייַע איבערדערציילונגען. אין דער רוסישער ליטעראַטור פיגורירט שוין „שיר־האַשירים" אין XV יאָרהונדערט, אין דער זאַמלונג, וועלכע האָט זיך אָפּגעהיט אין דער מאָסקווער סינאָדאַלער ביבליאָטעק. וועגן „שיר־האַשירים" האָט געשריבן פעאָפאַן פּראָקאָפּאָוויטש (1681—1736). צו „שיר־האַשירים" האָבן זיך געווענדט דערזשאַווין, פּושקין, פעט, מיי, פּאָפּאַנאָוו, בריוסאָוו, סערגיי סאָלאָוויאָוו און אַנדערע רוסישע פּאָעטן. אַ ברייטע פּאָפּולערקייַט האָט דערוואָרבן קופּרינס גרעסערע דערציילונג „שולאַמיס". אין אונדזערע טעג ווערט דער אינטערעס צו אָט דעם דענקמאָל ניט פאַרמינערט. עס יאַווען זיך אַלץ נייַע און נייַע איבערזעצונגען אַף רוסיש און אַף אַנדערע שפּראַכן פון די פעלקער פון פּססר, היסטאָריש־ליטעראַרישע פאָרשונגען, פּרוּוון פון נאַציאָנאַלער אַדאַפּטאַציע, סעקולאַריזירונג. אַלס אינטערעסאַנטער בייַשפּיל קאָן דינען די דערשינענע אין 1982 אין יערעוואַן פּייַרור סעוואַקס פּאָעמע „שיר־האַשירים", אין וועלכער מיר זעען אַזעלכע, לעמאָשל, שורעס: „די טעלעפאָן־בייַדלעך זייַנען פרייַ. אויסגעבויגן, ווי פרעגצייכנס, קוקן אַף מיר די טעלעפאָן־טרייַבלעך פון פאַרשיידענע זייַטן און וואַרטן... נאָר וועמען זאָל איך קלינגען, שולאַמיס, אויב דו ביסט שוין מער ניטאָ אַף דער וועלט?" אָדער: „זאָג מיר, פונוואַנען און וויאַזוי איז דאָס פאַרצייַטיק הייס בלוט אין אַ ניט־ייִדיש האַרץ אַרייַנגעפאַלן?"

טויזנטער יאָרן איז „שיר־האַשירים" געווען אַן אָביעקט פון וואַריִאַציעס און טייַטשונגען. נייַע און נייַע מעכאַברים ווענדן ווידעראַמאָל און אָפּסנייַ דעם זיקאָרן פון דער מענטשהייַט צום שעדעווער, לעבן אים אויף, אַקטיוויזירן אים, שליסן אים אייַן אין דער הייַנטצייַטיקייַט. אויך אין וו. טיכווינסקיס וואַריִאַציע אַף דער טעמע „שיר־האַשירים" איז וויכטיק דאָס, וואָס מיר, גלייַך נאָך דעם אוטאָר, קאָנען אוועקשטעלן אַף שלוימע האַמעלעכס אָרט אַ הייַנטצייַטיקן מענטשן מיט זייַן, ווי מיר דוכט זיך, דורכויסיקער אומקאָמוניקאַבלקייַט אין אַלץ, בעסויכעם אין ליבע.

די אוראַלטקייַט און די הייַנטצייַטיקייַט זייַנען דאָ פאַרבונדן דיִאַלעקטיש. אָפּשטויסנדיק זיך פון די טראַקטירונגען פון אונדזערע פאָרגייער, דרינגט אַרייַן דער מעכאַבער אין די פלאַסטן פונעם ביבל־בוך אַלץ טיפער און טיפער. רענאַן מיט זייַן באַזונדערס שטאַרקן ראַציאָנאַליסטישן מעטאָד האָט „צעשפּאָלטן" דעם געליבטן, וועגן וועמען עס גייט אַ רייד אינעם אומשטערבלעכן קינסטלערישן דענקמאָל „שיר־האַשירים", אָפּצווייען — אַף שלוימע האַמעלעכן און אַף אַ פּאַסטעכל, וועלכער וווינט צווישן די בערג פון וואַאַל־האַמאָן. דער מעכאַבער פון דער איצטיקער אינטערפּרעטאַציע, וו. טיכווינסקי, פירט אַרייַן נאָך איין באַגריף פון אַ געליבטן, אַן אייגנאַרטיקן — ער וווינט שוין ניט צווישן די בערג, נאָר אין די הימלען. ס'ווערט געלאָזט אין גאַנג די סימבאָליק פון מיסטעריעס, לויט וועלכער דער געליבטער — דאָס איז אַ מוילעד, אַ געגליכענער צו אַ שטייַף אָנגעצויגענעם בויגן, און די געליבטע — איז אַ שטערן. אָפּשטויסנדיק זיך פון רעאַליטעטן, פון ערדישס, דערהייבט אונדז דער מעכאַבער אַף זייַנע טרעפּלעך ביז צו הויכער פאַראַלגעמיינערונג. דערהייבט צו די הימלען.

און דאָ ווענדט אָן דער מעכאַבער די אוראַלטע סימבאָליק, ער פירט אַרייַן די באַוווּסטע פאַרגלייַכונג פונעם קייסערס אויג מיט זייַן גאָלדענער קרוין און מיט אַנדערע ווערטן, און ער קומט צום אויספיר, וועלכער האַלט זיך אַף נאָך איין סימבאָל — אַף דער קייט, וועלכע באַהעפט דעם ערדישן קיניג מיטן הימלישן. די רינגען פון אָט דער קייט גיבן איבער אימפּולסן ניט בלויז פון

אויבן אַראָפּ, נאָר אויך פון אונטן אַרויף, דאָס הייסט פונעם מענטשן צו גאָט.

דער מעכאַבער דערלויבט זיך ניט אָפּצוטרעטן פונעם טראַדיציאָנעלן סיוזשעט (ווי, לעמאַשל, קופּרין) אפילו אויף קיין האָר, ער סטאַרעט זיך אָבער אויסשלאָגן פײַער־פונקען מיט נײַע געדאַנקען פון דעם שוין באַוווּסטן. דאָס איז אַן אויפגאַבע סײַ אַ שווערע, סײַ אַן אומבאַמערקבאַרע פאַר אַ לויפיקן בליק, סײַ אַן אומדאַנקבאַרע דערצו נאָך. דעריבער, אויסטײַלנדיק די נײַע געדאַנקען, אידייען, וועלכע דער מעכאַבער האָט אַרײַנגעבראַכט אין זײַן ווערק, קומט אונדז אויס גוויער צו זײַן שוועריקײַטן בײַסן באַשטימען דעם זשאַנער פונעם ווערק — מיט וואָס האָבן מיר צו טאָן: מיט אַ נאָוועלע, אָדער מיט אַ דערציילונג, צי עפּשער גאָר מיט אַ פּאָעמע אין פּראָזע (דער מעכאַבער יאַרשנט און זעצט פאָר די פּאָעטישע ריטמיק פון „שיר־השירים")...

אין אַלע פאַלן איז אָט די אימפּראָוויזאַציע אויף דער טעמע פון „שיר־השירים" אַ הימן דער עכטער ליבע, וועלכע דערהייבט זיך איבער יאָרהונדערטער, איבער דער געשיכטע, איבער די זיטן, און אין דעם הינזיכט איז די ליבע אַ הימלישדערהויבענע.

לעוו בערינסקי

בראָניק

אַ וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענץ

די 10־טע קאָנפערענץ פונעם וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל „וועסטניק דרעווניעי איסטאָריִי" איז געווען אָרגאַניזירט מיצאַד דעם אינסטיטוט פאַר אַלגעמיינער געשיכטע בײַ דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר צום 50־יאָריקן יובילײַ פונעם זשורנאַל. אין איר האָבן אָנטיילגענומען געלערנטע פון פאַרשיידענע שטעט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, סײַ באַוווּסטע, סײַ יונגע.

מיט אַ פאָרטראָג אויף דער טעמע „צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער שפּראַך־סיטואַציע אין פּאַלעסטינע אויפן ראַנד פון דער נײַער צײַט־רעכענונג" איז אַרויסגעטראָטן די יונגע לינגוויסטקע, קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן אַלעקסאַנדרע אײַכענוואַלד. זי האָט פּראָטימדיק אַנאַליזירט די צווישנבאַציִונגען פון אַראַמעיִש, טאַנאַך־העברעיִש און פּאָסט־טאַנאַך־העברעיִש אין ערעץ־ייִסראָעל אין דער דערמאָנטער טקופֿע.

אַראַמעיִש האָט געדינט אַלס בריית פאַרשפּרייטע שריפטלעכע און גערעדטע שפּראַך פון די דעמאָלטיקע פּאַלעסטינער ייִדן, ווי אויך אַלס לינגוואַ־פראַנקאַ. טאַנאַך־העברעיִש איז געווען די ליטעראַרישע און די ליטורגישע שפּראַך. פּאָסט־טאַנאַך־העברעיִש האָט געדינט אַלס אומגאַנג־לאָשן פון אַ טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, און אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער נײַער צײַט־רעכענונג האָט ער אָנגעהויבן זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ נײַער ליטעראַרישער שפּראַך, אײַנשליסנדיק אין זיך עלעמענטן פון אַראַמעיִש און פון טאַנאַך־לאָשן. אַ געוויסע ראָליע האָבן אין יענער טקופֿע געשפּילט אין דער שפּראַך־סיטואַציע פונעם פּאַלעסטינער ייִדנטום אויך גריכיש, לאַטײַן און פּערסיש.

אַלס מעקוירים פאַר איר פאָרשונג האָט אַ. אײַכענוואַלד אויסגענוצט דעם טאַנאַך, די טאַלמוד־ליטעראַטור און די קומראַנער קסאָוויאַדן.

די טעזיסן פון די געמאַכטע אויף דער קאָנפערענץ פאָרטראָגן זײַנען פאַרעפנטלעכט אין אַ באַזונדער ביכל.

שימען דימאַנשטיין

(1937—1888)

שימען דימאַנשטיין — מיטגליד פון דער פּאַרטיי פון 1904, ערשטער קאָמיסאַר פון קאָמיסאַריאַט פאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע איניאַנים (1918—1920), סעקרעטאַר פון צענטראַל־ביוראָ פון די ייִדסעקציעס באַם צק פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (1918—1920). פאַרנומען א ריי אַנדערע וויכטיקע פּאַרטייִשע און מעלוכישע פּאָסטנס. אין 1919 — פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר ארבעט אין דער ליטווישער און ווײַסרוסישער סאָוועטן־רעפּובליק. פון 1918 ביז 1920 — מיטגליד פון דער קאָלעגיע פונעם פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר נאַציאָנאַלע איניאַנים. שפּעטער — מיטגליד פון צק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אוקראַינע, פאַרוואַלטער פון דער אָפּטיילונג פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן באַ דעם צק פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

שימען דימאַנשטיין

לענין און די קאָמוניסטישע ארבעט אין דער ייִדישער סוויווע

1

אין 1916 יאָר איז ארויס א ספּעציעלע בראָשור פון לענינען אונטערן נאָמען „סאָציאַליזם און מילכאָמע”. אין דער דאָזיקער בראָשור האָט זיך לענין ארויסגעזאָגט, אַז ס'איז געקומען די צײַט פון דער סאָציאַלער רעוואָליוציע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און ער האָט גערופן פאַרוואַנדלען די אַלוועלטלעכע אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אין א בירגערקריג, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער פּאַטריאָטישער שאָוויניסטישער שטימונג פון די בירגערלעכע עלעמענטן. מיט איין וואָרט, די בראָשור האָט אַנטהאַלטן לענינס שטעלונג צו דער מילכאָמע, וואָס איז שוין איצט אַלעמען באַ־

קאַנט. דעמאָלט אָבער איז די בראָשור געווען אַן עמעסע אַנטפּלעקונג, און זי האָט פֿאַר אונדז געדינט פֿאַר אַ שולכן־אָרעך.

לעניִנס בראָשור איז אַרויס אין רוסיש, און זי איז געווען די איינציקע, וואָס איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער מילכאָמע ניט מיט פּאַציפֿיסטישע דראָשעס, נאָר מיט רעוואָליוציאָנערע קאַמפּס־לאָזונגען. מיט גרויס מי איז אונדז געלונגען איבערצוזעצן די בראָשור אין פֿראַנצויזיש און איבערגעבן זי שטרענג אומלעגאַל. אין דעם האָבן אָנטייל גענומען אויך די הײַנט שוין פֿאַרשטאָרבענע כאַווערטע איִנעסאַ און בעלענקי (סעקרעטאַר פֿונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט פֿון דעם רויט־פּרעסניער ראַיאָן אין מאָסקווע). מיר האָבן געפּרוּווט איבערזעצן די בראָשור אויך אַף אַנדערע שפּראַכן. באַקומען מיר אין פּאַריז אַ בריוו פֿונעם כאַווער לעניִן, ווו עס ווערט אונדז אָנגעוויזן, אַז ס׳איז וויכטיק איבערצוזעצן די בראָשור אין ייִדיש.

איך האָב זיך גענומען פֿאַר דער איבערזעצונג. אַ לאַנגע צײַט האָט געדויערט, ביז איך האָב געענדיקט די אַרבעט, ווײַל איך בין געווען פֿאַרנומען אַף דער פֿאַבריק 12—13 שאָ אין טאָג און דערצו געהאַט פֿיל געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט. ווען מיר זײַנען פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער איבערזעצונג, האָט זיך אויפֿגעהויבן די האַרבע שײַלע, ווו מע נעמט געלט צו דרוקן די בראָשור. אַ קליינע סומע געלט האָבן מיר באַקומען און אָפּגעגעבן זעצן די בראָשור אומלעגאַל, נאָר אַף פּאַפּיר און אַף דרוק האָבן ניט געקלעקט קיין מיטלען.

לעניִן האָט פֿון דער שווייץ אונדז אָנגעפֿרעגט אין פּאַריז, וואָס עס הערט זיך מיט דער בראָשור אין ייִדיש. מיר האָבן אים געענטפֿערט, וויאַזוי די לאַגע איז, און דערצו אָנגעוויזן, אַז ס׳איז ניט שטאַרק וויכטיק, ס׳זאָל זײַן אַ ייִדישע איבערזעצונג פֿון זײַן בראָשור: אַנדערע שפּראַכן זײַנען וויכטיקער. דערויף האָט לעניִן געענטפֿערט, אַז ער איז מיט אונדז ניט מאַסקים: ער האַלט, אַז דער פּאָליטישער געוויכט פֿון די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן איז אַ גאַנץ באַדײַטנדיקער, און ער ליגט פֿאַר געפֿינען די מעגלעכקײַט אַרויסצוגעבן די בראָשור אין ייִדיש.

דערווײַל איז די צײַט געגאַנגען, און ביזוואַנען מיר האָבן געזוכט מיטלען אַרויסצוגעבן די בראָשור, האָט זיך אונטערגערוקט די פֿעווראַל־רעוואָליוציע און ס׳האָט זיך געעפֿנט די מעגלעכקײַט פֿאַר פֿיל ברייטערע האָריזאָנטן. עס איז אויסגעקומען צו פֿאַרלאָזן אויסלאַנד און אומקערן זיך צוריק קיין רוסלאַנד.

די בראָשור איז ניט דערשינען. ס׳איז אָבער וויכטיק דאָ צו פֿאַרצייכענען לעניִנס באַציִונג צו דער רעוואָליוציאָנערער ליטעראַטור אַף ייִדיש און צו די ייִדישע מאַסן.

ווען לעניִן איז געווען אין פּאַריז, האָט ער מיך געבעטן איבערזעצן פֿאַר אים די ספּעציִעלע אַרטיקלען, וואָס זײַנען דערשינען אין „בונד" און אין די צײַטשריפֿטן פֿון די אַנדערע ייִדישע פּאַרטייען וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. אַף אייניקע אַרטיקלען האָט ער מיר אַליין אָנגעוויזן און פֿון די איבעריקע האָט ער מיר פֿאַרגעלייגט אויסצוקלײַבן די מער פּרינציפּיִעל־וויכטיקע. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָב איך צוגעשיקט דאָס אַלץ אין דער שווייץ. טיילווײַז האָט ער אויסגענוצט די מאַטעריאַלן אין זײַנע באַוווסטע אַרטיקלען וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, וועלכע ער האָט אין יענער צײַט געשריבן.

לעניִן האָט זיך אַקטיוו אינטערעסירט מיט דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע און אויך מיט דער ייִדישער פֿראַגע. ער איז ווייניק געווען באַקאַנט מיט די פּראָגראַמען פֿון די ייִדישע פּאַרטייען, אויסער דעם „בונד". נאָר אין אַלגעמיין האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט אין יענע יאָרן ביז דער רעוואָליוציע, אַז, לויט ווי ער פֿאַרשטייט, זײַנען די סיימיסטן אַלס קלייבירגערלעכע גרופּע מער קאָנסעקווענט איידער דער „בונד", וואָס איז דאָך געווען אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. דעם ציִוניזם האָט ער כאַראַקטעריזירט אַלס אַ רעליגיִעז־בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג.

לעניִן האָט מיט פֿאַרדראָס געקוקט אַף דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אָפּגעזונדערטקײַט מיצאַד די ייִדישע אַרבעטער פֿון דער אַלגעמיינער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. איך האָב אייניקע מאָל געהערט, ער זאָגט אַרויס אַזעלכע געדאַנקען: די פֿירער פֿונעם „בונד" האָבן די קולטורעל־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע ניט ווי אַ וויכטיקע פּראָגראַם־פֿראַגע, נאָר ווי אַ מיטל אײַנצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָפּגעזונדערטקײַט. ווען אַפֿן סטאָקהאָלמער פֿאַרייניקונגס־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי וואָלט ניט געווען קיין מענשעוויסטישע מערהײַט, וואָלטן מיר „אויפֿגעפֿרעסן" די בונדישע קולטורעל־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, און איצטער סאַמט זי אַף די קאַווקאַזער כאַווירים און אַפֿילע די לעטישע אויך.

לעניִן האָט זיך איינמאָל אַרויסגעזאָגט, אַז ווען מיר, באָלשעוויקעס, וואָלטן געפֿירט אַ ייִדישע אַרבעט, וואָלטן מיר געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג, ווײַל פֿאַקטיש האָבן מיר אַזוי אויך זייער פֿיל ייִדישע אַרבעטער בײַ אונדז.

2

דאָס איז געווען גלײַך נאָך דער אָקטיאָבער־רעוואָלוציע. ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿאַר נאַציאָנאַלע איניִאָנים אין ענדע פֿון 1917, האָט זיך אויפֿגעהויבן די פֿראַגע וועגן גרינדן אַ ייִדישן קאָמיסאַריאַט. נאָך געוויסע אונטערהאַנדלונגען מיט אייניקע ייִדן קאָמוניסטן האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף מײַן קאַנדידאַטור אַלס קאָמיסאַר פֿאַר ייִדישע פֿאָלקס־איניִאָנים. די פֿראַגע וועגן פּאַרטיי־סעקציעס איז נאָך דעמאָלט ניט געשטאַנען. איך האָב דאַן געהאַט אַ לאַנגן געשפּרעך מיטן כּאַווער לענין וועגן דער אַלגעמיינער ליניע אין דער פֿאַרשטייענדיקער אַרבעט, און איך האָב אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז מע מוז האָבן אויך וועלכע־ניט־איז פּאַרטיי־פֿאָרמען פֿאַר דער אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטער. דאָס איז נייטיק דערפֿאַר, ווײַל עס וועט אויסקומען צו פֿירן אַ קאַמף מיט די ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און ס'וועט זײַן זייער שווער זיי צו באַקעמפֿן, אויב מיר וועלן ניט געבן וועלכע־ניט־איז אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרם דער ייִדישער פּאַרטיי־אַרבעט.

צופֿעליק איז אָנגעקומען דער הײַנט שוין פֿאַרשטאָרבענער סווערדלאָוו, פֿאָרזיצער פֿונעם אַלרוסלענדישן סאָוועט און הויפּט־סעקרעטאַר פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. לענין האָט פֿריִער, איידער ער האָט געענטפֿערט, איבערגעגעבן סווערדלאָוון דאָס, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט, און ער האָט געפֿרעגט בײַ אים זײַן מיינונג. סווערדלאָוו האָט זיך אַרויסגעזאָגט שאַרף נעגאַטיוו קעגן וועלכע־עס־איז אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרמען פֿאַר ייִדישער פּאַרטיי־אַרבעט. נאָך מער, ער האָט געזאָגט, אַז מיר וועלן אויף אַזאַ אופֿן באַקומען אַן אײַנערלעכן „בונד“ מיט אַלע זײַנע פֿעלערן; דאָס וועט סאָפּקאָלסאָף ברענגען דערצו, אַז מיר וועלן האָבן ניט קיין איינהייטלעכע פּאַרטיי, נאָר אַ פֿעדעראַציע פֿון פּאַרטייען. סווערדלאָוו האָט אָנגעוויזן אַלס בײַשפּיל די אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרמען פֿון דער פּאַרטיי־אַרבעט אויף קאַווקאַז, ווו עס לעבן פֿיל פֿעלקער און ווו אונדזער פּאַרטיי פּאַסט זיך גוט צו צו אַלע זייערע באַזונדערקייטן, ניט האָבנדיק קיין ספּעציעלע פֿאָרמען. סווערדלאָוו האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז די איינציקע זאַך, וואָס איז נייטיק פֿאַר דער ייִדישער אַרבעט, איז אַ טעגלעכע צײַטונג, — מער גאָרניט. פֿאַר מיר זעלבסט איז דאַן נאָך אויך ניט געווען גאַנץ קלאָר, וואָס פֿאַר אַ פֿאָרמען עס וועט אויסקומען אָנצווענדן אין דער פֿאַרשטייענדיקער ייִדישער פּאַרטיי־אַרבעט; נאָר איינס איז פֿאַר מיר קלאָר, אַז מע וועט מוזן האָבן אַ באַזונדערן אַפּאַראַט, דערצו אויף אַוועלכן־ניט־איז אויסדערוויילטן אופֿן, באַזונדערס נאָך פֿאַר יענער צײַט, ווען מיר הייבן ערשט אָן און די ייִדישע פּאַרטייען זײַנען נאָך גאַנץ שטאַרק און גוט אָרגאַניזירט.

איך געדענק איצט ניט די אַלע פּראַטים פֿון דעם דעמאָלסדיקן געשפּרעך. נאָר ווען איך האָב געענדיקט, האָט לענין געזאָגט, אַז אין דעם, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט, געפֿינט ער ניט קיין בונדיסטישע געדאַנקען, ווי דאָס האָט געזאָגט סווערדלאָוו. ער, לענין, האָט זייער ניט ליב דעם „בונד“. ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאַרשטיין אַזאַ אומנאַטירלעכע דערשײַנונג, אַז ווען מע האָט צו טאָן מיט בונדיסטן אין געוויינלעכע פֿראַגן, זאָגן זיי זיך אַרויס ווי סאָציאַליסטן, אייניקע פֿון זיי זײַנען אַפֿילע באָלשעוויסטיש געשטימט, נאָר ווי נאָר מע גייט איבער צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, זײַנען זיי קליינבירגערלעך געשטימט.

— מער פֿון אַלץ האָבן זיי מיר ניט געקאָנט מוחל זײַן, — האָט געזאָגט כּאַוועער לענין, — וואָס איך האָב זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ייִדן זײַנען ניט קיין נאַציע אין וויסנשאַפֿטלעכן זין פֿון וואָרט.

בנוגע דער פֿראַגע וועגן באַזונדערע פֿאָרמען פֿאַר ייִדישער אַרבעט האָט ער געהאַלטן, אַז מע קאָן די פֿראַגע באַטראַכטן נאָר אַזוי, אַז דאָס האָט בלויז אַ שײַכעס צו די אַרבעטער־עלעמענטן, וואָס פֿאַרשטייען ניט אָדער פֿאַרשטייען שוואַך רוסיש, און זיי האָבן ניט קיין באַזונדערע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. לענין האָט נאָך צוגעגעבן, אַז קעגן נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען קאָן מען זיך ניט אַרויסזאָגן, נאָר מ'דאַרף זען, אַז דאָס זאָל ניט זײַן לויט דער פּראָגראַם פֿונעם „בונד“ אָדער פֿון אַנדערע ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דער נאָמען „סעקציע“ איז דאַן ניט געווען אַרויסגעזאָגט.

פֿאַרבײַגייענדיק, האָט זיך לענין אַרויסגעזאָגט וועגן דעם ציוניזם. ער רעכנט, האָט ער אָנגעוויזן, אַז אין דער איצטיקער עפּאָכע, אויב מיר וועלן זיך אײַנהאַלטן בײַ דער מאַכט, וועט דער נאַציאָנאַלער מאָמענט אָפּגעשוואַכט ווערן, דער אַנטיסעמיטיזם וועט אָנווערן זײַן שאַרפֿקייט און די ציוניסטישע לעגענדע וועט אָנווערן איר צויבער. אין דער אַלטער צײַט, פֿאַר דער זעלבסטהערשונג, איז דער ציוניזם געווען אַ נאַטירלעכע דערשײַנונג פֿאַר די ייִדישע רעליגיעזע קליינבירגערלעכע עלעמענטן. כּאַוועער לענין האָט צוגעגעבן אַ געוויסע וויכטיקייט דער מאַסן־אַרבעט צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג; ער האָט זי אָנערקענט פֿאַר אַן ערנסטער פּאָליטישע קראַפֿט.

3

כאַווער לעניִן האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז אין קאַמף מיט דער בורזשואַזער סטיכיִי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם גאַנצן ברען גלייַך נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציִע, דאַרפֿן מיר אויסנוצן אַלע מעגלעכקייַטן, צווישן זיי אויך די נאַציִאָנאַלע מאָמענטן.

די בורזשואַזיִע פֿון אַלע לענדער באַנוצט זיך זייער גוט מיט איר נאַציִאָנאַלער פּאָליטיק אין די אינטערעסן פֿונעם קאַפּיטאַל און צום שאָדן פֿון די שוואַכערע פֿעלקער, — פֿאַרוואָס זאָלן מיר זיך ניט באַנוצן אין אונדזער פּאָליטיק מיטן נאַציִאָנאַלן מאָמענט? מיר קאָנען אים פֿירן אַזוי, אַז ער זאָל גלייַכצייַטיק זייַן אין די אינטערעס פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציִע און אויך פֿון די פֿעלקער גופֿא.

איך וועל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דער אַלגעמיינער נאַציִאָנאַלער פּאָליטיק פֿון דער סאָוועטנמאַכט. איך בין דאָ אויסן הויפּטזאַכלעך איבערצוגעבן וועגן דער באַציִונג פֿונעם כאַווער לעניִן צו דער ייִדישער קאָמוניסטישער אַרבעט אין ערשטן פּעריִאָד פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער סאָוועטנמאַכט. אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַלגעמיינעם סאַבאָטאַזש פֿון דער אינטעליגענץ האָט כאַווער לעניִן אָנגעצייַגט, אַז מע דאַרף זען אַרייַנברענגען רייַבונגען און שפּאַלטונגען צווישן די סאַבאָטאַזשניקעס; צוליב דעם צוועק קאָנען מיר אין אַ געוויסער מאָס אויסנוצן אויך נאַציִאָנאַלע מאָמענטן.

די ייִדישע אינטעליגענץ איז געווען שאַרף געשטימט קעגן דער סאָוועטנמאַכט. אַלס אַ קליינבירגערלעכער עלעמענט, איז זי געווען קאָנטער־רעוואָלוציִאָנער, נאָר אין דער זעלבער צייַט זייַנען די מער אָרגאַניזירטע געווען אין ייִדישע נאַציִאָנאַל־סאָציִאַליסטישע פּאַרטייען, און דער נאַציִאָנאַלער מאָמענט האָט בײַ זיי געשפּילט אַ גאַנץ גרויסע ראָל.

כאַווער לעניִן האָט פֿאָרגעלייגט צונויפֿרופֿן אַ וואָס ברייטערע ייִדישע פֿאַרזאַמלונג; דאָרט זאָלן זייַן פֿאָרשטייער פֿון פּאַרטייען און וואָס מער אומפּאַרטייִשע אָנגעזעענע אינטעליגענטן; איך זאָל מאַכן אַ באַריכט און באַווייַזן, אויף וויפֿל פֿאַר די ייִדישע מאַסן איז וויכטיק צו שטיצן די סאָוועטנמאַכט און אויך באַווייַזן די מעגלעכקייַט פֿון נאַציִאָנאַלער אַנטוויקלונג פֿאַר די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן.

איך האָב אָנגעוויזן אויף די פֿאַרשיידענע רעצעפּטן פֿון די ייִדישע פּאַרטייען צו לייזן די „ייִדישע פֿראַגע" און איך האָב געפֿרעגט, וויאַזוי צו האַלטן זיך בענוגע צו זיי. כאַווער לעניִן האָט מיר געזאָגט, אַז צום ערשטן מאָל דאַרפֿן מיר ניט אַרויסטרעטן מיט קאָנקרעטע פּראָגראַמען; מיר דאַרפֿן הויפּטזאַכלעך אונטערשטרייַכן דעם אופֿריכטיק דעמאָקראַטישן גרונט פֿון דער סאָוועטנמאַכט, אָנווייַזן אויף די גרויסע קולטורעלע מעגלעכקייַטן, אַז אין דער עפּאָכע פֿון קערענסקין האָבן מיר קיין פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿאַר נאַציִאָנאַלע איניִאָנים ניט געהאַט, און בײַ דער סאָוועטנמאַכט איז די לייזונג פֿון דער נאַציִאָנאַלער פֿראַגע אויפֿן ערשטן פּלאַץ; ניט אָנערקענען די פּרינציפּיעלע פּונקטן פֿון די אַנדערע פּאַרטייען אין דער נאַציִאָנאַלער פֿראַגע, נאָר באַווייַזן, אַז די פֿראַגע שטייט איצטער ניט וועגן דיסקוסיעס מיט די ייִדישע פּאַרטייען, נאָר וועגן קאָנקרעטע מייַסים.

— אויף די פּאַרטיי־עלעמענטן, — האָט געזאָגט כאַווער לעניִן, — קאָן מען ווייניק אויסרעכענען, נאָר מע דאַרף זוכן צווישן די אומפּאַרטייִשע נייטיקע עלעמענטן, מיט וועלכע מע וועט קאָנען ווייַטער אַרבעטן.

מיר האָבן די ערשטע פֿאַרזאַמלונג אָרגאַניזירט. זי איז פֿאָרגעקומען אין דער אַרבעטער־בירזשע אין פּעטראָגראַד אויף דעם קראָנווערסקי־פּראָספּעקט. מע קאָן ניט זאָגן, אַז עס איז געווען אַ גרויסער אוילעם, ווי איך האָב גערעכנט לויט די אייַנלאַדונגען, וואָס זייַנען געווען פֿאַנאַנדערגעשיקט, פֿונדעסטוועגן איז עס געווען אַ גאַנץ פֿילפֿאַרביקע פֿאַרזאַמלונג מיט פֿאָרשטייער (ניט אָפֿיציעלע) פֿון אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען. קיינער, פֿאַרשטייט זיך, האָט ניט געוווּסט, אַז מע האָט דאָ אין זינען קאַמף מיטן סאַבאָטאַזש; דערפֿאַר איז אויסגעקומען צו ריידן הויפּטזאַכלעך וועגן ייִדישער אַרבעט. פֿאַרבײַגייענדיק איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער געדאַנק, אַז אַפֿילו פֿונעם נאַציִאָנאַלן שטאַנדפּונקט האָט דער סאַבאָטאַזש קיין זין ניט. פֿאַרקערט, פֿאַר דער סאָוועטנמאַכט וועט זייַן לייַכטער פֿון אַלץ צו לייזן די נאַציִאָנאַלע פֿראַגע.

די דיסקוסיע האָט זיך טאַקע אינגאַנצן געפֿירט אַרום דער פֿראַגע פֿון סאַבאָטאַזש און דעם נאַציִאָנאַלן מאָמענט. דער פֿאָרשטייער פֿון „בונד" ווירגילי האָט אונדז באַשולדיקט, אַז מיר זייַנען אין איין און דער זעלבער צייַט אי סיימיסטן, אי אַסימילאַטאָרן; ער האָט אָנגעוויזן, אַז די סאָוועטנמאַכט וועט זיך ניט לאַנג האַלטן, און ווען „מיר, ייִדן, וועלן ניט זייַן מיט די סאַבאָטאַזשניקעס, וועט דאָס נאָכדעם אַרויסרופֿן אַנטיסעמיטישע באַציִונגען צו די ייִדישע מאַסן.

עס זייַנען אויך געווען פֿאָרשטייער פֿון דער פֿאָלקס־פּאַרטיי, כ. ד. הורוויץ און אַנדערע, נאָר זיי האָבן זיך ווייניק אַרויסגעזאָגט. פֿון די פּאָאַלי ציִון זייַנען בײַגעווען ראַפּאָלקעס און אַנדערע,

און אין זייערע אַרויסטרעטונגען האָט זיך געפֿילט א געוויסע וואַקלונג. ס׳איז געווען קענטיק, אז זיי האָבן געגלייבט אין דער פעסטקייט פון דער סאָוועטנמאַכט און האָבן זי געוואָלט אויסניצן אין זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון זייער שטאַנדפּונקט.

פאַרשטייט זיך, אז די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט אָן קיין שום רעזאָליוציעס, ווײַל אונדזערע קעגנער האָבן דאָרט געהאַט א מערהייט. מיר האָבן באַשטימט צונויפרופן נאָך א פאַרזאַמלונג, נאָר די צווייטע האָט שוין געטראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער: א געוויסע שפּאַלטונג צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ איז פאָרגעקומען.

מיטן ווײַטערדיקן גאַנג פון דער רעוואָליוציע, ווען די סאָוועטנמאַכט האָט זיך אַלץ מער פאַרפעסטיקט, איז געוואָרן גרעסער און שטאַרקער דער דראַנג פון די ייִדישע אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. לענין האָט זיך מיט דעם דאָזיקן פּראָצעס צווישן די ייִדישע אַרבעטער באַזונדערס אינטערעסירט. ער האָט נאָכגעפאָלגט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג, באַגריסט דעם איבערגאַנג פונעם „בונד“ און פון די איבעריקע ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין די רייען פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געווען דער, וואָס האָט אײַנגעזען די נייטיקייט פון א ייִדישער סעקציע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט צוגעגעבן א גרויסע באַדײַטונג דער אַרבעט פונעם ייִדישן קאָמיסאַריאַט, דער אָנגעשטרענגטער טעטיקייט פון די ייִדן קאָמוניסטן אױף צוציִען די ייִדישע האָרעפּאַשניקעס צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. ער איז אַלעמאָל אַנטקעגנגעקומען די נייטן און באַדערפענישן פון דער וואַקסנדיקער קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדן.

אויב די דאָזיקע באַוועגונג איז שוין איצט א וויכטיקער פאַקטאָר, האָט דערין א גאָר גרויסן חלק לענין. מיט זײַן געניאַלן כוש איז ער אויך אַרײַנגעדרונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די ייִדישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס, האָט פאַרויסגעזען, וואָס עס איז נייטיק פאַר זייער אָרגאַניזירונג; ער האָט פאַרשטאַנען, אז זייער פרײַע קולטורעלע אַנטוויקלונג, ווי די פרײַע קולטורעלע אַנטוויקלונג פון יעדער נאַציע, פאַרפעסטיקט אַלץ מער די דערגאָבערונגען פון דער רעוואָליוציע, שאַפט אָפּ סעפּאַראַטיזם, שטעלט אײַן די עמעסע פעלקער־פאַרברידערונג אין דער גרויסער סאָוועטן־פעדעראַציע.

• • •

די אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך

די שפּראַכלעכע אַנטוויקלונג פֿון די ייִדן אין די רוסישע געגנטן

די אַשקענאַזישע ייִדן האָבן קיינמאָל ניט פֿאַרביטן זייער ייִדיש־טײַטש אויף סלאַוויש. די פֿראַגע, ווען איז די ייִדיש־דײַטשישע שפּראַך געוואָרן די אַליינהערשנדיקע בײַ דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון ליטע און די איבעריקע סלאַווישע געגנטן (אַכוץ צענטראַל־פּוילן) איז ענג פֿאַרבונדן מיט אַ צווייטער פֿראַגע — ווען האָט זיך אָנגעהויבן אין ליטע און אין רײַסן די גרויסע ייִדישע מײַרעוו־אייראָפּעיִשע אײַנוואַנדערונג, וועלכע איז אויך געווען אין דער זעלבער צײַט דער אָנהייב פֿון דער שפּראַכלעכער צוזאַמענגיסונג פֿון דער אָרטיקער ייִדישער באַפֿעלקערונג מיט דער אײַנגעוואַנדערטער ייִדיש־רעדנדיקער מאַסע, און ווען האָט דער דאָזיקער פּראָצעס פֿון שפּראַכלעכער צוזאַמענגיסונג צווישן דער אײַנגעזעסענער ייִדישער באַפֿעלקערונג און צאָלרײַכער ייִדישער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער עמיגראַציע דערגרייכט צו זײַן ענד־פּונקט, אַלס מאַסן־דערשײַנונג.

קיינער צווייפֿלט ניט אין דעם, אַז די ערשטע ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין די סלאַווישע געגנטן האָט געשטאַמט ניט פֿון מײַרעוו־אייראָפּע, נאָר פֿון מיזרעך און דאָרעם. ס'איז איבעריק צו דערווײַזן, אַז די ייִדן, וואָס זײַנען אַהער געקומען פֿון כאַזאַרן־לאַנד, קאַווקאַז אָדער פֿון דעם האַלבאינדזל קרים, ווו ס'איז ניט געווען קיין דײַטש־רעדנדיקע באַפֿעלקערונג, האָבן ניט געקאָנט האָבן, אַלס אומגאַנג־שפּראַך, דײַטש, אַלזאָ אויך ייִדיש־דײַטש.

די ערשטע צוויי מײַרעוו־אייראָפּעיִשע אימיגראַציע־כוואַליעס האָבן קימאַט ניט באַרירט די געגנטן ליטע, רײַסן, ווי אויך די מער דאָרעמדיקע און מיזרעכדיקע סלאַווישע געגנטן און האָבן זיך אָפּגעזעצט בלויז אין צענטראַל־פּוילן. אין 16־טן יה. האָט דאָס ליטווישע קיניגרײַך, וואָס האָט צו יענער צײַט אַרומגענומען קימאַט אַלע רוסישע געגנטן, ווו ייִדן האָבן געוווינט, געציילט אַ ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון אַן ערעך 24.000—30.000 מאַן. ערשט דאַן באַמערקט זיך אין ליטע אַ צופֿלוס פֿון מײַרעוו־אייראָפּעיִשע ייִדן, און דאָס איז אויך צו זען דערפֿון, וואָס אין די דאָקומענטן הייבן זיך אָן אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם 16־טן יה. אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער צו באַגעגענען די ספּעציעל ייִדיש־אַשקענאַזישע נעמען. די דאָקומענטן, וואָס עס ברענגט דובנאָוו, — אויך אין די רוסישע מעקוירים האָבן מיר באַגעגנט דאָקומענטן, וועלכע זײַנען געשריבן „פּאָ זשידאָווסקי" — ווײַזן, אַז שוין אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם 16־טן יה. האָט זיך אין פֿיל שטעט פֿון די רוסישע געגנטן געפֿונען אַ מער אָדער ווייניקער צאָלרײַכע ייִדישע באַפֿעלקערונג, וואָס האָט, נאַטירלעך, גערעדט ייִדיש. אָבער דאָס לייקנט נאָך ניט אָפּ די מיינונג, אַז די ערשטע ייִדישע קאָלאָניסטן פֿון די רוסישע געגנטן, וואָס זײַנען געקומען אַהער פֿון די מיזרעך־לענדער, האָבן זיך שפּראַכלעך צונויפֿגעגאָסן מיט דער סלאַווישער באַפֿעלקערונג און האָבן ביזן 16־טן יה. און אויך סײַלווײַז אין אָנהייב פֿון 17־טן יה., דה. ביזוואַנען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אימיגראַציע פֿון אַשקענאַזים אין ליטע, — גערעדט סלאַוויש.

צו די ראַיעס פֿון האַרקאַווין, אַז די ערשטע ייִדישע קאָלאָניסטן אין די רוסישע געגנטן האָבן אָנגענומען די רוסישע שפּראַך, וואָס אויף איר האָבן זיי גערעדט ביזן 17־טן יה., וועלן מיר צוגעבן נאָך אָט וואָס:

ווי באַוווּסט, האָבן די סלאַוון געהאַט זייער ווייניק ספּעציעלע פּראָויען־נעמען. זייער אָפֿט שאַפֿן דעריבער די סלאַוון זייערע ווײַבלעכע נעמען פֿון די מענער־נעמען דורך דער אומבײַטונג פֿון די

ס א ף. אָנהייב זע — „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 1, 2, 6, 9, 1987.

ענדונגען אַף я, а. פאַרשטייט זיך, אַז אויך די ליטווישע ייִדן, וואָס האָבן ביזן 16־טן יה. געטראָגן גאַנץ אָפט (עפּשער אָפטער, איידער העברעיִשע) סלאַווישע נעמען, פלעגן שאַפן זייערע פרויען־נעמען אַפן אַלגעמיינעם סלאַווישן שטייגער. אַזוי, לעמאָשל, צוזאַמען מיט די סלאַוון בילדן אויך די ליטווישע ייִדן פונעם מאַנצבלשן נאָמען „באָגדאַן" — אַ גאַנץ אָפטער נאָמען בײַ די ליטווישע ייִדן אין יענער צײַט — דעם ווײַבערשן נאָמען „באָגדאַנאַ". אָבער וויכטיק איז, וואָס אויך פון די העברעיִשע מאַנצבלשע נעמען פלעגן די ליטווישע ייִדן מאַכן ווײַבערשע נעמען אַפן אַלגעמיינעם סלאַווישן שטייגער — דורך דער נאָמען־ענדונג פון דער ענדערונג אַף я, а. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָבן זיי פון די העברעיִשע מענער־נעמען מוישע און כאַצקל (דאָס איז אַ פאַרגרײַזטער נאָמען פון יעכעזקל אָדער יעכעזקי — בײַ דער רוסישער באַפעלקערונג באַגעגנט מען דעם נאָמען ניט) געבילדעט די פרויען־נעמען „מאַשאַ" און „כאַצקאַ", און דאָס, נאַטירלעך, איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען אין דער שפּראַך, וואָס אַף איר האָבן אַלפּי ראָוו גערעדט די ייִדן אין ליטע אין 16־טן יה., איז די ענדונג געווען אַ כאַראַקטעריסטישער סימען פאַרן ווײַבלעכן מין. פון אַלע מיזרעך־אייראָפּעיִשע שפּראַכן האָט די דאָזיקע אייגנאַרטיקײַט נאָר די סלאַווישע שפּראַך.

צווישן די פיל דאָקומענטן, וואָס זײַנען געזאַמלט מיצאַד דעם פּראָפעסאָר בערשאַדסקי אין זײַן „רוסקאָ־יעווריייסקי אַרכיוו", האָבן מיר געפונען אַ בריוו פונעם געוועזענעם „מיטניק" (אַרענדאַטאָר פון די צינשן) דאַנקאָ יעסקאָוויטש צום „מיטניק" מיכאַל יעזאָפּאָוויטש וועגן די ליטווישן קיניגרײַך[1]. מאַכמעס זײַן וויכטיקײַט, האָט דער קיניג געהייסן אַרײַנצושרײַבן דעם בריוו אין די שטאָט־ביכער, אָבער אין דער פאַראָרדענונג איז ניט דערמאָנט געוואָרן וועגן איבערזעצן דעם בריוו אַף רוסיש. דער בריוו איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין די ביכער גאַנצערהייט מיט אַלע זײַנע פּריוואַטע שטעלן, און דאָס באַווײַזט אָן סאָפעק, אַז ער איז אַרײַנגעשריבן אין די ביכער אין דער פאָרם און אין דער שפּראַך, אין וועלכער ס'האָט אים געשריבן זײַן אַווטאָר — דאַנקאָ יעסקאָוויטש, דה., אַז דאָס דורכשרײַבן זיך פון די צוויי איבנדערמאָנטע ייִדן איז געווען אַף רוסיש. מ'קאָן אָפּפרעגן, אַז די ביידע ייִדן זײַנען געווען „מיטניקעס", וואָס האָבן צוליב זייערע געשעפטן מיט דער רעגירונג געמוזט קענען די רוסישע שפּראַך און זיי האָבן, בעכיין, געקאָנט אויך זייער קאָרעספּאָנדענץ פירן אין רוסיש, אָבער דאָס איז קלאָל קיין ראַיע ניט, אַז רוסיש איז געווען זייער מוטער־שפּראַך, ווי אויך די מוטער־שפּראַך פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין ליטע.

וועלן מיר זיך ווענדן צו אַנדערע דאָקומענטן.

אין די אַקטן־ביכער פונעם קיִעווער צענטראַל־אַרכיוו געפינט זיך אַ מעלדונג פונעם ייִד יאַכנע, אַז ער האָט באַקומען אַרויסגעטיילט זײַן כיילעק יערושע און ער זאָגט זיך אָפּ אַף לעהאַבע פון אַלע טוויִעס צו זײַנע ברידער, און וועגן דעם האָט ער זיי אַרויסגעגעבן אַ קסאַוו „זשידאָווסקים פּיסמאָם פּיסאַני"[2]. וואָס איז דער טײַטש „זשידאָווסקים פּיסמאָם פּיסאַני"? אין מאָסקווע פלעגט דאָס וואָרט „פּיסמאָ" בלויז אין זייער זעלטענע פאַלן געברויכט ווערן אין זין פון שפּראַך. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָט אין דער „גראַמאָטאַ" צום רוימישן אימפּעראַטאָר מאַקסימיליאַן געברויכט יאָהאַן וואַסיליעוויטש די ווערטער „רוסקאָיע פּיסמאָ" אָנשטאָט „פּאָ רוסקי"[3]. ס'איז אָבער קיין סאָפעק ניט, אַז אין די רוסישע געגנטן פון פּוילן זײַנען די ווערטער „רוסקאָיע פּיסמאָ" קיינמאָל ניט געברויכט געוואָרן אין זין פון שפּראַך. אין פּוילישן קיניגרײַך פלעגן זיך די אָפיציעלע דאָקומענטן שרײַבן אַף דרײַערליי אויפאַנים: מיט לאַטײַנישע בוכשטאַבן (לאַטינסקים פּיסמאָם), אין דער לאַטײַנישער שפּראַך (פּאָ לאַטיני) און ענדלעך, אין דער רוסישער שפּראַך (פּאָ רוסקי), אַזוי אַז די ביידע באַגריפן — „פּאָ לאַטיני" און „לאַטינסקים פּיסמאָם" (אָדער אין אונדזער פאַל „זשידאָווסקים פּיסמאָם" און „פּאָ זשידאָווסקי") האָבן געמוזט זײַן גענוי פאַנאַנדערגעטיילט, און די געריכטן האָבן זיך ניט געקאָנט טויש זײַן און פאַרבײַטן איין באַגריף מיטן צווייטן, און „זשידאָווסקים פּיסמאָם פּיסאַני" קאָן נאָר באַדײַטן, אַז דער דאָקומענט איז געווען געשריבן מיט ייִדישע אויסיִעס.

דער דאָקומענט איז ניט קיין איינציקער. אין יאָר 1569 האָט די אַלמאָנע פון איינעם שמועל (שמוילע) געמאָלדן דעם ברעסטער שטאָט־געריכט, אַז דאָס הויז, וואָס מ'וויל אָפּשרײַבן פאַר די כויוועס פון איר מאַן, געהערט צו איר, ווײַל איר מאַן האָט עס איר אַרײַנגעשריבן אין די טנאָיִם. וואָס זײַנען געשריבן „זשידאָווסקים פּיסמאָם", און ווען דער געריכט האָט זיך געוואָלט מיט דעם שטאַר[4] באַקענען, האָט ער עס ניט געהייסן איבערזעצן אין רוסיש (פּאָ רוסקי פּערעלאָזשיט), נאָר בלויז איבערשרײַבן מיט רוסישע אויסיִעס (נאַ רוסקאָיע פּיסמאָ פּערעלאָזשיט)[5]. פאַר די, וואָס וועלן

[1] Бершадский. «Русско-еврейский архив», т. 2, № 197—286.

[2] דאָרט, באַנד 1, נומ. 212.

[3] Памятники дипломатических отношений Европейской Руси, т. I, стр. 41. Сборник Государственных грамот и договоров, хранящихся в коллегии иностранных дел, т. II, № 81, стр. 307.

[4] קאָנטראַקט־פּאַפּיר.

[5] Русско-еврейский архив, т. II.

דאָך מעסופּעק זײַן, צי „זשידאָווסקי פּיסמאָ“ דאַרף אויסגעטײַטשט ווערן ניט אין זין פֿון שפּראַך, נאָר אין דעם זין, אַז די דאָקומענטן זײַנען געשריבן געוועזן בלויז מיט ייִדישע אויסיִעס. ווען מיר ברענגען פֿאָלגנדיקן פֿאַקט: אינעם זעלביקן יאָר (1569)[1] האָט אײנער ליפּמאַן דערלאַנגט אין געריכט אַ געלט־טוויִע צו די יאָרשים פֿון זײַן געשטאָרבענעם ברודער און האָט דערבײַ צוגעשטעלט אַ וועקסל, וואָס איז געשריבן מיט זײַן — ליפּמאַנס — אײגענער האַנט און בלויז געכאַסמעט פֿון דעם ברודער. די יאָרשים האָבן דעם וועקסל ניט געוואָלט אָנעמען, טײַנענדיק, אַז זייער פֿאָטער האָט אים אַרויסגעגעבן אַ ריינעם בלאַנק און ער אַליין האָט אים אויסגעפֿילט. דערויף ענטפֿערט ליפּמאַן, אַז דער ברודער האָט קײנמאָל ניט אַרויסגעגעבן קיין אונטערגעכאַסמעטן וועקסל־בלאַנק אָן אַן אופשריפט אויף דער צווייטער זײַט מיט ייִדישע אויסיִעס (ליטעראַמי זשידאָווסקימי), אַז דאָס איז אַ וועקסל־בלאַנק.

בעכיין, די ייִדישע דאָקומענטן פֿלעגן ווערן געשריבן מיטן ייִדישן אַלעפֿבייס. אָבער אויף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך פֿלעגט מען זיי שרײַבן? פֿון די אויבנגעבראַכטע דאָקומענטן איז קענטיק, אַז זיי זײַנען געשריבן מיט ייִדישע אויסיִעס (זשידאָווסקים פּיסמאָם, זשידאָווקימי ליטעראַמי) און פֿון דעם איז צו דרינגען, אַז בלויז מיט זייער שריפֿט און ניט מיט זייער שפּראַך פֿלעגן זיך אונטערשיידן די ייִדישע דאָקומענטן פֿון די אַלע איבעריקע, דאָס הייסט, אַז זיי זײַנען געשריבן געוואָרן אין דער סלאַווישער שפּראַך.

צווישן דער „פּאָסאָלסטוואָ“ פֿונעם מאָסקווער גרויספֿירשט יאָהאַן וואַסיליעוויטש צום קרימער כאַן מענגלי־קריי געפֿינט זיך אַ בריוו צום קאַפֿאַער (איצט פֿעאָדאָסיע) ייִדן כאָזע קאָקאָס, אין וועלכן דער גרויספֿירשט בעט כאַזען, צווישן אַנדערס, וועגן דעם, אַז ער זאָל אים שרײַבן זײַנע בריוו ניט „זשידאָווסקים פּיסמאָם“ נאָר „רוסקים פּיסמאָם“ אָדער „באַסורמאַנסקים“ (באַסורמאַנסקי קאָן דאָ באַטײַטן אויך לאַטײַניש, ווײַל אַזוי פֿלעגן די רוסן באַצייכענען אַלע ניט־רוסישע אַלעפֿבייסן); דערפֿון איז צו זען, אַז כאָזע האָט אים שוין אַמאָל געשריבן „זשידאָווסקים פּיסמאָם“. מיר האָבן שוין פֿריִער דערמאָנט, אַז אין רוסלאַנד האָט דאָס וואָרט „זשידאָווסקים פּיסמאָם“ געקאָנט געברויכט ווערן אין זין פֿון שפּראַך, דאָך רעכענען מיר, אַז כאָזעס בריוו צום גרויספֿירשט איז געשריבן געוואָרן בלויז מיט ייִדישע אויסיִעס, נאָר אין דער רוסישער שפּראַך.

כאָזע קאָקאָס און יויסעף פֿון קאַפֿאַ זײַנען געווען שוואָגערס און זײַנען געווען גוט באַפֿרײַנדעט מיט זכאַריען, דעם פֿירשט פֿון טאַמאַן, וועלכער איז געקומען אַהין פֿון טשערקעס (לויט דער צווייטער ווערסיע: פֿון קיִעוו). יויסעף איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער רוסישער שפּראַך. דאָס איז צו זען דערפֿון, וואָס כאָזע שיקט דורך אים זײַנע בריוו צום מאָסקווער גרויספֿירשט. צווישן די ייִדן, וואָס זײַנען געקומען צוזאַמען מיט זכאַריען פֿון ליטע קיין נאָווגאָראָד און האָבן דאָרט געגרינדעט די סעקטע „ייִדישע אַפּיקאָרסעס“, געפֿינען מיר אויך דעם נאָמען יויסעף. די ביידע יויסעפֿס זײַנען, מיסטאָמע, אײנע און די זעלבע פּערזאָן. איז ער, הייסט עס, געווען אַ סלאַווישער ייִד, וואָס איז צוזאַמען מיט זכאַריען פֿון ליטע, און ס׳איז גאַנץ וואַרשײַנלעך, אַז אויך זײַן שוואָגער כאָזע איז געווען אַ ליטווישער ייִד און אַלס אַזעלכער האָט ער געוויס געקענט די רוסישע שפּראַך. אָבער אויך אַחוץ דעם אַלעם איז קיין ספֿק ניט, אַז כאָזע האָט געקענט רוסיש. ווי ס׳איז צו זען פֿונעם דערמאָנטן בריוו, ווי אויך פֿון אַ צווייטן, איז כאָזע קאָקאָס געווען אַ מין רוסישער פּאָליטישער אַגענט. ווען דער מאָסקווער גרויספֿירשט ווײַל זיך מעשאַדעך זײַן מיטן קרימער כאַן, בעט ער די פֿאַרמיטלונג פֿון כאָזע קאָקאָס; צו זײַן פֿאַרמיטלונג ווענדט ער זיך אויך, ווען ער ווײַל באַקומען פֿונעם קרימער כאַן אַ „יאַרליק“ אויף גרויספֿירשטערײַ, ווי אויך אין פֿיל אַנדערע קלענערע פֿאַלן.

גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אַז בײַ אַזאַ מין טעטיקײַט האָט כאָזע געמוזט באַקאַנט זײַן מיט דער רוסישער שפּראַך און ס׳איז קיין ספֿק ניט, אַז ניט אין העברעיִש אָדער ייִדיש, נאָר אין דער רוסישער שפּראַך האָט ער געשריבן דעם גרויספֿירשט. ס׳איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז כאָזעס בריוו האָט ניט געקאָנט זײַן דער ערשטער פּרוּוו צו שרײַבן רוסיש מיט ייִדישע אויסיִעס.

דער לייענער וועט מיסטאָמע מיט פֿאַרוווּנדערונג זיך שטעלן די פֿראַגע: איז דען מעגלעך, אַז אַ ייִד זאָל שרײַבן זײַנע אָפֿיציִעלע בריוו (ווי ביכלאַל אָפֿיציִעלע מעלוכע־דאָקומענטן) מיטן ייִדישן אַלעפֿבייס?

אויף דער דאָזיקער פֿראַגע פֿאַרמאָגן מיר, צום גליק, אַ גאַנץ קלאָרע דאָקומענטאַלע טשוווּע, וואָס לאָזט אין דעם פּראַט ניט איבער קיין שום ספֿק.

דער ייִד יעקוסיִעל גיט אין 1435 יאָר אַן אָפֿיציִעלע בריוו־פֿאַרפֿליכטונג דעם ברעסלויער מאַגיסטראַט אין דער דײַטשישער שפּראַך, אָבער ייִדישע אויסיִעס, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין פֿאַל, אויב יעקוסיִעל וואָלט זיך דערנאָך אָפּגעזאָגט פֿון זײַן פֿאַרפֿליכטונג, וואָלט דער דערמאָנטער בריוו דערגרייכט ביז צום פּוילישן קיניג.

---

[1] דאָרט, באַנד 2, נומ. 303.

אין אַרכיוו פֿונעם אַרכעאָלאָגישן אינסטיטוט אין פּעטראָגראַד איז אויך געפֿונען געוואָרן אַ „סקאַזקע“ (אַנקעטע־בויגן) פֿון אַ ייִדישן „באָיאַרן־קינד“[1] פֿונעם 1680 יאָר, ווו ס׳ווערן געגעבן די געפֿאָדערטע ידיִעס וועגן עלטער, צײַט און אָרט פֿון זײַן מעלוכע־דינסט אַלס באָיאַרן־קינד אאז״וו. און פֿאַרענדיקט זיך מיט דער פֿאָלגנדיקער אַלגעמײַן־געברויכלעכער פֿאָרמול אין דער רוסישער שפּראַך, אָבער מיט ייִדישע אויסיִעס:

„יאַ, שמוילה וויסטיצקי, ק סיי זקאַזקו רוקו פּרילאָזשיל“[2].

דאָ האַנדלט זיך, אַלזאָ, ניט וועגן אַן אײַנפֿאַכער כּסימע וואָס באַשטייט בלויז פֿונעם נאָמען און פֿאַמיליע, נאָר פֿון אַ גאַנצער פֿאָרמול אין דער רוסישער שפּראַך, וואָס איז טראַנסקריבירט אין ייִדישע בוכשטאַבן.

דער דאָזיקער דאָקומענט איז דער ערשטער, וואָס מיר פֿאַרמאָגן, געשריבן אין רוסיש מיט ייִדישע אויסיִעס. און ווײַל ער טראָגט אַן אָפֿיציעלן כאַראַקטער, וועט קיינעם ניט אײַנפֿאַלן צו טראַכטן, אַז דאָס „באָיאַרן־קינד“ שמוילע האָט אײַנגעפֿירט אַ נײַס, אָנשרײַבנדיק די געפֿאָדערטע פֿאָרמול מיט ייִדישע אויסיִעס. ווי ס׳איז צו זען פֿונעם טעקסט פֿון דעם דאָקומענט, האָט דער דאָזיקער ייִדישער פּראָפֿעסיאָנעלער סאָלדאַט ביכלאַל ניט געהאַט קיין באַזונדערן אינטערעס צו דער „אײדעלער מעלאָכע פֿון שרײַבן“. פֿאַר צוועלף יאָר מעלוכע־דינסט אין ווערכאָטוריע אַלס „באָיאַרן־קינד“ און פֿאַר זײַן לאַנגיאָריקער דינסט דעם רוסישן גרויספֿירשט אַלס מיטגליד פֿון דער סמאָלענסקער שליאַכטע (פֿאַר דער צײַט איז אים ניט איין מאָל אויסגעקומען אונטערצושרײַבן פֿאַרשיידענע „סקאַזקעס“, ווי אויך אַנדערע פּאַפּירן), האָט ער דאָך ניט באַוויזן זיך אויסצולערנען שרײַבן אויף רוסיש מיט רוסישע בוכשטאַבן, כאָטש די רוסישע שפּראַך האָט ער גוט געקענט. בײַ אַזעלכע שפּראַך־פֿעיִקייטן איז, פֿאַרשטייט זיך, אומעגלעך, אַז ער, שמוילע, זאָל צוטראַכטן די קונסט אויסצולייגן רוסיש מיט ייִדישע אויסיִעס און אײַנפֿירן אַ געוויסן מעטאָד פֿון וואָקאַליזירונג. ס׳איז דעריבער מער ווי זיכער, אַז די דאָזיקע „קונסט“ און געוווינהײַט צו שרײַבן רוסיש מיט ייִדישע אויסיִעס האָט ער געבראַכט מיט זיך פֿון זײַן פֿריִערדיקער היים און געזעלשאַפֿטלעכער סוויווע.

ווי געזאָגט, ווערט אין זײַן „סקאַזקע“ דערציילט, אַז ער דינט אין ווערכאָטוריע 12 יאָר, און פֿריִער האָט ער זיך געפֿונען אויף מעלוכע־דינסט אין די רייען פֿון דער סמאָלענסקער שליאַכטע, און זײַן פֿאָטער אוורהאָם האָט געדינט אין די רייען פֿון דער ברעסט־ליטאָווסקער שליאַכטע. בעכיין, האָט זיך אונדזער שמוילע אויסגעהאָדעוועט אָדער אין בריסק גופֿע אָדער אין בריסקער אומגעבונג. ס׳איז פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז די וויסטיצקיס שטאַמען פֿונעם דאָרף וויסטיצע (גראָדנער גובערניע) אין דער אומגעבונג פֿון בריסק, וואָס איז געווען אַ באַדײַטנדיקער ווינקלאַץ אין סוף 17־טן יה. שמוילע וויסטיצקי איז, אַלזאָ, געווען אַן עכט ליטווישער ייִד, דאָרט געבוירן און דערצויגן געוואָרן און דאָרט פֿאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פֿון זײַנע דינסט־יאָרן אַלס קריגסמאַן אין די רייען פֿון דעם רוסישן אַדלשטאַנד. פֿון דאָרט האָט ער אויך מיטגעבראַכט די „קונסט“ צו שרײַבן רוסיש מיט ייִדישע אויסיִעס, און ס׳ווײַזט אויס, אַז דאָס איז דאָרט געווען אַ געוויינלעכע דערשײַנונג. אויך ער, שמוילע, האָט עס פֿאָרגעזעצט צו טאָן אַפֿילע אין ווערכאָטוריע אויף אַזעלכע אָפֿיציעלע און מעלוכע־אַקטן, ווי די דערמאָנטע „סקאַזקעס“. און ווירקלעך, אין דער זעלבער געגנט טרעפֿן מיר ייִדישע פֿרויען־נעמען, וואָס זײַנען געבילדעט פֿון די ביבלישע מענער־נעמען דורך דעם צוגאָב פֿון אַ סלאַווישער פֿרויען־ענדונג „אַ“ (כאַצקאַ, מאָשאַ), אין דער זעלבער געגנט באַגעגענען מיר אויך ייִדן, וואָס שרײַבן זייערע שטאַרעס און אָפּמאַכן „פּיסמאָם זשידאָווסקים“ און „ליטעראַמי זשידאָווסקימי“, און די געוווינהײַט צו שרײַבן רוסיש מיט ייִדישע אויסיִעס איז דער בעסטער באַווײַז, אַז רוסיש איז געווען די אומגאַנג־שפּראַך פֿון די דאָזיקע ייִדן, וואָס האָבן נאָך איז 16־טן און אַפֿילע טיילווײַז אין 17־טן יה. ניט באַוויזן צו אַסימילירן זיך מיט דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ייִדישער (ייִדיש־רעדנדיקער) צוואַנדערונג פֿון האָבן אָנגעהאַלטן זייער שפּראַכלעכע אָפּגעזונדערטקײַט פֿונעם איבעריקן צוגעוואַנדערטן ייִדישן קיבוץ.

ווי שוואַך און באַדנלאָז ס׳זײַנען געווען די קולטורעלע און שפּראַכלעכע פּאָזיציעס פֿון דער דײַטשישער קאָלאָניזאַציע אין די סלאַווישע לענדער איז אַמבעסטן צו זען פֿון דעם, וואָס די דײַטשן

[1] באָיאַרן־קינדער, אָדער „דיעטי באָיאַרסקי“ זײַנען די נידעריקסטע שיכטן פֿון די רוסישע אַדעליקע. צוערשט זײַנען זיי באַשטאַנען פֿון קינדער פֿון די אָרעמערע אַדעליקע, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויף דינסט בײַ די רײַכערע אַדל־לײַט אָדער באָיאַרעס און האָבן זיך געפֿונען אין דער לאַגע פֿון מישפּאָכע־מיטגלידער. פֿונדאַנען שטאַמט טאַקע דער נאָמען „באָיאַרן־קינדער“. שפּעטער שוין, ווי אויך אין דער צײַט, צו וועלכער ס׳געהערט דער געבראַכטער דאָקומענט — אין סוף 17־טן יה., האָבן זיך די דאָזיקע „באָיאַרן־קינדער“, אַלס נידעריקע שיכטן פֿון דעם רוסישן אַדלשטאַנד, געפֿונען אויף מעלוכע־דינסט אַלס מעלוכע־שוץ אין די ערטער, וואָס האָבן געהאַט אַ סטראַטעגישע אָדער אַנדערע וויכטיקע באַדײַטונג פֿאַר דער מעלוכע.

[2] «Я, Самойло Вистицкой, к сей сказке руку приложил».

אליין האָבן ניט באַוויזן אופֿצוהאַלטן זייער שפּראַכלעכע זעלבשטענדיקייט און זיינען געצווונגען געווען אין דעם פּראַט צוזאַמענצוגיסן זיך מיט דער אַרומיקער סלאַוויש־רעדנדיקער מערהייט־באַפעלקערונג.

אָט די שפּראַכלעך דעגענערירנדיקע גרופּע האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט האָבן קיין אַסימילירנדיקע ווירקונג אויף די סלאַוויש־רעדנדיקע ייִדן, וועמענס אומגאַנג־שפּראַך איז געווען גראָד די, צו וועלכער ס׳האָט זיך געמוזט צופּאַסן אויך די דייטשישע קאָלאָניזאַציע.

בלויז די צאָלרייכע ייִדיש־רעדנדיקע איינוואַנדערונג פֿון מיירעוו־אייראָפּע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין ליטע אין 16־טן יה. און פֿאַרוואַנדלט די דאָרטיקע ייִדישע איינגעזעסענע (רוסיש־רעדנדיקע) באַפעלקערונג אין אַן אינדזלאַרטיקער מינדערהייט אינעם גרויסן יאַם פֿון דער מיירעוו־אייראָפּעישער (ייִדיש־רעדנדיקער) איינוואַנדערונג, האָט זיי געמאַכט אָפּהענגיק רעליגיעז און קולטורעל פֿון דעם שפּעטער צוגעוואַנדערטן „אַשקענאַזישן" ראַוו פֿון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך נאָך דערצו געפֿונען אויף אַ העכערער מאַדרייגע פֿון אַנטוויקלונג און פֿאַרמאָגט אַ גרויסן רעליגיעזן אויטאָריטעט. בלויז דאָס האָט געקאָנט מעגלעך מאַכן און אַפֿילו נייטיק מאַכן פֿאַר דער אָרטיקער ייִדישער סלאַוויש־רעדנדיקער באַפעלקערונג דעם איבערגאַנג צו ייִדיש־טייטש.

מיר רעזומירן אײַנקורצן די שפּראַכלעכע אַנטוויקלונגס־געשיכטע פֿון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די סלאַווישע לענדער.

א) די ערשטע ייִדישע איינוואַנדערונג אין די סלאַווישע געגנטן, וועלכע איז געקומען פֿון די דאָרעם־מיזרעכדיקע לענדער (קרים, קאַווקאַז, כאַזאַרן־לאַנד און ביזאַנץ) האָט זיך נאָך אינעם פֿריִען מיטלאַלטער שפּראַכלעך אַסימילירט מיט דער סלאַווישער באַפעלקערונג און סלאַוויש איז געוואָרן זייער אומגאַנג־שפּראַך.

ב) ייִדיש איז געווען די אומגאַנג־שפּראַך פֿון דער מיירעוו־אייראָפּעישער ייִדישער איינוואַנדערונג אין די סלאַווישע לענדער, און דער אָנפֿאַנג פֿון דער ייִדישער שפּראַך אין די סלאַווישע לענדער פֿאַלט צוזאַמען מיטן אָנפֿאַנג פֿון דער מיירעוו־אייראָפּעישער איינוואַנדערונג.

ג) דער איבערגאַנג פֿון דער ערשטער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין די סלאַווישע לענדער (סלאַוויש־רעדנדיקער) פֿון סלאַוויש צו ייִדיש אַלס אומגאַנג־שפּראַך האָט זיך אָנגעהויבן אונטערן קולטורעלן און שפּראַכלעכן איינפֿלוס פֿון דער מער אַנטוויקלטער ייִדיש־רעדנדיקער מיירעוו־אייראָפּעישער איינוואַנדערונג, וואָס האָט מיט דער צייט געבילדעט דעם איבערוועגנדיקסטן ראַוו פֿון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די דאָזיקע לענדער.

ד) אין קיניגרייך ליטע, ווי אויך אין די ווייטערע מיזרעכדיקע רוסישע געגנטן, האָט זיך די דאָזיקע שפּראַכלעכע אַסימילאַציע צווישן די דאָרטיקע רוסיש־רעדנדיקע ייִדן און דער מיירעוו־אייראָפּעישער און פּוילישער ייִדיש־רעדנדיקער איינוואַנדערונג אָנגעהויבן, אַלס מאַסן־דערשיינונג, ערשט אין 16־טן יה.

ה) דער איבערגאַנג פֿון סלאַוויש צו ייִדיש, אַלס אומגאַנג־שפּראַך, מיצאַד דער אָרטיקער רוסיש־רעדנדיקער ייִדישער באַפעלקערונג איז געווען אַ לאַנגדויערנדיקער פּראָצעס און האָט זיך געפֿונען אין אַ פּאַרקערטער פּראָפּאָרץ צו די קויכעס־פֿאַרהעלטענישן צווישן דער אָרטיקער ייִדישער באַפעלקערונג און דער שפּעטערדיקער ייִדיש־רעדנדיקער איינוואַנדערונג: וואָס גרעסער, אַבסאָליוט און פֿאַרהעלטניסמעסיק, ס׳איז געווען דער רוסיש־רעדנדיקער ייִדישער קיבוץ, וואָס קלענער ס׳איז געווען זיין קולטורעלע אוןווירטשאַפֿטלעכע אָפּהענגיקייט פֿון דער ייִדיש־רעדנדיקער איינוואַנדערונג, אַלץ לאַנגזאַמער איז פֿאָרגעקומען די דערמאָנטע שפּראַכלעכע אַסימילאַציע — דער איבערגאַנג צו ייִדיש, אַלס אומגאַנג־שפּראַך, און דעריבער:

ו) האָט זיך אייניקע טיילן פֿון דער אָרטיקער רוסיש־רעדנדיקער ייִדישער באַפעלקערונג איינגעגעבן צו האַלטן זייער שפּראַכלעכע זעלבשטענדיקייט לעגאַבע דער ייִדיש־רעדנדיקער איינוואַנדערונג (רוסיש אַלס אומגאַנג־שפּראַך) ביזן 17־טן יה. איינגעשלאָסן.

די ייִדישע שפּראַך, וואָס איז אַנטשטאַנען און דורכגעמאַכט איר ערשטן געשיכטלעכן עטאַפּ אין דייטשלאַנד, איז אין איר נייער היים — אין די סלאַווישע לענדער — ניט בלויז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער האַשפּאָע פֿון אַ נייער שפּראַכלעכער סוויווע — סלאַוויש, — נאָר האָט אויך אין זיך אַריינגענומען און איינגאַנצן „אויפֿגעלייזט" אַ באַדייטנדיקע רוסיש־רעדנדיקע מאַסע, וואָס האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט בלייבן אָן אַ ווירקונג אויף דער פֿאָנעטישער, לינגוויסטישער און גראַמאַטיקאַלישער אַנטוויקלונג פֿון דער אַסימילירנדיקער ייִדישער שפּראַך.

אַמדויערסטן, ווירקזאַמער און פֿרישער דאַרף זיין אין דער ייִדישער שפּראַך די ווירקונג פֿון די אַסימילירטע סלאַווישע עלעמענטן — אין די געגנטן פֿון ליטע און רייסן, ווו די שפּראַכלעכע אַסימילירונג פֿון די רוסיש־רעדנדיקע ייִדן מיט די ייִדיש־רעדנדיקע האָט זיך פֿאַרענדיקט אַ סאַך שפּעטער (און עפּשער זיינען דאָ די רוסיש־רעדנדיקע עלעמענטן אויך אַבסאָליוט און רעלאַטיוו געווען גרעסער), און זייערע לעצטע שפּורן באַגעגענען מיר נאָך אין 17־טן יאָרהונדערט.

אין מאָסקווע, אינעם מוזיי פֿון מאָלערײַ־קונסט אף א. ס. פּושקינס נאָמען איז דורכגעגאַן אַן אויסשטעלונג „מאַרק שאַגאַל. צום 100־טן געבורטסטאָג. מאָלערײַ און גראַפֿיק פֿון די פֿראַנצויזישע און סאָוועטישע מוזייען און פֿון פּריוואַטע קאָלעקציעס". מיר דרוקן דאָ איבער מאַטעריאַלן פֿון דער סאָוועטישער פּרעסע.

הונדערט יאָר שאַגאַלס פּאָעזיע

אין לאָקאַל פֿונעם מוזיי איז פֿאָרגעקומען א פּרעסע־קאָנפֿערענץ. אף די פֿראַגן פֿון סאָוועטישע און אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָבן געענטפֿערט דער דירעקטאָר אירינע אַלעקסאַנדראָוונע אַנטאָנאָווא, די אַלמאָנע פֿונעם קינסטלער וואַלענטינע גריגאָריעוונע שאַגאַל, דער דירעקטאָר פֿון שאַגאַלס מוזיי אין ניצא סילווי פֿאָרעסטיע.

שאַגאַלס ווערק אין אַזאַ מאַסשטאַב זײַנען פֿאָרגעשטעלט בא אונדז דאָס ערשטע מאָל: אַרום 90 בילדער און 200 גראַפֿישע בויגנס, די אַרבעטן זײַנען צונויפֿגענומען פֿון מאָסקווע, לענינגראַד, סאַראַטאָוו, פּסקאָוו, וולאַדיוואָסטאָק, קראַסנאָדאַר, יערעוואַן; עס ווערן באַוויזן קאָלעקציעס פֿון דעם קינסטלערס מישפּאָכע.

אין דער פּרעסע־קאָנפֿערענץ האָט אָנטיילגענומען דער סאָוועטישער פּאָעט אַנדריי וואָזנעסענסקי, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל פֿאַרן קאַטאַלאָג. אָט וואָס ער האָט געזאָגט:

„הײַנט קאָן מען זיך נאָר פֿרייען, וואָס שאַגאַל און זײַנע בילדער האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. די דאָזיקע אויסשטעלונג איז שאַגאַלס היים, אונדזער אַלגעמיינע היים. שאַגאַל האָט זייער ליב געהאַט קאָרנבלימעלעך, און די מיטאַרבעטער פֿונעם מוזיי האָבן געוואָלט אַוועקשטעלן דאָ אַזאַ בוקעט, אָבער ס'איז איצט ניט די צײַט פֿונעם יאָר, עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפֿינען קאָרנבלימעלעך. די אויסשטעלונג איז געמאַכט מיט קאָלאָסאַלער ליבע צום קינסטלער, און דאָס קאָן מען נישט ניט באַמערקן.

מאַרק שאַגאַל איז א גאונ פֿונעם יאָרהונדערט, דער בלויער פּאַטריאַרך פֿון דער וועלט־מאָלערײַ. ענדלעך וועלן זען זײַנע שעדעווערס אין די אויסשטעלונגס־זאַלן פֿון אונדזער מוזיי מענטשן פֿון זײַן היימלאַנד. אייגנטלעך, האָט שאַגאַל זיך קיינמאָל ניט געשיידט מיט רוסלאַנד. אין פּאַריז, ניו־יאָרק, סאַן־פּאָל דע וואַנס האָט רוסלאַנד אומופֿהערלעך געבליט אף זײַנע קישעפֿדיקע לײַוונטן. דער אייפֿל־טורעם שטייט בא אים אף היגערשע פּיסלעך, פּונקט ווי די זעונגען פֿון זײַן היימישער ערד. פּאַריז האָט ער אָנגערופֿן צווייטער וויטעבסק.

אף זײַנע בילדער שוועבן האָריזאָנטאַלע פֿידלער, באַלמעלאָכעס, פֿאַרליבטע. דער הימל, דער שוווּנג — דאָס איז דער נאַטירלעכער צושטאַנד פֿון שאַגאַלס פּענדזל. ס'א סאָפֿעק, צי עמעץ־ווער פֿון די קינסטלער איז געווען אַזאַ פּאָעט, ווי אָט דער זון פֿונעם וויטעבסקער הערינג־הענדלער. מעשונעדיקע קאָרנבלום־קאָלירקע הײַזקעס, רויטע הענער, רעטענישפֿולע סאַרקאַסטישע ציגן, — דאָס אַלץ האָט ער געזען מיטן אויג פֿון א פּאָעט.

ערעוו דעם איצטיקן צונויפֿגוס פֿונעם הימל מיט דער ערד, ערעוו דער קאָסמישער ערע האָט שאַגאַל אַרײַנגעפֿירט דעם הימל אינעם שטייגער, און דעם שטייגער פֿון די שטעטלעך האָט ער געלאָזט איבער הימלען. בעלקע און סטרעלקע האָבן מיט די פּאַריסענע עקן, וועלכע האָבן דורכגעשניטן דעם הימל־ראַנד, געקאָנט ווערן שאַגאַלס פּערסאָנאַזשן.

איך האָב זיך באַקאַנט מיט מאַרק זאַכאַראָוויטש שאַגאַלן אין פֿעוורואַל 1962. ס'איז געווען מאָדנע, וואָס אָט דער שטילער, שעמעוודיקער, דעליקאַטער מענטש מיט ווײַסע בערשטעלעך ברעמען, וועלכער שטאַרצט אין א פֿאַיאַצישער שרעק די אויגן, ווען עמעץ רעדט וועגן זײַן רום, איז אַמאָל געווען אַן אַנטשלאָסענער קאָמיסאַר פֿון רעוואָליוציאָנערער קונסט אין וויטעבסק.

אַנומלטן האָט מאַרק שאַגאַל געשריבן: „האַגאַם מע האַלט מיך אין דער גאָרער וועלט פֿאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן קינסטלער, און די פֿראַנצויזן זײַנען גרייט מיך אַרײַנצושטעלן אין זייערע אָפּ־

טייל, אָבער איך האַלט זיך פֿאַר אַ רוסישן קינסט־לער, און דאָס איז מיר אָנגענעם".

ביזן סאָף פֿון זײַנע טעג האָט ער געאַרבעט יעדן איינדערפֿרי. די ריזיקע לײַוונטן, וועלכע ער מאָלט מיט לײַכטע טענער, זײַנען פֿול מיט לעבן, און דאָס, עפשער, האָט פֿאַרלענגערט זײַן דורכ־פֿלײַענדיקן טערמין אויף דער ערד.

די באַדײַטונג פֿון דעם קינסטלער איז לאַכ־לוטן ניט קיין מוזייִשע, קיין היסטאָרישע. דער קינסטלער גיט אַ פֿרישן בליק אויף זאַכן. ער אַנט־וויקלט די אינטויִציע, סטימולירט אַנטדעקונג, אויפֿ־לויכט אויך אין אַנדערע ספֿערן.

אויף דער איצטיקער אויסשטעלונג וועט דער צושויער צום ערשטן מאָל זען אייניקע לײַוונטן, וועלכע זײַנען פֿאַרהיט געוואָרן אין אונדזערע מו־זייען. אָט דער שאַגאַל איז פֿאַר מיר דער איקער־דיקער — פֿונעם רוסישן פּעריאָד. דאָס איז אַ גע־דיכטער, אַקטיווער קאָליר, דער קישעף פֿון דער בײַאָלאָגיע פֿון דעם קאָליר און פֿונעם גײַסט, דער פּסיכאָלאָגיזם פֿונעם קאָליר, די עכט נאַציאָנאַלע מאָטיוון, ביבלישע ניט נאָר לויטן קאָלאָריט, נאָר אויך לויט דער לײַדנשאַפֿט פֿונעם גײַסט.

„אויך אוממעגלעכס איז מעגלעך" — די דאָ־זיקע ווערטער בלאָקס קריכן ניט אַרויס פֿונעם קאָפּ אויף דער אויסשטעלונג. דאָס אוממעגלעכע האָט געשאַפֿן אַ געניאַלער קינסטלער, דאָס אוממעגלעכע איז געשאַפֿן מיצאַד די באַמיִונגען פֿון די אָרגאַני־זאַטאָרן פֿון אָט דער אוניקאַלער אויסשטעלונג.

איך באַגריס די צושויער, איך באַגריס אונדז אַלעמען".

אין אַ פֿײַערלעכער אומגעבונג איז פֿאָרגע־קומען דער ווערניסאַזש. די אויסשטעלונג לעבט.

(„איזוועסטיִא")

אין דער שטאָט ניצאַ (פֿראַנקרײַך) איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פֿון מאַרק שאַגאַלס גראַפֿיק. אויפֿן בילד: אייניקע גראַפֿישע אַרבעטן פֿונעם גרויסן קינסטלער, וועלכע זײַנען פֿאָרגעשטעלט אויף דער אויסשטעלונג

אויך אין דער צײַטונג „פּראַוודאַ“ טרעט אַרויס אַנדריי וואָז־נעסענסקי, וועמענס אַרטיקלען פאַר דער פראַנצויזישער אויסגאַבע עס האָט אילוסטרירט מ. שאַגאַל.

דער דריטער געבורט

די לײַוונטן פונעם גרויסן קינסטלער, וועלכע פאַספאָרעסצירן געוויינלעך מיט קישעפדיקע פאַרבן, שימערירן הײַנט אויף אַ באַזונדער אויפן. נאָך אַ לאַנגן צײַט־אָפּשניט, ווען מע האָט זיי ניט געטאָרט באַווײַזן, זעען די דאָזיקע לײַוונטן די מענטשן פונעם היימלאַנד. די פרוי און די מוזע פונעם קינסטלער, וואַלענטינע גריגאָריעוונע, זאָגט: „ווי גליקלעך עס וואָלט געווען מאַרק פון אָט דעם ווערניסאַזש. ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט אויף אָט דער רגע...“ סאַכאַקל צוויי יאָר האָט דער קינסטלער ניט דערלעבט זײַן הונדערטסטן געבורטסטאָג.

פון שאַגאַלס קישעפדיקן פענדזל זײַנען געווען אַנציקט מאַיאַקאָווסקי, אַפּאָלינער, אַראַגאָן. אַנע אַכמאַטאָווא האָט געשריבן, אַז זי וואָלט געוואָלט באַזינגען איר שטאָט אויף דער ניעווא, ווי ס׳האָט באַזונגען „זײַן וויטעבסק שאַגאַל“.

פון די לײַוונטן אויף דער אויסשטעלונג קוקן אַראָפּ פּייזאַזשן פון דער שטאָט, לעבן וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן, און אײַנשטאָקיק מויערל פון ציגל מיט ווײַסע לײַסטלעך, אין וועלכן ער האָט אַמאָל געלעבט און געאַרבעט.

צווישן די וועלט־באַרימטע מאָלערײַ־שעדעווערן אויף דער אויסשטעלונג זײַנען פאַראַן אָפּאַרטן, וועלכע אילוסטרירן גאָגאָלס „טויטע נעפאַשעס“. דאָס איז אַ שוואַרץ־שנײַיקער וויכער, באַגײַסטערטע און סאַרקאַסטישע קינאָ־קאַדרען, צומאָל צעשמירטע פון דער שנעלקײַט, פונקט ווי אַראָפּגענומענע מיט אַ שוואַרץ־ווײַסעד קינאָ־קאַמער פון גאָגאָלס יאָגנדיקער טראַיקע.

שאַגאַל איז געווען אַ פּאָעט פון דער וויטעבסקער אַרעמשאַפט. ער האָט געשריבן לידער, פאַרגעטערנדיק בלאָקן. עס ווילט זיך נאָכאַמאָל דערמאָנען די ווערטער פונעם אַקאַדעמיקער ד. ס. ליכאַטשאָוו, אַז אין דער שאַפונג פונעם מײַסטער פילן זיך מאָטיוון פון דער „יידישער פאָלקס־קולטור, פון דער ווײַסרוסישער פאָלקס־קולטור און פונעם רוסישן לובאָק“. ער האָט אַנטדעקט אַן אייגנאַרטיקן סטיל פון פליִענדיקע פאַרליבטע און פון העל־רויטע שטיבלעך, אָבער אין אָט דעם סטיל זעט מען אויך די טראַדיציעס פון ברייגעלן, סעזאַנען, קאָראָ. ער האָט ליב געהאַט ווורובעלן און לעוויטאַנען. נאָך דער פּובליקאַציע פון מײַן אַרטיקל וועגן דעם קינסטלער האָב איך באַקומען אַ גרויסע לייענער־פּאַטשט. דער פּאָרזיצער פונעם אָרגאַניזאַציאָנעלן קאָמיטעט פון דעם קאָנטקענטעניש־מוזיי אין מאַלאַכאָווקע שרײַבט, אַז אין אָט דעם הינטערמאָסקווער יישוב ווערט געשאַפן אַן עקספּאָזיציע פונעם מײַסטער, וועלכער האָט אין די יאָרן 1918—1920 געלערנט מאָלן די דערציִער פון דער מאַלאַכאָווקער קינדער־קאָלאָניע. ג. וו. וולאַסאָוו פון מינסק שרײַבט מיט פאַרביטערונג, אַז נאָך אַדהײַעם איז אין וויטעבסק ניטאָ נישט קיין מוזיי פונעם קינסטלער און אפילו ניט קיין מעמאָריאַל־ברעט אויף זײַן שטיבל. די סימפּאַטיע־ראָפּאַליער יונגע קינסטלער האָבן הײַנטיקן זומער מיר געשאָנקען אַן אַפישע פון זייער אויסשטעלונג, געווידמעט שאַגאַלן. ווי גוט עס איז, וואָס די הײַנטיקע יונגע מאָלערײַ־קונסט באַהערשט די פאָטערלענדישע טראַדיציעס. נײַע צײַט געבירט נײַע זוכונג־פאָרמען, ווי עס איז געווען מיט דער אַאוקציאָן־אויסשטעלונג פון יונגע קינסטלער אונטער דער עגידע פונעם קולטור־פאָנד אין מאָסקווע.

אין שאַגאַלס מעמואַרן „מײַן לעבן“ ווערט דערציילט, וויאַזוי דאָס ייִנגל האָט זיך באַוויזן אויף דער ליכטיקער וועלט אַ לעבנסלאָזיקער. גוטע הענט, אַ פּאַטש געבנדיק, האָבן אים אומגעקערט צום לעבן. וויטעבסק האָט אים געגעבן דעם צווייטן געבורט אַלס גרויסן קינסטלער. הײַנט קומט פאָר דער דריטער געבורט פונעם קינסטלער — זײַן אומקערן זיך אין זײַן היימישן קאַנט.

(„פראַוודאַ“)

מאַרק שאַגאַלס קישעף

מ. שאַגאַלס מאָלערײַ און גראַפיק, באַזונדערס זײַנע שפּעטערדיקע אַרבעטן, ווערן באַוויזן דעם סאָוועטישן צושויער צום ערשטן מאָל. די אויסשטעלונג איז אויסגעפורעמט הויפּטזאַכלעך פון די בילדער, וועלכע עס האָט צוגעשיקט דעם קינסטלערס מישפּאָכע פון פראַנקרײַך. 50 לײַוונטן האָט געגעבן שאַגאַלס אַלמאָנע וואַלענטינע גריגאָריעוונע, אַראָפּנעמענדיק זיי פון זײַן וואַרשטאַט אין דאָרעם־פראַנקרײַך, מער פון 10 בילדער געהערן זײַן טאָכטער. די אַנדערע אַרבעטן זײַנען באַקומען געוואָרן פון דער מעלוכישער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי, פונעם מעלוכישן רוסישן מוזיי,

פון דער קונסט־אקאדעמיע, פון די מוזייען אין די שטעט סאראטאָוו, פסקאָוו, וולאדיוואָסטאָק, קראַסנאָדאַר, יערעוואַן. אין דער אויסשטעלונג האָבן אָנטיילגענומען קאָלעקציאָנערן פון מאָסקווע און לענינגראד. די צושויער קאָנען זיך באקאנען מיט אזעלכע מוסטערן פון שאגאַלס פרײַיקער שאפונג, ווי דער „אווטאָפּאָרטרעט" פון איליא ערענבורגס קאָלעקציע, ווי דאָס בילד „גרינע פארליבטע" און דער באַוווּסטער „אווטאָפּאָרטרעט מיט דער מוזע" פון. ז. גאַרדייעוועס קאָלעקציע.

שוין דער פרײַיקער אייל־עטיוד — א פּאָרטרעט פון א זקיינע מיט א קוישל פּאר שטריקערײַ, וועלכן שאגאַל האָט אָנגעהויבן צו מאָלן נאָך אין וויטעבסק אונטער דער אָנפירונג פונעם קינסטלער י. פּען, צייכנט זיך אויס מיט זײַן אויסדריקלעכקײַט. דאָס בילד „דער קליינער גאסטצימער", וואָס איז אָנגעשריבן אין א יאָר ארום נאָך די פארנעמונגען מיט רעריכן, דאָבוזשינסקין און באקסטן אין פּעטערבורג, ציט צו מיט זײַן עקספּרעסיווער צייכענונג.

אין 1910 איז דער יונגער קינסטלער צום ערשטן מאָל געקומען קיין פּאריזש און דאָרט ארײַנגעפאלן אין דער אַרביטע פון דער שאפונג פון פּיקאסאָ און בראק, זיך דערנעענטערט מיט די יונגע פּאָעטן און קינסטלער, וועלכע האָבן געשטאמט פון פארשיידענע לענדער. וועגן דער אטמאָספער פון יענער עפּאָכע רעדט „דער פּאָרטרעט פונעם פּאָעט מאזין". איינע פון די וויכטיקסטע אייגנשאפטן פון שאגאלס קונסט, וועלכע האָט זיך אנטפלעקט שוין אין די יונגע יאָרן, איז די פעיִקײַט צו דערזען אין א שטייגער־דערשײַנונג עפּעס אויסערגעוויינלעכס. אין דעם בילד „דאָס געבורט פון א קינד" ווערט גערימט דער נעס פונעם באווײַזן זיך פון א נײַ לעבן: סײַ די קאָמפּאָזיציע מיט דער געווינערן אפן פּאָדערשטן פלאן, סײַ דאָס פיגורקעלע פונעם פּאָטער פון דעם געזינד מיט א לויכטנדיק קינד אויף די הענט אין דער טיף פון דעם לײַוונט, סײַ די העלע שײַן פונעם קעראָסין־לעמפּל, וועלכן עס האלט הויך איבערן קאָפּ די אקושערקע, די שײַן, וואָס שנײַדט דורך די פינצטערניש פונעם קעלער און פארוואנדלט אין עפּעס וווּנדערלעכס דעם אינטעריער פון דעם ענגן קעמערל.

אויף דער אויסשטעלונג ווערט דעמאָנסטרירט איינע פון די בעסטע וויטעבסקער לײַוונטן פון די צײַטן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע — „דער צײַטונג־פארקויפער". אין די מילכאָמע־יאָרן, פארן אָקטיאבער, איז געווען צו מערקן דער אָנוווּקס פון וואָכעדיקע מאָטיוון אין שאגאלס שאפונג. די דאָזיקע צײַט איז אָפּגעצייכנט געוואָרן מיט א גרויסער געשעעניש אינעם פּערזענלעכן לעבן פונעם קינסטלער — מיט דעם הייראט און מיטן געבורט פון דער טאָכטער. אזוי האָבן זיך באוויזן די אינטעריערן מיט די פּאָרטרעטן פונעם ווײַב און פון דעם מיידעלע בא א דאטשע־טיש, וואָס איז באשטעלט מיט טעלער צײַטיקע יאגעדעס, לעבן דעם פענצטער, הינטער וועלכן עס עפנט זיך א וואלדלאָנקע אָדער א פארוואקסענער סאָד, — ווינקעלער פון דער רוסלענדישער נאטור, וועלכע שאגאַל האָט אזוי שטארק ליב געהאט.

אויף דער גרענעץ פון די צוואנציקער—דרײַסיקער יאָרן האָט ער אָנגעהויבן פּאָרן פון פּאריזש, ווו עס איז געווען זײַן שטענדיק וווינאָרט, קיין שווייצאריע. דאָ האָבן די פארשנייטע בארגיקע ווײַטן און וועלדער אים דערמאָנט מיט עפּעס זײַן היימלאנד. די דאָזיקע פּייזאזשן מיט זייער נאקעטער נאטור שטייען אין א זײַט צווישן שאגאלס סימבאָלישע לײַוונטן און אלעגאָריעס פונעם צווייטן פּאריזשער פּעריאָד.

די נײַע טעמע פון זײַן שאפונג — דאָס איז די איינהײַט פון דער ערדישער און הימלשער ליבע. די דאָזיקע טעמע איז אויסגעדריקט אין דעם לײַוונט „איבער דער שטאָט". די מיטצײַטלער האָבן אויפגענומען דאָס בילד ווי א דירעקטן סימבאָל פון דער ארויסבאפרײַונג פונעם מענטשלעכן גײַסט פון די ענגע קייטן פון דעם פּארשימלטן קליינבירגערלעכן וועלטל.

פון איצט אָן און אויף שטענדיק ווערט אײַנגעפונדעוועט אין שאגאלס שאפונג די טעמע פון א פרײַען אייביקן שוווּנג איבער דער וועלט, פון א גליקלעך אָדער טרויעריק שוועבן, אָפּהענגיק פון דעם זיטלעכן צושטאנד פון דער ערד, איבער וועלכער עס „הענגען" אויף א צײַט די פּערסאָנאזשן פון זײַנע זעונגען.

אינעם פּעריאָד פון דער פאטאלער פּארן גורל פון אייראָפּע פאשיסטישער אינוואזיע האָט אויף שאגאלס לײַוונטן זיך באוויזן „די שאָ צווישן דעם הונט און דעם וואָלף", ווען עס הייבן אָן ארויסקריכן די שרעקנדיקע מיט זייער זינלאָזיקײַט גילגולים, ווי א מין שפּאנענדיקער לאמטערן־סלופּ אָדער פון א מענטשלעכער פיגור מיט א קאָפּ פון א רויב־פויגל. אינעם „אווטאָפּאָרטרעט מיט א זייגער" הייבט אָן א קוקאווע, ווי דערשטיקנדיק זיך, ארומהאַוועון איבערן צימער, פליעסקענדיק מיט די אויסגעוואקסענע בא איר הענט, און אפן מאָלברעט אנטשטייט פארן מײַסטער דאָס טראגישע געשטאלט פון דער קרייצונג. אין אָט די יאָרן הערשט אויף שאגאלס לײַוונטן דאָס פארשנייטע רוסישע דאָרף, און א מאָדנע אָנקערפּערדיקע באשעפענטש — „די נעשאָמע פון דער שטאָט" אין דעם געשטאלט פון א זיך־צעווילדעוועטער איבער דער ערד זאווערוכע מיט א צארטן פּראָפיל, וואָס קלאמערט אײַן אין אירע קאלטע אָרעמס די פאלנדיקע אין כאלאָשעס „קאלע מיט א „בלאָוו" פּאָנעם".

אין דער עפּאָכע פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע אנטפּלעקט דער קינסטלער פאר אונדז וויטעבסק, וואָס סימבאָליזירט מיט זיך דאָס פּילגעפּלאָגטע רוסלאנד. די קליינינקע שטאָט מיט מויערן־הײַזער און מיט שטיינערנע קלויסטערס ווערט א מיטלפּונקט פון דעם קינסטלערס אינערלעכער וועלט באגלײַך מיט די ארכיטעקטור־רעליקוויעס פון פראנקרײַך. די דאָזיקע סימאָנים זײַנען

בײַוועזנד אין אַלע ווערק פונעם שפּעטן שאַגאַל, האַרט ביז די סאַמע לעצטע לײַוונטן מיט די כאָסן־קאַלעס און ביז דעם בילד „זיכרוינעס פונעם קינסטלער".

די שפּעטערדיקע לײַוונטן שאַגאַלס באַוווּנדערן מיט נאָך איין בוילעט אויסגעדריקטער אייגנשאַפט — מיט דער אומגעצוימטער פאַרביקער סטיכיע. עס דוכט זיך, אַז די העל־בלויע און אולטראַמאַרין־פאַרבן האָבן אויפגעהערט צו זײַן אַ פּאַשעט אויסדריק־מיטל פונעם קינסטלער און, אַרויסגייענדיק פון זײַן קאָנטראָל, אײַנגעפּאַסטע נאָך אין אַ טיוביקל, דיקטירן זיי דעם סיוזשעט פון אַ קינפטיק בילד.

מ. בעסאָנאָוואַ, עלטערע מיטאַרבעטערן פונעם מעלוכישן מוזיי פון מאָלערײַ־קונסט אַף א. ס. פּושקינס נאָמען („סאָוועטסקאַיאַ קולטוראַ").

די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" האָט פאַרעפנטלעכט מאַרק שאַגאַלס „אַ בריוו צו מײַן וויטעבסק", וועלכן ער האָט אָפּגעדרוקט אין אַמעריקע דעם 15 פעוורואַל 1944, אין סאַמע ברען פון דער אַנטיהיטלערישער מילכאָמע.

מאַרק שאַגאַל: מײַן לײַבלעכן וויטעבסק

שוין לאַנג האָב איך דיך, מײַן באַליבטע שטאָט, ניט געזען, ניט געהערט דײַן שטים, ניט גערעדט מיט דיר, מיט דײַן פאָלק, ניט אָנגעשפּאַרט זיך אין דײַנע פאַרקנס.

ווי אַ טרויעריקער וואַנדערער, האָב איך בלויז געטראָגן אַלע יאָרן דײַן געשטאַלט אַף מײַנע בילדער, און אַף אַזאַ אויפן גערעדט מיט דיר און, ווי אין אַ שפּיגל, דיך געזען.

מײַן טײַערער — האָסטו ניט געזאָגט מיט ווייטיק: פאַרוואָס בין איך, ליב האָבנדיק דיך, אַוועק פון דיר אַף לאַנגע יאָרן?

דער באָכער, האָסטו געטראַכט, זוכט עפּעס, ער זוכט אַזעלכע לויטערע, באַזונדערע פאַרבן, וואָס שיטן זיך, ווי שטערן, פונעם הימל און פאַלן, ווי שניי, אַף אונדזערע דעכער. ווו זאָל ער זיי נעמען? פאַרוואָס קאָן ער זיי ניט געפינען לעבן זיך, אין דער שטאָט, אין וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן?

עפּשער איז אָט דער באָכער לאַכלוטן ניט קיין „מעשוגענער", נאָר ס'האָט אים אַראָפּגעפירט פונעם זינען די קונסט. און נאָך האָסטו געטראַכט: אָט דעם באָכער, זע איך, בין איך אײַנגעבראָטן געוואָרן אינעם האַרצן, אָבער ער „פליט" אַלץ, רײַסט זיך אַף פונעם אָרט, עס איז בא אים אין קאָפּ „אַ ווינט".

איך האָב איבערגעלאָזט אַף דײַן ערד, מײַן היימלאַנד, די קוואָרים פון מײַנע אָוועס און פאַנאַנדערגעשאָטענע שטיינער.

פאַרוואָס זשע בין איך פון דיר אַזוי לאַנג שוין אַוועק, אויב מיטן האַרצן בין איך טאָמיד מיט דיר, מיט דײַן נײַער וועלט, וואָס איז געוואָרן אַ ליכטיקער בײַשפּיל אין דער געשיכטע?

און איך האָב געלעבט מיט דיר, אָבער ס'איז ניט געווען קיין איין בילד מײַנס, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דײַן פרייד און טרויער.

איך טרויער, ווען איך הער, ווען מענטשן, ניט פאַרשטייענדיק מײַן ליבע צו דיר, רעדן וועגן דעם, אַז איך האָב דיך פאַרגעסן. און איך קאָן ניט ענטפערן זיי אַף דעם — וואָס ענטפערן? ווייניק פאַרמאָג איך מײַנע אייגענע צאָרעס אין דער קונסט, דאַרף איך נאָך איבערלעבן און אויסשטיין ווי אַ מענטש...

אין דער יוגנט בין איך אַוועק פון דיר זיך לערנען די שפּראַך פון קונסט. איך קאָן אַליין ניט זאָגן, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אין פּאַריזש. צי איז געוואָרן רײַכער מײַן פּאַליטרע, צי איז צוגעגעבן געוואָרן עפּעס גוטס צו מײַנע נאַיווע צייכענונגען?

און מע האָט דאָך גערעדט און געשריבן, אַז איך האָב עפּעס־וואָס זיך דערשלאָגן אין דער קונסט.

און דאָס אַלץ האָב איך געבראַכט דיר און גיב עס דיר אָפּ.

אַלע יאָרן האָט מיך באַאומרויִקט איין זאַך: צי פאַרשטייסטו מיך, מײַן שטאָט, צי פאַרשטייען מיך דײַנע טוישווים?

און הײַנט װיל איך, װי קעסיידער, רעדן װעגן דיר.

װאָס האָסטו נאָר ניט איבערגעטראָגן, מײַן שטאָט! הונגער, קעלט, צעשטערונג, װי טויזנטער אַנדערע ברידער־שטעט פון מײַן היימלאַנד.

איך שטאָלציר מיט דיר, מיט דײַן גװורע און העלדישקײַט, מיטן װידערשטאַנד, װעלכן דו האָסט אַרויסגעװיזן דעם שרעקלעכסטן סוינע אַף דער װעלט.

איך שטאָלציר מיט דײַנע מענטשן, מיט זייער פרײַנטשאַפט, מיט זייער אומבייגעװודיקײַט. מיטן גרויסן זין פון דעם לעבן, װאָס דו האָסט געבויט.

דו ביסט די איינציקע פאַר מיר אין דער װעלט.

אָבער נאָך גליקלעכער װאָלט איך געװען, װען איך װאָלט געקאָנט בלאָנקען איבער דײַנע גאַסן, קלײַבן שטיינער אַף די כורװעס, העלפן, אונטערשטעלנדיק מײַנע שױן אַלטע פּלייצעס, קעדיי װידער אופשטעלן דײַנע הײַזער און גאַסן.

דאָס בעסטע, װאָס איך קאָן זיך װינטשן, — איז דערהערן, װי דו זאָגסט, אַז איך בין געװען און פאַרבליבן דיר טרײַ אַף אייביק. אַנדערש װאָלט איך ניט געװען קיין קינסטלער.

דו װעסט דאָך מיר ניט זאָגן, אַז איך בין אַ פאַנטאַזיאָר און אַ טרוימער. דו ביסט אַליין טיף אין האַרצן אויך אַזאַ.

איך גיב בלויז איבער דײַנע ריינע כאַלוימעס און קוש דיך מיט פאַרבן און ליניעס. װעסטו עפּשער איצטער זאָגן, אַז דו דערקענסט זיך ניט?

איך װייס: מער װעל איך שוין ניט געפינען די קװאָרים־שטיינער פון מײַנע עלטערן, אָבער דו װעסט װידער װערן, מײַן שטאָט, אַ גרויסע און לעבנסלוסטיקע, און אַלץ נײַע געבײַדעס װעלן אויסקלינגען די סאַמע גלענצנדיקע מעלאָדיעס, זיי װעלן רופן צו נײַע אופטוען, צום לעבן.

װען איך האָב דערהערט, אַז דער אומגליק שטייט בא דײַנע טויערן, בין איך אופגעציטערט געװאָרן און זיך פאַרגעשטעלט אַזאַ שױדערלעך בילד: דער סוינע קריכט אין מײַן הויז, אין מײַן הויף אַף פּאָקראָװסקע־גאַס, און איבער מײַנע פענצטער קלאַפּט ער מיט אָנגעגליטן אײַזן.

אָבער דו אַליין טראָגסט אים טויט, װעלכן ער האָט כּאָשער פאַרדינט, בלויז טויט און אומקום, קעדיי די װעלט זאָל קאָנען אין יאָרן אַרום אופהייבן צו דער זון איר מענטשלעך פּאָנעם.

אויב פריִער פלעג טרעפן, אַז אַ גאַנץ לאַנד האָט פאַרהיילט די װוּנדן פון איין מענטש, דאַרף הײַנט די גאַנצע מענטשהײַט העלפן אויסהיילן דיך, מײַן שטאָט, צוזאַמען מיט די עלטערע ברידער — סטאַלינגראַד, לענינגראַד, מאָסקװע, כאַרקאָװ, קיִעװ און מיט אַנדערע, מיט אַלע, װעלכע מע קאָן אָנרופן — הייליקע.

מיר, מענטשן, קאָנען ניט שטיל און רויִק זיצן און װאַרטן, ביז װאַנען די פּלאַנעטע װעט פאַרניכטעט און פאַרברענט װערן.

איך קוק אַף דיר, מײַן שטאָט, פונדערװײַטן, פונקט װי מײַן מאַמע האָט געקוקט אַף מיר פון הינטער דער טיר, װען איך בין אַרויס אַפּן װעג.

דער סוינע איז איצט בא דיר. װייניק איז אים געװען שטעכן אַף מײַנע בילדער, װעלכע ער האָט צעפליקט װי נאָר ער האָט געקאָנט, — ער איז געקומען פאַרברענען מײַן שטוב און מײַן שטאָט.

איך װאַרף אים צוריק אין פּאָנעם דאָס, װאָס ער האָט מיר אַמאָל געגעבן אין זײַן לאַנד.

זײַנע „דאָקטאָרס פון פילאָסאָפיע", װעלכע האָבן געשריבן װעגן מיר „טיפע" װערטער, זײַנען איצט געקומען צו דיר, מײַן שטאָט, קעדיי אַראָפּװאַרפן מײַנע ברידער פון דער הויכער בריק אין דער דװינע, באַגראָבן זיי לעבעדיקערהייט, שיסן, צינדן און דאָס אַלץ באַאָבאַכטן אין זייערע מאָנאָקלען מיט קאַלטע קרומע שמייכלען.

איך דאַרף מער ניט האָבן מײַנע אויגן, קעדיי קוקן אַף דעם, אויב דו װעסט מיך אפילע ראַטעװען.

אין דײַן האַרצן שלאָגט און באַגיסט זיך מיט בלוטיקע טרערן מײַן האַרץ.

איך װאָלט געװען גליקלעך ברענגען דיר אַ ידיִע װעגן פרײַהײַט, װי דו אַליין האָסט אַמאָל זי געבראַכט דער װעלט.

אינטערװיו פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ"

„װי גליקלעך ער װאָלט געװען!"

אונדזער קאָרעספּאָנדענט לעװ טאָקאַרעװ האָט געבעטן װאַלענטינע גריגאָריעװנע שאַגאַל, זי זאָל ענטפערן אַף עטלעכע פראַגן.

— עס זײַנען דורכגעגאַן פערצן יאָר, זינט איר זײַט דאָס לעצטע מאָל ביז איצט געקומען צו אונדז צוזאַמען מיט מאַרק שאַגאַל. װאָס פאַר אַ געפילן לעבט איר איבער?

— סײַ פריידיקע, סײַ שרעקלעך טרויעריקע,

ווײַל נעבן מיר איז ניטאָ מאַרק זאַכאַראָוויטש. ווי צופרידן וואָלט ער געווען ווידער זיך באַגעגע־נען מיט זײַן היימלאַנד, זײַן אַף דער דערעפענונג פון זײַן אויסשטעלונג, וועגן וועלכער ער האָט געטרוימט דאָס גאַנצע לעבן!

לעקאָוועד זײַן 90־יאָריקן געבורטסטאָג איז ער באַקרוינט געוואָרן מיט פיל קאָוועד: אַן אויס־שטעלונג פון זײַנע ווערק איז אײַנגעאָרדנט גע־וואָרן אין לוווּר, מע האָט אים באַלוינט מיטן אָרדען פונעם ערן־לעגיאָן, וועלכן ס'האָט אים איבערגעגעבן דער פּרעזידענט פון פראַנקרײַך. דעמאָלט זײַנען אַלע געווען באַווּנדערט מיט זײַנע גרויסע לײַוונטן, וועלכע ער האָט אויסגעפּילט מיט אַזאַ קינסטלערישער מעכטיקייט.

מאַרק זאַכאַראָוויטש איז געלעגן אין דעם אָרן מיט עפּעס אַ רויק, שײַנענדיק פּנים. די פראַנצויזן האָבן געטײַנעט, אַז אַזוי שטאַרבן justes. ווי אַזוי קאָן מען איבערזעצן דאָס דאָזי־קע וואָרט?

— גערעכטיקע, הייליקע, ריינע...

— יאָ, פּינקטלעך אַזוי. מאַרק איז געווען אַ הייליקער, זייער אַ ריינער מענטש סײַ אינעם לעבן, סײַ אין דער קונסט. איר ווייסט, ער איז געווען אַזאַ גוטער, געקאָנט אויסגעצייכנט אויס־קומען מיט קינדער. איך געדענק, ווי ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געווען גליקלעך, „ווען אין דער וועלט זאָל ניט שטאַרבן קיין איין קינד". דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין אײַער צײַטונג?

— יאָ.

— בײַ מאַרקן איז געווען אַבסאָליוט אָפּ־וועזנד אַריסטאָקראַטישער סנאָביזם, וועלכער איז געווײנלעך אייגנטימלעך באַרימטהײַטן. מיט אַ באַזונדער האַרציקייט האָט ער דערציילט וועגן דער קינדערשער אַרבעטער־קאָלאָניע אין מאַלאַ־כאָווקע, וווּ ער האָט פונעם יאָר 1918 ביז דעם יאָר 1920 אונטערריכטעט מאָלערײַ.

— דערלויבט, וואַלענטינע גריגאָריעווּנע, שענקען אײַך דעם נומער פון דער „ליטעראַטור־נאַיאַ גאַזעטאַ", וווּ עס זײַנען ניט לאַנג צוריק אָפּגעדרוקט לוי אַראַגאָנס לידער וועגן שאַגאַלן. נאָך אַט דער פּובליקאַציע איז אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע אַן אינטערעסאַנטער בריוו פון דער מאָסקווער אײַנוווינערן פּיאַלקאָווא־קולטשיצ־קאַיאַ, וועלכע האָט זיך געלערנט אין אָט דער קאָלאָניע.

— די דערציילונג וועגן דער מאַלאַכאָווקער קאָלאָניע גייט אַרײַן אין אַלע מאָנאָגראַפיעס און ביכער וועגן שאַגאַלן. ער אַליין האָט אָפט גערעדט וועגן אָט דעם פּעריאָד פון זײַן לעבן אין רוס־לאַנד.

— צי אײַך דערגייען די פּובליקאַציעס פו־נעם סאָוועטנפאַרבאַנד?

— יאָ, פאַרשטייט זיך, אָבער ניט אַלע. איך ווייס, אַז אין אײַער פּרעסע שרײַבט מען היינטיקס יאָר אַ סאַך וועגן מאַרק שאַגאַלן און זײַן שאַפונג. מיט צוויי יאָר צוריק האָט אײַער צײַטונג אָפּגע־דרוקט פראַגמענטן פון זײַן בוך „מײַן לעבן". דער קונסטקענער אַלעקסאַנדער קאַמענסקי האָט גע־שאַפן אַ גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן שאַגאַלס שאַ־פונג.

בײַ מאַרק זאַכאַראָוויטשן זײַנען דאָ פאַראַן אַ סאַך פרײַנט.

מאַרק האָט ליב געהאַט רוסלאַנד איך גע־דענק, אַז בעשאַס זײַן פאַריקן באַזוך האָט ער מיך געפירט איבער דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי, גע־ווען אַנציקט פון זײַן באַליבטן לעוויטאַן. אַדאַנק אים האָב איך אַף אייביק זיך אײַנגעליבט אין ווּרובעלס „בעז". און ווען מיר זײַנען געקומען קיין לענינגראַד, האָט ער בוכשטעבלעך זיך גע־ריסן צו דערזען די קלאַסן, וווּ ער האָט זיך גע־לערנט בײַ ניקאָלײַ רעריכן. איך קאָן ניט פאַרגעסן, ווי אַזוי מאַרק האָט אין פּערעדעלקינאָ זיך ניט גע־קאָנט אָנשפּיגלען אין די בעריאָזעס, אַנגעריירט זיי, געגלעט, גערעדט וועגן דעם, ווי זיי פעלן אים אויס אין פראַנקרײַך...

איך באַקום טויזנטער בריוו פון פאַרערער פון מאַרק שאַגאַלס שאַפונג פון פאַרשיידענע לענ־דער. איך סטאַרע זיך, ווי ווײַט איך בין בעקויעך, ענטפערן אַף זיי. איך בין זייער פאַרנומען, ווײַל איך פאַרמאָג, ווי מע זאָגט אין פראַנקרײַך, „מאָראַ־לישע רעכט" אַף דער שעפערישער ירושע פון מאַרק שאַגאַלן. ביכער, מאָנאָגראַפיעס, אַלבאָמען קאָנען דערשײַנען בלויז מיט מײַן דערלויבעניש.

נאָך באַם לעבן פונעם קינסטלער האָט די פראַנצויזישע רעגירונג אויסגעבויט אין ניצאַ אַ געבײַדע פאַר „שאַגאַלס מוזיי", וווּהין מיר האָבן איבערגעגעבן בילדער, צייכענונגען, ליטאָגראַפיעס, ביכער, דאָקומענטן. צוזאַמען מיט מיר איז גע־קומען צו פאָרן דער דירעקטאָר פונעם מוזיי מאַ־דאַם סילוויע פאָרעסטיע. מאַרק שאַגאַלס 51 לײַוונטן האָב איך אַף דער אויסשטעלונג פאָרגע־לייגט פון מײַן קאָלעקציע. דאָס בילד „דער בלויער מאָלער" האָט אַף דער אויסשטעלונג איבערגעגעבן דער דאָקטאָר אַרמאַנד האַמער.

ס'איז טרויעריק, וואָס מאַרק זאַכאַראָוויטש איז איצט ניטאָ מיט מיר. איך בין איבערצײַגט, אַז ווען ער וואָלט דערלעבט ביזן הונדערטסטן גע־בורטסטאָג, וואָלט ער געפונען קויעך צו קומען קיין מאָסקווע. מאַרק שאַגאַל איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין זײַן היימלאַנד, ווי ער וואָלט גליקלעך געווען!

„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ"

אלא גראטשאווא

אינעם בלויען הימל פונעם גורל

מארק שאגאל אינעם מאָסקווער צענטראלן מוזיי פון מאָלערײַ־קונסט אף א. ס. פושקינס נאָמען — דאָס איז ווי דער קינסטלער וואָלט זיך אומגעקערט אין זײַן היימלאַנד, מיט וועלכן זײַן נעשאָמע האָט זיך קיינמאָל ניט צעשיידט.

נאָך גאָר ניט לאנג צוריק פלעגט מען שאַגאלן, וועלכער איז אנערקענט געוואָרן אין דער גאנצער וועלט אלס גרויסער רוסלענדישער קינסטלער און האָט געטרײַ ליב געהאט זײַן ערד, אָפּזאָגן אין דעם רעכט זיך צו רופן זײַן זון. „מארק שאגאל איז דער זון פון וויטעבסק", — האָט געשריבן די פראנצויזישע צײַטונג „מאָנד". „מארק שאגאל איז א פראנצויזישער מאָלער און גראפיקער", — האָט מיטגעטיילט די סאָוועטישע ענציקלאָפעדיע. מיר האָבן איבערצײַגט אין דעם אויך אנדערע: אין פראָגער נאַציאָנאלער גאלעריי געפינען זיך שאגאלס ווערק אינעם אָפּטייל פון דער פראנצויזישער מאָלערײַ, און ניט אינעם אָפּטייל פון דער רוסישער קונסט.

א פילקעפּיקער האמוין אינעם מוזיי אף א. ס. פושקינס נאָמען איז א לאנג דערוואַרטע באגעגעניש פונעם קינסטלער מיט זײַן לאנג וואַרטנדיקן צושויער.

דאָס גאנצע לעבן (שאגאל איז געבוירן געוואָרן דעם 7 יול 1887 אינעם שטעטל ליאָזנע הינטער וויטעבסק און איז געשטאָרבן אין עלטער פון 97 יאָר דעם 28 מארט 1985 אין פראנקרײַך) האָט ער עקסטאטיש געשילדערט די שטאָט פון זײַן קינדהײַט — „דעם קישעפדיקן וויטעבסק", ווי עס האָט אָנגערופן זײַן מאָלערײַ־פּאָעמע אנא אכמאטאָווא.

„איך האָב געלאָזט אף דײַן ערד, מײַן היימלאַנד, קוואָרים פון מײַנע אָוועס און צעשאָטענע שטיינער... איך האָב ניט געלעבט מיט דיר, אָבער ס'איז ניט געווען קיין איין בילד מײַנס, וואָס האָט ניט אָפּגעשפּיגלט דײַן פרייד און דײַן טרויער".

שאגאלס לײַוונטן, אויסגעשטעלטע אין די מוזיי־זאלן, זײַנען די בעסטע איידעס דערפון. אפילע ווען ער שילדערט סען־פּאָל־דע־וואנס, ווו ער האָט דורכגעלעבט די לעצטע צוואנציק יאָר, — די שטאָט, וואָס „לויפט אראָפּ־בארג, ווי א סטאדע שאָף", שווימט אונטער די שטראַלן פון דער שקיִע־זון איבער איר אין דער הייך ווי א טונקעלער וואָלקן דער אפדערנאכטיקער וויטעבסק. א קינסטלער מיט זײַן פּאליטרע און א מיידל מיט א בוקעט קווייטן היטן די רו פון אָט די צווײ פּאָליוסן פון שאגאלס וועלט.

די צײַט האָט זיך אָפּגעשטעלט אף שאגאלס באפליגלטן זייגער. די בילדער, וועלכע זײַנען געשאפן געוואָרן סײַ אין צען, סײַ אין דרײַסיק, סײַ אין פופציק יאָר ארום, — „פארליבטע איבער דער בריק", „דאָס בלויע דאָרף", „די הייליקע מישפּאָכע", ווי אויך, אין טאָך, אלע אָן אן אויסנאם בילדער זײַנע, — דאָס זײַנען פּאָעטישע דערינערונגען, א פארקישעפטער כאָלעם, וועלכער פלעגט אוועקטראָגן דעם קינסטלער אין די טעג פון זײַן יוגנט.

וויטעבסק פון יענער, קימאט הונדערטיאָריקער ווײַט מיט נעבעכדיקע הײַזקעס, קרומע געסלעך און אײַנגעזונקענע גאַס־לאמטערנס, מיט פויערשע כאסענעס און לעווײַעס — זײַן שטאָט, א טרויעריקע און א פריילעכע, אן איבערגעשטאלטיקטע דורך דער ליבע אָן שום טײַנעס־אומטײַנעס צו די בלוט־אייגענע ערטער, — איז אופגעקומען פארן בליק פון יונגן שאגאל א ריינע און א וווּנדערשיינע און אזא פארבליבן אין זײַן מאָלערײַ.

מיט פארליבטע אויגן קוקט דער קינסטלער אף זײַן ערד, און זי ווערט אף זײַנע לײַוונטן א קיניגרײַך פון פארליבטע, פון פידלער, וואָס שוועבן אינעם אולטראמארינעוון הימל צווישן בלומען; פון פאנטאסטישע כײַעס, מער אומגעווײנלעכע, איידער אין סאמע פארכאפנדיקע מײַסעס: פערד, קי, הענער, אָט בייזע, אָט כיינעוודיקע, פיש, וועלכע, טראָגן אלע געזעצן, שווימען אינעם הימל. די ערד־גראוויטאציע האָט ניט קיין מאכט איבער די געשטאלטן פון שאגאלס אלוועלט, און זיי טראָגן זיך ארום אינדערלופטן, און יענע, וואָס האָבן זיך יאָ אראָפּגעלאָזט, שטייען אף דער ערד ניט פעסט, אזויווי קאָסמאָנאווטן נאָך א פלוג. דערבײַ פארייניקט דער קינסטלער, א ניט געצוימטער מיט באדינגלעכקײַטן, אין זײַנע פעיערישע קאָמפּאָזיציעס, ווי עס דאכט זיך, אומפארײניקבארע זאכן אף אזויפיל נאטירלעך, ווי זיי וואָלטן געווען א גאנצלעכע איינהײַט און אין זיי וואָלט פולסירט אן איינהײַטלעכער דויפעק.

לוי אראגאָן האָט געשריבן וועגן שאגאלס פאנטאסטישער וועלט: „דאָס דאָזיקע לאנד פון וואָגלאָזיקײַט, ווו א מענטש שיידט זיך לעגאמרע ניט אונטער פון א פויגל און אן אייזל ווײנט אף די הימלען, ווו א באליביקע זאך פארוואנדלט זיך אין א צירק־פאָרשטעלונג און ווו ס'איז זייער באקוועם גיין אפן קאָפּ, נייטיקט זיך ניט אין א דערקלערונג... אין שאגאלס שאפונג איז דאָ אן אייגענע דיאַלעקטיק, פארן אײנציקן מוסטער פון וועלכער אנערקען איך שעקספּירס „כאָלעם אין א זומערדיקער נאכט".

שאגאלס שאפונג איז אן אויטאָביאָגראפישע. אויב זײַן קונסט, — האָט ער זיך מודיע גע־ווען, — האָט ניט געשפּילט קיין שום ראָליע אינעם לעבן פון זײַנע קרוויים, האָט זייער לעבן געווירקט אַף זײַן קונסט. „די טאטע־מאמע זײַנען געווען מײַן שול. איך האָב זיך געלערנט, ווען כ'האָב געקוקט אַף מײַן פאָטער און געזען, ווי שווער ער ארבעט, ווי ער טרינקט טיי, רייכערט, ווי ער ווערט פארמאטערט. כ'האָב זיך געלערנט, ווען כ'האָב געזען מײַן מוטער קאָכן אין דער קיך פאר אכט קינדער. דערנאָך בין איך אויסגעוואקסן און האָב דערזען יונגיטשקע מיידלעך, אַף אזוי־פיל כיינעוודיקע, אז כ'וואָלט בעשום־אויפן ניט געוואגט זיי אָנצורירן. דאָס אלץ איז מײַן שול. און דאָס אלץ איז פאראן אַף מײַנע בילדער".

אינעם בוך „מײַן לעבן" דערמאָנט זיך שאגאל אין זײַן זיידן, א קאצעוו פון ליאָזנע, וועלכער האָט געהאט א טעווע ארופקריכן אַפן דאך, זיך אײַנאָרדענען באַם קוימען און קלײַבן נאכעס פונעם ביינהאשמאָשעס; אין זײַן פעטער, א פידלער א ליבהאָבער, וועלכער האָט געשפּילט אין אָוונט.

ס'איז אדורך א ביסל צײַט, און גרינע, בלויע, פיאָלעטאווע פידלער האָבן גענומען ביז מעשוגאס צו פידלען אַף די דעכער פון די קרומע שטיבלעך פון שאגאלס מאָלערישער אלוועלט, גלײַך ווי רופנדיק אונדז אין א יאריד־באלאגאן פונעם לעבן פון דעם וויטעבסקער שטעטל, אינעם נעבעכדיקן און בונטן, אָבער שטענדיק באליכטענעם מיט ליבע און הומאָר.

שאגאלן אליין וועט מען אָנרופן „דער פיד־לער אַפן דאך פונעם מאָדערניזם". ניין, ער האָט ניט געהאלטן פון קיין שום „איזמען", מע קאָן אים ניט פארעכענען אין קיין שום מאָלערײַ־שול. „איך האָב ניט געוואָלט זײַן ענלעך אַף אלע איבעריקע, איך וויל זען די וועלט אַף א נײַעם אויפן!"

ער האָט ניט געוואָלט שילדערן בלויז יענץ, וואָס ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן. אונדזער אינערלעכע וועלט, — האָט באהויפּטעט שאגאל, — איז א רעאלקייט א סך מער מא־מאשעסדיקע, איידער דאָס, וואָס רינגלט אונדז ארום.

געקומען אין 1910 קיין פּאריז, ווו קוביסטן און פאָוויסטן האָבן געפּראוועט א רעוואָליוציע אין דער קונסט, האָט דער 23־יאָריקער פּראָווינציאל זיך ניט געלאָזט פירן פון דער מאָדע. פון דעם שיידוועג פון די קינסטלערישע ריכטונגען האָט ער זיך געלאָזט מיט זײַן אייגענעם וועג, דער טאָך און די נעשאָמע פון זײַנע לײַוונטן זײַנען גע־בליבן ווירקלעך „שאגאליש". אין די בילדער פונעם פּאריזשער פּעריאָד, פארגעשטעלטע אַף דער אויסשטעלונג, פארייניקט שאגאלס שוועבנ־דיקער קויעך־האדימיען די פארגאנגענהייט מיטן קעגנווארט, דעם אייפל־טורעם, א באליכטענעם מיט א יאָמטעוודיקן רעגנבויגן, און א שרעקעוודיקן שטערן איבער די דעכער פון וויטעבסק, וועלכער איז אײַנגעטאָן אין דער אָפּדערנאכטיקער רו.

א. וו. לונאטשארסקי, וועלכער האָט געשריבן אין יענער צײַט פארצײַכענונגען וועגן רוסישע קינסטלער אין פּאריז, האָט באזוכט שאגאלס אטעליע און באמערקט אין זײַן שאפונג, ווײַזט אויס, דעם סאמע איקער: „קוידעמקאָל פארינטע־רעסירט ער ווי אן אייגנארטיקער דיכטער. דער־בײַ א דיכטער, וואָס שטרעבט אויסצודריקן זײַן אויסנעמלעכע נעשאָמע גראפיש, פארביק און דערגרייכט דאָס אייגנארטיק".

נאָך דער רעוואָליוציע נאָמינירט דער נאר־קאָם (פאָלקס־קאָמיסאר) לונאטשארסקי שאגאלן, וועלכער האָט זיך אומגעקערט אהיים ערעוו דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, פאר א באפולמעכטיקטן איבער די קונסט־איניאָנים אין וויטעבסקער גו־בערניע. שאגאל האָט זיך געשטעלט אין וויטעבסק בעראָש פון דער קינסטלערישער שול, ווו מאלע־וויטש, דאָבוזשינסקי, ליסיצקי, פּוני און שאגאלס ערשטער לערער אליין יעהודע פּען האָבן געלערנט 500 יונגע טאלאנטן.

אין דעם ערשטן יאָרטאָג פון דער רעוואָליו־ציע איז די שטאָט באפּוצט געוואָרן מיט פארביקע לײַוונטן, אויסגעפּילטע לויט שאגאלס עסקיזן, און איבער דער שול האָט געפלאטערט א פאָן מיט א געמעל פון א מענטשן אַף א גרין פערד און אן אויפשריפט: „שאגאל — פאר וויטעבסק".

די וויטעבסקער טוישווים האָט שאגאל „בא־זעצט" איבער דער גאָרער וועלט, מיט זײַנע פּייזאזשן האָט ער באפּוצט די געבײַדע פון דער אונאָ, די „מעטראָפּאָליטען־אָפּערא" אין ניו־יאָרק, טעמפּלען אין ריימס, מעץ, ציריך, דעם פּלאפאָן פון דער פּאריזשער „גראנד־אָפּערא". איבערפּראזירנ־דיק פּאסטערנאקן, האָט ער געהאט רעכט צו זאָגן: „כ'האָב די גאנצע וועלט געצוווּנגען צו וויינען איבער דער שיינקייט פון מײַן ערד..."

לויט די פריע, נאָך ניט פּערפעקטע ארבעטן פון 1914—1916 יאָרן — „א פארוווּנדעטער סאָלדאט", „וויטעבסק, אײַזנבאן־סטאנציע", „א זאקן און א זקיינע" — קאָן מען זיך מעשאער זײַן, אז שאגאל דער גראפיקער וועט ארויסגייען אַף איין ניוואָ מיט שאגאלן דעם מאָלער, אויב ער וועט ניט איבערשטײַגן אים. די גראוויור־טעכניק האָט ער באהערשט אין 1922 אין בערלין, ווו לויט א באשטעלונג פון א בערלינער פארלעגער האָט ער צוגעגרייט דעם ביאָגראפישן בוך „מײַן לעבן", אן אילוסטרירטן מיט אייגענע געמעלן און אָפּאָרטן. דער בוך מיט א ווידמונג: „מײַנע עלטערן, מײַן ווײַב, מײַן היימשטאָט" איז שפּעטער ארויסגעגעבן געוואָרן אין פּאריז, און אין בערלין איז אין 1923 דערשינען אן אלבאָם מיט שאגאלס צוואנציק גרא־ווירן.

מיט דער גראפיק פלעג ער זיך פארנעמען א סך און מיט כיישעק. דער רום פון זײַנע גראפי־שע ארבעטן האָט דערגרייכט צו פּאריז. אמברואז וואלאר, א קאָלעקציאָנער און א פארלעגער, האָט באשטעלט שאגאלן אילוסטראציעס צו גאָגאָלס פּאָעמע „טויטע נעפאָשעס".

אַף איינער פון די גראווירן האָט שאגאל געשילדערט זיך אליין לעם גאָגאָלן. צוויי סטיכייען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אינײנעם, צוויי טאלאנטן זײַנען צוגעגאן איינער צום אנדערן, ווי א שליסל צו א שלאָס, און פאר דער צעפּראלטער טיר איז אויפגעקומען א וווּנדערלעך בילד: 96 ליטאָגראפיעס

צו גאַגאָלס פּאָעמע, וועלכע מע רופט אַן רוסישע „איליאַדע”. די דאָזיקע סעריע האָט דער קינסטלער איבערגעגעבן דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי מיטן אופשריפט: „מיט דער גאַנצער ליבע פונעם רוסישן קינסטלער צו זײַן היימלאַנד”. מע וואָלט געקאָנט בלויז באַגריסן, ווען גאָגאָלס פּאָעמע וואָלט בא אונדז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט די אילוסטראַציעס פון שאַגאַלן.

נאָך די „טויטע נעפאַשעס” האָט וואָלאַר פאַרגעלייגט דעם קינסטלער אויספורעמען לאַפאָנטענס „מעשאָלים” — דער דאָזיקער שעדעווער פון הומאָר און פײַנקייט איז פאַרגעשטעלט געוואָרן אויף דער אויסשטעלונג — און, לעסאָף, די ביבל, וועלכע, צום גרויסן באַדויערן, איז דאָ אַפּוועזנד. שאַגאַלן האַלט מען פאַר איינעם פון די בעסטע אויספאַרמירער אירע. גראַד פאַר דער גראַפיק איז אים צוגעייגנט געוואָרן די ערשטע פּרעמיע אויפן ביענאַל אין ווענעציע אין 1948.

צווישן די גראַפישע אַרבעטן זעען מיר א סעריע ליטאָגראַפיעס, געווידמעט וו. מאַיאַקאָווסקין. אין זײַן רייע האָט מאַיאַקאָווסקי געשענקט דעם קינסטלער א בוך זײַנע לידער מיטן אופשריפט: «Дай бог, чтоб каждый так шагал, как Шагал». („האַלעווײַ זאָל יעדער שפּאַנען אַזוי, ווי שאַגאַל”). זיי זײַנען ניט געווען נאָענטע פרײַנט. לויטן כאַראַקטער — א פולע קעגנזעצלעכקײַט. וואָס זשע האָט זיי דערנעענטערט איינעם צום אַנדערן? ווארשײַנלעך יענץ, וואָס זיי ביידע האָבן געדינט צוויי מוזעס — דער דיכטונג און דער מאָלערײַ? דער דיכטער מאַיאַקאָווסקי איז דערצו געווען א קינסטלער, דער קינסטלער שאַגאַל — אויך א דיכטער.

ס׳וואָלט געווען אפילע מאָדנע, ווען שאַגאַל, דער דאָזיקער ראָמאַנטיקער שעבעראָמאַנטיקער, א ראָמאַנטיקער פון קאָפּ ביז די פיס, וואָלט ניט געשריבן קיין לידער. זיי זײַנען געווען פאַר אים נאַטירלעך, ווי דאָס אָטעמען: וואָס פאַר א כילעק — א וואָרט אָדער א זיפץ?

יענץ לאַנד איז מײַנס,
וואָס געפינט זיך אין מײַן נעשאָמע.
ווי אַן אייגענער, אָן פּאַפּירן,
גיי איך אין דעם אַרײַן.
עס זעט מײַן אַזמעט און עלנט,
עס לייגט מיך אײַן שלאָפן...[1]

און אָט איז נאָך איינע שאַגאַלס סטיכיי: די פעיערישע סעריע „צירק” — א פאַרביקע קישעפמאַכערײַ, פרייד און סימכע. „צירק איז א מאַגיש וואָרט, — פלעג זאָגן שאַגאַל, — א טויזנטיאָריקע שפּיל, א טאַנץ מיט טרערן און געלעכטער, א שפּיל פון הענט און פיס, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א הויכער קונסט... אין אַלע צײַטן איז דאָס א דורכדרינגענדיקער געשריי פונעם מענטשן, וועלכער זוכט זאַרגלאָזיקייט און פרייד...”

דער ראָמאַנטיקער שאַגאַל האָט געלעבט אין א רעאַלער וועלט, זיך אָפּרופנדיק אויף אירע לײַדן און ווייטיקן. מיט זײַן קונסט האָט ער אָנטיילגענומען אינעם קאַמף פון גוטס מיט שלעכטס.

„די שליסלען פון האַרמאָניע און גליק דאַרף מען זוכן אין זיך אַליין. מיר האַלטן זיי אין די אייגענע הענט. אַלץ, וואָס איך האָב געפּרוּווט טאָן, איז א שוואַכער פּרוּוו צו וואַרפן אַן אַרויסרוף דער ברוטאַלקײַט”.

געפינענדיק זיך בעשאַס דער צווייטער וועלטמילכאָמע אין אַמעריקע, האָט שאַגאַל מיט אומרו און שטאָלץ געשפּירט נאָכן ווידערשטאַנד פון אונדזער לאַנד דעם פאַשיזם. ער האָט געשענקט עטלעכע בילדער דעם פאָנד פון הילף דעם ראַטנפאַרבאַנד. לאָמיר פאַרגעדענקען א פראַזע פון זײַן בריוו „צו מײַן שטאָט וויטעבסק”, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין א ניו־יאָרקער צײַטונג אין 1944: „מיר, מענטשן, קאָנען ניט שטיל און רויִק וואַרטן ביז די פּלאַנעטע וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַש”.

די לעצטע אויסשטעלונג פון מאַרק שאַגאַלס לײַוונטן בא זײַן לעבן, וועלכע איז פאָרגעקומען אין ענגלאַנד אין 1985, איז פאַרלענגערט געוואָרן לויט דעם קינסטלערס ווילן אויף איין טאָג, וועלכן מע האָט אָנגערופן „שאַגאַלס טאָג פאַר עטיאָפּיע”: די געזאַמלטע מיטלען זײַנען באַשטימט געווען צו הילף די לײַדנדיקע פון הונגער אַפריקאַנער.

שאַגאַל האָט אומדערמידלעך געהאָרעוועט מער פון דרײַ פערטל יאָרהונדערט און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַזויפיל לײַוונטן, געמעלן, ביכערַאילוסטראַציעס, קעראַמיק, פרעסקעס, וויטראַזשן, טעאַטראַלע דעקאָראַציעס, אַז זײַן יערושע קאָן מען פאַרגלײַכן בלויז מיט דער אומגעהײַערער שעפערישער יערושע פון פּיקאַסאָ.

געקומען אַהיים אויף דער דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג פון זײַנע גראַפישע אַרבעטן אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי, האָט דער 86־יאָריקער קינסטלער געזאָגט: „איך האָב זיך גאָר ניט געפילט אַלס עמיגראַנט. עס האָט מיר געדאַכט, אַז ווײַט פונעם היימלאַנד בין איך געווען נאָך נעענטער צו דעם... און ניט מײַן שולד איז, וואָס מערסטנטייל האָב איך פיזיש ניט געהערט דער לײַבלעכער ערד”.

ער האָט איר געשענקט זײַן ליבע, האָפנדיק בלויז אויף איינס — אויף פאַרשטאַנד. מאָלנדיק זײַנע פידלער, גליקלעכע פאַרליבטע, שוועבנדיקע אינעם בלויען הימל, האָט שאַגאַל, ווארשײַנלעך, מער פון א באַליביקן אַנדערן קינסטלער פון אונדזער צײַט, געבנדיק פליגל זײַנע פערסאָנאַזשן, באַפליגלט אויך אונדזער פאַנטאַזיע. דעריבער, קאָן זײַן, האָט יורי טריפאָנאָוו געשריבן: „שאַגאַלס פליִענדיקע פאַרליבטע — דאָס זײַנען מיר אַלע, די, וואָס שווימען אינעם בלויען הימל פונעם גוירל”.

(זשורנאַל „נאָוואָיע ווערעמיאַ”, 1987, נומ. 41)

[1] זע „סאָוועטיש היימלאַנד”, 1985, נומ. 7, ז. 98.

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

איליא לוקאָמסקי

(1954 — 1906)

נאָך אין די קינדער־יאָרן האָט איליא לוקאָמסקי אַרויסגעוויזן גרויסע מאָלערײַ־פֿעיִקײַטן. ווען ער איז אַלט געוואָרן 16 יאָר, איז ער אָנגעקומען זיך לערנען אין וויטעבסק. צווישן זײַנע לערער זײַנען געווען באַרימטע קינסטלער נ. טשערנישאָוו, ק. איסטאָמין, פּ. קוזנעצאָוו, וו. פֿאַוואָרסקי, ל. ברוני.

בעשאַס דער לער און נאָכן ענדיקן דעם קינסטלערישן אינסטיטוט, איז לוקאָמסקי אַ סך אַרומגעפֿאָרן איבערן לאַנד, זיך באַקאַנט מיט דער גראַנדיעזער בויונג פֿונעם נײַעם לעבן, מיט דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פֿון דער אינדוסטריע. ער האָט געמאָלט אויף די נײַ־בויונגען, אין די שאַכטעס, אין די מיליטער־טיילן פֿון דער רויטער אַרמיי, אויפֿן פֿלאָט. מיט באַגײַסטערונג אַרבעט לוקאָמסקי אויף פּאָרטרעטן פֿון זײַנע מיטצײַטלער, באַמיט זיך אַנטפּלעקן אונטער דער אויסערלעכער באַשיידנקײַט שטאַרקע כאַראַקטערן, די אינערלעכע רײַכקײַט און די נאָבלקײַט פֿון די סאָוועטישע מענטשן. דער יונגער מאָלער נעמט אויף מיט באַגײַסטערונג די קאָמוניסטישע אידעאַלן.

לוקאָמסקיס באַאָבאַכטונגען פֿונעם לעבן זײַנען געווען ביז גאָר אַקטיוו. ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין צושויער — אַלעמאָל אַן אָנטיילנעמער. אויף די שאַכטעס איז ער געווען אַ שאַכטיאָר, אויף די נײַ־בויונגען — אַ בויער. אָט אַזוי שאַפֿט ער זײַנע בילדער און פּאָרטרעטן. נאָך אין 1929 זײַנען געווען אויסגעשטעלט זײַנע אַרבעטן, געווידמעט דער העראָיִשער קאַנטאָנער קאָמונע (אויף דער אויסשטעלונג „קונסט — אין די מאַסן").

אי. לוקאָמסקיס בילד „אין שטורעם פֿון קוילן", וואָס האָט זיך עקספּאָנירט אויף דער אויסשטעלונג „15 יאָר פֿון סאָוועטנמאַכט", געפֿינט זיך אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי. אויף דער אויסשטעלונג „15 יאָר פֿון דער רויטער אַרמיי" איז זייער הויך אָפּגעשאַצט געווען זײַן בילד „דער רעוואָיענסאָוועט פֿון דער באַזונדערער רויטפּאַניקער ווײַטמיזרעכדיקער אַרמיי". צום גרויסן באַדויערן, איז דאָס בילד פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אויף אייביק. אין 1937 האָט זיך אויף דער אויסשטעלונג „אינדוסטריע פֿונעם סאָציאַליזם" עקספּאָנירט זײַן באַרימטע אַרבעט „דער זאַוואָדישער פּאַרטקאָם" (איצט געפֿינט זי זיך אינעם מעלוכישן רוסישן מוזיי אין לענינגראַד), וועלכע האָט באַקומען אַ גרויסע געזעלשאַפֿטלעכע אָנערקענונג. אין איר האָט זיך בולעט אַנטפּלעקט דער טאַלאַנט פֿון דעם קינסטלער, די טיפֿע אופֿריכטיקײַט פֿון זײַן שאַפֿונג.

נאָך דער אויסשטעלונג „אינדוסטריע פֿונעם סאָציאַליזם" האָט לוקאָמסקי מיט גרויס היסלײַוועס געאַרבעט איבערן בילד וועגן לענינען, געמאַכט צענדליקער עטיודן, נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פֿאָטערלענדישע מילכאָמע, און לוקאָמסקי האָט ניט באַוויזן צו פֿאַרווירקלעכן זײַן טרוים. אַלס מיליטערישער קינסטלער פֿון דער סטודיע אויף גרעקאָווס נאָמען איז ער די גאַנצע צײַט געווען אויף די פֿראָנטן. ער האָט אָנטיילגענומען אין דער גרויסער שלאַכט אויף דער וואָלגע, געאַרבעט אינעם באַלאַגערטן לענינגראַד, אויף אוקראַיִנע, געשטורעמט בערלין.

אין אַ גרויסער סעריע פֿון גראַפֿישע און מאָלער־אַרבעטן האָט לוקאָמסקי דערציילט וועגן די פּראָסטע סאָוועטישע מענטשן — פּאַרטיידיקער פֿונעם היימלאַנד, וועגן די העלדן און פֿאַלקנפֿירער. זײַנע בעסטע ווערק געפֿינען זיך אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי. זײַן גרויס בילד „די שוווּע פֿון די סטאַלינגראַדער" האָט זיך עקספּאָנירט אויף דער אַלפֿאַרבאַנדישער אויסשטעלונג אין 1950, אויף אַנדערע אויסשטעלונגען און האָט זיך פֿיל מאָל רעפּראָדוצירט. אין דעם לעצטן יאָר פֿון זײַן לעבן האָט לוקאָמסקי געאַרבעט אויף אַקוואַרעלע פּאָרטרעטן פֿון די באַרימטע פֿליִער פֿונעם טאַמאַנסקער אוויִאַפּאָלק. די דאָזיקע קונסטווערק זײַנען פֿול מיט מענטשלעכקײַט, גײַסטיקער שטאַרקײַט און שיינקײַט.

קינסטלער איליא לוקאָמסקי

אויטאָפּאָרטרעט. 1950



טערנאָפּאָל. 1944

די שוווּע פון די פּאַרטיידיקער פון סטאַלינגראַד. 1950

דאָס מיידל פונעם אעראָקלוב. 1953

דער פּאָרטרעט פון אירינע ראַקאָבאָלסקאיא. 1953

דער סאַניטאַר־אינסטרוקטאָר דאָרע שאַכנאָוויטש
פֿון סטאַלינגראַד. 1943

מיטיילונגען אין די צײַטונגען „איזוועסטיִא" (פון אויבן) און „סאָוועטסקאַיאַ קולטורא" וועגן דעם ספעקטאַקל פונעם מאָסקווער טעאַטער אף ק. ס. סטאַניסלאַווסקיס נאָמען „שאָלעם-אַלייכעם-גאַס, 40"

Дело было на улице Шолом-Алейхема

В понедельник, 21 сентября, по I программе ЦТ— «УЛИЦА ШОЛОМ-АЛЕЙХЕМА, 40» — телевизионный вариант спектакля, который с большим успехом идет на сцене Московского драматического театра имени К. С. Станиславского.

Рассказывает режиссер-постановщик, заслуженный деятель искусств Грузинской ССР Александр ТОВСТОНОГОВ.

— Знаю, что некоторые зрители причину успеха спектакля находили в политической его особенности, поскольку рассказывает он о выезде евреев из СССР. Но это уж очень упрощенное понимание. Мне кажется, главное в том, что драматургу Аркадию Ставицкому удалось показать нравственную позицию людей в экстремальных ситуациях, причем правдиво, жизненно. И, конечно, предопределил успех ансамбль актеров, особенно впечатляло исполнение роли матери Риммой Александровной Быковой.

О Римме Александровне, мне кажется, следует сказать особо. Я помню ее еще по пятидесятым годам на сцене Театра имени Ленинского комсомола в Ленинграде. Видно было — это личность в театре. Но актерская ее судьба долго не складывалась. Паузы между заметными ролями продолжались порою годами. Не везло ей с пьесами, не везло с театрами. И это притом, что ее всегда считали одаренной актрисой. Я рад, что Римме Александровне удалось так впечатляюще явить свое мастерство. Мне не просто говорить тем, кто не видел спектакля. Надеюсь, после премьеры на телеэкране вы сами в этом убедитесь.

На снимке: Р. Быкова в сцене из спектакля.

За призрачным счастьем

— 1 пр., 19.30 и 21.50.

Два брата, врач и ученый, приезжают из Москвы к родителям, чтобы сообщить им о своем решении выехать за рубеж — такова завязка спектакля «Улица Шолом-Алейхема, 40», поставленного режиссером А. Товстоноговым по пьесе А. Ставицкого в Московском драматическом театре им. К. С. Станиславского.

Вскоре после сценической премьеры наша газета писала: «Трагедия слабого человека вызывает жалость. Трагедия сильного — боль... Мать, жившая ежедневной надеждой увидеть своих сыновей, боится эту надежду навсегда потерять. И, кажется, физически ощутимо рвется ее сердце между вечными этими любовями: дочерней — к Родине и материнской — к сыновьям».

Спектакль «Улица Шолом-Алейхема, 40» появился в театре два года назад. А теперь — его премьера на телеэкране.

В ролях: Р. Быкова, Л. Сатановский, В. Коренев, Е. Клищевская, Ю. Мальковский и другие.

● *Р. Быкова.*

יעהודי מענוכינס גאַסטראָלן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד

אין נאָיאַבער 1987 זײַנען באַ אונדז אין לאַנד דורכגעגאַנגען גאַסטראָלן פֿונעם באַרימטן פֿידלער יעהודי מענוכין. אויף זיי האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט סײַ מוזיק־ליבהאָבער, סײַ פּראָפֿעסיאָנאַלן. די סאָוועטישע פּרעסע האָט ברייט פּובליקירט מאַטעריאַלן אין שײַכעס מיט י. מענוכינס אַרויסטרעטונגען. נאָך זײַן ערשטן קאָנצערט דעם 10־טן נאָיאַבער אינעם קאָלאָנען־זאַל פֿונעם פֿאַרייניגטן־הויז, וווּ ער האָט אויסגעשפּילט סאָנאַטעס פֿון בראַמסן, באַרטאָקן און בעטהאָווענען, האָט די צײַטונג „איזוועסטיִא" געשריבן אינעם נומער פֿונעם 11־טן נאָיאַבער, אַז דער נאָמען פֿון דעם דאָזיקן פֿידלער פֿון גרויסבריטאַניִע איז באַוווּסט דער וועלט זינט 1927, ווען דאָס שפּילן פֿונעם 11־יאָריקן ייִנגל האָט אויפֿגעטרייסלט פּאַריזש... נאָך דעם זײַנען געווען שווייץ, פּשאַ, ענגלאַנד... זעכציק יאָר פֿון טריומף. די דערפֿאָלגן האָבן אים ניט פֿאַרדרייט דעם קאָפּ. מענוכין האָט אַ סך געהאָרעוועט, אָפּגעגעבן האָנאָראַרן אויף אײַנאָרדענען מוזיקאַלע פֿעסטיוואַלן, ער האָט אָרגאַניזירט אין ענגלאַנד אַ שול פֿאַר מוזיקאַליש־באַגאַבטע קינדער, אין וועלכער, לויט זײַן אייגענער אָנערקענונג, ער האָט אויסגענוצט מעטאָדן פֿון עסטעטישער דערציִונג פֿון סאָוועטישע מוזיקאַלע שולן.

י. מענוכין האָט שוין לאַנגיאָריקע פֿאַרבינדונגען מיט אונדזער לאַנד. מיט פֿערציק יאָר צוריק איז ער אַרויס אויף דער בינע צוזאַמען מיט אונדזערע פֿידלער דאַוויד אויסטראַך און זײַן זון איגאָר.

די אָוואַציעס, מיט וועלכע דער אוילעם האָט באַגעגנט יעהודי מענוכינען, האָבן איבערגעשטיגן אַלע האָפֿענונגען פֿון זײַנע לאַנגיאָריקע פֿאַרערער. אויף דעם קאָנצערט אין אָנדענק פֿון דאַוויד אויסטראַך, וואָס איז פֿאָרגעקומען אינעם זאַל אויף פּ. אי. טשײַקאָווסקיס נאָמען, זײַנען אויף דער בינע ווידער געווען צוזאַמען יעהודי מענוכין און די אויסטראַכס — איגאָר און זײַן זון וואַלערי, דאַוויד אויסטראַכס אייניקל. אין דער באַגלייטונג פֿונעם סימפֿאָנישן אָרקעסטער פֿון דעם קולטור־מיניסטעריום אונטער דער אָנפֿירונג פֿון געננאַדי ראָזשדעסטווענסקי האָבן זיי אויסגעשפּילט דעם דרײַפֿאַכן קאָנצערט פֿון באַכן.

ערעוו דעם דאָזיקן קאָנצערט האָט יעהודי מענוכין געשריבן פֿאַר דער צײַטונג „סאָוועטסקאַיִא קולטוראַ":

„מײַן רײַזע קיין סאָוועטנפֿאַרבאַנד איז ניט קיין געוויינלעכע גאַסטראָל־טורנע. פֿאַר מיר איז עס אַן אומקער אין היימלאַנד פֿון מײַנע אָבֿות, צו מײַנע אורקוואַלן, אַ פֿאַרווירקלעכונג פֿונעם לאַנגיאָריקן טרוים וועגן דער באַגעגעניש מיט די מענטשן, וואָס היטן די בעסטע טראַדיציעס פֿון דער גרויסער רוסישער קולטור. די אײַנלאַדונג, וועלכע איך און מײַן ווײַב דיִאַנע האָבן באַקומען פֿונעם קולטור־מיניסטעריום פֿון ס.ס.ס.ר., האָט אונדז פֿאַרשאַפֿט גרויס פֿרייד.

דער דאָזיקער גאַסטפֿרײַנטלעכער זשעסט איז זײַער אַ סימבאָלישער, איך באַטראַכט אים אַלס פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער שטרעבונג פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק צו אַן אָפֿנהאַרציקן, טיפֿן און אַלץ אַרומנעמענדיקן דיִאַלאָג מיט פֿאָרשטייער פֿון דער מײַרעוודיקער קולטור. אין אונדזערע טעג איז אַזאַ דיִאַלאָג, וואָס באַזירט זיך אויף יעסוידעס פֿון עמעס, צוטרוי און האָפֿענונג, זייער וויכטיק אויף אַלע

ניוואָען פון מענטשלעכע קאָנטאַקטן, אַף וויפל מיר אַלע זייַנען הייַנט פאַרזאָרגט מיט דער צוקונפט פון אונדזער פּלאַנעטע. קעדיי אויספילן אונדזער כויוו פאַר אונדזערע קינדער ניט צו דערלאָזן דעם אומקום פון אונדזער ציוויליזאַציע, מוזן מיר זיך פאַרייניקן. בלויז געמיינזאַם, בלויז אַדאַנק אַ העראָאישער אָנשטרענגונג, וועלן מיר קאָנען בייַקומען אומפאַרמייַדלעכע שטערונגען און דערגרייכן דעם געגאַרטן ציל — דעם שאָלעם.

איך זאָג דאָס סייַ אַלס מוזיקער, סייַ אַלס מענטש, סייַ אַלס בירגער פון דרייַ מעלוכעס: פשא, גרויסבריטאַניע און שווייץ. עס וואָלט זיך מיר געוואָלט אויסניצן די געלעגנהייַט און איבערגעבן דעם הער מיכאַיל גאָרבאַטשאָוו די ווערטער פון מייַן 92־יאָריקער מוטער, וועלכע האָט מיך געבעטן אויסדריקן איר סאַמע אופריכטיקע און טיפע דאַנקבאַרקייַט דעם מענטשן, וועמענס טעטיקייַט ס'האָט דערלויבט אופבליצן אַ האָפענונגסשטראַל, דעם מענטשן, וועלכער האָט אופגערופן אָפצוזאָגן זיך פון דער זעלבסטפאַרניכטונג־אידיי און זיך אומקערן צום קלאָרן פאַרשטאַנד.

וואָס איז שייַך מייַנע פאָרשטייענדיקע אַרויסטרעטונגען, איז דאָ האָט מיך באַזונדערס פאַרכאַפּט די מעגלעכקייַט צו שפּילן אינעם קאָנצערט, געווידמעט דעם אָנדענק פון מייַן ליבן קאָלעגע דאַוויד אויסטראַך, אין וועלכן עס וועלן אָנטיילנעמען פאָרשטייער פון צוויי דורעס פון דער דאָזיקער וווּנדערלעכער מוזיקאַלער מישפּאָכע — איגאָר און וואַלערי אויסטראַך, ווי אויך איינער פון די אָנגעזעענסטע דיריגענטן פון דער הייַנטצייַטיקייַט געננאַדי ראָזשדעסטווענסקי און זייַן פּרעכטיקער אָרקעסטער. מיט גרויס פרייד טרעט איך אַרויס צום ערשטן מאָל אינעם לעבן אין מאָסקווע און לענינגראַד אין סאָלאָ־קאָנצערטן מיט דער גלענצנדיקער סאָוועטישער פּיאַניסטקע וויקטאָריע פּאָסטניקאָווע".

מיט זייַנע געדאַנקען וועגן יעהודי מענוכינס שאַפונג האָט זיך געטיילט דער באַרימטער סאָוועטישער פידלער, קינסטלערישער אָנפירער פונעם אָרקעסטער „וויירטואָזן פון מאָסקווע" וולאַדימיר ספּיוואַקאָוו. אין זייַן אַרטיקל, פאַרעפנטלעכט אין דער וואָכנשריפט „מאָסקאָווסקיִע נאָווּאָסטי" דעם 15־טן נאָיאַבער פאָריקס יאָר, האָט ער געשריבן, אַז ווען ער טראַכט וועגן אַזעלכע גרויסע פּערזענלעכקייַטן, ווי יעהודי מענוכין אָדער דאַוויד אויסטראַך, קינסטלער־אינטערפּרעטאַטאָרן פונעם XX יאָרהונדערט, קומען אים אָפן געדאַנק מייערכאָלדס ווערטער וועגן דעם, אַז אַ שעפער פאָרמירן דרייַ באַדינגונגען: טאַלאַנט, הויכע מוסטערן און שטערונגען. שטערונגען ניט בלויז פּאָליטישע, סאָציאַלע, נאָר אויך פּסיכאָלאָגישע, פיזישע. די מענטשן זעען דעם דערפּאָלג, די בלומען, אָבער זיי באַמערקן ניט, אַז אַן אַרטיסט, פּונקט ווי יעדער שטערבלעכער, עלטערט זיך. ניט מיטן גייַסט, נאָר מיטן לייַב, מיט מוסקולן. אַ שטערונג קאָן ווערן אויך די אייגענע געניאַלקייַט.

בא מענוכינען איז געווען אַ קאָלאָסאַלער מוסטער — זייַן לערער דזשאָרזשע ענעסקו, אַ פּערזענלעכקייַט אַן אוניקאַלע, נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעשאַצטע אין דער קונסט־געשיכטע. ווען מע האָט דאָס אַכטיאָריקע ייִנגעלע געבראַכט צו פירן צו דזשאָרדזשע ענעסקו, האָט יענער מיט כידעש אויסגעשריגן: „איך ווייס ניט, וואָס קאָן איך אים לערנען!" וו. ספּיוואַקאָוו האַלט, אַז דאָס געשטאַלט פונעם געניאַלן רומענישן מוזיקער דינט אַדהייַעם אַלס מוסטער יעהודי מענוכינען.

„אין מענוכינס שאַפונג באַצויבערן קוידעםקאָל די פּאָעזיע, האַרמאָניע, פולקומע צונויפגיסונג פון דער פּערזענלעכקייַט און מוזיק, — שרייַבט וו. ספּיוואַקאָוו. — איך האָב פיל מאָל געהערט זייַנע קאָנצערטן. מיר האָבן זיך ניט איין מאָל באַגעגנט אַלס זשורי־מיטגלידער — אין לאָנדאָן, ווו ער איז געשטאַנען בעראָש פונעם צווישנפעלקערלעכן קאָנקורס אַף קאַרל פלעשס נאָמען, אין גענויע, ווו ער איז געווען דער ערןפּרעזידענט פונעם יובילײ־קאָנקורס אַף פּאַגאַניניס נאָמען. איך האָב דערשפּירט זייַן וווּנדערלעכע זאָרג בענעגייע דער יוגנט, זייַן גוטסקייַט, זייַן מיטגעפיל.

מענוכין איז אַ ווידערשפּרעכלעכע פיגור. הייַנט קאָן ער געבן קאָנצערטן צו הילף ייִסראָעל, און אין צוויי וואָכן אַרום — אין פאָנד פאַר די פּאַלעסטינער פּליטים.

מענוכין איז ניט בלויז אַן ערשטראַנגיקער פידלער, אַרטיסט, נאָר אויך אַ קולטור־טוער מיט אַ שאַרפן יוישער־געפיל. ער האָט ניט איין מאָל גערעדט וועגן דעם, אַז מיט זייַן שאַפונג שטרעבט ער מיטצוהעלפן דער פאַרפעסטיקונג פון שאָלעם.

דעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָט דער מוזיקער באַזוכט עטלעכע מאָל. צום ערשטן מאָל — אין 1945, אינגיכן נאָך דער מילכאָמע, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט דאַוויד אויסטראַכן. זיי זייַנען געווען גוטע־פרייַנט, האָבן צוזאַמען געשפּילט. ניט צופעליק איז דער איצטיקער וויזיט פון מענוכינען פאַרבונדן מיט די קאָנצערטן אין אָנדענק פון זייַן גרויסן קאָלעגע. און דאָ קאָן איך ניט נישט זאָגן אָט וועגן וואָס. עס זייַנען פאַראַן ניט ווייניק מוזיק־קאָנקורסן לעקאָוועד איצט לעבנדיקע מוזיקער — זינע פראַנטשעסקאַטי אין איטאַליע, לעקאָוועד מענוכינען אַליין. אָבער ס'איז ניטאָ קיין פידלער־קאָנקורס, וועלכער וואָלט געטראָגן דאַוויד אויסטראַכס נאָמען. ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אַזאַ קאָנקורס קלייַבט מען זיך אָרגאַניזירן אין מילאַן, איז מיר פּאָשעט אַ בושע געוואָרן. ס'איז באַוווּסט, אַז אָדעס, ווו ס'איז געבוירן געוואָרן און האָט זיך געלערנט דאַוויד אויסטראַך, איז אַרויסגעטראָטן מיטן פאָרשלאָג אָרגאַניזירן אַזאַ קאָנקורס. דער קאָמפּאָזיטאָרן־פאַרבאַנד האַלט אונטער אַף קאָלעדזשײַ אויפאַנים די דאָזיקע איניציאַטיוו. אָבער דאָס קולטור־מיניסטעריום קאָן אַלץ נאָך ניט לייזן די פּראָבלעם. עס דאַכט מיר, אַז אויך דער פעסטיוואַל, וועלכן עס פירט דורך די עסטלענדישע פילהאַרמאָניע אין פּיאַרנו, ווו אויסטראַך פלעג אָפּרוען אין פאַרלויף פון אַ סאַך יאָרן, וואָלט אויך געקאָנט ווערן אַ צווישנפעלקערלעכער".

יעהודי מענוכינס אַרויסטרעטונגען אין מאָסקווע און לענינגראַד זייַנען בעלי־סאָפּעק אַ רייַזיקע געשעעניש אין אונדזער קולטור־לעבן.

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו

אינעם שרײַבער־הויז אין איר־פען (הינטער קיִעוו). פון לינקס אַף רעכטס: אויזער האַלדעס, אווראָם קאהאן, פאָלקס־ארטיסט פון אוססר מיכאיִל ראמענסקי, יעווגען קראָטע־וויטש. 1964

יעכיִעל פאליקמאן (לינקס) שמועסט מיטן פראָטאָטיפּ זײַנעם א העלד. ערשטע העלפט פון די 60־ער יאָרן.

אפן פײַערלעכן אָוונט אין מאָסקווע, געווידמעט דעם 100־טן געבורטסטאָג פון מענדעלע מויכער־ספאָרים. פון רעכטס אַף לינקס — עס זיצן לעאָניד לעאָנאָוו, ביניאָמין זוסקין, שלוימע מיכאָעלס, קארל ראדעק, דאָוויד בערגעלסאָן; עס שטייען לייב פּולווער, שמועל האלקין. 1936

אױף דער ערשטער אלפארבאנדישער באראטונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. מאָסקווע,
5 אווגוסט 1934

אויף דער באגעגעניש מיט א גרופע קאָמיוגיסטן פון די צוואנציקער יאָרן אין דער רעדאקציע פון
„סאָוועטיש היימלאנד”. ערשטע העלפט פון די 60־ער יאָרן

יויסעף ראַבין

א שווערן פאַרלוסט האָט געליטן די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור. דעם 9־טן דעקאַבער 1987 איז געשטאָרבן יויסעף ראַבין, איינער פון די אָנהייבער פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע.

יויסעף ראַבין איז געבוירן געוואָרן אין 1900 אין גראָדנע, ווײַסרוסלאַנד. אין די יאָרן 1918—1919 איז ער געווען פּאַרזיצער פונעם אומלעגאַלן קאָמיטעט פון דעם ווילנער קאָמיוג. אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, אַרבעטנדיק אין א מאָסקווער דרוקערײַ, האָט ער דעביוטירט אין דער ליטעראַטור מיט דערציילונגען און לידער. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פונעם מאָסקווער זשורנאַל „יונגוואַלד", סעקרעטאַר פון דער ייִדישער סעקציע פון דער מאָסקווער אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער (מאַפּפּ), מיטגליד פון די רעדקאָלעגיעס פון די ליטעראַרישע זשורנאַלן „מיר גייען", „פּיאָנער". אין די יאָרן 1936—1937 האָט ער געלעבט אין ביראָבידזשאַן, געווען פּאַרזיצער פון דער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. אין פאַרשיידענע צײַטן איז ער געווען א מיטגליד פון די רעדקאָלעגיעס פונעם זשורנאַל „פּאַרפּאָסט", פון די ליטעראַרישע אַלמאַנאַכן „אָקטיאַבער", „סאָוועטיש", אין די 60־ער יאָרן — פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אין 1934 איז ער געווען א דעלעגאַט פונעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער. אין דער ערשטער העלפט פון די 40־ער יאָרן — אָנטיילגענומען אין דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע.

אין 1930 פאַרעפנטלעכט י. ראַבין זײַן ערשטן ראָמאַן „שוועסטערקינדער", וועלכער האָט באַקומען אנערקענונג מיצאַד דער קריטיק און די לייענער. פון דעמלט אָן דערשײַנען זײַנע פּראָזע־ווערק יאָר נאָך יאָר, צווישן זיי — די ראָמאַנען „בוזי דובין", „דער וועג איז אָפן", די זאַמלונגען דערציילונגען „אין לײַטערונג", „אין טעג פון מיטן מיטוואָך", „מײַנע אייגענע" און אנד. נאָך דער מילכאָמע און אין משך פון די לעצטע יאָרצענדליקער גייען אַרויס זײַנע ראָמאַנען „באַם ניעמאַן", „אין פאַרשיידענע יאָרן", „כאוועלע געפען", „איך זע דיך, ווילנע", „מײַן טײַערער צעדרייטער", „לייע און איר מאַמע", „העשל דער סטאָליער און זײַן איייניקל", „ראָזע קאַדיש און איר זון", ווי אויך זאַמלונגען דערציילונגען און זיכרוינעס. ניט לאַנג פאַרן טויט האָט ער איבערגעגעבן דער רעדאַקציע א ראָמאַן „אין יענע יאָרן", אין וועלכן עס ווערן געשילדערט געשעענישן אין דער צײַט פון סטאַלינס פּערזאָנען־קולט (דער ראָמאַן וועט פאַרעפנטלעכט ווערן אין די נאָענטסטע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד").

פאַר י. ראַבינס שאַפונג איז געווען כאַראַקטעריסטיש קעמפערישע רעוואָלוציאָנערע לײַדנשאַפט, ברייטע שילדערונגען פון סאָציאַל־היסטאָרישע געשעענישן, פאַרטיפטע פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען. זײַנע ווערק זײַנען דורכגעדרונגען מיט דינער איראָניע, מיט פּאַטעטישער לירישקײַט, זיי זײַנען רעאַליסטיש און לעבנסוואָרהאַפטיק. יויסעף ראַבין איז געווען א מײַסטער פון שאַפן פּסיכאָלאָגיש־אויסגעפורעמטע געשטאַלטן און מענטשלעכע כאַראַקטערס.

קאָוועד זײַן אָנדענק!

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

צינבערג, ייִסראַעל
(1873—1939)

— ליטעראַטור־היסטאָריקער. געבוירן אין שטעטל לאַנאָוויץ, וואָלינער גובערניע, אין א מישפּאָכע פון אן ארענדאר. הויכע בילדונג באקומען אין אויסלאנד. נאָכן פארענדיקן דעם פּאָליטעכניקום אין קארלסרוע (דײַטשלאנד), ווו ער האָט שטודירט כעמיע, באקומען דעם טיטל אינזשעניער־כעמיקער. אריבערגעפאָרן קיין שווייצאריע, דאָרט פארטיידיקט א דיסערטאציע און באקומען דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע. אין 1898 קערט ער זיך אום קיין רוסלאנד, באזעצט זיך אין פּעטערבורג, פארוואלטעט מיט דער כעמישער לאבאראַטאָריע אפן פוטילאָווער זאוואָד, ווו ער האָט אָן איבערײַס געארבעט ביזן סאָף פון זײַן לעבן. אלס ליטעראַטור־היסטאָריקער איז ער אנערקענט אין געביט פון פאָרשן די ייִדישע קולטור אַף העברעיִש, רוסיש, ייִדיש, דײַטש און אנדערע שפּראכן, אָנגעהויבן פונעם מיטלאלטער און ביזן צוואנציקסטן יאָרהונדערט.

זײַנע ערשטע וויסנשאפטלעכע ארבעטן אין ייִדיש און אין רוסיש פארעפנטלעכט ער אין 1900. אין 1901 ווערט ער א שטענדיקער מיטארבעטער אין דער ייִדיש־רוסישער פּרעסע (אין די זשורנאלן „וואָסכאָד", „סוואָבאָדא אי ראווענסטוואָ", „יעווריייסקי מיר", „יעווריייסקאָיע אָבאָזרעניע", „נאָוואָסכאָד", „יעווריייסקאיא ניעדעליא און אנד.). דרוקט פאָרשערישע ארבעטן אין „וואָסכאָד" („שיילאָקס אָפּשטאמונג", „צווייִ שטרעמונגען אינעם ייִדישן לעבן") און היסטאָרישע זאמלביכער „פּערעזשיטאָיע" („די ערשטע סאָציִאליסטישע אָרגאנען אין דער ייִדישער ליטעראטור", ב. 1, „פּיסארעווטשינע אין דער ייִדישער ליטעראטור"; ב. 2, „די פאָרגייער פון דער ייִדישער זשורנאליסטיק אין רוסלאנד", ב. 4), אויך אינעם היסטאָרישן זשורנאל „יעווריייסקאיא סטארינא". פּיל קויכעס גיט ער אָפּ דער זעכצנבענדיקער „יעווריייסקאיא ענציקלאָפּעדיִא" (1908—1913), אין וועלכער ער רעדאַגירט דעם אָפּטייל „נײַ־העברעיִשע און ייִדישע ליטעראטור". דאָרט דרוקט ער גרעסערע פאָרשונגען („די נײַ־העברעיִשע ליטעראטור", „פּערײַאָדישע פּרעסע", „האסקאָלע" און אנד.), ארטיקלען וועגן באזונדערע שרײַבער (אבראמאָוויטש, פּערעץ, שאָלעם־אליייכעם, מענדעלסאָן, אכאד־האָאָם, ליליִענבלום, לעווינזאָן און אנד.), ווי אויך וועגן מיטלאלטערלעכע פּאָעטן (יעהודע האלייווי, אימאָנועל האָרוימי). פון גרויסן וויסנשאפטלעכן באדײַט איז צינבערגס מאָנאָגראפיע אַף רוסיש „די געשיכטע פון דער ייִדישער פּרעסע אין רוסלאנד אין פארבינדונג מיט די געזעלשאפטלעכע שטרעמונגען" (1916), פאר וועלכער ער האָט באקומען די פּרעמיע פון דער „געזעלשאפט צו פארשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן אין רוסלאנד" („אָפּע"), די געשיכטע פון דער פּרעסע איז דערפירט ביזן 1881 יאָר און כאפּט ארום די צײַטונגען און זשורנאלן אַף דרײַ שפּראכן — ייִדיש, העברעיִש און רוסיש. י. צינבערג האָט זיך באצויגן פּאָזיטיוו צו דער אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור אַף ייִדיש. אין 1903 האָט ער פארעפנטלעכט אין „וואָסכאָד" זײַן ארבעט „די געשיכטע פון דער זשארגאָנישער ליטעראטור און אירע לייענער" — איינע פון די ערשטע פּרווון אין געביט פון ייִדישער ליטעראטור־געשיכטע.

ער האָט מיטגעארבעט אין דער ערשטער ייִדישער טעגלעכער צײַטונג „דער פרײַנט" און האָט באקעמפט די קעגנער פון דער ייִדישער שפּראך. אין 1915 איז ער צוגעטראָטן צו זײַן פונדאַמענטאלער ארבעט „געשיכטע פון ליטעראטור בא ייִדן". דאָס איז א וויסנשאפטלעכער אופטו אין אָט דעם געביט, וואָס האָט ביז הײַנט ניט אָנגעווירן זײַן גרויסע ליטערארישע־היסטאָרישע ווערט. ער דרוקט אויך ארטיקלען וועגן פּערעצן און ביאליקן. נאָך שאָלעם־אליייכעמס טויט רעדאַגירט ער צוזאמען מיט ש. ניגערן א זאמלונג, געווידמעט דעם אָנדענק פונעם גרויסן שרײַבער. נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע

האָט ער פאָרגעזעצט זײַן שעפּערישע טעטיקייט אין די יידיש־רוסישע זאמלביכער „יעוורייסקאיא מיסל", „יעווריייסקי אלמאנאך", „יעווריייסקאיא ליעטאָפּיס" (לענינגראד). י. צינבערג איז ניט געווען קיין מארקסיסט. אלס טעאָרעטיקער איז ער געווען אַן אָנהענגער פון דער קולטור־היסטאָרישער שול פון איפּאָליט טען און געאָרג בראנדעס אין מײַרעוו־אייראָפּע און פּיפּין און וועגנעראָוו אין רוסלאנד. דערמיט איז עפשער צו דערקלערן, וואָס זײַן וויסנשאפטלעכע ליטעראטור־היסטאָרישע טעטיקייט איז אין אייניקע פאלן קריטיקירט געוואָרן אין דער סאָוועטישער ליטעראטור־קריטיק פון די צוואנציקער און דרײַסיקער יאָרן. ער איז אָבער געווען אנערקענט ווי א באדײַטנדיקער געלערנטער, וועלכער האָט א סאך אופגעטאָן פאר דער יידישער קולטור.

ווערק: וואָס טוט זיך אָף דער וועלט. קראָקע, 1900; ייצכאָק־בער לעווינזאָן (רוסיש). פּעטערבורג, 1900; די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין רוסלאנד (רוסיש). פּעטערבורג, 1916; קולטור־היסטאָרישע שטודיעס. ניו־יאָרק, 1949; געשיכטע פון דער ליטעראטור בא יידן, 10 בענדער. 1920—1966.

ביבליאָגראפיע: ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב. 3; ה. אלעקסאנדראָוו, ייסראָעל צינבערג און זײַן ארכיוו. זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", 1965, נומ. 2 און 3; ז. קאהאן, ייסראָעל צינבערג. דאָרט, 1973, נומ. 12; ב. אָרשאנסקי, „צײַטשריפט", ב. 5. מינסק, 1931; א. רייזען, עפּיזאָדן פון מײַן לעבן, ב. 2. ניו־יאָרק, 1949; ש. ניגער, צווייספּראכיקייט פון אונדזער ליטעראטור. דאָרט, 1941; דער זעלבער, יידישע שרײַבער אין סאָוועטן־רוסלאנד. דאָרט, 1958; דער זעלבער, בלעטער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור. דאָרט, 1959; מ. עריק, צײַטונג „ליטעראַרישע בלעטער". ווארשע, 1927; ז. ליבינזאָן, י. דאָברושין און זײַנע בריוו צו י. צינבערגן און א. גורשטיינען. זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", 1983, נומ. 12.

САМОУЧИТЕЛЬ ЕВРЕЙСКОГО (ИДИШ) ЯЗЫКА

ז׳עלבסטלערער פון ייִדיש

Часть II

ОСНОВНОЙ КУРС

Методические указания

Назначение «Основного курса» — усвоение словарного запаса и грамматических явлений, необходимых для понимания читаемых текстов.

В соответствии с целевой установкой на обучение пониманию читаемого главное внимание уделяется языковым явлениям, отличающимся от соответствующих им в русском языке.

Работу над усвоением учебного материала следует строить по указаниям к каждому разделу и заданию. Кроме того, надо ясно представить себе методику выполнения отдельных видов работы по языку.

Как вести словарь

К текстам уроков прилагаются списки новых слов, расположенных в алфавитном порядке. Это дает вам возможность составить свой еврейско-русский словарик или словарную картотеку, которые помогут вам в дальнейшем при чтении и других текстов. Словарную тетрадь можно вести тоже по принципу алфавитного расположения слов. Каждой из нижеследующих 22 букв надо выделить по несколько страниц для записи слов, начинающихся с данной буквы. Последовательность буквенных рубрик в словарной тетради:

1—א; 2—אָ; 3—ב; 4—ג; 5—ד; 6—ה; 7—וו; 8—ז; 9—ט; 10—י; 11—כ; 12—ל; 13—מ; 14—נ; 15—ס; 16—ע; 17—פּ; 18—פֿ; 19—צ; 20—ק; 21—ר; 22—ש.

Большую пользу приносит ведение словарной картотеки: все новые слова заносятся на карточки ($^1/_{16}$ листа писчей бумаги). Перевод слов желательно писать на обороте. Заучивание, повторение и контроль производятся путем перелистывания карточек и перевода с идиша на русский и наоборот. Карточки тоже расставляются в алфавитном порядке.

О запоминании слов

Запоминание слов обычно бывает основной трудностью при усвоении языка, особенно взрослыми, и к этому надо быть готовым. Слова «сами по себе» не запомнятся. Вам нужно будет проделать большую и систематическую работу по овладению самым необходимым словарным запасом.

Пониманию и запоминанию новых слов способствует сознательное их осмысление.

Встречая новое слово, старайтесь подмечать сходство с аналогичным русским словом. Это касается прежде всего интернациональных слов, например, «комбайн», «лозунг», «реакция», «вагон» и др.; во-вторых, это слова, вошедшие в идиш из славянских языков (русского, украинского, белорусского, польского), например:

1) ס׳אָסנע; 2) בערי׳אָזע; 3) סט׳אדע; 4) כלאָפ׳אָטשען; 5) כמ׳ארע און אנדערע

1) сосна; 2) берёза; 3) стадо; 4) хлопотать; 5) «хмара» *(туча) и др.*

Важно также научиться подмечать родство некоторых новых слов с уже известными. Так, например, встречая слово [а́рбэтэр] — «*рабочий*», нетрудно заметить его родство со знакомым словом [а́рбэтн] — «*работать*», новое слово [бо́йэр] — «*строитель*» со словом [бо́йэн] — «*строить*» и т. п.

Те, которые изучали английский, французский и особенно немецкий языки, могут среди новых слов встретить «старых знакомых». Так, знающие английский язык, заметят родство таких слов, как английское “hundred” и еврейское [hу́ндэрт], “thousand” и [то́йзнт]; знающие французский — “bleu” и [блой]. Что же касается немецкого, то количество сходных слов неимоверно велико: “Tisch” и [тиш] “Stadt” и [штот], “ich” и [их] и т. д., и т. п.

Однако и после такого сознательного анализа останется определенное количество слов, которые надо просто выучить и запомнить!

Одним из наиболее эффективных способов усвоения слов является сознательное и внимательное выполнение всех видов упражнений. Особое внимание уделяйте предлогам, союзам, наречиям — этим «маленьким словам», которые хотя и трудно укладываются в памяти, но являются очень важными для понимания читаемого.

Самое главное — не запускайте эту работу, ведите ее повседневно и помните, что чем активнее и сознательнее будет ваша работа над словами, тем скорее вы овладеете языком.

Как учить слова

1. Читайте слово вслух, читать надо несколько раз, чтобы усвоить произношение и запомнить звучание слова. Обращайте внимание на ударение. Установите точно ударный слог и делайте на нем очень сильное ударение, остальные слоги произносите слабее.
2. Знакомьтесь по словарю с переводом слова.
3. Выучите слова. Существительные запоминайте сразу с определенным артиклем и формой множественного числа. Глаголы запоминайте сразу в неопределенной форме — инфинитиве, а с XII урока — и в форме партиципа (причастия прошедшего времени).
4. Переписывая слова, старайтесь запоминать и воспроизводить написание целых слов.
5. Напишите новое слово по памяти несколько раз, чтобы лучше его запомнить.

Как учить грамматические правила

1. Прочтите внимательно правило и проанализируйте приведенные примеры.
2. На материале упражнений и ключей к ним проверяйте, насколько правильно вы усвоили правило и умеете его применять для понимания читаемого.

Как читать текст

Читать нужно громко вслух. Сначала читайте текст медленно, соблюдая правила чтения.

Добивайтесь правильного понимания текста и при необходимости обращайтесь к словарю и к грамматическим правилам.

Когда содержание станет для вас совершенно ясным, читайте выразительно текст, и столько раз, сколько нужно для достижения беглости.

Обращаем ваше внимание на прием «Прочти и скажи!». Вот что о нем пишет известный методист М. Уэст:

«Из всех приемов изучения языка прием «Прочти и скажи!» является, по нашему мнению, самым ценным. С помощью одного только этого приема можно выучить язык, нося в кармане книгу. Для этого читайте из нее небольшие отрывки текста, затем, оторвав взгляд от книги, повторяйте их вслух, как-будто обращаясь к кому-либо. Постепенно вы сможете запоминать все бо́льшие и бо́льшие отрывки: сначала строку, затем две или три, и вы говорите их как бы сами, а не воспроизводите из книги... По мере продвижения вперед вы все чаще и уже намеренно будете перефразировать прочитанное, пока в конечном итоге не начнете заимствовать из книги только идеи (мысли, сюжеты — *С. С.*) и передавать их своим собственным языком»*.

---

* *М. Уэст. Обучение английскому языку в трудных условиях, перевод с английского, «Просвещение», Москва, 1966, стр. 26.*

viéticos, segundo secretario del Partido Comunista (bolchevique) de Ucrania, quien fue víctima del culto a la personalidad de Stalin.

En el Museo de Bellas Artes A. S. Pushkin de la capital soviética se celebró la exposición "Marc Chagall. Con motivo del 100 Aniversario. Pintura y gráfica en colecciones francesas, soviéticas y particulares". "Soviétish Héimland" ofrece una sinopsis de los artículos al respecto aparecidos en los diarios "Pravda", "Izvestia", "Soviétskaia kultura", en los semanarios "Tiempos nuevos" y "Literatúrnaia gazeta".

El 100 Aniversario de Shimon Dimanshtéin (1888-1937), destacada figura del movimiento revolucionario en Rusia, miembro del partido bolchevique desde 1904 que cayó víctima de las represiones stalinistas, motivó la publicación de su artículo "Lenin y la labor comunista en los sectores judíos".

Aparecen la continuación de la obra del renombrado lingüista Bentsión Rubshtéin sobre la historia del idioma yíddish, así como las tradicionales secciones "Materiales para el lexicón de la literatura judía soviética", "Crónica de la vida literaria y cultural" y "Manual autodidáctico del idioma jíddish".

★

Suplemento al número:
Oleg Guerásimov. "Países y continentes"
(apuntes de viaje)

EL RESUMEN

"Soviétish Héimland" ("La Patria Soviética")
N° 2, febrero, 1988

La vida del pueblo soviético se estructura ahora sobre el eje de la *perestroika;* palabra que en todos los confines del planeta se entiende sin necesidad de traducirla. La sociedad soviética busca con tesón soluciones a los problemas que maduraron hace tiempo y tantea respuestas a las preguntas que la vida le plantea. Ejemplo palpable de los procesos de *glásnost* (transparencia informativa) y democratización, que se desarrollan en la Unión Soviética, es el creciente papel de la prensa que cada vez menos esquiva temas "prohibidos" descubriendo defectos y fallas.

"*Perestroika* y nuevo pensamiento para nuestro país y para todo el mundo", libro de Mijaíl Gorbachov, despertó enorme interés en el mundo. El número de febrero de "Soviétish Héimland" se abre analizando tesis fundamentales de esta obra. Es una entrevista *sui generis* que reproducimos del semanario "Novedades de Moscú" (aparece en ruso, español, inglés, francés y árabe).

Prosa original y en traducciones al yíddish ocupa gran espacio en la revista. El lector encontrará los siguientes textos: "Acostúmbrate a...", nueva noveleta de Tevie Guen (Moscú), "Reparación urgente", relato de Elena Makárova (Moscú), "Sibelius" y "Princesa", cuentos de Yuri Gríbov (Moscú). Continuamos publicando la novela de Hershl Poliánker (Kíev) "Erase una vez un *shtelt*" (véanse los N°s 4, 5, 6, 8, 10 de 1987 y 1 de 1988), así como las memorias de Note Lurie tituladas "Días y noches" (véanse los N°s 1 y 8 de 1986, 1 y 10 de 1987). Publicamos asimismo un texto de prosa lírica inspirado en el salomónico "Cantar de los cantares", que su autor Vladímir Tíjvinski (Moscú) tituló "No despertéis al amor". Lo prologa "Una variación del tema eterno", ensayo del moscovita Lev Berinski.

De poesía ofrecemos los nuevos ciclos de Arón Verguelis y Borís Moguilner (ambos de Moscú) y, respondiendo a los lectores, una selección del popular poeta, autor de numeresas canciones Mark Varshavski (1848-1907), precedido del ensayo "Historia de las canciones de Varshavski", de Sholom Aléichem (1859-1916). Jurista de profesión, M. Varshavski no se propinía a publicar sus líricos escritos en "jerga popular" como en aquel entonces solían denominar el jíddish. Al conocer al clásico de la literatura judía Sholom Aléichem quien le prestó apoyo moral, el poeta popular adoptó una actitud más seria respecto de su propia obra. Entonces se sucedieron ediciones de canciones de Varshavski con su música; canciones que llegaron a ser populares en el sentido lato de la palabra y se entonan dondequiera que suene el el habla yíddish.

"Como Méndel dirá..." es el título del ensayo de Alexandr Gertsberg(Moscú) que trata de M. Jataévich, destacada personalidad del Estado y partido so-

a more serious view of his work. M. Varshavsky's songs were published one after another to become genuine folk songs sung everywhere Yiddish is spoken.

The essay "As Mendel Says..." by Alexander Gertsberg (Moscow) deals with M. Khatayevich, a prominent Party and state figure, second secretary of the Communist Party (Bolsheviks) in the Ukraine, a victim of Stalin's personality cult.

On the occasion of the exhibition of Marc Chagal's paintings from French and Soviet museums and private collections, arranged by the A. S. Pushkin Museum of Fine Arts to commemorate his birthday centenary, "Sovietish Heimland" carries a selection of materials published in the newspapers "Pravda", "Izvestya", "Sovietskaya Kultura" and weeklies "New Times" and "Literaturnaya Gazeta".

In commemoration of the birthday centenary of Shimon Dimanshtein, (1888-1937), a prominent revolutionary, member of the Party since 1904, unjustly subjected to repression during Stalin's personality cult, the current issue features his article entitled "Lenin and Communist Work in the Jewish Environment".

Included in the issue is the continuation of the work by the linguist Bentsion Rubshtein on the history of Yiddish, as well as the traditional sections "Materials for a Lexicon of Jewish Soviet Literature", "Chronicle of the Literary and Cultural Life", "Teach Yourself Yiddish".

★

Supplement to the issue:
"Over Countries and Continents"
(Travel Notes) by Oleg Gerasimov

RÉSUMÉ

'Sovietish Heimland" ("Soviet Homeland")
No 2, February, 1988

The life of the Soviet people is evolving now under the sign of perestroyka (restructuring). This word understandable without translation, has become known in all the corners of the world. Our society is persistently searching for solutions of acute problems to find answers to questions posed by life itself. A most notable example of glasnost (openness) and democratization in the Soviet Union is the enhanced role of the press which exposes shortcomings and errors, never seeking to avoid "forbidden" topics.

The book "Perestroyka and New Thinking for our Country and the Whole World" by Mikhail Gorbachev, Secretary General of the Central Committee of the Communist Party of the Soviet Union, has aroused paramount interest in all the world. "Sovietish Heimland" February issue opens with material covering the main principles of the book. This singular interview with the leader of our Party, entitled "How our Society is Being Renovated" first appeared in the weekly "Moscow News" published in Russian, English, French, Spanish and Arabic.

The current issue presents a wide choice of prose, both in the original and in translation, such as "Get Used to...", a new story by Tevye Gen (Moscow), "Urgent Repairs", a story by Yelena Makarova (Moscow), "Sibelius" and "The Duchess", novellas by Yuri Gribov (Moscow). The issue carries the continuation of the novel "There was a Shtetl Once" by Hershl Polyanker of Kiev (Its previous parts were published in Nos 4, 5, 6, 8, 10, 1987 and in No 1, 1988), the continuation of the biographical notes "Days and Nights" by Note Lurie (the beginning appeared in Nos 1 and 8, 1986 and in Nos 1 and 10, 1987) as well as the lyrical story "Do not Wake your Beloved" based on the biblical "Song of Songs", by Vladimir Tikhvinsky (Moscow), and the essay "Another Variation of an Eternal Theme" by Lev Berinsky (Moscow) which constitutes a preface, as it were, to Tikhvinsky's work.

The poetry section includes new poems by Aron Vergelis (Moscow) and Boris Mogilner (Moscow) as well as a selection, at the readers' request, of poems by the popular Jewish poet-song-writer Mark Varshavsky (1848-1907), preceded by Sholom Aleichem's (1859-1916) essay entitled "The History of Varshavsky's Songs". Lawyer by education and profession, Mark Varshavsky never thought of publishing his songs for which he himself composed the music and lyrics in "jargon" as Yiddish was then branded. Acquaintance with the classic of Jewish literature Sholom Aleichem and his moral support induced the national bard to take

ствует очерк Шолом-Алейхема (1859—1916) «История песен Варшавского». Юрист по образованию и профессии, М. Варшавский даже не помышлял о публикации своих песен, для которых он сам сочинял музыку и слова на «простонародном жаргоне», как тогда именовали идиш. Знакомство с классиком еврейской литературы Шолом-Алейхемом и его моральная поддержка побудили народного поэта серьезнее относиться к своему творчеству. Одно за другим последовали издания песен М. Варшавского. Эти песни стали подлинно народными и до сих пор поются повсюду, где звучит еврейская речь.

Очерк Александра Герцберга (Москва) «Как Мендель скажет...» рассказывает о судьбе видного партийного и государственного деятеля, второго секретаря Коммунистической партии (большевиков) Украины М. Хатаевича, одной из жертв культа личности Сталина.

В Москве, в музее изобразительных искусств им. А. С. Пушкина прошла выставка «Марк Шагал. К столетию со дня рождения. Живопись и графика из французских и советских музеев и из частных коллекций». В связи с этим «Советиш геймланд» публикует подборку материалов, появившихся на страницах советской прессы — в газетах «Правда», «Известия», «Советская культура», в еженедельниках «Новое время» и «Литературная газета».

К столетию со дня рождения видного деятеля революционного движения в России, члена партии с 1904 года Шимона Диманштейна (1888—1937), незаконно репрессированного в период культа личности Сталина, приурочена публикация его статьи «Ленин и коммунистическая работа в еврейской среде».

Продолжается публикация работы лингвиста Бенциона Рубштейна, посвященная истории языка идиш, а также традиционных рубрик «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «Хроника литературной и культурной жизни», «Самоучитель языка идиш».

★

Приложение к номеру:
Олег Герасимов «По странам и континентам»

(путевые очерки)

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 2, февраль, 1988

Вся жизнь советского народа проходит сейчас под знаком перестройки. Это слово стало известно во всех уголках нашей планеты, стало понятным без перевода. Наше общество упорно ищет решения давно наболевших проблем, ищет и не находит ответы на вопросы, поставленные самой жизнью. Одним из наиболее показательных примеров развития процессов гласности и демократизации в Советском Союзе является возросшая роль печати, не стремящейся избегать «запретных» тем, вскрывающей недостатки и ошибки.

Огромный интерес во всем мире вызвала книга Генерального Секретаря ЦК КПСС Михаила Сергеевича Горбачева «Перестройка и новое мышление для нашей страны и для всего мира». Февральский номер журнала «Советиш геймланд» открывается материалом, освещающим основные положения этой книги. Это своеобразное интервью с руководителем нашей партии, озаглавленное «Как обновляется общество», было впервые опубликовано в еженедельнике «Московские новости», издающемся на русском, английском, французском, испанском и арабском языках.

Широко представлена в номере художественная проза, как оригинальная, так и переводная. В этом разделе читатели найдут новую повесть Тевье Гена (Москва) «Привыкай к...», рассказ Елены Макаровой (Москва) «Срочный ремонт», новеллы Юрия Грибова (Москва) «Сибелиус» и «Княгиня». Печатается продолжение романа Гершла Полянкера (Киев) «Было когда-то местечко» (см. предыдущие части этого произведения в №№ 4, 5, 6, 8, 10 за 1987 г. и в № 1 за текущий год), а также продолжение автобиографических заметок Нотэ Лурье «Дни и годы» (начало см. в №№ 1 и 8 за 1986 г. и в №№ 1 и 10 за 1987 г.). Публикуется также лирическое повествование Владимира Тихвинского (Москва) по мотивам библейской «Песни песней», озаглавленное «Не будите возлюбленной». Эссе Льва Беринского (Москва) «Еще одна вариация на вечную тему» служит как бы предисловием к произведению В. Тихвинского.

Поэтическая рубрика включает циклы новых стихов Арона Вергелиса (Москва) и Бориса Могильнера (Москва), а также, по просьбе читателей, подборку произведений популярного в народе еврейского поэта-песенника Марка Варшавского (1848—1907). Подборке предше-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
**Т. Ген, С. Гордон, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер** (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 928-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Чернина
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.11.1987. Подписано к печати 18.01.1988. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 665.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1988

Цена 70 коп.
70821

issn 0134—4315

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

■

В НОМЕРЕ:

Как обновляется общество (М. С. Горбачев в диалоге с читателями «Московских новостей»).

Т. Ген. Привыкай... (рассказ).

Г. Полянкер. Было когда-то местечко (роман, третья часть).

Стихи А. Вергелиса, Б. Могильнера.

Нотэ Лурье. Дни и годы (автобиографические заметки).

Новые переводы. Ю. Грибов. Два рассказа. Е. Макарова. Срочный ремонт. В. Тихвинский. Не будите возлюбленных.

Песни Марка Варшавского.

Памятные литературные даты. С. Диманштейн. Ленин и коммунистическая работа в еврейской среде.

Замечательные биографии. А. Герцберг. «Как Мендель скажет...».

Наши публикации. Б. Рубштейн. Возникновение и развитие еврейского языка.

Читая журналы и газеты.

Материалы для лексикона советской еврейской литературы. Самоучитель еврейского языка. Хроника.

Резюме на русском, английском и испанском языках.

1988

№ 2